STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08704

SILUETN FUN DOREM-AMERIKE

Moises Merkin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סילועטן פון דרום אמעריקע

IMPRESO EN ARGENTINA
Printed in Argentine

☆

Hecho el Depósito de Ley

צום ליכטיקן אָנדענק פון מיין פאַרשטאָר־
בענעם ברודער זלמן מערקין (מאַקס עריק).

דער מחבר

ד״ר משה מערקין

סילועטן
פון
דרום-אמעריקע

באַגעגענישן אויף וואַנדערוועגן און
רייזע איינדרוקן

בוענאָס איירעס 1946

I

יידן אין די פאַרוואָרפענע ווינקעלאך
פון דער וועלט

1

דער גורל פון ישובים און שיקזאַל פון יחידים

צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט לעבן ייִדן קאָנצענטרירט אין קלענערע און גרעסערע קיבוצים, פירן זייער עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן, צופּאַסנדיק זיך צו דער אַרומיקער סביבה און באַמיענדיק זיך אויפצוהאַלטן, קאָנסערווירן די אייגנאַרטיקייט פון אונדזער פאָלקס־שטייגער, מנהגים, רעליגיעזע טראַדיציעס און נאַציאָנאַלע שטרעבונגען. אין דעם אָפּט פאַרצווייפלטן קאַמף פונעם ייִדישן נאַציאָנאַלן גייסט קעגן די אַסימילירנדיקע און ניוועלירנדיקע כוחות פון דער אַרומיקער ניט־ייִדישער וועלט, וועלכע דראָען צו פאַרכאַפּן אין זייער שטראָם דעם נייעם דור, אונדזער יוגנט, שטייען די קאָנצענטרירטע ייִדישע מאַסן אין די קלייגע און גרויסע ישובים נישט אַליין. זיי האָבן הינטער זיך נישט נאָר דעם קאָנסאָלידירטן כוח פון אַ ציבור, די אינערלעכע פּאָטענציעלע און אָפענע קראַפט פון אַ געזעלשאַפטלעכקייט, נאָר אויך די גרויסע אונטערשטיצונג, מאָראַלישע און מאַטעריעלע, מצד דעם גאַנצן פאָלק. יעדער נסיון, יעדער אומגליק, וואָס טרעפט אַן אָרגאַניזירטן ייִדישן קאָלעקטיוו, געפינט באַלד אַן אָפּקלאַנג אין דער ייִדישער עפנטלעכקייט, אַ תיכפדיקע רעאַקציע מצד דעם אומדעפינירבאַרן גרויסן כוח, וואָס הייסט ייִדישע סאָלידאַריטעט, פאַרבונדנקייט מיטן ייִדישן פאָלקס־גורל, נאַציאָנאַלע אחדות, היסטאָרישע אחריות לגבי דער גאַנצער ייִדישער נאַציע. אונדזערע ישובים אין דער גאַנצער וועלט זיינען נישט איינזאַם אין זייערע שמחות און נאָך ווייניקער אין זייערע אומגליקן. דאָס וואונדערבאַרע געפיל פון נישט פאַרלאָזנקייט, פון נאַציאָנאַלער צוזאַמענגעבונדנקייט גיט־צו מוט, שטאַרקט דעם כוח פון ווידערשטאַנד קעגן שונאים און אַלע בייזע ווינטן, וואָס בלאָזן בסדר קעגן אונדזער פאָלק...

דאָס איז אָבער גוט און שיין, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ ישוב, אַ קאָלעקטיוו, אַ קאָנצענטרירטע און אָרגאַניזירטע מאַסע. וואָס זאָל אָבער טון אַ יחיד, אַן איינצלנער מענטש, וועמען דער גורל האָט פאַרוואָרפן צווישן ווילד־פרעמדע מענטשן פון אַן אַנדער ראַסע, פון אַן אַנדער הויט־פאַרב, פון אַן אַנדער לעבנס־שטייגער און אַנדער מענטאַליטעט? ווי אַ שטרויעלע וואָס שווימט אויפן אויבערפלאַך פונעם אָקעאַן, אין ריכטונג און וואו די כוואַליעס טראָגן זי, ווערט אַזאַ ייד געטראָגן מיטן שטראָם פון דעם אַרומיקן לעבן, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ קליינטשיקן טייל, אַן אַטאָם פון אַ מוראַדיק גרויסער מאַסע, פאַרלירט מיט דער צייט זיינע כאַראַקטעריסטיש־אינדיווידועלע שטריכן, אינערלעכע און אַפילו אויסערלעכע; ווערט נישט אַסימילירט, נאָר פשוט אויפגעלייזט, צוזאַמענגעגאָסן און ניוועלירט אין דער אַרומיקער סביבה, ווי אַ טראָפּן קוועקזילבער אין אַ ים, וואו מען קאָן אים אין דער מאַסע פון גרין־בלויען וואַסער נישט אונטערשיידן. עס מוז קומען אַ צופאַל, אַן אויסערגעוויינלעכער קלאַפּ, אַ קאַטאַסטראָפאַלע געשעעניש, אַז דערדאָזיקער מענטשלעכער אַטאָם זאָל זיך פּלוצלינג אַרויסרייסן, אויסקריסטאַליזירן פון דער מאַסע און זיך ווייזן אינעם גלאַנץ פון זיין אינדיווידועלער מענטשלעכקייט. דעמאָלט דערשפּירט ער פּלוצלינג זיין אָנגעהעריקייט צו אַ גרויסער נאַציאָנאַלער משפּחה, זיין פאַרבונדנקייט מיטן גורל פון זיין פאָלק; שווימען אַרויס פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט זכרונות פון דער יוגנט, אָפּט ריין־אַטאַוויסטישע, בירושה באַקומענע איינגעשאַפּטן. דער מענטש פּרוּווט כאָטש אויף אַ רגע צו פאַרגעסן דאָס רעאַלע לעבן און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ טרוימער און ראָמאַנטיקער, בויט זיך אַ ציטערדיקן לופט־שלאָס פון חלומות און זכרונות און פילט זיך ווידער אַ ייד, אַ טייל פון זיין פאָלק, פון דער גרויסער מאַסע, וואָס קעמפט ווייט פון אים, לעבט און שטאַרבט פאַר אירע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעאַלן...

אַזעלכע איינצלנע יידן טרעפט מען אין די ווייטסטע, ווילדסטע מקומות, אין ערטער, וואו איר וועט בשום אופן נישט צולאָזן אַפילו דעם געדאַנק, אַז מען קאָן דאָרט באַגעגענען אַ יידישן מענטשן. נישט ישובים, נאָר יחידים, אָפּגעריסענע, ווי בוים־בלעטער אין האַרבסט, מענטשלעכע עקזיסטענצן, פאַרוואָגלטע אין זייער איינזאַמקייט, פאַרוואָרפענע אין די וויסטעניש פון די קאָנטינענטן; שטומע מענטשן־יידן, וועלכע לעבן נאָך אַ יידיש וואָרט, בענקען נאָך אַ יידישער צורה, וויינען, ווען זיי באַקומען אַמאָל אַ יידיש בלאַט און האָבן אין דער טיפעניש פונעם האַרצן אַ בענקעניש נאָך דער אַלטער היים, טראָגן אין דער נשמה אַ טיפע חולאת —

„היימווי", א קרענק, וואָס מען קאָן זי מיט קיינע רפואות נישט אויס־היילן.

אין מיינע וואנדער־יאָרן, אויף מיינע ציגיינער־וועגן, האָב איך זיי געטראָפן און איבער זיי, די פאַרוואָגלטע, די איינזאַמע, די בענקענדיקע ברידער מיינע, וועל איך שרייבן.

2

דער שנאַפּס־שמוגלער פון פּאַנאַמאַ

כמעט אין מיטן וועג צווישן אייראָפּע און דרום־אַמעריקע, צווישן נאָרדאַמעריקאַנישע שטאַטן און די פריערדיקע שפּאַנישע רעפּובליקן פונעם פּאַסיפיק, ליגט די רעפּובליק פּאַנאַמאַ. אַ קליין לענדל מיט אפשר אַ האַלבן מיליאָן איינוואוינער, איז זי געוואָרן דער „קנופּ־פּונקט", די בריק צווישן קאָנטינענטן צוליב דעם באַרימטן פּאַנאַמאַ־קאַנאַל, וואָס פאַרבינדט צוויי מעכטיקע וואַסער־שטראָמען — דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן מיטן פּאַסיפישן. די שיפן, וואָס קומען פון אייראָפּע און די פאַראייניקטע שטאַטן, גייען אַריין אינעם פּאַנאַמער פּאָרט קריסטאָבאַל קאָלאָן, פון וואַנען זיי ווערן אַריינגעפירט אינעם קאַנאַל. קריסטאָבאַל און קאָלאָן זיינען אָפּגעטיילט איינע פון דער אַנדערער דורך אַ דיסטאַנץ פון עטלעכע פוואַדרעס: אין קריסטאָבאַל זיינען קאָנצענטרירט די קאָלאָסאַלע סקלאַדן פון די האַנדלס־געזעלשאַפטן און די דעפּאָזיטן פון דער אַמעריקאַנישער קריגס־מאַרינע און אַוויאַציע. אויך די „אַרמאַדאַ" און אַנדערע וויכטיקע אָפיציעלע פּאָרט־אַמטן. אין קאָלאָן ליגט די שטאָט גופא. דאָרט איז דער צענטער פון דעם שטאָטישן לעבן, די גרויסע געשעפטן, די קאַבאַרעטן און די גאַנצע „פאַרגעניגנס־אינדוסטריע", וואָס איז דער הויפּט־קוואַל פון פּרנסה פאַר דער גאַנצער געגנט. אין קיין פּאָרט אין דער וועלט קאָן מען נישט געפינען אַזאַ גרויסע צאָל שענקלעך, קאַבאַרעטן, ספּעציפישע הייזקעס און סתם אַוואַנטוריסטן און פרייליכע פרויען, ווי אין דעם דאָזיקן קליינעם טראָפּישן נעסט אויף די ברעגן פון די צוויי גרויסע אָקעאַנען. מען האָט דעם איינדרוק, אַז דאָרט איז דעקרעטירט אַן אייביקער קאַרנאַוואַל, וואָס דויערט אַ גאַנץ יאָר. טאָג ווי נאַכט שפּילט די מוזיק, ראַדיאָס און אָרקעסטערס שרייען, זינגען, פייפן, פויקן און פאַרטומלען דעם

קאַפּ, כמעט אין יעדן הויז, רעסטאָראַנען, שענקן, טאַנץ־הייזער וכדומה פאַרווײַלונגס־ערטער פאַר מאַטראָסן, פּאַסאַזשירן און דעם גרויסן מיליטער, וואָס נאָרד־אַמעריקע האַלט אין דער „קאַנאַל־זאָנע". די אָרדענונג אין דער דאָזיקער פאַרשיכורטער זנות־אַטמאָספערע ווערט געהאַלטן דורך היימישע האַלב־שוואַרצע פּאַנאַמער פּאָליציי און פּרעכטיקע שיינע און יונגע אַמעריקאַנער מיליטער־פּאָליציסטן, וואָס טראָגן אויף זייערע אַרבל אַ באַנד מיט דער אויפשריפט „מ. פּ." (מיליטער־פּאָליציי). עס איז אַ האַלב־אַמעריקאַנישע, האַלב־פּאַנאַמישע שטעטל, אַפילו די צייטונגען דערשיינען דאָרט אין צוויי שפּראַכן — ענגליש און שפּאַניש.

פון שטאַנדפּונקט פון מלוכהשער יוריסדיקציע איז קריסטאָבאַל אַמעריקאַניש און קאָלאָן פּאַנאַמעניש, ד. ה. אָפיציעל איז פּאַנאַמאַ אַ פרייער, אומאָפּהענגיקער שטאַט, נאָר די באַלעבאַטים דאָרט זיינען די „יענקיס", באַזונדערס אויף דער טעריטאָריע, וואו עס ציט זיך דער פּאַנאַמע־קאַנאַל. איך ווייס נישט, ווי איז עס איצט מיט דער סואווערעניטעט פון יורידישן שטאַנדפּונקט פון דעם טייל פונעם פּאָרט וואָס הייסט „קריסטאָבאַל". נאָר מיט 12־15 יאָר צוריק, ווען אין נאָרדאַמעריקע האָט געהערשט דער „פּראָהיבישען"־געזעץ און אַלקאָהאָל־משקאות זיינען אָפיציעל געווען אַ יקר־המציאות, איז קריסטאָבאַל געווען „טרוקן" און קאָלאָן „נאַס". עס האָט זיך געשאַפן אַן אינטערעסאַנטע און אייגנאַרטיקע לאַגע, אַז אויף אַ שטח פון אייניקע הונדערט מעטער, וואָס טיילן אָפּ קריסטאָבאַל פון קאָלאָן איז דורכגעפירט אַ גרענעץ צווישן „שיכור'ע" און „ניכטערע" ראַיאָנען: אויף איין גאַס האָט מען געטרונקען אויף וואָס די וועלט שטייט און אויף דער צווייטער איז אַ גלעזעלע „לחיים" געווען פאַרבונדן מיט הארבע שטראָפן. עס האָט זיך געשאַפן אַ גן־עדן פאַר שמוגלער פון שנאַפּס (בוטלעגער, אויף דעם אַמעריקאַנישן לשון). פאַר גענגסטער, פאַר קאָקאַין־הענדלער, פאַר „טמאים" מכל המינים, מיט איין וואָרט — עס איז געווען אַ גאָלדענע צייט פאַר באַשטימטע געשעפטן, פּרנסות און אוואַנטוריסטישע אונטערנעמונגען און פון דעמאָלט אָן שטאַמט טאַקע די „פּראָספּערימטי" פון דער קליינער מדינהלע, וואָס איר גאַנצער עקספּאָרט באַשטייט פון באַנאַנעס און אַביסל קאַקאַאָ און קאָקאָס־אויל. די עשירות פון דער רעפּובליק באַשטייט איצט אין די צענדליקער טויזנטער אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, אָפיצירן, אינזשעניערן און פּילאָטן, וועלכע ליגן אין די קאַזאַרמעס פונעם ראַיאָן און היטן די „זאָנע" פון אַ בייז אויג. זיי טוען נישט איינגטלעך קיין פינגער אין קאַלטער וואַסער און לעבן דאָרט אין עושר און כבוד, ווי גאָט אין פראַנקרייך. זיי שוויצן אין דער מורא־

דיקער חמימה פון דעם טראָפּישן לאַנד, טרינקען וויסקי און אַנדערע משקאות און לעבן אַ גוטן טאָג אינעם קאַרנאַוואַל פון קאַלאָנער קאַבאַרעטן...

הינטער דער שטאָט קאָלאָן ציט זיך אַ וואַלד, אַן אמתער טראָפּישער וואַלד מיט אַלע זיינע אַטריבוטן: ליאַנעס, וואָס פלעכטן זיך אַרום די ביימער און בילדן אַ געדיכטע שיכט, אַ גרינע וואַנט, וועלכע עס איז שווער דורכצוגיין אָן אַ „מאַטשעטאַ" — אַ ספּעציעלן מעסער אויף צו שניידן די צווייגן; מאַלפּעס אויף די שפּיצן פון די ביימער, וואונדערבאַרע פאַרביקע פייגעלעך, וואָס מען קאָן זיי אַנטרעפן נאָר אין די טראָפּישע לענדער, מאָדנע חיות און באַשעפענישן פון עקזאָטישע פאַרבן, טויזנטער שלאַנגען, קליינע און גרויסע קראָקאָדילן אויף די ברעגן פון די וואַסערן. דאָרט אַהין, באַמירלעך נישט אין די טיפענישן פונעם פּאַנאַמער דזשאַנגל, נאָר ביים ברעג פון ציוויליזאַציע און אורוואַלד, האָט מיך דערפירט אַ פריינט, אַן אָפיציר פון דער אַמעריקאַנער מאַרינע. די געגנט איז געווען האַרט ביי דער גרענעץ פון דער קאַנאַל־זאָנע, וואו קיין בן־אדם ווערט נישט צוגעלאָזט אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש. עס איז געווען מוראדיק היים און אונדזער זאַפּאַס „ברענדי" אין דער טערמאָס־פלאַש פון מיין באַגלייטער איז שוין אויסגעגאַנגען. אַ פרישער טרונק וואָלט אונדז דערקוויקט און מחיה געווען.

„דאָ זיצט ערגעץ „אייבערעם", דער אַלקאָהאָל־שמוגלער", זאָגט צו מיר מיין אַמעריקאַנער און פירט אוועק זיין פאַרשטויבטן „פאָרד" ערגעץ און אַ זייט אויף אַ סטעזשקע צווישן ריזיקע ביימער. „ביי אים וועלן מיר אפשר קריגן אַן אייז־געקילטן טרונק וויסקי, כאָטש ער איז שוין זינט יאָרן אַן אנשטענדיקער מענטש. האָט קיין שייכות נישט מיט שנאַפּסהאַנדל, היינט איז ביי דעם געשעפט שוין נישטאָ קיין גרויסע גליקן". נאָך אַ האַלבער שעה אַרומפּאָרענישן אַהין און צוריק האָבן מיר דערזען אַ ווייסע קליינע שטיבל אין קאָלאָניאַלן סטיל מיט אַ וועראַנדע אין אַ טעראַסע אויפן דאַך. מיר זיינען צוגעפאָרן מיט אַ שטאַרקן גערויש, וואָס האָט אויפגעשרעקט מסתמא אַלע חיות פון דעם נאָענטן וואַלד. אויפן שוועל האָט זיך באַוויזן אַ הויכע געשטאַלט, אַ דאַרער ייד מיט אַ ברייטן פּנים, מיט אַן אמתן וואַלד האָר אויפן קאָפּ און אויפן גאַנצן געזיכט מיט גרויע געדיכטע ברעמען. ער האָט אומצופרידן און מיט ברוגזדיקער מינע באַגריסט אויף שפּאַניש מיט אַ טרוקענעם „בוענאָס דיאַס" די ניט געבעטענע געסט און מיט אַ שטומער האַנט־באַוועגונג איינגעלאַדן זיצן אויף דער וועראַנדע. מיין באַגלייטער האָט אים אין אַ האַרטן, געבראָכענעם

שפאניש דערקלערט, אז מיר שטארבן פאר דורשט און כאטש מיר ווייסן, אז ביי אים איז נישטא קיין שענק, נאר באין ברירה בעטן מיר אים אונדז צו פארקויפן א פלעשל „ברענדי" און אביסל אייז מיט לימענע: די משקה וועט ער שוין אליין צוגרייטן.

„סעניאר קאראנעל", האט געענטפערט „אייברעם" מיט א שטילער באסאווער שטימע: „איר קענט מיך שוין א סך יארן און ווייסט דאך אז איך האב זיך שוין זייער לאנג צוריקגעצויגן פונעם געשעפט. איך מאך איצט נישט קיינע געשעפטן בכלל, מיט שנאפס האב איך נישט און וויל נישט האבן קיין מגע ומשא. אבער איר זייט ביידע מיינע געסט און פאר געסט האב איך תמיד עפעס אין שטוב, קיין געלט וועל איך ביי אייך נישט נעמען". דער אפיציר (גארנישט קיין קאראנעל, נאר אן איינפאכער מארינע־לייטענאנט) האט מיר א וואונק געטון מיט די אויגן און האט צופרידן געשמייכלט. פינף מינוט שפעטער איז פאר אונדז געשטאנען א בוטל אמתער „סקאטש", סיפאנען סאדע־וואסער און א טעלער מיט שטיקלעך אייז. אייברעם האט אליין אונדז באדינט, ווי עס זעט אויס האבן די אנדערע באוויאווינער פונעם הויז געמאכט די „סיעסטע" און געשלאפן. מיר האבן געמאכט א כוסה, איך אביסל וויסקי מיט א סך וואסער, דער באלעבאס האט געטרונקען נאר וואסער. עס איז געווען א ווילדע, אומבאשרייבלעכע היץ, א טראפישע פייכטקייט איז געלעגן שווער, ווי בליי, אין דער לופט און עס האט נישט לאנג געדויערט — מיין אמעריקאנער איז נאך דער היפשער פארציע „סקאטש" פעסט איינ־געשלאפן אינעם לאנגן סיעסטא־ליגשטול אויף דער וועראנדע. איך מיט דעם באלעבאס זיינען געבליבן אליין. מיר האט זיך גארנישט געוואלט שלאפן. די באגעגעניש כמעט אין אורוואלד מיט א יידישן מענטשן האט פאריאגט מיין מאטקייט און שלעפעריקייט פון דער טראפישער חמימה. מיר איז געווען אינטערעסאנט צו וויסן, וועלכע גוטע יאר האבן פאר־ווארפן דעם דאזיקן מענטשן אהער, אין דעם ווייטן טראפישן לאנד און וואס איז נאך געבליבן פון זיין יידישקייט.

„איר זייט דאך א ייד, קומט מסתמא פון די רוסישע געגנטן אדער פון פוילן — אזוי האט אנגעהויבן אברהם, נאכדעם ווי מיר האבן זיך אוועקגערוקט אביסל אין שאטן און צוגעדעקט מיט א בלויען שלייער דאס פנים פון מיין חבר צום שוץ פון די מאסקיטאס — און קאנט מיר עפעס דערציילן פונעם לעבן דארט אין מיין אלטער היים אין בעסאראביע. איך בין א סאראקער און בין אוועק פון מיין שטעטל שוין מיט פערציק יאר צוריק. געלעבט א לאנגע צייט אין אנטווערפן, געהאנדלט מיט ווייןן, אימ־

פארטירט קיין בעלגיע אפילו בעסאראבער ווייגען, שפעטער אוועק קיין פראנקרייך, געוואלגערט זיך יארן אין פאריז, נאנסי און מארסעל. דארט אויך געהאנדלט מיט וויין און זינט דער וועלט־מלחמה זיץ איך אין דעם גיהנום דא אין פאנאמא. פאר אייך, טוריסטן, זעט דאס דא אוים אפשר ווי א גן־עדן, נאר איר ווייסט גארנישט, וואס פאר א שרעקלעכן לעבן פירן מיר דא אין דער מוראדיקער היץ, קראנק פון מאלאריע, געלן פיבער און אנדערע היגע קרענק, פון וועלכע איר האט, אפילו קיין באגריף נישט. איך האב אין פאריז חתונה געהאט, גענומען א וואויל מיידל, טאקע אויך א בעסאראבערן, געהאט מיט איר זעקס קינדער. אויסגעוואנדערט אהער און אלע זיי דא, אין דעם דאזיקן פארשאלטענעם לאנד באגראבן. דא, אין וואלד, צווישן ווילדע חיות, מאלפעס און שלאנגען, האב איך זיי, איינעם נאכן אנדערן, געבראכט צו קבורה און ביי תחית המתים, אז משיח וועט אמאל קומען, וועלן זיי נעבעך מוזן אויפשטיין אליין, נישט צווישן יידן, און וואנדערן ווייט, ווייט קיין ארץ ישראל . . . "

איך האב א קוק געגעבן אויף מיין יידל און דערזען אין זיינע פארלאשענע אויגן א פייערל פון א טיפער אמונה. פאר אים איז דער תחית המתים באחרית הימים נישט געווען גאר קיין ספק, און משיחס קומען איז פאר אים א זיכערע זאך. א טיפע בענקעניש האט זיך געשפירט אין זיין שטימע און א געפיל פון רעזיגנאציע האט דורכגעדרונגען זיין נשמה.

„פון וואס זיינען זיי אלע געשטארבן, ווילט איר וויסן, פון געלן פיבער און מאלאריע. איינער ווי איינער, צוערשט מיין דבורה, וואס איז אויסגעגאנגען ממש ווי א ליכט באלד א יאר נאך אונדזער קומען אהער, שפעטער מיינע ביידע מיידלעך און דריי זין. דער לעצטער — באקאביטא — איז דערהרגעט געווארן פון מיינעם א שותף א טשיקאגער גענגסטער, מיט וועלכן איך האב געפירט שמוגל־געשעפטן אין דער צייט פון דעם טרוקענעם געזעץ אין אמעריקע. איצט בין איך אליין אויף דער וועלט, האב געלט, אן אייגן הויז, דינער... אבער פאר וועמען? קיין קינד, קיין פרוי, קיין לעבן, בין נישט קיין ייד, נישט קיין גוי, צו וואס לעב איך אויף דער וועלט?

„פארוואס פארט איר נישט אוועק פון דאנען, אז איר האט געלט אין זייט אליין. פארט דאך ארוים ערגעץ צו יידן, אין א גרעסערן ישוב, וועט איר אפשר געפינען א ציל אין לעבן", האב איך אים געזאגט.

„און זיי, דבורה און מיינע קינדער", האט ער א שאקל געטון מיט קאפ אין דער ריכטונג צום דזשאנגל־וואלד, „ווי קאן איך זיי דא אליין,

צווישן ווילדע חיות פאַרלאָזן? עס זיינען פאַראַן דאָ אַזעלכע חיות — שאַקאַלן און היענעס — וואָס גראָבן אויס טויטע קערפּערס און פרעסן זיי אויף, זאָל איך זיי — מיין ווייב און קינדער — לאָזן אויף הפקר? ניין, איך מוז זיי דאָ היטן, איך האָב זיי דאָך אַליין אַהער, אין דעם גיהנום, אַראָפּגעבראַכט, מיט מיינע הענט זיי אַלעמען געקוילעט. אין בעסאַראַביע אָדער אין פּאַריז, וואָלטן זיי דאָך ביז איצט געלעבט. מיר האָט זיך פאַרוואָלט רייך ווערן... אַמעריקע — גאָלדענע געשעפטן, אַלקאָהאָל־שמוגל, שותפות מיט באַנדיטן און רוצחים. ווער איז אין דעם שולדיק אַז נישט איך אַליין? און זיי לאָזן דאָ אַליין, אַפילו נישט אויף אַ ייִדישן בית־עולם, ניין, דאָס וועל איך קיינמאָל נישט טון! איך זאָג דאָך נאָך זיי קדיש צו די יאָרצייטן, אָן אַ מנין, אָבער ביי גאָט איז דאָס אַלצאיינס! ווילט איר זען מיינע ספרים? אַ סידור און תהילים. איך פאַרשטיי גאָרנישט, אָבער איך זאָג אַלע מאָל אַ פּאָר קאַפּיטלעך פאַר די נשמות פון מיין אומשולדיק ווייב און קינדער, וואָס ליגן דאָ אין וואַלד".

ער האָט גאָרנישט געקוקט מיר אין פּנים אַריין, נאָר זיינע טרוימערישע שוואַרצע אויגן זיינען געווען גערי‌כטעט אַפילו נישט צום וואַלד, נאָר ערגעץ אין דער הויך, ווייט אין הימל אַריין. מיר איז געוואָרן עפּעס אומהיימלעך אין שאָטן פון דער וועראַנדע, כמעט אין דעם דזשאָנגל, אויפן ראַנד פון דער וועלט, מיט אָט דעם ייִדישן בראָנפן־שמוגלער, וועמען די מאַלאַריע האָט שוין אויסגעזויגט זיינע כוחות און איבערגעלאָזט נאָר אַ בענקענדיק האַרץ און אַ ליבע צו זיינע טויטע ווייב און קינדער. ווי אַ פייגעלע אין שטייגל, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, שלאָגט זיך די איינזאַמע, פאַרוואָגלטע נשמה פון דעם בעסאַראַבער ייִדישן נע־ונדניק, פאַר וועמען פון זיין גאַנצער ייִדישקייט איז געבליבן נאָר דער תהילים און זיין סידור. די טראַגישקייט פון זיין גורל האָט אַזוי אייגנאַרטיק קאָנטראַסטירט מיט דער וואונדערבאַרער טראָפּישער נאַטור פון דער געגענט, מיטן בלויען רייִנעם הימל און די ריחות־ניחוח פון דעם נאָענטן וואַלד.

איך האָב אויפגעוועקט מיין שלאָפנדיקן האַלב־שיכורן אַמעריקאַנער, דעם גליקלעכן זון פון אַ פאָלק, אָן אונדזערע פּראָבלעמען, האָב שטאַרק און לאַנג געדריקט די האַנט פון אונדזער גאַסטפריינטלעכן באַלעבאָס און מיר זיינען אוועקגעפאָרן צוריק צום קאַרנאַוואַל פון פּאַנאַמער פּאָרט־לעבן. יאָרן זיינען פאַרגאַנגען, נאָר קיינמאָל וועל איך נישט פאַרגעסן דעם „שנאַפּס־שמוגלער" פון פּאַנאַמער וואַלד מיט זיין קליינער קאָלאָניאַלער שטיבל און זיין פאַמיליע, באַגראָבן אין דעם דזשאַנגל פון דעם טראָפּישן לאַנד . . .

3

דער כלי־זמר פֿון בוענאַווענטוראַ

ווילט איר האָבן אַ באַגריף פֿון היץ, פֿילן דעם אמתן טעם פֿון אַ מוראַדיקער חמימה, וואָס ברענט אויס נישט נאָר דעם גוף, נאָר אַפֿילו די נשמה, וואָס מאַכט אייך ווילנלאָז, טעמפּ און פֿויל, ווי אַ כּינעזישן פּעטן באָנזאָ, זאָלט איר זומער־צייט אַריבערפֿאָרן קיין קאָלאָמביע און באַזוכן איר הויפּט־פּאָרט בוענאַווענטוראַ. עס קלינגט זייער שיין דאָס וואָרט „הויפּט־פּאָרט" און דער לייענער קאָן מיינען מי יודע וואָס פֿאַר אַ כּרך גדול איז דער דאָזיקער הויפּט־האַפֿן פֿון דער מדינה קאָלאָמביע. קאָלאָמביע איז טאַקע אַ רייכע רעפּובליק מיט אַכט מיליאָן איינוואוינער, מיט געוואַלטיקע אוצרות פֿון כּל המינים מינעראַלן, גאָלד, פּלאַטין, אייזן, נאַפֿט, מיט ריזיקע קאַווע־פּלאַנטאַציעס און אַנדערע טראָפּישע פּראָדוקטן. נאָר איר הויפּט־פּאָרט איז אַ קליין, שמוציק נעגער־דאָרף, וואו עס לעבן געציילטע „ווייסע" — באַאַמטע פֿון דער פּאָרט־פֿאַרוואַלטונג און אָנגעשטעלטע פֿון אַמעריקאַנער און ענגלישע מינען־ און האַנדלס־געזעלשאַפֿטן. די איבעריקע באַפֿעלקערונג באַשטייט פֿון אָרימע פּעאָנען — האַלב און גאַנץ שוואַרצע קאָלאָמביאַנער, אייניקע נאָך פֿאַרבליבענע אינדיאַנער און מעסטיסן. ביים פּאָרט שטייט אַ וואונדער־שיינער האָטעל מיט אַלע מאָדערנסטע באַקוועמלעכקייטן, אַפֿילו מיט אַ שווים־באַסיין, פֿאַר צופֿעליקע טוריסטן, וועלכע זיינען צוליב געשעפֿטן געצוואונגען צו פֿאַרברענגען אַ טאָג צי צוויי אין דעם דאָזיקן שמוציקן נעסט. אַהין האָט מיך מיין גורל געבראַכט אין מיטן העלן זומער, אין אַ טאָג, ווען דעם גיהנום, וואו מען בראָט די רשעים, האָט אשמדאַי אַריבערגעפּעקלט קיין בוענאַווענטוראַ, כּדי די זינדיקע זאָלן די היץ פֿילן אין פֿולער מאָס.

אויב אַלזאָ די היץ אין בוענאַווענטוראַ האָט דעם טאָג געשלאָגן אַלע רעקאָרדן און מען האָט נישט געוואוסט, וואו זאָל מען זיך אַהינטון און

באַהאַלטן, איז צו די אַלע צרות צוגעקומען נאָך אַ מכה אשר לא כתובה בתורה — די מאָסקיטן. ווי עס זעט אויס, איז צו מיין מזל אין בוענאַווענטוראַ דעם טאָג פאָרגעקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון מאָסקיטן, אין וועלכן עס זיינען פאַרטראָטן געווען מאָסקיטן פון אַלע לענדער, ראַסן און קאָלירן. אַזאַ פאַרבן־סימפאָניע ביי מאָסקיטן האָב איך אַפילו אין ספּעציעלע ענטאָמאָלאָגישע מוזייען נישט געזען. דער פּרעזידענט פון דעם דאָזיקן מאָסקיטן־קאָנגרעס האָט לכבוד מיין אָנקומען קיין קאָלאָמביע באַשלאָסן, ווי עס האָט אויסגעזען, אָפּצוהאַלטן אַ זיצונג אויף מיין פּנים, ווייל תיכף נאָך מיין דערשיינען אויף די גאַסן פון בוענאַווענטוראַ, בין איך אַטאַקירט געוואָרן פון מיליאָנען מאָסקיטן, וועלכע האָבן אַזוי צעביסן מיין געזיכט, אַז איך בין כמעט בלינד געוואָרן. ווי עס זעט אויס, פאַרמאָג איך אַ באַזונדער זיסע בלוט, ווייל די מאָסקיטן האָבן מיך פאַרפאָלגט, וואו איך בין געגאַנגען. אַלס צוגאָב צו די צרות האָבן זיי מיר צעביסן דעם גאַנצן קערפּער אינעם שווים־באַסיין, וואו איך האָב גענומען אַ באָד. דאָס איז געווען דער קבלת־פּנים, וואָס איך האָב באַקומען אין דעם הויפּט־פּאָרט פון דער רעפּובליק קאָלאָמביע.

אין אַ זייער „געהויבענער" שטימונג, קראַצנדיק זיך ווי איוב אָדער ווי אַן אינדישער פאַקיר, שעלטנדיק זיך ווי אַ רוסישער בעל־עגלה און לויפנדיק וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט פון די חיילות פליגן און מאָסקיטן, וואָס האָבן מיך פאַרפאָלגט, בין איך ענדלעך צוגעלאָפן צו אַ „קאַפע", וואָס איז אייגנטלעך געווען אַ פּשוטער גאַלפּאָן אָן אַ דאַך, נאָר מיט אַ דינעם פּרוכת, מיט אַ פּאָר צענדליק שטולן און טישלעך און אַ קליינעם פּאָדיום פאַרן אָרקעסטער, ווייל דער דאָזיקער קאַפע האָט פאַרמאָגט אַ קאַפּעליע מוזיקאַנטן און אַ „פּאַרקעט" צום טאַנצן. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס בילד, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיינע אַביסל געשוואָלענע אויגן ביים אַריינגיין אין קאַפע. אַ פּאָר צענדליק נעגערס זיינען געזעסן ביי טישלעך און האָבן געשפּילט — שאַך! מילא, איין אָדער צוויי נעגערס שפּילן שאַך אין אַ גרויסער שטאָט — איז נאָך צו פאַרשטיין, אָבער אַ פולע „קאַפע" אין אַ קליינעם נעגער־דאָרף מיט שאַכמאַטיסטן, דאָס איז שוין געווען אַן איבערראַשונג. די נעגערס האָבן געשפּילט נישט שלעכט ווערליק בוענאַווענטוראַ. באַלד בין איך פון קיבעצן און צוקוקן זיך צו זייער שפּיל אַריבער צו אַקטיווער אַרבעט, זיך געזעצט שפּילן שאַך מיט זייער „קאַמפּעאָן" — אַ מוראדיק דיקן נעגער מיט גראָבע ליפּן און קודלאַטע האָר און — געוואונען איין פּאַרטיע נאָך דער אַנדערער. דערווייל האָט זיך אַרום אונדזער טיש פאַרזאַמלט אַ

היפּשער שוואַרצער עולם, וועלכער האָט זייער לעבהאַפט באַגלייט אונדזער שפּיל און דעם דיקן נעגערס מפּלות. איך האָב כּסדר געטרונקען אַ מין זיסע משקה מיט אייז, אַ לוקסוס, וואָס טאַקע נאָר אַ רייכער טור־ריסט קאָן זיך עס דערלויבן, ווייל אַזאַ משקה האָט דאָרט גע־קאָסט אַ האַלבן קאָלאָמביאַנער דאָלער. עס האָבן זיך טראָץ דער שרעק־לעכער היץ אָנגעהויבן באַווייזן שוואַרץ־חנעוודיקע מיידלעך מיט פּעך־שוואַרצע בחורים און די יונגוואַרג האָט זיך געקליבן טאַנצן ביי אַ היץ פון עטלעכע פערציק גראַד אין שאָטן. עס האָט זיך באַוויזן אויך די קאַפּעליע כּלי־זמרים.

פיר שטיק זיינען עס געווען — דריי אמתע ראַסיקע נעגערס און איינער אַ ברונעטער, שוין גרויער און געבויגענער מענטש — דער דירי־גענט. איך האָב תּיכף דערקענט אין אים אַ יידן. ער האָט אין זיך אייגנט־לעך גאָרנישט געהאַט טיפּיש יידישעס. זיין געזיכט־פאַרב פאַרברענט פון דער טראָפּישער זון האָט ווייניק קאָנטראַסטירט מיט דעם אַרומיקן עולם פון שוואַרצע און מעסטיסן, זיינע באַוועגונגען געלאַסן, זיין געשטאַלט געבויגן אָבער עלאַסטיש. נאָר זיינע אויגן, אומעטיקע, אומרואיקע, מרה־שחורהדיק שוואַרץ און פאַרלאָשן זיינען געווען יידיש און עפּעס אין זיין געזיכט האָב איך געזען סימנים פון אונדזער ראַסע.

אַ ייד אַ „דיריגענט" פון אַ נעגערישן „אָרקעסטער" אין אַלדע שוואַר־צע יאָר, אין עק וועלט, אין אַ נעגער־דאָרף! וואָס האָט אים פאַרטריבן אַהער איינעם אַליין צווישן האַלב־ווילדע אינדיאַנער און נעגערס אין אַ ווייטער הייסער מדינה?

עס איז נישט געווען זשורנאַליסטישע נייגעריקייט, וואָס האָט מיך באַוואויגן צוצורופן צו מיין טיש דעם דאָזיקן „דיריגענט" מכבּד צו זיין אים מיט אַ גלאָז ביר „מיט אייז" און אויסגעבן פאַר אים אַ היפּשע פּאָר דאָלער. סוף כּל סוף איז ניט קיין נאָווינע צו טרעפן ערגעץ וואו אַ יידישן כּלי־זמר. נאָר דער אָרט, וואו איך האָב אים באַגעגנט, די אויס־זיכטלאָזע סיטואַציע פון דעם מענטשן, וועלכן דער גורל האָט פאַרוואָרפן אין דעם פון גאָט און לייטן פאַרגעסענעם ווינקל, — דאָס האָט געוועקט אין מיר אַ מאָדנעם געפיל פון רחמנות, פון טיפער סימפּאַטיע צו דעם דאָזיקן אַלטן יידישן מענטשן, צו זיין פינצטערן שיקזאַל. איך האָב גע־פילט, אַז איך קען ניט אוועק פון דעם קאַפע, וואו די שוואַרצע שיקסעס מיט זייערע „חתנים" האָבן כּסדר געשטערט אונדזער שמועס. איך מוז זיך דערוויסן, וועלכע אומשטענדן האָבן אַ מענטשן פון אונ־דזער ראַסע און היים געבראַכט אהער, אין דעם גיהנום פון בוענאַ־

וועגטורא. דריי־פיר קאָלטע ביר און אַ דאָלער פאַר זיינע חברים פונעם אָרקעסטער האָבן אויפגעבוגדן די צונג פון מיין ידישן כלי־זמר און האָבן פאַר מיר אַנטפּלעקט אַ טיפן תהום פון מענטשלעכע טראַגעדיעס, וואו נידערטרעכטיקייט און געפאַלנקייט פאָרן זיך צוזאַמען און שאַפן די זייט פון אונדזער לעבן, וואָס גרענעצט מיט פאַרברעכן, אַמאָראַלישקייט און גרענעצלאָזער פאַרדאַרבנקייט . . .

אין אַ קליין שטעטל נעבן לאָדזש געבוירן, שטאַמט ער פון אַ משפּחה פון כלי־זמרים; דער עלטער־זיידע, זיידע און פאָטער האָבן אַלע געירשנט דעם טאַלענט צו שפּילן אויף אַלע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן. אויך ער, מיין בעל־דבר, איז פון קינדוויז אויף געווען אין זיין טאַטנס קאַפּעליע אַ פידל־שפּילער, מען פלעגט אַרומפאָרן אין די אַרומיקע שטעטלעך אויף חתונות און אַנדערע שמחות און זיך ווי ס׳איז מפרנס געווען. שלמה, אַזוי האָט מען גערופן מיין דיריגענט פון בוענאָוועגטוראַ, איז געווען אין דער יוגנט אַ כוואַט, אַ בחור מיט ביינער, אַ שיינער מיט ברענענדיקע שוואַרצע אויגן און אַ פריילעך געמיט, טיפּ „הוליע קבצן״. ער האָט זייער פרי חתונה געהאַט מיט אַ חזנס אַ טאָכטער און געהאַט מיט איר פיר קינדער און „אַז עס איז געשען דאָס אומגליק מיט מיר״, דערציילט ער ביר, איז נאָך איינס שוין געווען אונטערוואַקס, זיין פרוי איז געווען אין זעקסטן חודש.

איינמאָל איז די גאַנצע קאַפּעליע „אַנגאַזשירט״ געוואָרן אין אַ שכנותדיקן שטעטל צו אַ גרויסאַרטיקער חתונה. די מחותנים זיינען גע־ווען פון זייער ווייט געקומען, אַזש פון אַרגענטינע מיטן חתן, די כלה איז געווען פון אַ פּויליש שטעטעלע. אויף דער חתונה האָט מען פיל גע־טרונקען, די כלי־זמר האָבן אויך באַקומען פיל וויין, מען האָט געהוליעט די גאַנצע וואָך. איינער פון די אַרגענטינער מחותנים האָט געוואָרפן אַן אויג אויף שלמהן און פאַרפירט מיט אים אַ שמועס מכוח די גרויסע פאַר־דינסטן און גליקן אין אַרגענטינע, גערעדט פריער פאַרשטעלט, מיט גוזמאות, שפּעטער ביי אַ גוטן „קעלאַשאַק וויין״ שוין אָפענע דיבורים, אַז ער, שלמה, אַ שיינער, געזונטער בחור, קאָן „שאַרן גאָלד״, ווען ער וועט אַריין אין דער קאָמפּאַניע. זיין „אַרבעט״ וועט זיין גאָר „חתונה האָבן״ אַזוי ווי דער חתן פון דער שמחה, וואָס האָט חתונה מיט מיידלעך פינף מאָל אַ יאָר און ווערט שפּעטער, אין אַרגענטינע, פּטור פון זיינע ווייבער. די סומע, וואָס דער „מחותן״ האָט דערביי דערמאָנט, זיינען געווען פאַנטאַסטישע אין די אויגן פונעם אָרימען כלי־זמר שלמה. דער נסיון איז געווען זייער גרויס.

„וואס זאל איך אייך לאנג ברייען, האט צו מיר געזאגט דער „דירי־גענט", אויסטרינקענדיק מיט איין זופּ די גלאז ביר, איך האב פארלאזט מיין ארים ווייב און קינדער, טאטע־מאמע, קרובים און פריינט, און בין אוועק אן א זיי־געזונט אין דער גרויסער וועלט. איך בין ארומגע־פארן, וואו די וועלט האט אן עק, געארבעט אין טשעכאסלאוואקיע, רו־מעניע, גאליציע, רוסלאנד, ליטע, גאנץ אייראפּע: „חתונה געהאט" מיט צענדליקער כלות, וועלכע איך האב שפּעטער אין מיין לעבען אין די אויגן נישט געזען. געווען אפשר צען מאל אין בוענאס איירעס און דארט אויך צוויי מאל חתונה געהאט, און די „כלות" אוועקגעפירט קיין עגיפּטן. איך האב אזוי אפּגעארבעט א צען יאר ביז איך האב זיך זעלבסטשטענדיק געמאכט און געעפענט אן אייגן געשעפט אין דייטשלאנד; שפּעטער אין פראנקרייך און אונגארן. אזוי לאנג ביז מען האט מיך אויסגעוויזן און דעפּארטירט פון אלע לענדער פון אייראפּע, טערקיי און עגיפּטן, אויך פון אלע ענגלישע קאלאניעס. איך האב באשלאסן אויסצוואוואנדערן קיין זיד־אמעריקע, דארט האט מען אין יענע יארן געקאנט פראנק און פריי ארבעטן. א פּאס האט מען דעמאלט אויך נישט געדארפט".

מיך האט אנגעכאפּט אן אייגנארטיקער געפיל. צום ערשטן מאל אין מיין לעבן בין איך געזעסן פּנים אל פּנים מיט א מענטשן פון דער גרופּע, וועלכע ווערן ביי אונדז יידן אזוי פאראכטעט און געשטעמפּלט מיטן שווי־דערלעכן נאמען „טמאים". צום ערשטן מאל איז מיר אויסגעקומען צו אויסהערן א מין אפענעם ווידוי פון א פארלוירענעם און אין די טיפע אפּגרונטן געזונקענעם מענטשלעכן ווערן. ער האט גערעדט רואיק, גע־לאסן און ווי עס זעט אויס גארנישט געשפּירט די טיפקייט פון זיין פאלן, דעם גערוך פון דער שטינקנדיקער בלאטע, אין וועלכער ער האט פאר־בראכט זיין לעבן. נאר א פונק פון רחמנות צו זיין פארלוירענער פרוי מיט די קינדער, זיין ריינער באגלייטערן פון זיינע יונגע יארן, האט נאך געגלאנצט אינעם שווארצן נעפּל פון זיין דערציילונג.

זיין „געשעפט", האט ער ווייטער דערציילט, האט ער געעפענט אין פאנאמא־סיטי, איז אבער געווען אויך באטייליקט אין א „געשעפט" אין קאלאו. די געשעפטן זיינען געגאנגען זייער גוט, ער האט שוין געטראכט אין לויף פון דער צייט צו ליקווידירן די „ביזנעס" און אריבערפארן קיין בראזיל אדער ארגענטינע אויף אנהויבן אן אנדער לעבן. נאר עס איז געשען א גרויסער אומגליק, וואס האט חרוב געמאכט זיין גאנצע „עקזיס־טענץ" און אים דערפירט ביז בוענאווענטורא.

אין זיין קאלאנער „סוקורסאל" איז איינמאל ביינאכט באראבעט און

דערמאָרדעט געוואָרן אַ רייכער ענגלישער לאָרד, אַ פּאַסאַזשיר פון אַ שיף, וואָס איז געשטאַנען אין פּאָרט. דער מערדער איז געווען דער „פּאָרטעראָ" פונעם „הייזל", וועלכער האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט די „מיידלעך". וואָלט דער קרבן נישט געווען אַ רייכע און וויכטיקע פּערזאָן, וואָלט די געשיכטע אַריבער גלאַט, עס וואָלט נאָך געקאָסט אַ פּאָר „טאָלער" ביי פּאָליציי, אָבער ביי אַ דערמאָרדעטן לאָרד האָט מען די געשיכטע נישט געקאָנט בשום אופן פאַרטושן. דער סוף איז געווען אַ גרויסער פּראָצעס. דער מערדער האָט פאַרוויקלט אינעם עסק זיין באַלעבאָס און שלמה האָט באַקומען „נאָר" פינף יאָר שווערע תפיסה. דער מערדער האָט זיך אַליין געהאַנגען אין טורמע.

„האָט איר אַ באַגריף, האָט שלמה אויפגעהויבן צו מיר די אויגן און אַ שרעק האָט זיך פלוצלינג אין זיי אָפּגעשפּיגלט, וואָס איז אַזוינס די תפיסה פון מערדער אין פּאַנאַמאַ? דאָס קאָנט איר זיך אפילו אין אייער פאַנטאַזיע נישט פאָרשטעלן. דריי יאָר האָב איך פאַרבראַכט אין קייטן, צוגעשמידט צו אַ וואַנט, אין אַ נאַסער גרוב, אין אַ קעלער. דריי יאָר האָט מען מיר געצאַפּט מיין בלוט, צוגענומען ביז אַ לעצטן גראָשן, און דורך פּראָטעקציעס און הילף פון מיינע פריינט פון „פּאַך" האָט מען מיר געשענקט צוויי יאָר און געהייסן אוועקפאָרן פון לאַנד. וואוהין פאָרט מען אָן אַ פּאַס, אָן געלט, אַ קראַנקער און צעבראָכענער מיט אַזאַ „נאָמען"? פאַר די לעצטע 50 דאָלער האָב איך געדונגען אַ שיפל ביי אָן אינדיאַנער און זיך געלאָזט אין וועג אַריין, קיין קאָלאָמביע. פינף וואָכן זיינען מיר געווען אונטערוועגנס, ביז מיר האָבן זיך דערשלאָגן צום ברעג. פינף וואָכן אונטער טראָפּישער זון, רעגנס, שטורעמס אין אָפענעם אָקעאַן! געקומען צום ברעג, האָט מיך דער אינדיאַנער באַרויבט דעם לעצטן סענט און איז אוועק. איך האָב זיך קוים אַ לעבעדיקער דערשלעפּט ביז אַ דאָרף אין וואַלד. ערשט האָט מען מיך אַרעסטירט, געשלאָגן, געפּייניקט ביז איך האָב געגעבן מיין הסכמה חתונה צו האָבן מיט דעם דאָרף־קאָמיסאַרס געליבטער, וועלכע איז געלעגן אין קימפּעט. זי איז אַ נעגערן, איצט אַן אַלטע מכשפה — מיין איצטיקע לעגיטימע ווייב. איך לעב מיט איר און האָב שוין אַכט אָדער צען ממזרים מיט איר, אַלע שוואַרץ ווי קויל; ווייס איך מיט וועמען זי פירט נאָך היינט ליבעס?... איך מאַך אַ לעבן פון מיין אַלטער פּראָפעסיע, איך בין דאָך אַ כלי־זמר און האָב צונויפגעשטעלט מיין קאַפּעליע, אַכט דאָלער אַ וואָך פאַרדין איך.

„און אייער ערשטע פרוי און קינדער, וואָס מאַכן זיי, האָט איר אַמאָל זיך נאָכגעפרעגט נאָך זיי אין משך פון די יאָרן? איר זייט טאַקע געווען

אַן אויסוואורף, אָבער ווי דערמאָנט זיך נישט אַ ייד אָן זיינע יונגע יאָרן?"

„פרעגט נישט, האָט ער מיר געענטפערט און זיין בליק האָט ווידער באַקומען דעם אויסדרוק פון פחד און טיפן אומעט. פרעגט נישט ביי מיר. איך בין דען אַ ייד? איך האָב דאָך שוין פערציק יאָר נישט גע־דאַוונט, צענדליקער יאָרן אַפילו אין יום־כיפור אין שול נישט געווען. איך שעם זיך, אז מען דערמאָנט מיר דאָס וואָרט ייד. איך שעם זיך פאַר דאָס וואָס איך האָב געטון. איך האָב געהערט פון היטלערן, וואָס ער מאַכט איצט מיט די יידן, דאָס האַרץ טוט מיר ווי, איך וויין אָפט. מיין נעגערקע פאַר־שטייט נישט פאַר וואָס, נאָר צי האָב איך דאָס רעכט צו וויינען איבער יידישע צרות, איך בין דאָך שוין לאַנג קיין ייד נישט, כאָטש געשמדט האָב איך זיך נישט און וועל זיך קיינמאָל נישט שמדן! קיינמאָל נישט!"

ער האָט די לעצטע ווערטער אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ פעסטקייט, אַז איך האָב זיך געמוזט וואונדערן. ער האָט די גאַנצע צייט גערעדט מיט אַ שטילער געלאַסנקייט און דערציילט די שוידערלעכע פּרטים פון זיין לעבן מיט דער אַפּאַטישקייט פון אַ שאינו יודע לשאול. ער האָט אַפילו נישט געשפּירט די גאַנצע צייט זיין אוממאָראַלישקייט, זיין טיפן פאַל. ער האָט שוין דערגרייכט די גרענעץ, וואו עס הויבט זיך אָן די אַמאָראַ־לישקייט, וואו עס פאַרשווינדט בכלל דער באַגריף פון מאָראַל אינעם מוח פון דעם מענטשן. אויפגעבראויזט איז ער נאָך געוואָרן, ווען איך האָב אים דערמאָנט, אַז ער איז געווען אַ ייד. ער וועט זיך קיינמאָל נישט שמדן, ער, דער מאַן פון דער פּראָסטיטואירטער נעגערקע, דער „טמא", ער, דער פאַרלוירענער מענטש!

איך בין אַרויס אויף דער שטויביקער גאַס פון דעם נעגערשן דערפל. עס איז שוין געווען פינצטער. די טראָפּישע נאַכט קומט דאָך אַזוי פּלוצ־לינג, נישטאָ קיין בן־השמשות. איך בין געגאַנגען אין די פינצטערע, ניט־ברוקירטע גאַסן פון בוענאַווענטוראַ און פונעם „קאַפּע" זיינען צו מיר דערגאַנגען די קלאַנגען פון מוזיק און די קוויטשיקע קולות פון די נע־גערשע שיקסעס, וועלכע האָבן זיך געדרייט אין טאַנץ. אומצעליקע שטערן זיינען אַרויס אויפן טראָפּישן הימל, נייע, אומבאַקאַנטע פּלאַנעטן און מזלות האָבן געוואונקען צו מיר פון דער אומענדלעכקייט פון די הימלען. איך האָב געקוקט אויף זיי און געטראַכט איבער דעם מזל און גורל פון דער איינזאַמער זינדיקער יידישער נשמה, וועלכע איך האָב פאַרלאָזט אין דעם זיך־אַמעריקאַנישן נעגער־דערפל. עס איז געווען אומעטיק אויפן האַרצן און אין דער פינצטער האָט מיך פאַרפאָלגט דער שאָטן פון דעם אומגליקלעכן שלמה, וועמען מען האָט אַמאָל אויף אַ יידישער התונה פאַרפירט אויף די וועגן פון פאַרברעכן און שמוץ...

4

יצחק לייבוש פּרצס חסידים אויף אַ נאַצישער פאַרם

ווער עס איז איינמאָל געווען אין טשילע, דער מוז זיך פאַרליבן אין דעם וואונדערבאַרן, שיינעם לאַנד מיט זיין גלייכמעסיקן קלימאַט, פּרעכטיקע לאַנדשאַפטן און זיין גאַסטפריינטלעכן און ריטערלעכן פאָלק. דער ענגער און שמאָלער פּאַס ערד אויף די ברעגן פונעם פּאַציפישן אָקעאַן, וואָס בילדעט די טשילענער רעפּובליק, פאַרמאָגט אָבער אַ גאַנצע רייע פּראָווינצן, וועלכע אונטערשיידן זיך איינע פון דער אַנדערער קלימאַטיש און עקאָנאָמיש אין אַ גאָר שאַרפער, בולטער פאָרם. דער צפון פון דער רעפּובליק, געדיכט ביים אָקעאַן, ווערט דורכגעשניטן דורך די קאָרדיליערן־בערג און איז באַרימט דורך זיינע רייכע מינעראַל־מינעס, באַזונדערס דורך די וועלט־באַקאַנטע סאַליטרע־פעלדער. דער קלימאַט איז דאָרט אַ טראָפּישער — הייס און טרוקן. אַלס גאָר־שאַרפער קאָנטראַסט צום צפון שטעלט מיט זיך פאָר דער פרוכטבאַרער דרום פון טשילע, וועלכער קען באַצייכנט ווערן אַלס די שפּייז־קאַמער פונעם לאַנד. דאָרט געפינען זיך די רייכסטע לאַטיפונדיעס פון דער רעפּובליק, דאָרט געפינט מען לעגענדאַרע מיליאָנערן גוטבאַזיצער, אַלטע פּריצים פונעם אַריסטאָקראַטישן אַדעל, וואָס פירן זייער יחוס נאָך פון פּיסאַראָס צייטן, פון דער תקופה פון די ערשטע קאָנקיסטאַדאָרן פון זיד־אַמעריקע. דאָרט איז אויך קאָנצענטרירט דער רוב פון די דייטשן, וועמעס עלטערזיידעס זיינען נאָך דער דייטשער רעוואָלוציע 1848 אויסגעוואַנדערט קיין טשילע, זיך באַזעצט אין דעם דרום פון לאַנד, זיך דאָרט שטאַרק איינגעפונדעוועט און זיך דעראָבערט די מעכטיקסטע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פּאָזיציעס אין דער רעפּובליק. אַהין צום זיד־טשילענישן ווינקל, האָט מיך פאַרוואָרפן מיין גורל, דאָרט האָב איך צוליב פּריוואַטע ענינים געמוזט פאַרברענגען אַ

פאַר וואָכן און שליסן באַקאַנטשאַפט מיט אַ רייע דייטשע קאָלאָניסטן און גוטבאַזיצער.

אַלס רעזידענץ האָב איך מיר אויסגעקליבן די שטאָט וואַלדיוויאַ. עס איז אַן אמתע דייטשע פּראָווינץ־שטאָט. סיי מיט איר אַרכיטעקטור, סיי מיט דעם עטנישן צוזאַמענשטעל פון איר באַפעלקערונג. וואַלדיוויאַ איז דער צענטער פונעם טשילענישן דייטשטום, די פעסטונג פון גערמאַנישער השפעה, טראַדיציע און קולטור. מען הערט דאָרט מער דייטש, ווי להבדיל אין ווילנע ייִדיש. די אַלטע, וואָס זיינען געבוירן אין טשילע, גענוי ווי זייערע עלטערן און זיידעס, רעדן עד היום אַ זאַפּטיקן „באַיעריש" אָדער „זעקסיש", ווי אין זייערע היימאַטס ערטער און אויך די קינדער לערנען אין זייערע שולן דייטש אַלס הויפּט־און לימוד־שפּראַך. שפּאַניש איז דאָרט כמעט אַ צוגאָב־לשון, וועלכן מען מוז לערנען צוליב דעם רעגירונגס־געזעץ. עס איז אַן עכט־דייטשע נעסט מיט אַלע אירע מעלות און חסרונות.

וואַלדיוויאַ האָט נאָך אַ גרויסן שם אין טשילע: זי איז די רעגנערישסטע שטאָט, נישט נאָר אין דער טשילענער מדינה, נאָר אפילו אויף דעם גאַנצן אַמעריקאַנישן קאָנטינענט. סטאַטיסטיקער זאָגן אפילו, אַז וואַלדיוויאַ איז אין הלכות רעגן די ערשטע אין דער וועלט. היימישע לצים זאָגן, אַז די מעטעאָראָלאָגישע סטאַנציע האָט אין משך פון צען יאָר פעסטגעשטעלט זיבן זוניקע טעג, אַן רעגן און דאָס זיינען געווען די טעג פון „עבור־יאָרן", ווען גאָט אַליין האָט פאַרגעסן צו שיקן קיין וואַלדיוויאַ דעם רעגן. עס איז נאַטירלעך אַביסל אַ גוזמא, נאָר איך אַליין האָב אין משך פון כמעט דריי וואָכן געזען די זון נאָר איין מאָל עטלעכע שעה; די גאַנצע צייט האָט נישט אויפגעהערט צו גיסן. עס איז אַ קלימאַט אויסגעצייכנט פאַר דער אַגריקולטור, נאָר ווייניק פּאַסיק פאַר טוריסטן...

צוליב דעם ירושה־עניָן, וועגן וועלכן איך בין געקומען קיין זיד־טשילע, איז מיר אויסגעקומען צו באַזוכן אייניקע גלחים, ביי וועלכע איך האָב געזוכט אַלטע מעטריקעס נאָך פון פאַריקן יאָרהונדערט, ווען טשילע האָט נאָך נישט פאַרמאָגט קיין ציוויל־רעגיסטער, און געבורטן און טויטפאַלן האָבן רעגיסטרירט ביי קריסטן די גלחים. אין וואַלדיוויאַ האָב איך צו טון געהאַט מיט דייטשע פּאַסטאָרן, וועלכע האָבן מיט מיר צוזאַמען זיך געגריבלט אין אַלטע רשימות און פאַרגעלטע ביכער, כדי אויסצוגעפינען די נויטיקע אינפאָרמאַציע פאַר מיין יורידישן פּראָצעס. עס איז געווען פונקט אַ שיינער זוניקער טאָג, ווען איך בין אַרויסגעפאָרן מיט אַ באַזוך צו אַזאַ פּאַסטאָר, וועלכער האָט געוואוינט אין אַ „ראַנטשאָ" וויי־

לעד פון שטאָט און געפירט מיסיאָנערסקע ארבעט צווישן די אראוקאַנער אינדיאַנער אין די בערג. דעם אַלטן גלח האָב איך אין זיין הײם נישט גע־טראָפן און איך האָב שוין געוואָלט צוריקפאָרן אין שטאָט אַרײן, ווען נישט אַ שלאַגס־רעגן, אײנער פון די טיפּישע וואַלדיווייער מבולן, וועלכע קומען גאָר אומגעריכט, האָט מיך איבעראַשט אין מיטן גאַס און מיך גע־צוואונגען אַרײנצולויפן אין דעם ערשטן, בעסטן הויז אין דער נאָענט. עס איז געווען נאָר אַ מהלך פון אפשר פופציק מעטער, נאָר אַרײנגעלאָפן בין איך אין דער שטוב דורכגענעצט, ווי אַ האָז; קליידער און וועט זײנען אין די פּאָר מינוט לויפן אונטערן רעגן געוואָרן פול מיט וואַסער.

דאָס ערשטע, וואָס איך האָב דערזען, ווען איך האָב מיר אויסגע־ווישט די ברילן פון דער נאַסקייט, איז געווען אַ גרויס בילד פון י. ל. פּרץ אויף דער וואַנט, דירעקט פאַר מײנע אויגן. איך בין געוואָרן אַזוי איבעראַשט, אַז איך האָב אַפילו פאַרגעסן צו באַגריסן די אַלטע פרוי, וואָס איז געזעסן בײם טיש, און זיך צו אַנטשולדיקן פאַר דעם אַרײנדרינ־גען נאַסערהייט אין אַ פרעמדער שטוב. איך בין געווען ממש שפּראַכלאָז: פּרצס בילד אין אַ דײטשער קאָלאָניע בימי היטלער, אין מיטן פון די קאָרדיליערן־בערג, דאָס האָט געקענט טרעפן נאָר אין חלום, אָבער נישט אין דער ווירקלעכקייט. איך האָב נישט געקענט אָפּרײסן מײנע אויגן פון־נעם בילד, אַרום מיר האָט זיך שוין געבילדעט אַ גרויסע קאַלוזשע וואַסער, וואָס האָט אַראָפּגעטריפט פון מײנע קליידער. די פרוי האָט זיך געלאָזן אויפגעהויבן פון איר שטול און האָט מיר דערלאַנגט די האַנט, דאָס האָט מיך צוריקגעבראַכט צו דער ווירקלעכקייט און איך האָב אָנגעהויבן אויף דײטש זיך צו אַנטשולדיקן פאַר מײן באַנעמען. פינף מינוט שפּעטער בין איך שוין געזעסן אין אַ ווייכן זעסל אין אַ היימישן רײנעם כאַלאַט און מײנע נאַסע קליידער האָט מען אַוועקגעטראָגן טרוקענען אין דער קיך. אַ גלעזעלע טשילענער „טשיטשאַ" (נאַציאָנאַלער אַלקאָהאָל משקה) האָט מיך שנעל דערוואַרימט און איך האָב זיך אַרײנגעלאָזן אין אַ שמועס דווקא אויף יידיש מיט דער אַלטער פרוי.

„איר וואונדערט זיך אַנצוטרעפן דאָ אין אַ נאַציִשער דײטשער קאָ־לאָניע אַ יידישע פאַמיליע און פאַרשטייט נישט, וואָס האָט פּרץ ע"ה פאַר אַ שייכות צו דער משפחה אינעם ווייטן טשילע, — אַזוי האָט אָנ־געהויבן די אַלטע, גוטמוטיקע פרוי, נאָכדעם ווי זי האָט באַזאָרגט איר־ע גאַסטפרײנטשאַפט־פליכטן לגבי מיר. — איך האָב געהערט, אַז אין וואַל־דיוויאַ ווײלט איצט עפּעס אַן אַדוואָקאַט פון פּאַריז, נאָר איך האָב נישט געוואוסט, אַז איר זײט אַ ייד, ווײל איר האָט דאָך דאָ עסקים מיט די

מלחים. וואָלט איך דאָס געוואוסט, וואָלט איך שוין לאַנג געשיקט צו אייך מיין זון, וועלכער אַרבעט דאָ אויף דער פאַרם אַלס מעכאַניקער און שאָ־פער. איך באַזאָרג די עופות, מעלק אייניקע קי און שלאָג פּוטער, און ער פירט דעם קאַמיאָן און דעם טראַקטאָר אין פעלד. מיר זיינען שוין דאָ ביי די דייטשן אַרום 15 יאָר און זיינען זייער צופרידן. זיי זיינען איצט אַפילו געוואָרן נאַציס, אָבער אונדז טשעפּען זיי נישט, זייער גוטע, פיינע מענ־טשן אונדזערע באַלעבאַטים."

„אָבער ווי קומט איר אַהער, קיין טשילע און וואָס פאַר אַ שייכות האָט איר צו פּרצן? פאַר וואָס עפּעס פּרצס בילד און נישט שלום־עליכמס אָדער ביאַליקס?".

„מיר זיינען וואַרשעווער, האָט מיר געענטפערט די פרוי, און איר בליק איז געוואָרן נאָך ווייכער און טרוימערישער, און איך האָב געקענט יצחק לייבוש פּרצן פּערזענלעך, נאָך ווען ער איז געווען אַ באַאַמטער אין דער יידישער קהלה אין וואַרשע. אַ טייערער מענטש געווען פּרץ און אַזוי פּשוט, אָן שטאָלץ, כאָטש ער איז דאָך געווען אַ גרויסער שרייבער און געשריבן אין די צייטונגען. אַז איך בין אַלט געוואָרן פופציק יאָר, האָט ער מיר געשענקט זיין פאָטאָגראַפיע. אַ יאָר שפּעטער, שוין אין דער מלחמה־צייט, איז ער, נעבעך, געשטאָרבן. דאָס בילד האָב איך אין וואַל־דיוויאַ ביי אַ פאָטאָגראַף פאַרגרעסערט פון זיין קליינער פאָטאָגראַפיע. אַ שאָד, וואָס איך קען דאָ נישט קריגן עפּעס פון זיינע ביכער. איך האָב אַזוי געוואָלט, אַז מיין שמואליק זאָל קענען זיינע ביכער, שמואליק קען גאַנץ גוט עברי און לייענט יידיש, ווי אַ וואַסער..."

„ווי קומט איר אָבער צו די דייטשן קיין טשילע?" — האָב איך גע־פרעגט שוין נייגעריק צו באַקענען זיך מיט שמואליקן, דעם שאָפער אין אַ טשילענער דייטשער פאַרם, וואָס לייענט יידיש און קען גוט עברי.

„שמואליק איז אַלט געווען דעמאָלט זעקס יאָר, ווען די דייטשן זיי־נען, אין דער מלחמה, אַריין קיין וואַרשע. דעמאָלט האָט ביי אונדז אין הויז געוואוינט אַ דייטשער סערזשאַנט, אונזער איצטיקער באַלעבאָס, וועלכער איז פון טשילע פרייוויליק אַראָפּגעקומען דינען אין דער דייטשער אַרמיי. ער איז זייער אַ פיינער, גוטער מענטש דער דייטש. ער איז נאָר צום אָנשטעל אַ נאַצי, ווייל מען צווינגט זיי אויך אין טשילע פאַרשרייבן זיך אין דער פּאַרטיי פון די נאַציס; ער האָט קרובים אין דייטשלאַנד, אויך אָן עסטאַנסיע אין פּרייסן. ער מוז דעריבער זיין אַ נאַצי, אָבער אין האַרצן האָט ער אַפילו ליב יידן. אין וואַלדיוויאַ זיינען דאָ אַ סך אַזעלכע נאַציס פאַרשטעלטע, וואָס האַנדלען מיט יידן און שטיצן אַפילו אָרימע יידישע

עמיגראַנטן, נאַטירלעך, שטילערהייט. אויך די אַלטע גלחים זיינען סעגן היטלערן. די נאַצי־פּאַרטיי ווייסט, אַז מיר זיינען יידן, אָבער זיי טשעפּען אונדז נישט. שמואליק טראָגט אַפילו אויף זיין זייגער־קייטעלע אַ מגן־דוד. מיר דאַווענען ראש־השנה און יום־כיפּור אין אָזאָרנע (אַ שטאָט אין זיד־טשילע) און מצות קויפן מיר אין סאַנטיאַגאָ"...

די טיר האָט זיך פּלוצלינג געעפנט און אַ הויכער ברייטפּלייציקער מענטש אין אַ נאַסן רעגנמאַנטל האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל. ער איז געבליבן שטיין, ווען ער האָט מיך דערזען אין זיין מאָרגן־כאַלאַט, זיצנדיק ביים טיש. ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט און מיר דערלאַנגט זיין שטאַרקע, פאַרהאַרטעוועטע, ברייטע האַנט. דער בחור האָט פאַרלוירן אין טשילע כמעט אַלע זיינע יידישע כאַראַקטעריסטישע געזיכטס־סימנים. פאַר מיר איז געשטאַנען אין הויכע שטיוול, אין אַ לעדערנער טוזשורקע, אין אַ טשילענער אויסגענייטער העמדל אַ טיפּישער געזונטער טשילענער אַרבעטער. אַפילו זיינע אויגן האָבן שוין נישט געהאַט דעם יידיש־אומעטיקן אויסדרוק, זיי האָבן אָן פּחד און זאָרגן געקוקט אין דער וועלט און אַ מערקווירדיקע גבורה האָט זיך געשפּירט פון דער דאָזיקער מאַסיווער פיגור פונעם וואַרשעווער בחור שמואליק. ער האָט זיך צעלאַכט, אַז ער איז צוגעקומען נענטער און האָט מיך באַטראַכט אינעם געלן כאַלאַט. מסתמא האָב איך געהאַט אַ קאָמישן אויסזען מיט מיינע נאַסע ברילן אין מאָרגן־כאַלאַט. ביים לאַכן האָט ער געוויזן זיינע ווייסע ציינער, גראָד און פעסט ווי ביי אַ שטאַרקער חיה. זיין פיגור האָט שאַרף קאָנטאַרסטירט מיט דער אַביסל צוזאַמענגעבויגענער טיפּיש יידישער פיגור פון זיין מוטער.

איך האָב מיר אָנגעקוקט ביידע יידישע מענטשן — מוטער און זון — פאַרבונדן דורך ליבע און צונויפגעשמידט דורכן גורל אין דער ווייטער טשילענער מדינה. האַרציקע גוטמוטיקייט, ווייכקייט און טיפע מאַמע־ליבע האָט זיך געפילט אין יעדער באַוועגונג פון דער אַלטער פרוי, וועלכע האָט מיט אָפענעם שטאָלץ געקוקט אויף איר פעסטן, געזונטן און אַזוי ווי פון שטאָל אויסגעגאָסענעם שמואליק. אין אים איז געלעגן אַ וואונדערבאַרע זיכערקייט, דער יידישער גלות האָט אים נישט אָנגערירט און ער האָט מיך דערמאָנט אָן דער ארץ־ישראל מוטיקער יוגנט: אַזוי מוזן אויסזען חלוצים אין אַ קבוצה ביינאַכט אויף דער וואַך פאַר אַן אַראַבישן איבערפאַל. אַ נייער טיפּ ייד איז געשטאַנען פאַר מיר. אַ פּראָדוקט פון דעם פרייען טשילענער באָדן, אָבער אַן אייגנאַרטיקער סינטעז צווישן וואַרשע און וואַלדיוויאַ. אָן וואַרשע האָט מיך דערמאָנט פּרץ, וועלכער האָט פון דער וואַנט מיט שטילער ערנסטקייט אַראָפּגעקוקט אויף זיינע הייסע חסידים אינעם

ווייטן טשילע. אַן אומזעבאַרער פּאַדים האָט זיך געצויגן פון פּרצן צו דער דאָזיקער אין ווייטער אַמעריקע פאַרוואַגלטער יידישער פאַמיליע.

דער רעגן האָט אויפגעהערט, מיינע קליידער זיינען שוין געוואָרן טרוקן, עס איז שוין שפּעט געוואָרן. איך האָב געמוזט גיין. איך בין אוועק אין שמואליקס באַגלייטונג, נאָכן אָפּשייד פון דער אַלטער יידישער פרוי, צו זיין דייטשן באַלעבאָס בעטן אַ וואָגן צוריקצופאָרן קיין וואַלדיוויאַ. דער „נאַצי" האָט מיט גרויסער ליבנסווירדיקייט מיר געשטעלט זיין אויטאָ און זיין שאָפער שמואליק צו דיספּאָזיציע. מיר זיינען געפאָרן דורך די נאַסע שאָסייען, וואַסער־טראָפּן האָבן געשפּריצט אונטער די רעדער. דער הימל איז געווען באַדעקט מיט גרויע וואָלקנס. שמואליק האָט געשוויגן, איך האָב נישט געוואָלט צעשטערן מיינע רעיונות איבער דעם אייגנאַרטיקן גורל פון יידישע מענטשן, פאַריאָגטע, צעזייטע און צעשפּרייטע, אין זייער איינזאַמקייט איבער אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט. די גאַנצע צייט איז געשטאַנען פאַר מיינע אויגן די אומעטיקע געשטאַלט פּרצעס אין דער ראַנטשע אויף דער וואַלדיוויער נאַצישער פאַרם. באַלד זיינען מיר געווען אין דער היים און דעם דייטשן פּריצס אויטאָ מיט שמואליקן זיינען פאַר־שוואונדן. אַ קליינער פונקט האָט זיך נאָך לאַנג געזען אויף דעם פאַרעגנטן האָריזאָנט . . .

5

אַ היינט-צייטיקער שיר השירים

עס איז געווען אַ פּאַרווייַנטער רעגן־טאָג, איינער פון די טעג, ווען דער בלויער, טראָפּישער הימל ווערט פּלוצלינג באַדעקט מיט שוואַרצע כמאַרעס, וועלכע ליגן גאָר נידעריק אויפן האָריזאָנט, און פון אויבן גיסט אַ! אויפהער אַ געדיכטער מבול־רעגן, וואָס קלאַפּט מיט אַ מאָנאָטאָנער מעלאָדישקייט אין פענצטער און בלאָזט אין הארצן אַריין אומעטיקע געפילן און יאָגט אָן אַ מאָדנע מרה־שחורהדיקע שטימונג. שוין דריי טעג דויערט אָט די רעגנדיקע אָנשיקעניש און מיר, פּאַסאַזשירן פון ערשטער קלאַס אויף דער שיף, דרייען זיך אַרום, ווי שאָטנס, און ווייסן נישט, וואָס צו טאָן אין אַזעלכע האַלב־חושכדיקע טעג. פון פרימאָרגן ברענט אומעטום די עלעקטרישע ליכט און עס גלויבט זיך גאָרנישט, אַז ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק האָט איבער אונדזערע קעפּ געבראָטן די טראָפּישע זון, דער הימל האָט צו אונדז געלאַכט מיט זיין ריינער בלויקייט און דער פּאַציפי־שער אָקעאַן האָט אַזוי פרידלעך געשפּילט מיט זיינע כוואַליעס אַרום אונ־דזער שיף. איצט האָט דער ים באַקומען אַ טונקל־גרויען קאָליר. דער רעגן האָט זיך צעמישט מיט די געזאַלצענע ים־וואַסערן און צעגאָסן גאַנצע טייכן אויף אַלע דעקן און אַלע ווינקעלעך פון אונדזער „שווימענדיקן האָטעל", ווי די רייזע־פּראָספּעקטן האָבן ליב אָנצורופן די גרויסע שיפן אויף די אָקעאַנען.

די שיף האָט געטראָגן דעם נאָמען פון אַ קאַטוילישער הייליקער. אויף דעם פּאַציפישן אָקעאַן צווישן נאָרד־אַמעריקע און דעם טשילענער פּאָרט וואַלפּאַראַיסאָ קורסירן אַ גאַנצע רייע אַזעלכע פּאַסאַזשיר־שיפן, וועלכע טראָגן אַלע אָן אויסנאַם נעמען פון קאַנאָניזירטע הייליקע בתולות, וואָס האָבן אין זייער לעבן אַרויסגעוויזן גרויסע מופתים, זיך אויסגעצייכנט מיט

זייערע מעשים־טובים און טוגענדן, אָדער אין אַמאָליקע נאָך אַפּיקורסישע צייטן געליטן און געשטאָרבן אַ מאַרטירער־טויט. די שיפס־געזעלשאַפט האַלט מסתמא דעם פּאַטראָנאַט פון די דאָזיקע הייליקע פאַר אַ גרייסער סגולה קעגן ים־קאַטאַסטראָפעס אָדער אַנדערע אומגליקן, ווייל הויך אויבן אויף דעם שפּיץ פון דעם שיפס־מאַסט הענגט דאָס הייליקע בילד און די רעספּעקטיווע מאַרטירערין מוז נעבעך אויך נאָך איר טויט אויסהאַלטן אַלע שטורעמס, רעגנס און אַנדערע פּלאָגן אויף דער ים־רייזע. אַ קאָלומביאַנער גלח האָט מיר בסוד־סודות דערציילט, אַז די אַלע שיפן געהערן פּאַקטיש דעם יעזואיטישן אָרדען און אַז צוליב די הייליקע פּאַטראָנעסעס מאַכן טאַקע די שיפן פון דער דאָזיקער פרום־קאַטוילישער געזעלשאַפט די בעסטע געשעפטן. אין יענע מקומות אַרום די קאָרדיליערן, אין די קליינע רעפּובליקן אויף די ברעגן פונעם פּאַציפיק, איז דער עולם נאָך גאַנץ פרום און איז נאָך ווייניק אָנגעשטעקט פון די אַפּיקורסישע נייע אידייען. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, אַז די שיפן מיט די נעמען פון הייליקע מאַכן בעסערע געשעפטן, ווי אַנדערע שיפס־קאָמפּאַניעס, און עס איז טאַקע בפירוש אַ מצוה צו אונטערשטיצן אַזוינע עמפּרעסעס, וואָס ווילן פאַרדינען, אָבער פאַרגעסן אויך נישט די הייליקע קירכע...

די סאַנטאַ־באַרבאַראַ, וועמעס נאָמען האָט געטראָגן אונדזער שיף, איז באַרימט אַלס באַשיצערן פון כל־המיני שטורעמס. זי איז די הויפּט־הייליקע ביי דער קריגס־אַרטילעריע און איז אַ זיכערע שוץ קעגן ים־שטורעמס און שלעכטע וועטערן. מילא, ביי אַרטילעריע איז טאַקע מעגלעך, אַז איר זכות העלפט זייער פיל: ווער ווייס וויפל קרבנות וואָלטן נאָך מער געפאַלן ביי אַלע מלחמות ווען נישט אירע תפילות. אָבער ביי אונדזער נסיעה האָט די הייליקע באַרבאַראַ ווייניק געהאָלפן. מיר האָבן דעם גאַנצן וועג, אָנהויבנדיק פונעם פּאַנאַמאַ־קאַנאַל, געהאַט אַ היפּש ביסל שטורמישע טעג און איצט האָבן מיר זיך געפונען אין מיטן פון אַן אמתן מבול, וואָס האָט געשליידערט אונדזער שיף, ווי אַ נוס־שאָלעכץ. ביי דעם וועטער איז ביי די פּאַסאַזשירן קיין רעדע נישט געווען פון וועלכע עס איז פּראָווירונגען אָדער שפּילן. מיר זיינען אין משך פון די לעצטע פּאָר רעגן־טעג נמאס געוואָרן איינער דעם אַנדערן, ווי אַ ווייב אַ מכשפה. איר מאַן צוואַנציק יאָר נאָך דער חתונה. מיר אַלע האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט אין אַלע סאַלאָנען, אין דעם שיפס־באַר, אין דער אייגענער קאַבינע און זיך נישט געפונען קיין פּלאַץ. איך האָב באַשלאָסן אָראָפּצוגיין אונטן צום דריטן קלאַס, כדי דאָרטן אפשר קענען פאַריאָגן דעם אומעט און די נודנע שטימונג פון די לעצטע דריי טעג.

אונטן איז געווען א זעלטענער געמיש פון פעלקער און ראסן. עס זיינען געפארן האלב־שווארצע קובאנער, אמתע הונדערט־פראצענטיקע שווארצע קאלומביאנער נעגער, מעסטיסן מיט פארשידענע פראצענטער וויים־נעגערשער בלוט, א גאנצע טרופע יאפאנישע אקראבאטן, האלב־ אינדיאנער פון עקוואדאר מיט א גרויסע מחנה קינדער, געלבלעכע פערואנער, אייניקע טשילענישע מינען־ארבעטער מיט זייערע ווייבער און קינדער, שוין מער ווייס, ווי קאלירטע, און אויך עטלעכע אייראפעישע מענטשן, וועלכע זיינען געזעסן ביי א הילצערנעם טיש גאר אפגעזונדערט פון דעם „ערב־רב".

די גאנץ און האלב־פארביקע פאסאזשירן האבן זיך געפילט אויפן שיף גאר היימיש. זייער געפילדער, דער געשריי פון די קינדער, די ווילדע אויסברוכן פון געלעכטער, ווען איינער, ווי עס זעט אוים, א גרויסער וויצלינג, האט אויף זיין מיר אומבאקאנטן דיאלעקט דערציילט מסתמא זייער שיינע חכמות, — דאס אלץ האט געמוזט אפשטויסן די געציילטע פאר ארימע אויסוואנדערער פון אייראפע, וועלכע זיינען צום ערשטן מאל גע־קומען אין בארירונג מיט די זיד־אמעריקאנער היימישע עלעמענטן. די ערשטע באקאנטשאפט אונטן אין דער זייער אומבאקוועמער און פשוטער דריטער קלאס מיט די היפשלעך שמוציקע פארביקע פאסאזשירן, האט גע־מוזט שטארק צעשטערן די אילוזיעס פון די דאזיקע עמיגראנטן, אויב זיי האבן בכלל געהאט וועלכע עס איז אילוזיעס. די מיטרייזנדע, די ביטול־באהאנדלונג מצד דער דינערשאפט אויף דער שיף, די היימלאזיקייט, די שטורעמס און דער שלעכטער וועטער ביי די טראפן, — עס איז געווען גענוג טעמים צו זיצן אין ווינקל באזונדער און צו טראכטן. וועלכע מחשבות קען אן עלנדער אייראפעישער עמיגראנט האבן אויף אזא רייזע?...

אין א באזונדער ווינקל האב איך באמערקט א יונג פארל, וועלכע איז געזעסן איינער צוגעטוליעט צום אנדערן און ווי עס זעט אוים אביסל צו־געדרימלט. ביי דעם שלעכטן וועטער, ווען דרויסן האט עקשנותדיק איבערן דאך פון שיף און איבערן דעק געקלאפט דער רעגן און מען האט ממש נישט געקענט ארויסשטעקן די נאז פון די קאבינעס, איז אין דער דריטער קלאס אונטן געווען אומעטיקער, ווי אויפן גאנצן שיף. עס איז קיין וואונ־דער נישט, וואס א טייל פון די פאסאזשירן זיינען געזעסן און האבן גע־דרימלט. איך האב שוין געוואלט זיך אומדרייען און צוריקגיין ארויף צום סאלאן פון ערשטער קלאס, ווען א לייכטער אויפשריי פונעם ווינקל, וואו דאס פארל איז געזעסן, וואלט מיך נישט אפגעשטעלט. דאס מיידל האט זיך פלוצלינג שנעל אויפגעהויבן פון איר פלאץ און מיט ביידע אויסגע־שטרעקטע הענט און מיט א ליבן שמייכל אויף די אביסל בלאסלעכע ליפן

צוגעקומען צו מיר. איך בין געשטאַנען איבעראַשט און נישט געוואוסט וואָס צו טון. די יונגע פרוי האָב איך אין מיין לעבן נישט געזען און כ'האָב דעריבער נישט געקענט בשום אופן פאַרשטיין די גדולה און די שמחה, וואָס איז געווען געשריבן אויף איר פּנים. אויך איר באַגלייטער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ און זיך דערנעענטערט צו מיר. אונדזער גרופּע האָט מסתמא געמוזט מאַכן אַן אייגנאַרטיקן איינדרוק, ווייל אַנדערע פּאַר־פאַזשירן האָבן אָנגעהויבן צוצוקומען צו אונדז מיט גרויס נייגעריקייט.

„איך זע, אַז איר דערקענט מיך נישט, האָב איך דערהערט אַ יונג מיידלשע שטימע, אין ריינעם בערלינער דיאַלעקט, און די פרוי האָט מיך אַרומגעכאַפּט און אָנגעהויבן מיט שמחה טרייסלען מיינע הענט. „איך בין דאָך די גערטרוד פון בעקעריי און קאַפע, קעגניבער אייער בערלינער וואוי־נונג אין שאַרלאָטענבורג, איר האָט דאָך, הער דאָקטאָר, ביי אונדז יאָרנ־לאַנג געקויפט געבעקס און געטרונקען קאַפע. איר דערקענט מיך גאָרנישט? און דאָס איז מיין יאָזעף... גיב דאָך די האַנט דעם דאָקטאָר, ער איז מיין אַלטער באַקאַנטער פריינט..."

דער יונגערמאַן, אַ מאָגערער, שוואַרצהאָריקער און קליינוואוקסיקער יידישער בחור, האָט געמאַכט אַביסל שעמעוודיק אַ פּאָר שריט נענטער און מיר דערלאַנגט זיין דאַרע האַנט. די יונגע פרוי, אַ הויכע, שלאַנקע געשטאַלט מיט בלויע אויגן און בלאָנדע האָר, איז געשטאַנען היימיש צו־געטוליעט צו מיר און געלאַכט פון שמחה. מען האָט געפילט, אַז עס טוט איר שטאַרק הנאה, וואָס זי האָט אויפן שיף אַזוי וייט פון איר אַלטער היימאַט, געפונען אַ באַקאַנטן פון בערלין. איך האָב זיך אָנגעהויבן צו דערמאָנען דאָס יונגע מיידעלע, וועלכע איך האָב געזען אינעם קאַפע העלפנדיק אירע עלטערן אין געשעפט. זי איז דעמאָלט נאָך געווען כמעט אַ קינד, דאָס, וואָס די דייטשן רופן אַ „באַקפיש", אַ האַלב־דערוואַקסענע מיידל. איצט איז זי פאַר מיר געשטאַנען אַ שיינע, גוט אַנטוויקלטע פרוי מיט איר מאַן. עס איז קיין וואונדער נישט, וואָס איך האָב זי נישט דער־קענט. איינס האָב איך זיך דערמאָנט, אַז דאָס מיידל איז געווען אַ טאָכ־טער פון אַ שטרענג קאַטוילישער דייטשער פאַמיליע, ווייל יעדן זונטיק פלעג איך זען איר טאַטע־מאַמען אינדערפרי צוריקגיין פון דער קירכע מיט דעם תפילות־בוך אין דער האַנט. איר מאַן, וועלכער איז געשטאַנען פאַר מיר, איז בלי־ספק געווען אַ הונדערט־פּראָצענטיקער ייד און, ווי מיר האָט זיך אויסגעדוכט, גאָרנישט קיין דייטשער ייד, נאָר גאָר איינער פון די בער־לינער „אָסט־יודן". ווי קומט איצט אין היטלערס צייטן אַ פרומע דייטשע „אַריערין" צו דעם דאָזיקן שוואַרצהאָריקן יידישן בחור?...

איך האָב גערופן דעם „סטיואַרד" (קעלנער), באַשטעלט ביי אים דריי וויסקיס און זיך געזעצט ביי אַ טיש מיט מיין פּאָרל. איך בין געווען צו־פרידן, וואָס איך וועל כאָטש אויף אַ קורצער צייט פאַרטרייבן די נודנע שטימונג און הרך אַגב זיך דערוויסן, וואָס איז געשען מיט מיינע נייע שיפס־באַקאַנטע, וועלכער גורל האָט צוזאַמענגעבראַכט די דאָזיקע יונגע מענטשן און זיי פאַרשליידערט אויף אַ שיף צו די ברעגן פונעם פּאַציפישן ים. מען האָט אונדז געבראַכט די פּאָר די פּאַסאַזשירן פון דער דריטער קלאַס אַביסל אומגעוויינלעכע משקה און מיין בערלינער „פריינדין" האָט אָנגעהויבן צו דערציילן.

„קודם־כל מוז איך אייך דערקלערן, הער דאָקטאָר, אַז מיר זיינען „ריכטיק" פאַרהייראַט, ד. ה. מיר האָבן נאָכן יידישן ריטואַל חתונה גע־האַט און ביי אַן עכטן ראַבינער אין פּראַג. חוץ דעם האָבן מיר דאָרט אויך זיך אין ציוויל־רעגיסטער איינגעשריבן. מיט מיין מאַן בין איך שוין פיר יאָר באַקאַנט און זיך כמעט פון ערשטן אויגנבליק פאַרליבט. אָבער איר ווייסט דאָך — עס איז געקומען היטלער צו דער מאַכט, מען האָט אָנגע־הויבן רודפן, און פּלוצלינג דערוויס איך זיך, אַז יאָזעף איז אַרעסטירט און פאַרשיקט קיין בייערן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. ער איז געווען איינער אַליין אויף דער וועלט און חוץ מיר האָט ער קיינעם נישט געהאַט ווער ס'זאָל אים העלפן... וואָס האָב איך געקענט טון, אַ יונגע 19־יעריקע מיידל, אַ קריסטן און טאָכטער פון פרומע קאַטוילישע שוואַבן, אָן געלט און פּראָטעקציע, פאַר אַן יידישן „פאַרברעכער" אין היטלער־לאַנד?"

גערטרוד האָט שטיל גענומען די אויסגעדאַרטע, ווייכע האַנט פון איר מאַן און אַ גלעט געטון מיט אירע לאַנגע, דינע פינגער. דער פריילעכער אויסדרוק פון פריער איז פאַרשוואונדן געוואָרן פון איר בלאַסן פּנים, אירע אויגן האָבן פאַרלוירן זייער מיידעלשן בלויען גלאַנץ און ווי געקוקט ערגיץ וואו וייט, צוריק אין דער פאַרגאַנגענהייט. יאָזעף האָט געשוויגן. אַ טיפער אומעט איז געלעגן אויף זיין גאַנצן געזיכט, נאָר זיינע שוואַרצע, יידישע אויגן האָבן מיט ליבע און צאַרטער ווייכקייט געקוקט אויף זיין בלאָנדער, יונגער לעבנס־באַגלייטערן.

„וואָס האָב איך פאַר יאָזעפן געקענט טון, האָט גערטרוד ווידער אָנ־געהויבן צו דערציילן, איך בין געווען אין בערלין און ער אין דאַכאַו. שרייבן צו אים האָב איך אויך נישט געקענט — מען נעמט נישט אָן קיין בריוו פון אַן אַריער צו אַן יידן, בפרט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, שיקן אים עפּעס צו עסן אָדער וועש — אוודאי נישט... איך בין גאַנצע טעג און נעכט אַרומגעגאַנגען, ווי אַ משוגענע, איך האָב געוואוסט, אַז מען פיר־

ניקט דאָרט די אַרעסטירטע, אַז די יידן האָבן דאָרט אויסצושטיין די ערגסטע יסורים און פאַר מיינע אויגן איז תמיד געשטאַנען די געשטאַלט פון מיין אָרימען יאָזעף, דעם שטענדיק שווייגנדיקן, איינזאַמען און עלנדן קליינעם יינגל מיינעם, וועמען די פאַרפלוכטע הענקער וועלן פאַרמאַטערן צום טויט. איך האָב זיך אַנטשלאָסן צו מאַכן אַ פאַרצווייפלטן ריזיקאַלישן שריט. איך האָב געוואוסט, אַז איך שטעל איין נישט נאָר מיין לעבן, נאָר אויך יאָזעפס לעבן, איך האָב געוואוסט, אַז איך גיי טון אַ משוגעת. נאָר עפּעס האָבן איך געמוזט טון, אַז נישט וואָלט איך באַלד אַראָפּ פון זינען...

„איר ווייסט, וואָס איך האָב געטון? איך בין שטילערהייט אַוועק פון דער היים, אַרויסגענומען פון מיין ביכל אין דער שפּאָר־קאַסע מיין גאַנץ געלט — אַכט הונדערט מאַרק — און בין אַוועק קיין מינכען. וואו עס האָט געלעבט מיין מוטערס אַ ווייטער קרוב אויך אַ בעקער, ווי מיין פאָטער. ער איז געווען און איז היינט אויך נאָך אַ פאַרברענטער נאַצי, אַ טרייער היטלעריסט מיט לייב און נשמה און האָט שטענדיק פיינט געהאַט יידן תכלית־שנאה, טאָקע צוליב זיין יידן־האַס איז ער אַריינגעטראָטן אין דער נאַצי־פּאַרטיי. ער איז געווען אַן אַלמן און נישט געהאַט קיין קינדער, מיך האָט ער ליב געהאַט, ווי אַן איינגן קינד.

„אים, אַט דעם פאַרברענטן אַנטיסעמיט און נאַצי, האָב איך דערציילט דעם גאַנצן אמת וועגן מיין ליבע צו יאָזעפן, זיין אַרעסט, מיין פאַרצווייפלונג. אַ גאַנצע נאַכט זיינען מיר געזעסן אין זיין שטוב ביי אַראָפּגעלאָזטע שטאָרן, כדי קיינער זאָל אונדז נישט קענען הערן, און איך האָב פאַר אים זיך מודה און מתודה געווען, ווי פאַר אַ גלח ערב „ווייַנאַכטן", אים דערקלערט, אַז איך קען נישט לעבן אָן יאָזעפן און אַז אויב ער וועט אין דאַכאַו שטאַרבן, וועל איך אים נישט איבערלעבן קיין איין טאָג...

„אַ גאַנצע נאַכט האָט דער אָנקל פּאַול, ווי איך פלעג אים רופן אַלס קינד, כאָטש ער איז גאָרנישט געווען קיין אָנקל, נאָר גאָר אַ ווייטער קרוב, געררויכערט זיין שוואַרצע פּיפּקע און הינטער די וואָלקנס רויך האָב איך נישט געקענט זען דעם אויסדרוק פון זיין פּנים. ער האָט כמעט גאָרנישט גערעדט און איז נערוועז אַרומגעגאַנגען פון איין ווינקל צימער צום צווייטן. און נאָר שפּעט ביינאַכט, ווען איך האָב זיך שוין גוט אויסגעוויינט און מער נישט געקענט רעדן פון טרויער און אויפרעגונג, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט פאַר מיר, אַ הויכער און דיקער מיט דער לאַנגער פּיפּקע אין מויל, און האָט אַ בורטשע געטון: „אַ שיינע זופּ האָסטו דאָ איינגעבראָקט, דער פאַרשאָלטענער יודען־בענגעל (יידישער בחור) האָט ווי עס זעט אויס

דיך פארכישופט. בלייב דערווייל ביי מיר, איך וועל זען, וואס איך קען פאר דיר טון, גיי דערווייל שלאפן!"...

„וואס זאל איך אייך זאגן, הער דאקטאר, די נעקסטע טעג איז אנקל פאאול נישט געווען צו דערקענען, ער איז ארומגעגאנגען שווארץ, ווי די ערד, אן אומעטיקער, א שווייגנדיקער און האט מיר נישט געקענט קוקן אין די אויגן. ער פלעגט פארשווינדן אויף גאנצע טעג, האט פארנאכלעסיקט זיין געשעפט און שפעט ביינאכט פלעגט ער צוריקומען אהיים אפט אביסל שיכורלעך און זיך זעצן ביים טיש און רויכערן זיין פיפקע. מיט מיר האט ער כמעט גארנישט גערעדט, נאר אפט מיט א שטילער טרויעריקייט גע־ווארפן אויף מיר א בליק. און אין א שיינעם טאג, לערך דריי וואכן נאך מיין קומען צו אים איז ער געקומען אהיים צו מיטיק און אן א ווארט צו זאגן א ווארף געטון אויפן טיש א פאס אויף מיין נאמען מיט א וויזע קיין טשעכאסלאוואקיע. „דו פארסט היינט ביינאכט קיין פראג, האט ער מיר א בורטשע געטון אויף זיין שטייגער און מיך נישט אנגעקוקט אפילו. די פארלאזט אויף שטענדיק דייטשלאנד. אין פראג וועסטו געפינען דיין יאזעפן, ער איז היינט אהין ארויסגעשיקט געווארן, ער וועט דיך אפווארטן אין פראג ביים אנקומען פון דיין צוג. זיי געזונט און שרייב מיר נישט, איך וויל פון דיר גארנישט מער וויסן. אט דא האסטו צוויי טויזנט מארק, מאך דיין גליק „דריבען אין אויסלאנד". ער האט זיך אומגעדרייט און איז ארויס פון צימער, מער האב איך אים נישט געזען...

„אין פראג האב איך טאקע געטראפן יאזעפן, אבער אין וועלכן צו־שטאנד! א צעבראכענער, מיט א קראנקער לונג און אן אפגעשוואכט הארץ, קוים אויף די פיס זיך געהאלטן. זיי האבן אים פריי־געלאזט, אבער כמעט א קאליקע. די דאקטוירים זאגן, אז אין די ווארימע, טראפישע לענדער וועט ער גיך געזונט ווערן... ווייסט איר אבער, וואס איך האב געטון אין פראג? איך האב זיך „געטויפט" צום אידישן גלויבן, זעקס וואכן גענומען אונטערריכט ביי א ראבינער און געלערנט די אידישע תפי־לות און צינדן פרייטיק יידישע „פרויען־ליכט". שפעטער האבן מיר שוין חתונה געהאט לויטן יידישן ריטואל. איך טראג אפילו שטענדיק דעם „יידישן קרייץ", דעם „דוד־צייכן". מיט שטאלץ האט זי מיר געוויזן הינ־טער דעם לאץ פון איר מאנטל א מעטאלענעם מגן־דוד...

„איצט פארן מיר קיין באליוויע. אין אן אנדער לאנד האבן מיר נישט באקומען קיין וויזע. מיר וועלן דארט ביידע ארבעטן. איך וועל נייען אדער גיין אין א שטעלע, וועלכע ס'איז. יאזעף קען גוט די שיך־בראנזשע, ער וועט באקומען דארט א פארטרעטונג אדער אן אנדער ארבעט אין זיין פאך.

מען זאגט, אז באַליוויע אין אַ הערלעך לאַנד מיט אַ וואַרימען קלימאַט. יאָזעף דאַרף טראָפּישע וואַרימקייט פאַר זיינע לונגען, ער איז נאָך אַזוי שוואַך. אָבער מיר זיינען ביידע נאָך אַזוי יונג, מיר וועלן באַלד פאַרגעסן די צרות און די שרעקלעכע פאַרגאַנגענהייט..."

איך האָב געשוויגן און געקוקט אויף די דאַרע, הויט און ביינער־פינ־גער פון יאָזעפן. ער איז געזעסן אַביסל צונויפגעקאָרטשעט אויף זיין היל־צערנעם שטול און ווי עס זעט אויס ווייניק געגלויבט אין די באַליוויאַנער ישועות און גליקן. זיין אומעטיקער בליק האָט זיך ווי מיט אַ פראַגע אָפּ־געשטעלט אויף מיין פּנים, זוכענדיק אַן ענטפער אויף זיינע ספקות. גער־טרודים בלאַסער פּנים האָט זיך פון דער וויסקי און דער דערציילטער לאַנ־גער געשיכטע אַביסל צערויטלט און אין אירע בלויע אויגן האָט זיך גע־וויזן אַ גלאַנץ פון יונגער האָפנונג. זי האָט אין דער מינוט טיף געגלויבט, אַז זיי פאָרן אין דעם געבענטשטן לאַנד פון פרייהייט און ערלעכן לעבן, וואו איר יאָזעף וועט געזונט ווערן. איך האָב נישט געוואָלט צעשטערן די זיסע אילוזיעס פון דער יונגער פרוי...

איך האָב זיך אָפּגעזעגנט פון מיינע יונגע פריינט און אַרויף אויבן אין סאַלאָן. דער רעגן האָט נישט אויפגעהערט און זיינע שווערע טראָפּנס האָבן ריטמיש געקלאַפּט אין די שויבן פון די פענצטער. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אין ווינקל און געטראַכט איבער דעם גורל פונעם טראַגישן יונגן פּאָרל דאָרט אונטן, אונטערן דעק אין דער דריטער קלאַס. האָב איך דאָס רעכט געהאַט זיי צו דערציילן, ווי שווער און ביטער קומט אָן אַ יידישן אימיגראַנט צו פאַרדינען אין באַליוויע זיין שטיקל ברויט? זאָל איך זיי דערציילן, ווי געפערלעך איז דער מערדערישער קלימאַט און די הויכע באַליוויאַנער בערג פאַר אַ האַרץ־קראַנקן מענטשן, וועלכער איז איצט ערשט אַרויס פון קאָנצענטראַציע־לאַגער? זאָל איך זיי אַרויסרייסן, די אָרימע ברידער מיינע, די פאַרוואָגלטע נע־ונדניקעס, זייערע לעצטע אי־לוזיעס און האָפנונגען, אויפוועקן זיי פון זיסן חלום צו דער ביטערער ווירקלעכקייט?...

און פאַר מיינע אויגן איז געשטאַנען די הויכע, שלאַנקע געשטאַלט פון דער שטילער העלדישער מיידל, וועלכע האָט פאַרלאָזט איר היים, אירע עלטערן, איר פאָטערלאַנד, איר רעליגיע און איז אַוועק ממש אויף קידוש־השם, אין גלות אין נאָמען פון דער העכסטער מענטשלעכער אידייע — דער ליבע!... זי האָט אין איר נאַאיווער צאַרטקייט גענומען טאַקע אויף זיך דעם יידישן קרייץ, דעם שווערן טויזנט־יאָריקן קרייץ פונעם יידישן פאָלק און געגאַנגען אויף צרות, ליידן און פּיין פאַר איר יונגער ליבע צו

דעם אָרימען, שוואַכן און קראַנקן יידישן בחור. און אין העלן שיין פון דער ליכטיקער פיגור פון דער יונגער הערצישער דייטשקע גערטרוד האָט אין מיין דמיון אויך די געשטאַלט פון איר אָנקל פּאַול באַקומען אַן אַנ־דער אויסזען. איך האָב דעם טאָג אפשר צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן דערשפּירט דעם געוואַלדיקן כוח פון דעם ריינעם, אָפּפערוויליקן און הערצ־אישן געפיל פון אַ ליבנדער פרוי, דערהערט די קלאַנגען פון דער געטלעכער, אייביקער סימפאָניע פון ליבע. קליינע, ליבע גערטרוד, וואו ביסטו איצט, וואָס איז געוואָרן פון דיינע יונגע חלומות? לעבט נאָך דיין אָרימער יאָזעף? ...

6

אַ יידישע טראַגעדיע אין פּערואַנער מדבר

די באַקאַנטשאַפֿט אויף דער שיף

נעטראָפֿן האָב איך אים אויף דער דייטשער שיף, אויף וועלכער איך האָב געמאַכט מיין רייזע קיין זיד־אַמעריקע. דער דאַמפּער איז געווען פֿון אויבן ביז אונטן באַלאָדן מיט דינאַמיט, וועלכער ווערט אין גאָר גרויסע מענגען באַנוצט אין די מינעס פֿון קאָלומביע, פּערו, באָליוויע און טשילע. די שיף האָט פֿאַרמאָגט סך־הכל עלף קאַבינעס און אַפֿילו זיי זיינען נישט אַלע געווען באַזעצט: עס איז פֿאַראַן ווייניק בעלנים צו צאָלן פֿאַר ערשטע קלאַס און זיך שלעפּן מיט אַ לאַסט־שיף, וועלכע האָט די טבע צו שטיין אין יעדן פּאָרט גאַנצע טעג און איז בכלל קנאַפּ וואָס געבונדן אַזוי בנוגע דעם אָנקומען און אַרויספֿאָרן פֿון די פּאָרטן. איך האָב אָבער מיט אַ כיוון אויסגעזוכט די שיף: איך האָב זיך אין ערגיץ נישט געאיילט, דער עניין, וועגן וועלכן איך בין געפֿאָרן קיין טשילע, איז געווען אַ קאָמפּליצירטע, פֿאַרוויקעלטע ירושה־מחלוקה, וואָס האָט זיך שוין געשלעפּט פֿיל יאָרן. מיט איין וואָרט — איך האָב געהאַט גענוג צייט און עס האָט מיך לחלוטין נישט געאַרט, וואָס מיר זיינען אין איניקע פּאָרטן געשטאַנען אָנשטאָט טעג — וואָכן. עס איז געווען מיין ערשטע נסיעה מעבר לים צום אַמעריקאַנער קאָנטינענט און אַלץ האָט ביי מיר אויסגעזען ניי און אינטערעסאַנט. דאָס לאַנגע שטיין אין די פּאָרטן האָט געגעבן די מעגליכקייט צו מאַכן עקסקורסיעס אין די אַרומיקע געגענטן און באַקאַנט צו ווערן מיט נייע ערטער, טרעפֿן נייע מענטשן און אַריינזאַפּן אין זיך נייע, פֿרישע איינדרוקן...

די שיף איז געשוואומען אונטער דער האַקנקרייץ־פאָהן, אָבער מיר, די פאַסאַזשירן, האָבן דעם נאַצי־גייסט בשעת דער נסיעה נישט געשפירט. דער קאַפּיטאַן, די אָפיצירן און די מאַנשאַפט זיינען אַלע געווען אַלטע ים־פאָרער נאָך פון די גוטע פאַר־היטלעריסטישע צייטן. די נירענבערגער געזעצן זיינען דעמאָלט נאָך געווען נאָר אין פּראָיעקט און די באַציהונגען מצד דער שיפס־פירונג צו די געציילטע פאַסאַזשירן אויפן שיף זיינען געווען אויסערגעווענליך קאָרעקט. פונדעסטוועגן האָב איך אינסטינקטיוו געזוכט צווישן די 15-12 טוריסטן אַ יידישן פּנים און אַז איך האָב אין דער פאַסאַזשיר־ליסטע געפונען דעם נאָמען „בערענזאָן" האָב איך זיך באמת דערפרייט. און באַלד זיינען מיר שוין ביי די מיטיקן געזעסן ביי איין טיש און זיך שנעל באַפריינדעט. עס איז נאַטירליך געווען אַ שיפס־פריינדשאַפט, אַן אויבערפלעכליכע, צופעליקע באַקאַנטשאַפט. אָבער דער פאַקט, וואָס מיר זיינען ביידע געפאָרן אויף אַ נאַצי־שיף אַרומגערינגעלט מיט שונאים און איבער אונדזערע קעפּ האָט געפלאַטערט הויך אויף דער שיפס־מאַסט די בלוטיקע היטלער־פאָן און מיר ביידע האָבן געמוזט באַהאַלטן אונזערע אמתע געפילן לגבי די שיפס־באַלעבאַטים און זיך היטן פאַר אַ וואָרט, — דאָס אַלץ האָט אונדז ביידע דערנענטערט און פאַרבונדן צוזאַמען. מיר האָבן ווינציק אַנטייל גענומען אין די באָרט־שפּילן, צו וועלכע מען פלעגט אונדז ביידע איינלאַדן גלייך מיט אַלע פאַסאַזשירן. מיר זיינען ביידע ניט געקומען צו דעם יום־טוב, וואָס דער קאַפּיטאַן האָט אַראַנזשירט ביים פאַסירן דעם עקוואַטאָר, און מיר זיינען דעם אָוונט געזעסן צוזאַמען אין מיין קאַבינע. עס איז געווען אַ שטילער אָפּמאַך צווישן אונדז, אַ שטומע סאָלידאַריטעט צווישן צוויי יידן, וועמען דער גורל האָט פאַרוואָרפן צווישן עטלעכע הונדערט נאַצים...

מיין שיפס־ברודער איז געווען אַ מענטש אין מיטעלערע יאָרן. זיין הויכער, אַטלעטיש געבויטער קערפּער האָט גוט האַרמאָנירט מיט זיין ברייטן, אַביסל דיקליכן פּנים און אַ גאַנצן בינטל שוואַרץ־גרויע האָר אויף אַ גרויסן, קיילעכדיקן קאָפּ מיט אַ הויכן שטערן. ער איז געווען פון נאַטור זייער צוריקגעהאַלטן, קאַרג אויף ווערטער און האָט ליב געהאַט שעהן לאַנג צו זיצן און צוקוקן זיך צו דער פלינקער אַרבעט פון די מאַטראָסן און די פּאָרט־אַרבעטער ביים אויסלאָדן די דינאַמיט־קעסטלעך. די נאַטור, די וואונדערשיינע לאַנדשאַפטן, די פּאַנאָראַמע פון די ים־ברעגן, דאָס בונטע בילד פונעם פּאָרט־לעבן —, דאָס אַלץ האָט מיין נייעם חבר ווינציק אינטערעסירט. ער איז אָפט געזעסן טיף פאַר־

טראכט, פארזונקען אין זיינע מחשבות און אין אזעלכע מאמענטן האב איך זיך געהיט אנצוהייבן מיט אים וועלכן עס איז שמועס. אזוי פאר־זארגט פלעגן קוקן זיינע אויגן, געקנייטשט איז געווען זיין הויכער שטערן און נאך גרויער האט אויסגעזען זיין קודלאטער קאפ. קיין געלט־זארגן האט ער נישט געקענט האבן, ווייל ביי דעם שיפס־קאמיסאר האט ער דעפאזיטירט 4.000 ענגלישע פונט און עטלעכע און זעכציק טויזנט פערוא־נער סאלן, און ביי זיך האט ער אויך ארומגעטראגן א היפשע סומע אין דאלארן. דער שוך האט אים ערגיץ אנדערש וואו געקוועטשט, נאר ער האט געשוויגן און איך האב נישט געוואלט אים אויספרעגן; דער מענטש איז געווען שטארק צוריקגעהאלטן און אביסל רעזערווירט און מיר זענען אייגענטליך געווען נאר צופעליקע שיפס־באקאנטע.

אונדזער שיף האט זיך דערווייל געטראגן איבער די כוואליעס פונעם פאציפישן אקעאן צו די פערואנער ברעגן, און וואס נענטער צו פערו, אלץ שטארקער האט מען געשפירט דעם ווידערליכן געשטאנק פון די ארומיקע „גואנא"־אינזלען, וואו די מיליארדן גואנא־פייגל וועלכע כאפן אין ים פיש און פרעסן זיי אויף אין דער לופט אדער אויפן וואסער, לאזן איבער זייער צואה. די דאזיקע קאלאסאלע עקסקרעמענטן־דעפאזיטן אויף ספעציעלע אינזלען, וואו די רויב־פייגל האבן אזוי צו זאגן זייער הויפט־קווארטיר, ווערן פון ספעציעלע אמעריקאנער געזעל־שאפטן עקספלאטירט און דער גואנא־פראדוקט פאר די פעלדער בילדעט א גרויסן געשעפט צווייג אין דער פערואנער ווירטשאפט. די פערואנער רעגירונג גיט אוועק די גואנא־אינזלען אין ארענדע און אויפן פאציפיק קען מען טעגליך טרעפן די ספעציעלע טאנק־שיפן, וועלכע פירן ארויס דעם גואנא פון די אינזלען אין פארשידענע פארטן. דאס געשעפט איז מכתמא זער לוקראטיוו, אבער דער ריח־ניחוח איז אומדערטרעגלעך. וואס נענטער צום גרויסן פערואנער פארט קאזשאא, אלץ פארפעסטעטער ווערט די לופט, ווייל צו די גואנא־ריחות קומט נאך צו דער שרעקלעכער געשטאנק פון די ים־שטערנס און אנדערע „קוואלן", וועלכע באדעקן אויף א גרויסן שטח די וואסערן ביים פארט קאזשאא. אז איך האב דער־הערט, אז אונדזער שיף וועדט צוליב דעם דינאמיט גארנישט אריינגע־לאזט אין פארט און מוז בלייבן כמעט צוויי וואכן, פינף מייל ווייט אינמיטן ים פארן ברעג, האב איך פעסט באשלאסן אריבערצופארן צו דער נאענטער הויפט־שטאדט לימא און דארט בלייבן די גאנצע צייט. די גואנא־לופט ביי די פערואנער היצן איז געווען אביסל צו פיל פאר־מיין נאז און מיינע לונגען.

מיין בערענזאן האט די לעצטע טעג זיך ווייניק געוויזן אין סאלאן און אפילו נעגעסן ביי זיך אין קאבינע. דורך דער טיר האט ער מיר דער־קלערט, אז אים פעלט גארנישט, נאר ער פארטראגט נישט די לופט און בלייבט ליבער ביי זיך אין צימער. נאר אז אונדזער שיף איז שוין אנ־געקומען אין די וואסערן פון קאזשאא און אויפן דעק האבן זיך געוויזן די פארטרעטער פון דער סאניטארער און ברעג־פאליציי, איז מיין בעל־דבר דערשינען אינעם סאלאן באגלייט פון דעם אויבער־סטיוארד מיט א גרויסער צאל טשעמאדאנעס און עלעגאנטע וואליזעס. ער האט פריינט־לעך באגריסט די פאליציי־אפיצירן און דעם דאקטאר פונעם פארט, וועל־כע, ווי עס האט זיך ארויסגעוויזן, האבן אים גוט געקענט, ווייל זיי האבן אן לאנגע שהיות אפגעשטעמפלט זיין פאס, נישט שטעלנדיק אים די פארמעלע אפט אומזיניקע קשיות, מיט וועלכע מען מוטשעט די פאסאזשירן אין אלע פארטן פון דער וועלט. און אז אלע פארמאליטעטן זיינען דערליידיקט געווארן און אויך איך האב מיט מזל באקומען דעם שטעמפל אויפן פאס און א קארטל, אז איך מעג ארויס אויפן ברעג פראנק און פריי, איז צו מיר צוגעגאנגען בערענזאן, האט דערקלערט, אז ער וואוינט שטענדיק לעבן לימא אויף א צוקער־פלאנטאציע און אז ער לאדט מיך איין צו זיך אלס גאסט אויף די פאר וואכן, וואס די שיף בלייבט ליגן אין די וואסערן פארן פארט. ער האט די איינלאדונג גע־מאכט אין אזא פארם, אז איך האב נישט געפונען קיין ווערטער אים אפצוזאגן. און אזוי האבן מיר זיך ארייגעזעצט באלד מיט אונדזערע זאכן אין א מאטאר־„לאנטשע" (שיפל) און אריבערגעפארן צום פארט. אין דער „אדואנא" האבן די צאל־באאמטע כמעט נישט איבערגעקוקט אונדזערע זאכן; בערענזאן איז אויך דארט געווען גוט באקאנט. א שעה שפעטער זענען מיר געזעסן אין א גרויסן, באקוועמען אויטא, וואס האט שוין אויף אונדז געווארט ביים פארט, און לאזנדיק הינטער זיך גאנ־צע וואלקענס שטויב, געפארן צו דער צוקער־פלאנטאציע.

אויף דער פערואנער עסטאנציע

אלץ איז מיר פארגעקומען כמעט ווי א חלום. מיט עטלעכע שעה צוריק בין איך געזעסן אויף א נאצישער לאסט-שיף און איצט פאר איך אין א ווילד־פרעמדן לאנד מיט א ווילד־פרעמדן מענטשן, פון וועמען איך ווייס אבסאלוט גארנישט, נאר אז ער איז א איד, פאר אין א מדבר־געגענט צו אומבאקאנטע מענטשן. די גאנצע געשיכטע איז גע־

ווען אן אמתע אוואנטורע, גיכער געפאסט פאר א יונגן בחור, נישט פאר־מיר, שוין א מענטש אין די יארן אין א באשטימטער סאציאלער פאזי־ציע. נאר דאס ציגיינער־בלוט, וואס שטעקט אביסעל אין יעדן ייִדן, די נייגעריקייט פון א זשורנאליסט און דער טיפער אינטערעס, וואס ס'האט אין מיר געוועקט דער שטילער, ווארט־קארגער און פארטראכטער בערענזאן, די געהיימנישן, וואס רינגלען ארום זיין פערזאן, — דאס אלץ האט מיך באוואוינגן אנצונעמען די איינלאדונג בערענזאנס צו באזוכן זיין עסטאנסיע.

דער וועג צו דער פלאנטאציע האט געפירט דורך גרינע סטעפעס, אויף וועלכע מען האט נישט געזען קיין ביימער. דער וועג איז געווען זאמדיק, נישט ברוקירט און אונדזער אויטא האט זיך געמוזט לאנגזאם שלעפן, ווייל די רעדער זענען אפט איינגעזונקען אין טיפן, ווייכן זאמד. בערענזאן האט כמעט גארנישט גערעדט, נאר איינזילביק געענטפערט אויף אייניקע מיינע פראגן. איך האב זיך דערוואוסט, אז ער לעבט שוין אין דער געגנט העכער 20 יאר, אז ער איז דער פארוואלטער פון א גרויסער עסטאנסיע און צוקער־פלאנטאציע, וועלכע געהערט צו אן אלמנה פון א רייכן פערואנער, וואס איז מיט עטלעכע יאר צוריק געשטארבן פון א שלאנגן־ביס. ער, בערענזאן, האט א פרוי און קינדער — צוויי זיהן און א טאכטער, וועלכע זענען שוין געבוירן דא אויף דער עסטאנסיע. דאס איז כמעט אלץ, וואס איך האב זיך דערוואוסט אונטערוועגס אין משך פון די אכט שעהן, וואס האט געדויערט אונדזער רייזע. די תשובות האט מען געדארפט ארויסרייסן פון אים ממש, ווי מיט צוואנגען, עס האט זיך געפילט, אז אים איז שווער צו רעדן איבער דער טעמע וועגן זיין פאמיליע. איך האב דערשפירט, אז דא מוז ליגן א טיפע טראגעדיע...

דער ערשטער מענטש, וועמען מיר האבן געטראפן שוין גאר נאענט ביי דער עסטאנסיע, איז געווען אן אלטער גלח מיט א גראבן שטעקן אין דער האנט. אויף זיין נאז האט ער געטראגן אלט־מאדישע מוראדיק גרויסע ברילן און געגאנגען איז ער אויפן וועג מיט פארזיכטיקע טריט און עס האט אויסגעזען, אזוי ווי ער וואלט עפעס אויף דער גאס געזוכט, ווייל געקוקט האט ער אראפ צו דער ערד. אונדזער שאפער האט מיט גרויס יראת־הכבוד געגריסט דעם גלח, אויך בערענזאן האט אראפגענומען זיין פאנאמא־הוט און מיט איר א וואונק געטון פריינטליך דעם אלטן, וועלכער האט זיך תיכף אומגעדרייט און אנגעהויבן שפא־נען צוריק צו דעם שוין נאענטן וואוין־הויז. מיר זענען באלד צוגע־פארן צו א שיינער, ווייס געפארבטער, הילצערנער געביידע, וועלכע איז

געשטאנען אין א פראכטפולן, שאטנדיקן גארטן, ארומגעצוימט מיט א הויכן דראטענעם פלויט.ביים ארייגאנג איז געשטאנען מיט א זונען־שירעם אין דער האנט א שווארץ־האריקע, אביסל דיקלעכע דאמע מיט וואונדער־שיינע שווארצע אויגן, א פרוי אין מיטעלערע יארן און לעבן איר א שלאנקע, הויכע, ברונעטע מיידל אין א רייט־קאסטיום מיט אן עלעגאנטן בייטשל אין האנט. דאס זיינען געווען די פרוי און די טאכטער פון מיין שיפס־באקאנטן. בערענזאן האט מיך פארגעשטעלט די דאמען, וועלכע האבן מיך פריינטלעך באגריסט. אין דעם אויגענבליק איז צוגעקו־מען צו דעם טויער דער אלטער גלח מיט די גרויסע ברילן. אויך אים האט מען מיר פארגעשטעלט און מיר זיינען אלע אריין אין הויז.

א געל־שווארצער פעאן האט מיך ארויפגעפירט אין ערשטן גארן אין מיין צימער, וואו איך האב זיך אביסל אפגעוואשן פונעם שטויב פון וועג און איבערגעטון. פאר מיר איז שוין געווארן קלאר די טראגעדיע פון מיין בעל־דבר: די פרוי זיינע איז באשטימט געווען א קריסטלעכע און ער, בער־ענזאן, איז ער געבליבן א ייד אדער זיך געשמדט? די אנוועזנהייט פונעם אלטן גלח אין שטוב איז געווען גענוג פארדעכטיקט. מיר האט שוין אנגע־הויבן צו פארדריסן די גאנצע אוואנטורע: וועלכע גוטע יאר האבן מיך פארשלעפט אין עק וועלט אין הויז פון א משומד, וואס וועל איך דא טון צווישן די גוים אין א ווייטער עסטאנסיע אין פערו גאנצע צוויי וואכן, וואס פאר א מגע־ומשע האב איך מיט די דאזיקע ווילד־פרעמדע מענטשן?..

איך וועל זייט מיין לעבן נישט פארגעסן דאס בילד, וואס האט זיך אנטפלעקט פאר מיינע אויגן, ווען איך בין אראפ אונטן און דערזע: די גאנצע משפחה — בערענזאן, זיין פרוי און טאכטער און צוויי שוין דער־וואקסענע בחורים ביים שיין געדעקטן טיי־טיש און אין ווינקל פון צימער אויף א סאפא צוויי זקנים — דעם אלטן גלח און א גרויען אלטן יידן מיט א ווייסער, פאטריארכאלער בארד מיט א ספר, נישט מיט א בוך, נאר מאקע מיט א ספר אין דער האנט. דער איינבונד איז געווען א לעדערנער, מאסיווער און נאך אים האב איך דערקענט, אז דער יידישער זקן האלט אין דער האנט איינעם פון די ספרים, וואס מען טרעפט זיי נאר אין די אלטע שרענק פונעם פארגאנגענעם דור... איך בין געבליבן שטיין נישט וויסנדיק, וואס זאל איך טון, דאס גאנצע בילד איז געווען אויסטערליש־פאנטאסטיש, דער דאזיקער געמיש פון גוים און יידן אין איין משפחה אלע צוזאמען אין איין צימער, אין א ווייטער מדינה ערגעץ, אין די הרי־חושך אין די קארדיליערן. בערענזאנס זין האבן אויסגעזען, ווי אמתע יידי־שע בחורים פון פוילן אדער ליטע, נאר אין ווייסע טראפישע אנצוגן. זיין

טאַכטער אין איר רייט־קאָסטיום האָט ראַקעגן אויסגעזען, ווי אַ עלעגאַנטע גויאישע מיידל און איז געווען אַ קאָפּיע פון איר מוטער. דער גלח מיט דעם יידישן פּאַטריאַרך — מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איך שלאָף נאָר און זע אַלץ אין חלום, ווען דער אַלטער ייד וואָלט זיך נישט אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ און נישט דערלאַנגט מיר זיין האַרטע האַנט מיט אַ שטילן ליטווישן „שלום עליכם". ווי אין נעפּל האָב איך אים געענטפערט, איך געדענק שוין נישט וואָס, ווייל איך בין געווען פּשוט מטושטש און צעטומלט פון דעם, וואָס איך האָב אָנגעטראָפן אינעם צימער. דער אַלמיטשקער האָט זיך צוריקגעזעצט אין זיין ווינקל, דער אַלטער גלח איז צוגעקומען צום טיש און מיר זיינען געזעסן און געשמועסט אַלע צוזאַמען איבער אַלץ אין דער וועלט חוץ דעם, וואָס איז, ווי אַ שווערע לאַסט, געהאַנגען איבער אַלע אין שטוב און געדריקט אונדזערע נשמות. בערענזאָן האָט געשפּילט די ראָלע פונעם איבערזעצער, ווייל איך האָב געקענט נאָר אַ פּאָר שפּאַנישע ווערטער און געמוזט רעדן רוסיש. אָבער דער אומעט איז די גאַנצע צייט געלעגן אויף זיין פּנים און די גאַנצע צייט האָט ער געוואָרפן בליקן אַהין אין ווינקל, וואו זיין אַלטער טאַטע איז געזעסן פאַרטיפט אין זיין ספר...

עס איז געווען אַ הייסע, מוראדיק דושנע טראָפּישע נאַכט, איינע פון די נעכט אין זיד־אַמעריקע לעבן דעם עקוואַטאָר, ווען מען קען בשום אופן נישט איינשלאָפן און עס ציט אייך דרויסן־אַרויס פון שלאָף־צימער, זוכן אַביסל פרישע לופט אָדער אַ מחיהדיקן ווינטל. איך בין אַראָפּ פונעם ערשטן גאָרן און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ליג־שטול אויף דער וועראַנדע פאַרן הויז. עס איז געווען מאָדנע שטיל, די לופט האָט זיך אינעם גאָרטן אַרום מיר נישט באַוועגט. אויבן איבער מיין קאָפּ האָבן געלויכטן מיליאָנען שטערן, ווייטע אומבאַקאַנטע וועלטן אין דער ענדלאָזיקייט האָבן מאַרשירט אויף זייערע פון דער אייביקייט פאַרגעשריבענע וועגן. איך בין געלעגן שטיל, אומבאַוועגלעך נישט וועלנדיק שטערן די געטלעכע שטילקייט אַרום מיר. און פּלוצלינג איז פאַר מיר אַרויסגעוואַקסן אַ גרויסער שאָטן. איך בין אין שרעק אויפגעשפּרונגען און דערזען פאַר מיר מיין נייעם פריינט בערענזאָן. זיין ברייטער פּנים איז געווען בלאַס, די קודלאַטע האָר זיינען אין אומאָרדנונג געלעגן צעשויבערט אויפן קאָפּ און די פינגער האָבן נערוועז געשפּילט מיטן גאַרטל פון זיין נאַכט־כאַלאַט. ער האָט זיך שווער אַנידערגעזעצט אויף אַ שטול נעבן מיר און אַ לאַנגע צייט געשוויגן. איך האָב אָבער געפילט, אַז באַלד וועט דער צוריקגעהאַלטענער, צוגעקנעפּלטער כאַאָס אָנהויבן רעדן און וועט ווערן פאַר מיר אַביסל דערלייכטערן זיין

הארץ. איך האָב זיך רואיק ווידער צוריקגעלייגט אויף דער ליג־שטול, פאַרויכערט אַ ציגאַרעטל און געוואַרט.

— איך האָב געזען אייער פּנים, ווען איר זייט אַריין אין צימער און דערזען מיין משפּחה, האָט בערענזאָן אָנגעהויבן צו רעדן און נערוועז גע־שפּיליעט וויטער זיין גאַרטל, עס האָט אייך אויסגעזען מאָדנע דער צו־זאַמענשטעל פון מיין פאַמיליע. ווי איר זעט מיך איצט, בין איך דער אומ־גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט. איך האָב כמעט 20 יאָר גליקלעך געלעבט מיט מיין פאַמיליע דאָ אין מדבר פון פּערו. נאָך אַלס יונגער מענטש האָב איך פון רוסלאַנד אויסגעוואַנדערט אַהער, באַקאַנט געוואָרן מיט מיין איצטיקער פרוי. זי איז, ווי איר פאַרשטייט אַליין, אַ קריסטן און דער אַלטער גלח, וועלכן איר האָט געזען, איז מיין שוואָגער, מיין פרוים ברודער, אָבער ביידע, מיין פרוי און איר ברודער זיינען פיינע, טאָלעראַנטע מענטשן און קיינמאָל אין משך פון די יאָרן איז ביי אונדז נישט פאָרגע־קומען קיין שום סכסוך וועגן רעליגיע. איך בין געבליבן אַ ייד, מיין פרוי איז געבליבן קאַטוילּיש. אַזעלכע שידוכים געפינט איר אין די היגע לענדער אויף יעדן שריט, בפרט אין די וויטע מקומות, וואו עס איז נישטאָ קיין יידישע ישובים. דורך מיין פרוים משפּחה האָב איך באַקומען מיין שטעלע און איך האָב געלעבט רואיק און גליקלעך... די קינדער זיינען געוואַקסן אונטער מיין פרוים אויפזיכט, איך פלעג אַפילו אָפט טראַכטן, אַז מען דאַרף ווייניקסטנס די זין דערקלערן זייער אָפּשטאַם, נאָר איך האָב שטענ־דיק אָפּגעלייגט פון טאָג צו טאָג און אַזוי זיינען פאַרגאַנגען די יאָרן. ווער אינטערעסירט זיך דאָ אין די פאַרוואָרפענע ווינקעלעך פון דער וועלט פאַר רעליגיעזע פראַגן? פּערו איז אַ פרייע, ליבעראַלע לאַנד געווען און יענעמס רעליגיע האָט קיינעם נישט געאַרט. איך אַליין האָב געפילט, אַז מיין יידישקייט ווערט פאַרשוואונדן ערגיץ וואו אינעם נעפּל פון דעם וויטן עבר . . .

„היטלער האָט נישט נאָר אין דייטשלאַנד געמאַכט אַ רעוואָלוציע, נאָר זיין פּראָפּאַגאַנדע קעגן יידן איז אויך אַהער קיין פּערו, אַפילו צו אונדז אין מדבר, דערגאַנגען. ביי מיר אין שטוב האָט מען אָנגעהויבן צו דיסקו־טירן איבער דער יידן־פראַגע און שטעלט אייך פאָר מיין שרעק און אומ־גליק, אַז איך האָב דערהערט אַמאָל ביי אַ דיסקוסיע ביי מיר אין שטוב די מיינונג פון מיינע קינדער: זיי זיינען פאַרברענטע אַנטיסעמיטן געוואָרן. ערגעצוואו, אין זייער קלוב אָדער אין דער שולע, האָט מען זייערע נשמות פאַרסמט. די קינדער האָבן נישט געוואוסט, אַז זייער פאָטער איז אַ ייד, זיי האָבן אַלעמען דערציילט, אַז איך בין אַן אַמעריקאַנער. און דאָ איז

אָנגעקומען פון רוסלאַנד אַ ידיעה, אַז מיין מוטער איז געשטאָרבן און אַז מיין פאָטער איז געבליבן איינער אַליין, אַלט, קראַנק און הילפסלאָז. איך האָב באַשלאָסן אים אַריבערצונעמען אַהער צו מיר. ערשט איצט האָבן זיך אָנגעהויבן מיינע צרות...

„איר קענט זיך פאָרשטעלן די געפילן פון מיין אַלטן טאַטן, אַז ער איז אַראָפּגעקומען אַהער און דערזען די משפחה: די שנור די גויה, די ניט־געמלטע אייניקלעך, דעם שוואָגער זיין מחותן דעם אַלטן גלח, וואָס וואוינט שוין זינט יאָרן ביי מיר אין שטוב, בכלל די גאַנצע סביבה ביי מיר אויף דער עסטאַנסיע, נאָך זיין קליין ליטווישער שטעטל, וואו ר'האָט פאַרבראַכט אפשר זעכציק יאָר! צום גליק פאַרשטייט ער נישט קיין וואָרט שפּאַניש און ווייס נישט, וואָס מיינע קינדער רעדן פון יידן. פאַר זיי איז דאָס קר־מען פונעם זיידן אַן אַלטן יידן מיט אַ גרויער באָרד אויך געווען אַ היפּשער קלאַפּ. איצט קענט איר פאַרשטיין דעם גיהנום ביי מיר אין שטוב: דער טאַטע מיינער עסט נאַטירלעך ביי מיר קיין פלייש נישט, איך האָב געמוזט קויפן פאַר אים אַ באַזונדער געשיר, ווייל ער עסט נאָר מילכיקס, אַפילו קיין ברויט וויל ער נישט עסן. פסח איז ער שיעור נישט געשטאָרבן פון הונגער. איך האָב ספּעציעל פון לימאַ אַראָפּגעבראַכט אביסל מצה און ער האָט געפּראַוועט די סדרים איינער אַליין אין זיין צימער; מיך האָט ער צו זיך די גאַנצע אַכט טאָג נישט אַריינגעלאָזט. ער רעדט מיט מיר כמעט נישט, איז שטענדיק פאַרטיפט אין זיינע ספרים, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט. ער פאַרלאַנגט פון מיר אַז כ'זאָל מל'ן די ייִנגלעך. גיי דערצייל אים די ריכטיקע לאַגע און דערקלער אים אַז דאָס איז איצט נישט מעגלעך. אַז זיי זיינען שוין דערוואַקסענע מענטשן און האָבן שוין זייערע מיינונגען...

„איך טראַכט אָפט, ווען מיין פאָטער וואָלט איצט געשטאָרבן, וואָלט זיך די לאַגע ביי מיר ווייניק געענדערט. די לופט איז שוין פאַרסמט און צווישן מיר און מיינע קינדער ליגט שוין אַ תהום. אויך מיין פרוי איז מיר געוואָרן פרעמד. איך קוק אויף מיין אַלטן טאַטן און בין אים מקנא פאַר זיין שטאָלץ, זיין טרייע איבערגעבנקייט צו זיין אמונה, צו זיין פאָלק. וואָס בין איך? אַ ייד? וואָס בינדט מיך מיטן יידנטום, חוץ מיין אָפּשטאַם? מיין פאַמיליע, ווייב און קינדער, זיינען גוים גמורים, אַפילו אַנטיסעמיטן, ביי מיר איז חוץ מיין אַלטן יידישן פאָטער, אין דער גאַנצער שטוב נישטאָ קיין יידישער אות, קיין מינדסטער זכר פון יידישקייט. אַ גוי בין איך אויך נישט, ווייל וואָס האָב איך געמיינזאַם מיט די אַרומיקע גוים, זייערע ימים־טובים, חגאות, מנהגים, שמחות, ווען איך פיל, אַז דאָס האַרץ צערייסט זיך פון ווייטיק און צער, ביים לייענען די צייטונגען וועגן היטלערס מעשים

קענן מיינע ברידער... איך בין נישט קיין ייד און נישט קיין גוי, איך בין אַ טרוקן בלעטעלע פון אַ בוים, וואָס דער האַרבסט־ווינט טראָגט עס אַרום אין דער לופט... גלויבט מיר, אַז איך בין מקנא, נישט נאָר מיין אַלטן, קראַנקן, איינזאַמען, אומגליקלעכן פאָטער, נאָר אַפילו דער לעצטער אָפּ־געריסענער פּעאָן אויף מיין פּלאַנטאַציע איז גליקלעכער פאַר מיר"...

אַ ווייסע געשטאַלט האָט זיך באַוויזן אויף דער וועראַנדע — דאָס איז געווען בערענזאָנס פרוי, וועלכע איז שוין געוואָרן אומרואיק און גע־קומען אים זוכן. בערענזאָן האָט מיר אַ וואונק געטון מיט דער האַנט און אין דער טונקלקייט צוזאַמען מיט זיין פרוי פאַרשוואונדן. איך בין גע־בליבן אַליין אויף דער טעראַסע. אויבן אויף דעם הימל־פירמאַמענט האָבן זיך שוין אָנגעהויבן פאַרלעשן די אייביקע לעמפּלעך. אַ גרויער וואָלקן האָט ביסלעכווייז פאַרדעקט די שטערן, וואָס האָבן די גאַנצע צייט צו מיר געוואונקען פון די ווייטע הויכקייטן. די בלייכע לבנה איז געוואָרן נאָך בלאַסער — דער טראָפּישער פרימאָרגן האָט זיך דערנענטערט און אָנגע־הויבן פאַריאָגן די שאָטנס פון דער נאַכט. איך האָב באַשלאָסן שוין דעם נעקסטן טאָג צו פאַרלאָזן די גאַסטפריינדלעכע עסטאַנסיע און דעם אומ־גליקלעכן בערנזאָן. וואָס האָב איך, דער יידישער נע־ונדניק, געקענט העלפן דעם מענטשן וואָס האָט זיך אַליין אויסגעשמידט זיין גורל און ווערט דערשטיקט אין די לאַפּעס פונעם לעבן, וואָס איז שטאַרקער פון אים? זאָל איך אים געבן אַן עצה צו באַגיין זעלבסטמאָרד? און וואָס וועט ווערן פון זיין אַלטן טאַטן אינעם פערוואָנער מדבר? און איז זעלבסטמאָרד בכלל אַ תשובה אויף די האַרבע קשיות פון אונדזער לעבן?

דעם נעקסטן טאָג בין איך שוין געזעסן אינעם פאַרשטויבטן אויטאָ און אַ יונגער, פריילעכער שייגעץ האָט מיך אַוועקגעפירט פון דעם הויז, וואו איך האָב געלאָזט צוויי צאַפּלדיקע יידישע נשמות אין זייער טיפן צער, קעגן וועלכן עס איז נישטאָ קיין רפואה.

7

א פארוואָגלטע נשמה

(א באַגעגעניש אין א טשילענער זומער־נאַכט)

ווער ס'איז אמאָל געווען אין וואַלפּאַראַיסאָ, דער הויפּט־פּאָרט פון דער טשילענישער רעפּובליק, דער וועט זיין לעבן לאַנג די דאָזיקע וואונדערשיינע שטאָט מיט איר פּאַנאָראַמע צום פּאַציפישן ים קיינמאָל נישט פאַרגעסן. די שטאָט טיילט זיך אין צוויי טיילן. די אונטערשטע טייל שטאָט איז ענלעך צו אלע אַנדערע זיד־אַמעריקאַנער שטעט: א גאַנצע רייע „פּלאַסאַס", פאַרשידענע רעגירונגס־געביידעס, פּאַלאַצן פון די בענק און פון די גרעסערע האַנדלס־פירמעס, ווייל וואַלפּאַראַיסאָ איז א וויכטיקער האַפן, דער גרעסטער און רייכסטער פּאָרט אויפן גאַנצן ברעג פון פּאַציפיק, פון פּאַנאַמאַ ביז טשילע. א גרויסע צאָל סקלאַדן, דעפּאָזיטן פון כל המיני סחורות ציען זיך פּאַראַלעל דעם ים־ברעג, גרויסע אויפשריפטן אויף דייטש, ענגליש, פראַנצויזיש און איטאַליעניש ווייזן אָן, אַז דער האַנדל איז צום גרעסטן טייל קאָנצענטרירט אין אויסלענדישע הענט. בכלל איז דער טייל פון וואַלפּאַראַיסאָ ווייניק אינטערעסאַנט פאַר דעם טוריסט. עס איז א האַנדלספּאָרט, ווי הונדערטער אַנדערע אויף אלע ימים, און נאָר דער אויסערגעוויינלעך בלויער הימל איבערן קאָפּ, די עקזאָטישע פייגל, וועלכע טראָגן זיך אין דער לופט מיט זייערע ווילדע געשרייען, דער ווייטער האָריזאָנט פונעם פּאַציפיק און די קללות און זידלערייען פון די אַרבעטער אין פּאָרט אויף זייער אביסל זינגענדיקן שפּאַניש, — דאָס אַליין דערמאָנט אייך, אַז איר זענט נישט אין מאַרסעל אָדער האַמבורג, נאָר אין דער ווייטער מדינה טשילע, אין דער מלוכה, וועלכע די טשילענער אַליין רופן „דער לעצטער ווינקל פון דער וועלט".

דער אויבערשטער טייל פון וואלפאראיסא האט גאר ווייניק שייכות מיט דער אונטערשטער שטאט. אונטן ליגט די שטאט פון די „גרינגאס”, פון די אויסלענדער, פון די רייכע עקספארטערן, האנדלס־אגענטן, באנקירן, קאנסולן; דארט זיינען קאנצענטרירט די פארגעניגנס־אנשטאלטן, קאבא־רעטן, לוקסוס־האטעלן, קאפע־הייזער, טעאטערן, קינאס און אנדערע ערטער, וואו מען קען אויסגעבן געלט. אויבן איז די שטאט פון די טשילענער, פונעם פאלק, פון דעם קליינעם מענטשן, פונעם ארבעטער, פון די, וועלכע גייען יעדן טאג פון אויבן אראפ צום פארט, צו די פאבריקן, סקלאדן און קאנטארן צו דער טעגלעכער, שווערער ארבעט. די אויבערשטע שטאט ליגט אויף סקאלעס, קליינע בערג, וועלכע הויבן זיך אויף בהדרגה־דיק ביז צום שפיץ פון א גרויסן בארג, וועלכער הערשט איבער גאנץ וואלפאראיסא. צו די גאסן פון דער אויבערשטער שטאט פירט נישט קיין טראמוויי אדער אויטאבוסן, נאר „אסענסארן”. א גאנצע סיסטעם פון קלעטקעס, אין וועלכע די מענטשן גייען אריין און די מאשינען הויבן זיי אויף צו פארשיידענע הויכן. אויבן אויף דעם העכסטן שטאק, גאר נאענט צום שפיץ פון בארג, אנטפלעקט זיך איינע פון די וואונדערבארסטע פאנאראמען אין דער וועלט. נאר די פאנאראמע פון דעם פאנטאסטישן ריא דע זשאנעירא קען זיך פארגלייכן מיט דער שיינקייט פון דעם בילד פון דעם נאכט־וואלפא־ראיסא אויבן, אויפן העכסטן פונקט פון דער אויבערשטער שטאט. ביינאכט ווירקט די פאנאראמע, ווי א פארחלומטער, פארצויבערטער שלאס אין א קינדער־מעשהלע. ביסלעכווייז צינדן זיך אן די ליכטער אין די הייזער, וועלכע באדעקן אלע בערג און סקאלעס פון וואלפאראיסא. די אונטערשטע שטאט פלאקערט אינעם פייער פון אירע טעאטערן, קינאס, רעקלאמע־ליכטער און אירע וואוין־הייזער. ווייט אין פארט ברענען די לאמפן אויף די שיפן און ווינקען מיט זייערע פארביקע אויגן צו די לייכט־טורעמס אין ווייטן אקעאן. אט דער גאנצער ים פון פייער און ליכטער ליגט צו אייערע פיס און איר פילט זיך געהויבן — שטאלץ און פארוואָרפן — ווייט פון אלע אייערע טאג־דאגות, לעבנס־צרות, קליינע פערזענלעכע ענינים און עס ווילט זיך גארנישט אוועקגיין פון דעם דאזיקן פאנטאסטישן בילד פון דער נאטור. עס ווילט זיך זיצן און ווייטער חלומען און זיך אריבערטראגן אין דעם עולם־הדמיון, ווייט פון דער טרוקענער, רעאלער ווירקלעכקייט...

אין א זומער־נאכט בין איך ספעציעל געקומען פון וויניא דעל מאר קיין וואלפאראיסא. ווינייא איז א בארימטער טשילענער קוראָרט, א „באל־נעאריא” ביים פאציפישן אקעאן, בארימט דורך זיין שיינקייט און מילדער לופט און נאך מער דורך זיין שפיל־קאזינא, וואו טויזנטער מענטשן קומען

פון אלע עקן פון אמעריקאנער קאנטינענט שפילן רולעטע און בכלל לעבן א גוטן טאג, ווייל די טשילענער פרויען האבן א שם אלס די שענסטע און די „ליבעראלסטע" פון גאנץ זיד־אמעריקע. איך בין אנטלאפן פון ווינא דעל מאר, וואו דער טומל האט שוין דערגרייכט די העכסטע מדרגה, אנט־לאפן צום נאענטן וואלפאראיסא, צו זיינע בערג און שטילע נעכט, צו די מיסטישע ליכטער אונטן, צו די געהיימניספולע פייערן פון די טורעמס אינמיטן ים, צו די ליכטיקע שטערנס, וועלכע גלאנצן אויבן גאר אנדערש, ווי אינעם פריילעכן, זארגלאזן וועלט־קוראָרט ווינא. איך האב זיך אוועק־געזעצט אויף א באנק גאנץ הויך אויפן שפיץ, פארויכערט א ציגארעטל און נעקוקט אויף דעם צויבער פון דער פאנאראמע.

איך האב גארנישט באמערקט, אז אויף דערזעלבער באנק זיצט נאך א מענטש. אויבן איז געווען גאנץ פינצטערלעך און נארביים ליכט פון דעם שוועבעלע ביים אנצינדן דאס ציגארעטל האב איך באמערקט א געשמאלט. מיין שכן האט אויך ארויסגענומען א דיקן, שווארצן ציגאר און געבעטן ביי מיר א שוועבעלע אויף שפאניש מיט א הארטן אקצענט פון א דייטש אדער א רוס. ביים ליכט פון דעם צווייטן שוועבעלע האב איך דערזען דאס פנים פון דעם מענטשן — א פרצוף פון א יידן אין מיטעלע יארן מיט א קליין בערדל און דינע, שווארצע וואנצעס. עס איז מיר געווארן אביסל לייכטער אויפן הארצן, ווייל אויבן אין וואלפאראיסא קען מען ביינאכט אויך טרעפן איינעם פון די טשילענער „ראטאס" (אפגעריסענע), וועלכע קענען אייך באראבעווען פון קאפ ביז פוס און געבן אלס צוגאב אמאל א מעסערל אויך. דער „פאקאן" (מעסער) ביים „ראטא" ליגט געווי אזוי לייכט אין גארטל, ווי ביי זיין ארגענטינער „לינדזשערא" אדער שיכורן „גאו־טשא". אבער פאר א יידן האב איך קיינמאל נישט מורא געהאט: די מעשה מיטן יידישן גזלן, וואס בעט נאך לאנגע דראונגען א שמעק טאבאק, גע־דענק איך שטענדיק. איך האב זיך דעריבער אביסל צוגעקוקט צו מיין שכן אויף דער באנק און פארפירט מיט אים א שמועס.

„איר זענט אויך געקומען אהער ארויף דעם בארג, האט אנגעהויבן דער ייד אויף אן איינגנארטיקן דייטש־יידיש דעם „שמועס". מיר דוכט, אז איך האב אייך שוין א פאר מאל דא געזען אין וואלפאראיסא און אין אייך תיכף דערקענט א יידן. וואס זאגט איר צו דעם דאזיקן גאטס־וואונ־דער, צו דער פרעכטיקער פאנאראמע? גיט א קוק אויף די שטערן, אט איז דער „צלם פון דרום" און אט איז דער שטערן, וואס האט אנגעזאגט יעזו־סעס געבורט און געפירט די ערשטע קריסטן קיין בעטלעם"...

די ווערטער פון דעם יידן האבן מיך פארינטערעסירט אין העכסטער

מאס. נישט אלע טאג זיצט מען אין וואלפאראיסא שפעט ביינאכט אויפן שפיץ פון א בארג און מען טרעפט א יידן, א וועלט־פרעמדן יידישן מענטשן, וועלכער רעדט פון ישוע הנוצרים שטערן. עפעס אן אייגנארטיקע מיסטיק איז געלעגן אין די רייד פון דעם אומבאקאנטן מענטשן און אפשר איז שולדיק געווען אין דער שטימונג די סביבה, די נאכט, די ליכטער אונטן און די מיליאנען שטערן אויבן איבער אונדזערע קעפ?

„גלויבט איר דען אין דער לעגענדע פונעם מיסטישן שטערן, וואס האט געפירט צו קריסטוסעס וויגעלע? איר זייט דאך א ייד, דוכט מיר", האב איך אים געענטפערט.

„אוודאי בין איך א ייד, האט מיר דער אומבאקאנטער געענטפערט, איך בין אן אונגארישער ייד און געלערנט אין חדר, ישיבה און שפעטער סעמינאר. נו, אז איך בין א ייד, קען איך נישט גלויבן, אז א שטערן האט אנגעוויזן דעם וועג קיין בעטלעם צו דעם געטלעכן קינד? ישוע איז דאך אויך א יידיש קינד געווען"...

איך האב ארויסגענומען מיינע שוועבעלעך און אן צערעמאניעם באלויכטן העל דאס פנים פון מיין בעל־דבר. איך האב דערזען א טיפיש יידישן געזיכט, דאס בערדל מיט די וואנסעס האבן נאך מער פארשטארקט דעם איינדרוק פון זיין יידישן אפשטאם. אויך די אויגן שווארצע, אומעטיקע, זיינען געווען אונדזערע יידישע אויגן מיט זייער טויזנט־יעריקן טרויער . . .

„אלזא זענט איר א משומד, האב איך אים אן לאנגע שהיות הארט אין פנים געווארפן. וואס טענהט איר, אז איר זיינט א ייד? אזוינע ווי איר האב איך געטראפן גענוג, איר האט זיך מסתמא געשמדט צוליב א ווייבע, א פרוי, אדער געשעפט. וואס דרייט איר מיר א קאפ מיט מיסטישע שטערנס, מיט ישועס וויגעלע, וואס האט איר א געוועזענער ייד א משומד מיט די אלע לעגענדעס? אפשר ווילט איר מיר איינרעדן, אז איר האט זיך געטויפט פון איבערצייגונג? און וואס פאר א סעמינאר האט איר פריער דערמאנט, ראבינער־סעמינאר?..."

„איך זע, אז איר זענט א פאנאטיקער און פארמאגט נישט קיין שפור פון טאלעראנץ. איך דערקלער אייך, אז איך בין א ייד, א קריסטלעכער ייד, אבער א ייד בין איך געבליבן. וואס ווילט איר, אז איך זאל אפהיטן די תרי"ג מצוות? און איר היט זיי אפ? און געשמדט האב איך זיך נישט, נאר אנגעשלאסן זיך אן דערווירקלעכער, אמתער אמונה פון ישוע הנוצרי, וואס איז אויך געבליבן ביז זיין טויט אן אמתער ייד. שטודירט האב איך

נישט אין ראבינער־סעמינאר, נאר אין סעמינאר אין לאנדאן ביי די מי־סיאנערן."

„אלזא זענט איר א מיסיאנער, דאס האב איך שוין פריער זיך משער געווען. לאזט אלזא אייער „מיסטיק" אין רו און זאגט מיר בעסער, ווי גייט דאס געשעפט, די „ביזנעס" פון כאפן נשמות? ווייל אומזיסט האט מען אייך דא מסתמא דארט אין לאנדאן נישט געלערנט און געשפייזט. דערפאר פארלאנגט מען ארבעט."

„דאס וואס איר רופט אן ביזנעס, געשעפט, דאס איז ביי מיר א הייליקע מיסיע, א לעבנס־שליחות. קיין נשמות כאפ איך נישט, נאר גיב צו פארשטיין דעם אמת. נישט אלע זיינען אזוינע פאנאטיקער, ווי איר. עס זיינען פאראן פיל מענטשן, וואס הערן זיך צו צו מיינע רייד און פילן, אז איך וויַיז זיי דעם אמתן וועג. אבער עס זיינען איצט פאר אונדז זייער שלעכטע צייטן. היטלער דער רשע האט מיט זיינע ראסן־טעאריעס אנגע־מאכט א בלבול־המוחות. ער איז נישט נאר א שונא היהודים, ער איז אויך א שונא פונעם קריסטנטום. דער עולם הערט זיך איצט ווייניק צו צו אונ־דזערע ווערטער, די יידן זיינען פרומער געווארן און אפילו אסימילאטארן און משומדים גייען צוריק צום יידנטום, אפשר זיינען זיי גערעכט..."

די לעצטע ווערטער האט דער אומבאקאנטער ארויסגערעדט זייער שטיל, מיט א לייכטן זיפץ. איך האב דערשפירט א פארבארגענע דראמע אין דער נשמה פון דעם מענטשן, פון דעם ארימען, קליינעם אונגארישן יידן, וועמען דער גורל האט אריינגעווארפן אין די הענט פון די לאנדאנער נשמה־כאפערס און געמאכט א תל פון זיין לעבן. איך האב פארלוירן מיין גאנצע פאראכטונג און שנאה צו דעם קליינעם „קריסטלעכן ייד" און מי־סיאנער. אין דער מינוט האב איך געפילט נאר א טיפן רחמנות צו דעם פארוואגלטן, איינזאמען מענטשן אין דער ווייטער טשילע מיט זיין נעבעכ־דיקער, ביטערער „פרנסה". קיין בעל־תשובה האב איך נישט געזען פאר מיינע אויגן נאר געפילט האב איך אין זיין שטילן זיפץ, אז אין דער טי־פעניש פון זיין נשמה האט ער אפט, ווען ער בלייבט אליין מיט זיך אין זיינע אומעטיקע געדאנקען, חרטה אויף דעם פאטאלן שריט, וואס ער האט געמאכט אין לאנדאן. ער האט אויסגעזען נישט ווי א מענטש, וואס דער־פילט מיט שמחה און חשק זיין שליחות, נאר ווי א צעבראכענע, אומעטי־קע, האפנונגסלאזע קליינע באשעפעניש, וואס געפינט קיין פלאץ נישט אויף גאטס וועלט...

איך האב נישט געוואלט נאכגעבן מיין רחמנות־געפיל און אויס־שטרעקן די האנט דעם ארימען נפש, וואס איז געזעסן נעבן מיר. צו עקל־

דיק איז מיר געווען זיין פּרנסה און איך האָב מורא געהאַט, אַז ביי העלער ליכט וועל איך דעם פּאַרשוין דערזען אין אַנדערע פאַרבן. איך האָב אים קאַלט געגריסט און איבערגעלאָזט אויבן אויף דער באַנק מיט זיינע חלו־מות, געדאַנקען, טרויעריקע חרטה־געפילן און נאַרישער צוקונפט. איך בין לאַנגזאַם אַראָפּ פון באַרג צוריק צו רעאַלע מענטשן, צו דער טרוקענער ווירקלעכקייט. די באַגעגעניש אויבן אויף דעם באַרג אין וואַלפּאַראַיסאָ האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, ווי אַ טרוים אין אַ זומער־נאַכט. און זייער שנעל האָט מיך אַרומגענומען דאָס רוישיקע לעבן אונטן, און דער געשפּענסט פונעם באַרג איז פאַרשוואונדן אינעם נעפּל פון דער פאַרגאַנגענהייט...

8

דער האַמלעט פֿון טשאַקאָ

עס איז שטאָק־פֿינצטער. ווי אין אַלע טראָפּישע לענדער איז אויך דאָ נישטאָ דער לאַנגזאַמער איבערגאַנג פֿון טאָג צו נאַכט, די בין־השמשות־דעמערונג, ווען דער הימל ווערט ביסלעכווייז גרויער, טונקעלער און איינער נאָך דעם אַנדערן צינדן זיך אָן אויבן אויף דעם פֿירמאַמענט די בלאַסע לעמפּלעך פֿון די שטערן, און פֿון די וואָלקנס גייט אַרויס לאַנגזאַם־מאַיעסטעטיש די גרויסע לינטערנע — די פֿולע קיילעכדיקע לבנה. דאָ אין טשאַקאָ איז עס אַנדערש. אָט איז געווען העל־ליכטיק און פּלוצים ווערט מיטאַמאָל חושך־מצרים. ערשט ביסלעכווייז געוואוינט זיך צו דאָס אויג צו דער פֿינצטערניש און עס הויבן אָן בלישטשען די ווינקענדיקע פֿייערלעך פֿון די שטערן.

אין דער ברייטקייט פֿון די פֿעלדער, צווישן די נידעריקע, שיטערע ביימער אויף דעם וועג, גייען מיר ביידע אַביסל פֿאַרטראַכט און זוכן כאָטש אַ לייכט ווינטעלע, וועלכער זאָל אונדז אָפּפֿרישן נאָך דער אומדערטרעגלעכער היץ פֿון דעם פֿאַרגאַנגענעם טאָג. ער, מיין באַגלייטער, אַ תּושב, אַ געוועזענער היגער קאָלאָניסט, היינט אַ סוחר מיט צוויי קראָמען, אַ ייד פֿון אַ יאָר פֿופֿציק; קליין אָבער פֿעסט געבויט אויף שטאַרקע, אַביסל דיקע פֿיס, מאַרשירט לעבן מיר, סאָפּעט מיט זיין פּיפּקע, רויכערט און לאָזט אַרויס גאַנצע כוואַליעס פֿון רויך און שווייגט. איך אונטערברעך נישט די שטילקייט פֿון דער נאַכט. עס איז אַזוי רואיק אַרום אונדז, שטיל איז די לופֿט, מען הערט אַפֿילו ווייניק אונדזערע שריט אויף דער שטויביקער, האַרטער פֿעלד־סטעזשקע, וואָס שלענגלט זיך זיג־זאַגיק צווישן דער ביימער־אַליי. עס איז שוואַרץ־פֿינצטער. נאָר אונדזערע גרוי־טראָפּישע אַנציגן קומען אויס מאָדנע ווייס־פֿלעקיק אין דער שוואַרצקייט פֿון דער נאַכט

און רויטלעך שימערן די פייערלעך פון מיין פאפיראס און זיין פיפקע. איך שווייג אויך און ווארט. איך ווייס, אז מיין באגלייטער וויל און מוז מיר עפעס דערציילן. עפעס שטיקט אים און ווארגט אים, עס מוז פון אים ארויספלאצן. איך האב דאס שוין דעם גאנצן אוונט געפילט, ווען מיר זיינען געזעסן ביי אים אויף דער וועראנדע און געטרונקען, איך — קאלטע טיי, און ער — זיין טראדיציאנעלע ביטערע „מאטע”. ער איז געווען מאדנע שווייגנדיק בשעת איך האב אויף די נייגיריקע, אפט נאיווע פראגן פון זיין ווייב, דערציילט פון פאריזער לעבן, פון דעם ברויזנדיקן רויש פון די גרויסע אייראפעאישע שטעט און זייערע אייביקע קאמפן. איך האב אבער געפילט, אז טיף ביי אים אין הארצן און אין קאפ זאמלט זיך עפעס אזוינס, וואס איז ענלעך צו די אומזיכטבארע כוחות אין דער לופט פאר א געוויטער. עס איז שטיקיק־שווער און מוז אויפרייסן. און אז ער האט מיר פארגעשלאגן מאכן א „וואועלטע” איבער די פעלדער, האב איך צו־געשטימט מיט פארגעניגן; מיר איז שוין נמאס געווארן צו ענטפערן אויף די הונדערטער פראגן, וואס מען האט מיר געשטעלט דעם אוונט. איך האב שעהן־לאנג געמוזט שפילן די ראלע פון א מין ענציקלאפעדישן ווער־טערבוך, וואס מוז געבן א תירוץ אויף אלע קשיות — אפט נאריש־נא־איווע פון א תם, אדער עמי־הארצישע פון א שאינו יודע לשאול...

— איר האט אזוי אינטערעסאנט אונדז דערציילט פון דער „שטאט פון ליכט”, אייער פאריז, האט פלוצים אנגעהויבן צו רעדן מיין באגליי־טער און אנגעצונדן א שוועבעלע צו פארויכערן זיין פארלאשענע פיפקע, ווייסט איר, אז איך בין דארט געווען אמאל פאר 25 יאר גאנצע דריי וואכן. איר וועט זיך מסתמא וואונדערן, אז איך וועל אייך זאגן, אז איך, א יונגער בחור פון פינסק, דאס ערשטע מאל אין מיין לעבן אין דעם גרויסן פאריז, האב לחלוטין גארנישט געמערקט אט פון דעם וואונדערבארן, בא־צויבערנדן און ליכטיקן פאריז. כמעט דריי וואכן האב איך מיך ארומגע־דרייט אין די שמוציקע גאסן פון דעם פאריזער „פלעצל”, געלעבט דארט, ווי אויף די ווארשעווער נאלעווקעס, געאטעמט די יידישע לופט פון די געסלעך, קרעמלעך, שענקלעך פון אונדזערע פאריזער יידעלעך און אזוי אוועקגעפארן אהער קיין ארגענטינע, נישט זעענדיק, נישט הערנדיק פון דעם מיסטעריעזן פאריז, וועגן וועלכן איר קענט אזוי שיין דערציילן... לאכט נישט, ליבער דאקטאר, איבער אן אלטן, נארישן טשאקעניער יידל, וואס האט שוין כמעט פינף און צוואנציק יאר נישט געזען קיין לעבעדיקע וועלט, אפילו אין בוענאס איירעס בין איך פאר דער צייט געווען נאר איין מאל — נישטא קיין צייט און אפילו קיין חשק. לאכט נישט, אויב איך

וועל אייך זאָגן, אז קיין זאַך פאַרדריסט מיך נישט אזוי, אפילו מיין פאַר־שפּילטער לעבן, ווי דאָס, אז זייענדיק אין פאַריז, יונג, פריש, פול מיט האָפנונגען און אילוזיעס, אַ יונג מיט ביינער, אַ פייערדיקער בונדיסט, האָב איך אזוי נאַריש און נוצלאָז געפּטרט דריי וואָכן און גאָרנישט גע־זען, חוץ דעם אָבליגאַטן אייפל־טורעם. אפילו נישט געפּרואווט אַ בליק טון אין די טיפענישן פון דעם שיינעם לעבן אויף דעם מאָנפאַרנאַס אין מאָנמאַרטר, וועגן וועלכן איך האָב אַמאָל אין מיין ווייטער יוגנט געלעזן און וועגן וועלכן איר האָט אזוי היינט אינטערעסאַנט דערציילט. איר האָט אין מיר אויפגעוועקט אַ מאָדנע בענקעניש נאָך דעם אַנדערן, גרויסן, אפשר שווערן און טרויעריקן, אָבער אינטערעסאַנטן לעבן. דאָרט אויף די גרויסע שליאַכן פון דער וועלט.

„מה אנו ומה חיינו״ — דאָס קען איך זאָגן איבער מיר, האָט מיין יידעלע ווייטער אָנגעהויבן נאָך אַ פּאָר מינוט שווייגן, אויפהויבנדיק דעם קאָפּ אַרויף צו די ווייטע שטערנדלעך, וואָס האָבן זיך אַלץ מער און ענגער צעשיט אויף דעם שוואַרצן הימל. „יאָ, גיט אַ קוק אויף מיין לעבן דאָ. איך האָב מיך שוין ביסלעכווייז דערשלאָגן צו אַ היבש קאַפּיטאַל, האָב אַ אייגענע שטוב אָן חובות, האָב צוויי קראָמען, עס לייזט זיך גאַנץ שיין. איך האָב „געמאַכט אַ לעבן״ דאָ אין אַמעריקע. זאָגט מיר אָבער, וואָס האָב איך אָט פון דעם לעבן? אויפגעשטאַנען, אָפּגעגעסן, געהאַנדלט, נאָכמיטיק אַ „סיעסטאַ״ אויף דריי שעה שלאָפן, ווידער אַ „מאַטע״, ווידער צוגע־ביסן, אַביסל געאַרבעט, אָפּגעגעסן אָוונטברויט, און ווידער שלאָפן און שלאָפן. אָט אזוי זיינען פאַרגאַנגען גאַנצע פינף און צוואַנציק יאָר! 25 יאָר! דערמאָנט זיך, ליבער פריינט (דערלויבט מיר אייך אזוי צו רופן, דאָקטאָר, איר זיינט מיר היינט אזוי מאָדנע נאָענט), וואָס האָט זיך אַלץ אָפּגעטון פאַר דער צייט אין דער וועלט! אַ וועלט־מלחמה, מלוכות, קיסרים, אַרויף־אַראָפּ, מלכים זיינען פאַרזונקען געוואָרן, נייע מלוכות זיינען אויפ־געשטאַנען, אַ וועלט־רעוואָלוציע אין אונדזער אַלטער היים, נייע מענטשן מיט נייע קאַמפן און האָפנונגען, נייע רעוואָלוציעס, די וועלט קאָכט און ברויזט ווי אַ קעסל, און איך, אַלטער, פייערדיקער בונדיסט, האָב אָפּגע־לעבט אַ לעבן אין אַ מדבר און די גאַנצע צייט דאָ געטון איין זאַך — גע־זאַמלט פּעזעס... נישט קיין ביכער, נישט קיין טעאַטער, נישט אַלעמאָל אַ צייטונג, פאַרגראָבט און פאַרשימלט דאָ אין לאַך, אפילו קיין פאַמיליע קיין ריכטיקע, גאָרנישט און גאָרנישט אָפּגעטון אין לעבן, נישט פאַר זיך און נישט פאַר לייטן. פאַרשפּילט אַ לעבן און יעצט קען איך נאָר נאָך צו־זאַמענקראַצן ווייטער די פּעזעס און אָפּוואַרטן דעם טאָג, ווען עס וועט קו־

מען די חברה קדישא און מיך באַגראָבן דאָ אין דער פרעמדער ערד — אַ גוצלאָזן, אַ פּוסטן און איבערפּליסיקן מענטשן!

אַ נאַכט־פויגל איז מיט אַ משונה־מאָדנעם גערויש אַריבערגעפלויגן זייער נידעריק איבער אונדזערע קעפּ און כמעט אָנגערירט מיט זיינע פליגלען אונדזערע פּנימער. אַ געפיל פון עקל האָט אָנגעפולט אונדזער האַרץ. דאָס איז געווען אַ וואַמפּיר־פלעדערמויז.

„אַט האָט איר געזען אַ וואַמפּיר, — האָט הייזעריק געזאָגט מיין באַגלייטער, — ער פאַלט אַרויף ביינאַכט אויף פערד, מענטשן, בהמות, זויגט זיך אַריין אין האַלדז, אָדער אין רוקן און טרינקט אויס דאָס בלוט. עס איז נישט געפערלעך, נאָר מען פילט שפּעטער, אַז דער וואַמפּיר איז אַוועק, כמעט אַ גאַנצע וואָך אַ מאַטקייט, אַ מידקייט אין אַלע אברים און אַ מאָדנע אַפּאַטיע באַפאַלט אייך, אַ גלייכגילטיקייט צו אַלץ. זעט איר, ליבער פריינד, מיר דוכט, אַז דאָ אין טשאַקאָ, אין די ווייטע קליינע אָפּגעריסענע פון דער וועלט ישובים, האָט אונדז אַלעמען אויך געביסן אַ גרויסער, גיגאַנטישער וואַמפּיר, וואָס האָט אויסגעזויגט ביי אונדז כמעט דאָס גאַנצע בלוט, נישט אויף וואָכן, נאָר אויף דאָס גאַנצע לעבן. מיר זיינען מאַט און מיד, מיר ווילן גאָרנישט, מיר זיינען עפּעס אָפּגעטעמפּט און גלייכגילטיק. אפשר איז דאָס דער „טראָפּישער קאָלער", די אייביקע היץ, די שעהן פון שלאָפן ביי טאָג און ביינאַכט, איך ווייס נישט, נאָר מיר זיינען אַלע דאָ שוין „לעבעדיקע מתים" אָן געפילן, אָן לשון, אָן ווילן איז די הויפּטזאַך אָן אילוזיעס, אָן האָפנונגען. אויסגעזויגט דאָס בלוט דורך דעם גרויסן לעבנס־וואַמפּיר און יעצט זיינען מיר נאָר שאָטנס פון מענטשן...

אַ שלאַנקער סילועט פון אַ הויכער יונגער מיידל, גאַנץ אין ווייסן, אין באַגלייטונג פון אַ יונגן דיקן, געזונטן שייגעץ אין ווייסע ברייטע פלודערן, אַריינגעשטעקט אין הויכע שטיוול מיט אַ בייטשל אין דער האַנט, אַ אמתער גאַוטשאָ מיט זיין שיקסע, זיינען פאַרביי און דורכגעשניטן די שוואַרצקייט פון דער אַרומיקער נאַכט. דער קאַוואַליר האָט עפּעס געשעפּטשעט דעם מיידל אין אויער און איר זילבערנער לאַכן האָט מעלאָדיש געקלונגען אין דער שטילקייט פון די פאַרשלאָפענע פעלדער. דאָס פּאָרל איז שנעל פאַרשוואונדן אין דער פינצטערקייט צווישן די שטויביקע ביימער.

„אפילו די ליבע, — האָט ווידער אָנגעהויבן מיין נייער פריינד, — איז עפּעס אויך אויסגעלאָשן שנעל אין אונדזער בלוטלאָזן קערפּער דאָ אין טשאַקאָ. איך בין אַלט געווען 26 יאָר, און איך בין געקומען אַהער יונג, בלוט און מילך, פול מיט אומבאַרירטע כוחות, ווייל דאָרט אין פּינסק, אין יענע שיינע יאָרן, האָבן מיר, בונדיסטן, געפירט כמעט אַ מאָנאַכן־

לעבן. מיר זיינען געווען „קעמפּער״ און געקוקט אויף אַ פרוי, דעמאָלט, ווי אויף אַ חברטע אָן נידעריקע געדאַנקען. אין אַ יאָר אַרום האָב איך חתונה געהאַט, טאַקע באַלד נאָך מיין קומען אַהער, חתונה געהאַט אָן ליבע. עס איז פּראָסט נמאס געוואָרן צו זיין אַליין, גענומען אַ מיידל פון אַ אַריי־מען פעדלער — אַמבולאַנט הייסט עס דאָ — און יעצט האָט איר זי געזען. אַ וואוילע פרוי, אַ טרייע ווייב, האָב מיך ליב ביז גאָר. נאָר די ליבע, די גרויסע ליידנשאַפט, די ברענענדיקע, פייערדיקע, שטורמישע אָדער צאַרטע, ווייכע, ראָמאַנטישע ליבע האָב איך קיינמאָל נישט געקענט, נאָר אַמאָל איבער דעם געלייענט אין די ביכער. גלויבט מיר, אַז אָפטמאָל בין איך אים מקנא, דעם שמוציקן, גראָבן און מגושמדיקן גאַוטשאָ. ער ווייס יאָ, וואָס איז ליבע, וואָס איז בענקעניש און שפּאַציר אין די טונקעלע נעכט פון טשאַקאָר פעלדער. גאָרנישט! פאַרשפּילט, פאַרלאָרן אַ גאַנץ לעבן אומזיסט־אומנישט פאַר אַ פּאָר נאַרישע פּעזעס, וואָס איך קען זיי אַפילו דאָ נישט אויסנעבן מיט זין און שכל.״

מיין יידל איז אַנטשווינן געוואָרן און האָט ווידער פאַרוויכערט זיין אייביקע פּיפּקע. עס איז נאָך שטילער געוואָרן אין דער אומבאַוועגלע־כער, רואיקער לופט פון דער טראָפּישער נאַכט. אַפילו די ביימער האָבן אויפגעהערט צו שאָקלען מיט זייערע גרויע, שטויביקע קעפּ. אויבן אויף דעם הימל האָט אָנגעהויבן אַרויסקריכן פון הינטער די שוואַרצע וואָלקנס דער בלאַסער, מיסטעריעזער פּרצוף פון דער לבנה. פאַרחלומט און טרויע־ריק האָבן זיך געצויגן ווייט און ברייט צום ענדלאָזן האָריזאָנט די גרויע פעלדער פון טשאַקאָ. אומעטיק און שווער איז מיר געווען אויף דעם האַרצן. עפּעס אַ טשעכאָווישער טרויער און ווייכע בענקעניש האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין האַרצן און דער אַלטער טרוים פון טשעכאָווס „דריי שוועסטער״ — קיין מאָסקווע, קיין מאָסקווע — האָט זיך ביי מיר צע־מישט אין מיין קאָפּ מיט דער בענקעניש פון דעם טשאַקאָר יידישן האַמ־לעט נאָך פּאַריז. אַ גרויסע, טיפע דראַמע פון אַ פיינעם מענטשן, וואָס האָט טאַקע „פאַרשפּילט״ נוצלאָז און נאַריש זיין לעבן האָט זיך אַנט־פּלעקט פאַר מיינע אויגן; דער אייביקער חלום פון דער מענטשהייט נאָך מעטערלינקס „בלויען פויגל״, וואָס מען קען אים נישט כאַפּן. אָן ווער־טער, פאַרטיפט אין אונדזערע געדאַנקען, האָבן מיר זיך אומגעקערט אַהיים דורך די פינצטערע אַלייען. די ערד האָט שווער געאָטעמט נאָך דעם אכזריותדיק־הייסן טאָג. קיין ווינטעלע, קיין פרישע לופט־באַוועגונג האָט נישט געשטערט די שווערקייט און דעם אומעט פון דער נאַכט. מיד און אָפּגעשפּאַנט, מאַט און וואונטשלאָז זיינען מיר צוריקגעקומען אַהיים, צו

דער וועראנדע, וואו אויף דעם טיש זיינען נאך געשטאנען די בעכערלעך מיט קאלטן ביטערן „מאטע". קיינער איז נישט געווען אויף דער וועראנדע. פון צימער האט מען נאר געהערט דאס שווערע כראפען פון דער איינגע־שלאפענער באלעבאסטע. מיר האבן אויסגעטרונקען אונדזער „מאטע", און איך בין אוועק אין מיין האטעל דורך די שטויביקע, גרויע געסלעך פון דעם שלאפנדיקן שטעטל.

9

טאַטעס און קינדער אין אַ יידישער קאָלאָניע

די פּראָבלעם איז אַזוי אַלט, ווי די וועלט. אין אַלע צייטן זיינען די טאַטעס נעגאַנגען זייער וועג און די קינדער, נישט קוקנדיק אויף אַלע הזהרות און עצות, האָבן תמיד געזוכט און געפונען אַנדערע וועגן. דער תהום צווישן די אַלטע דורות און דער ניי־אויפקומענדער יוגנט האָט עקזיסטירט און וועט מסתמא ווייטער בלייבן אַלס אַן אייביקער געזעץ פון דער נאַטור: אַזוי איז עס געווען, אַזוי איז עס און אַזוי וועט עס בלייבן. אַלע אונדזערע טענות, מאַנונגען און קלאָגן זיינען אַ קול קורא במדבר.

עס זיינען דאָ צייטן, רואיקע און שטילע, ווען דער קינדער־פּראָבלעם איז נישט אַזוי אַקטועל און ברענענדיק און די אידעאָלאָגישע דיסטאַנץ צווישן דעם אַלטן און דעם נייעם דור איז נישט זייער גרויס. דער איבערגאַנג פון איין עפּאָכע צו דער אַנדערער איז אַ לייכטער, איך וואָלט נעזאָגט, אַן עוואָלוציאָנערער, אָן גרויסע איבערקערענישן און ווייטיקן. די טאַטעס קאָכן זיך און שרייען, אַז די אמתע גוטע אַלטע וועלט גייט מיט זיי אונטער און אַז די קינדער גייען מיט „ווילדע" וועגן דירעקט צום אָפּגרונט. די קינדער שמייכלען און בויען זייער לעבן, ווי זיי פאַרשטייען, און עס לאָזט זיך אויס, אַז די וועלט איז גאָרנישט אונטערגעגאַנגען און אַז עס איז גאָרנישט דאָ אַזאַ גרויסער אונטערשיד צווישן דעם לעבנס־שטייגער פון די טאַטעס און די קינדער. דאָס איז אין רואיקע צייטן. אַנדערש זעט אָבער אויס דיזעלבע פּראָבלעם אין שטורמישע, קריטישע עפּאָכעס פון אַ פאָלקס־לעבן. דעמאָלט נעמט אָן דער גערANGל צווישן די דורות טראַגישע, שטורמישע פאָרמען. דער תהום צווישן פאָטער און קינדער ווערט טיפער און גרעסער און עס וואַקסן אויס נייע וויכטיקע פראַגן, וואָס זיינען פאַרבונדן נישט נאָר מיט דער ענדערונג פון די לעבנס־פאָרמען, נאָר

מיט דעם גאַנצן אינהאַלט און מהות פון דעם לעבן פונעם אַלטן דור. עס איז שוין נישט דער לאַנגזאַמער, געזעצמעסיקער איבערגאַנג פון איין תקופה צו דער אַנדערער, עס ברויזט אין די רעוואָלוציאָנערע צייטן אַ שטאַרקער שטראָם פון שפּאָגל־נייע אידייען און וועלט־אָנשויאונגען, וואָס צעשטערט אין תוך דאָס אַלטע לעבן, אויף וועלכן די טאַטעס האָבן אָפּ־געגעבן צענדליקער יאָרן פון שווערער אַרבעט און מי. דער פּראָבלעם פון דעם „מאָרגן" נעמט אָן שוין טיף־טראַגישע פאָרמען און אָפּט שטייט אויף דער שפּיל שוין דער עצם קיום פון אַ יידישן ישוב...

איך פאָר מיט אַ פּאָר גוטע פריינט אין אַ קליינעם „פאָרד" איבער ברייטע, גרויע פעלדער צו אַ יידישער קאָלאָניע אין טשאַקאָ. דער וועג איז זייער שלעכט. די טרוקענע ערד איז פון דער אכזריותדיקער זון ממש צע־שפּאָלטן, טיפע לעכער און גריבער באַדעקן די פעלדער און אונדזער אווי־טאָמאָבילטשיק שפּרינגט יעדע מינוט אונטער, ווי אַ פּילקע. און ביי אונדז טרייסלען זיך די געדערים און מען קריגט אַ מאָדנעם געפיל, ווי ביי אַ ים־קראַנקייט. אין האַלדז טרוקן, אין נאָז, אין די אויערן, אפילו אין די אויגן איז אַריינגעקראָכן אַ דינער שטויב. עס העלפן נישט קיינע מיטּ־לען: איינמאָל אָפּגעווישט דעם שווייס און דעם שטויב און די טיכל איז שוואַרץ און שמוציק, ווי די ערד. מיר פאָרן לאַנגזאַם, דער באַלעבאָס פונעם „פאָרד" ווייזט אונדז אויף די לעכער אין דער ערד און האָט מורא, אַז די גומי־רייפן וועלן אַזאַ וועג נישט אויסהאַלטן. איך מאַך דורך די שבעה מדורי גיהנום ווייל איך בין נישט געוואוינט צו דער היץ, צו די מוראַדיק שלעכטע וועגן, צו דעם טרייסלען און די שטויסן, צו דעם שרעקלעכן שטויב. איך האָב שוין כמעט חרטה, וואָס איך האָב אונטערגענומען דעם וועג צו דער קאָלאָניע. נאָר צו אַלץ נעמט דאָך אַ סוף. גאָט צו דאַנקען, מיר זעען שוין אַ הילצערנעם טויער. איינער קריכט אַראָפּ און עפנט דעם טויער, וואָס איז פאַרמאַכט מיט אַ דראָטענע קייטל, און מיר פאָרן אַריין אין אַ מין ברייטער אַליי אָןביימער, וואו גאָר ווייט צום סוף שטייט אַ געביידע מיט אַ סך שטאַלן. אַ גאַנצע סטאַיע הינט גיט זיך אַ וואָרף אויף אונדז מיט אַ ווילדן בילן. דער פּסוק „לא יחרץ כלב לשונו" איז אפנים זיי גאָרנישט באַקאַנט. עס ווייזן זיך דריי־פיר מענטשלעכע געשטאַלטן. מיר זיינען ביי אַ יידישן קאָלאָניסט.

טאַקע אַזוי האָב איך מיר פאָרגעשטעלט אַ יידישן פּויער. גרויס, ברייטפּלייציק, מיט געדיכטע האָר און אַ שלעכט געגאָלטער באָרד, מיט אַ געזונטן ברוינעם האַלדז און אַ כמעט שוואַרץ־פאַרברענטן פּנים, שטייט פאַר מיר דער קאָלאָניסט. אַ האַרטער קנייטש אַרום די דיקע ליפּן, גרויע,

שטעכעדיקע אויגן, וואס ווילן אייך דורכבויערן, אן א שמייכל, איך וואלט זאגן א מיסטעריעזן — דאס, וואס ווארפט זיך מיר בולט אין די אויגן און טרעפט מיך ביי דער ערשטער באגעגעניש. ארום אונדז האט זיך ביסלעכ־ווייז פארזאמלט די גאנצע פאמיליע: דריי דיקלעכע, רויט־באקיקע מיידלעך אין ווייסע ציצענע קליידלעך, צוויי ברוינע, געזונטע בחורים, און א גוטע קליינטשיקע מיט אלטמאדישע ברילן אויף דעם דינעם, קורצן נעזעלע — די באלעבאסטע. א הויכע בארוועסע שיקסע מיט א עמער אין דער האנט האט זיך אויך היימיש אוועקגעשטעלט לעבן אונדז און די גאנצע משפחה קוקט אויף אונדז, באזונדערס אויף מיר דעם פאריזער „העכט", מיט נייגעריקע אויגן. איך זע נישט קיין גרויסע התפעלות אדער שמחה פון אונדזער וויזיט. עפעס א קאלטער ווינטעלע פילט זיך ביי דעם טרו־קענעם קבלת־פנים און איך דערמאן מיך אן דעם אלטן רוסישן שפריכ־ווארט, אז אן אומגעבעטענער גאסט איז ערגער ווי א טאטער. אונדזער קו־מען האבן מיינע פריינט נישט אוויזירט, דער קאלאניסט האט נישט קיין טע־לעפאן און מיר זיינען טאקע ארייגעפאלן צו אים ווי א יון אין סוכה. אפשר האט אונדזער גאסטגעבער שוין געהערט פון מיר און האט מורא פאר א אטענטאט אויף זיין מאגערן געלט־בייטל. איך בארואיק אים זייער שנעל, איך וויל פון אים גארנישט, היינט בין איך ביי אים נישט אלס דעלעגאט, נאר אלס אן איינפאכער זשורנאליסט מיט א נייגעריקן רייזע־ביכעלע. דער אייז איז שנעל געבראכן, מען בעט אונדז אין שטוב אריין און מיר פאר־פירן א שמועס.

אין צימער איז מוראדיק הייס, מיר זיינען אן עין־הרע מער ווי א מנין יידן. די באלעבאטים מיט די קינדער זיינען עפעס „צירלעך־מאניר־לעך" מיט צונויפגעלייגטע הענט און עס פילט זיך א קינסטלעכקייט, א אויטאמאטישקייט אין די שאלות־ותשובות פון אונדזער געשפרעך. איך זע, אז קיין גרויסן טאלק וועל איך דא אין צימער נישט דערגיין. איך שטיי אויף און נעם דעם באלעבאס אונטער דעם ארעם און גיי מיט אים ארויס אויף דעם הויף און ביסלעכווייז ווייטער אין פעלד. ער ווערט אביסל לע־בעדיקער און דערציילט מיר פון זיין לעבן אין דער מאנטעפיארע־קאלאניע ביי דער „איקא", זיינע קאמפן, צרות, און גרויסע אנטוישונגען, זיין דורכ־פאל דארט אויפצובויען זיך א זיכערע עקזיסטענץ. מיט א זעלטענער עקשנות איז ער אריבערגעפארן קיין טשאקא און ווידער אנגעהויבן דעם קאמף. מיט 15 יאר צוריק, האט ער געקאנט מאכן „גאלדענע" געשעפטן אין מסחר. עס זיינען דעמאלט געווען באמת גאלדענע צייטן פאר דעם יידישן סוחר אין טשאקא. דער פויער האט געצאלט יעדן מקח, די קאנקור־

רענץ איז געווען קליין, יידן וויניק און דער, וואָס איז נישט געווען זייער צעבאַלעוועט און געקאָנט צופּאַסן זיך צו די דעמאָלטיקע פּרימיטיווע לעבנס־באַדינגונגען, איז שנעל געוואָרן אַ גביר. מיין קאָלאָניסט האָט דעם טומל נישט געוואָלט מיטמאַכן.

„יאָ, זאָגט ער ביטער, איך האָב מיר אַריינגעשלאָגן אין קאָפּ, אַז איך מוז בלייבן אַ פּויער, כאָטש די יאָרן אין דער איקאַ־קאָלאָניע האָבן מיר אוועקגערויבט די כוחות, דעם מוט און די האָפענונגען. צי איז דאָס אַ ווילדע, נאַרישע עקשנות, צי אַן אומפאַרשטענדלעכע ליבע צו דער שטיפמוטער ערד (ווייל זי איז דאָך מערסטנס אַ שלעכטע, אומדאַנקבאַרע שטיפמוטער!) שדים ווייסן דאָס! נאָר דער געדאַנק, אַז איך, שוין אַן „אַלטער" קאָלאָניסט, זאָל אוועקוואַרפן דעם פלוג, די מאַטיגע, די בהמות און די פערד און זאָל ווערן אויף די אַלטע יאָרן אַ פּעדלער, אַרומגיין איבער די הייזער מיט אַ „פּעקל", — דער געדאַנק איז מיר נישט צום הארצן. גיט אַ קוק אויף די פעלדער, איצט זיינען זיי שטויביק און גרוי, אָבער נאָך אַ רעגן — פריש און מחיהדיק, באַדעקט מיט גרינע גראָז און שמעקן אַ ריח־ניחוח... דאָ איז געווען אַן אמתער מדבר, אַז מיר זיינען אָנגעקומען אהער מיט פּיצלעך קינדער. מען האָט מיך געהאַלטן פאַר אַ משוגענעם, אַז איך האָב געקויפט די בלאָטע און דעם שטיקל פעלד. איך האָב געאַרבעט, ווי צען פערד. צענדליקער מאָל האָבן היישעריקן, טריקעניש און אַנדערע שלעק חרוב געמאַכט מיין גאַנצע האָרעוואַניע און פּראַצע. נאָך היינט שטעק איך אין חובות איבער די ביטערע יאָרן פון פאַרלוירענע „קאָסעטשעס". מיינע פריינט און שכנים — די סוחרים — זיינען דערווייל גבירים געוואָרן, גרעסערע, קלענערע, אָבער זיי האָבן געלט. וואָס האָב איך? גרויע, אויסגעטריקנטע פעלדער, לאָנקעס אָן גראָז, און חובות, חובות אין דער באַנק, צו באַקאַנטע, צו פּראָצענטניקעס, מיט שיינע, זיסע חלומות, אַז טאָמער, טאָמער וועט היי־יאָר דאָך זיין אַ גוטע קאָסעטשע און עס וועט ווידער גרין און לעבעדיק ווערן אויף מיינע פעלדער...

„נאָר דאָס אַלץ איז נישט אַזוי וויכטיק, ליבער דאָקטער, אויך אין אַנדערע געשעפטן מוז מען רעכענען מיט צרות, באַנקראָטן, וועקסעלעך און גמילת חסדים. אַזוי איז עס אין לעבן — נישטאָ קיין גרינגער ברויט. איר ווייסט דאָך — „בזעת אפּיך תאכל לחם". ביי מיר, און איך רעכן אויך ביי אַנדערע קאָלאָניסטן איז דאָ אַ גרעסערע מכה — אונדזערע קינדער. נישט די פראַגע פון גידול בנים בין איך אויסן. מילא, אין דער באַציאונג בין איך נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער — אַלע טאַטעס האָבן צרות מיט זייערע קינדער. ביי מיר איז דאָס גאָר אַן אַנדער

פראַגע. וואָס וועט זיין שפּעטער אָט מיט די שיינע גרינע פעלדער מיינע, ווען איך וועל צומאַכן די אויגן?״

מיין קאָלאָניסט האָט זיך אוועקגעשטעלט נעבן דעם דראָטענעם פּלויט און האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ קנעפּל פון מיין רעקל. זיינע אויגן האָבן פאַרלוירן פּלוצים זייער האַרטן גלאַנץ און אַ ווייכקייט און לאַסקע האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין דעם שוואַרצאַפּל און פאַרענדערט זיין ברוין־פאַרהאַרטעוועט פּנים. אַ גלות־ייִד איז פּלוצלונג געשטאַנען פאַר מיינע אויגן.

„איר האָט זיי געזען, מיינע קינדער, — האָט ער ווידער אָנגעהויבן צו ריידן — איר ווייסט, איך שעם זיך אייך צו זאָגן דעם אמת; זיי האָבן מיך פיינט, מיך און מיינע פעלדער, מיינע בהמות און פערד, מיין ערד און מיינע לאַנקעס. עס איז זיי אומעטיק דאָ, זיי לייענען צייטונגען, אַמאָל אויך ביכער, און חלומען פון אַן אַנדער וועלט, פון דער גרויסער שטאָט און רייסן זיך אַהין. און נישט נאָר די זין, אויך די טעכטער ווילן נישט מער דאָ בלייבן. איינער פאַרט שוין טאַקע די וואָך אַוועק קיין ראָזאַריאָ „שטודירן״. וואָס שטודירן, ווען שטודירן — ער ווייסט אַליין נישט, נאָר בלייבן וויל ער נישט בשום אופן. דער צווייטער וויל אויך „נישט פאַרגראָבט ווערן״ דאָ אין דאָרף און חלומט פון בוענאָס־איירעס, וויל ווערן אַן אַקטיאָר. ער האָט, מיינט ער, טאַלאַנט. און וואָס וועט זיין מיט אונדזער שטיקל קאָלאָניע, מיט מיין דרייסיק־יאָריקער אַרבעט און מי — טענה איך מיט זיי — צי איז אייך נישט אַ שאָד צו לאָזן אויף הפקר אונדזער היים, אונדזערע פעלדער, מיין פּראַצע? זיי ווילן און ווען עס נישט פאַרשטיין. עפּעס אַ סם האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין זייער בלוט און זיי פאַרמיאוסט די פעלדער. זיי האָבן אַלץ פיינט געקראָגן און ווילן נישט בלייבן. דיזעלבע מעשה איז מיט מיינע טעכטער. זיי זוכן זיך חתנים צווישן די סוחרים און ווילן פון יונגע קאָלאָניסטן, וואָס וואָלטן אפשר געבליבן אויף דעם פעלד, אין קאַמף, גאָרנישט וויסן. איך ווייס נישט — אפשר זיינען זיי גערעכט, די יוגנט, מען ווערט טאַקע דאָ פאַרגראָבט און מען זעט נישט קיין לעבעדיקע צורה. זיי האָבן אפשר אויך רעכט צו בויען זייער לעבן אויף זייער שטייגער... נאָר וואָס וועט ווערן פון מיין קליינער קאָלאָניע, פון מיינע פעלדער און לאַנקעס, פון מיין פּראַצע און מי?

אַ טיפע בענקעניש און אַן ענדלאָזן צער האָב איך דערשפּירט אין זיינע ווערטער און אַ געפיל פון אַ מאָדנע ביטערקייט האָט אַרומגענומען מיין נשמה. איך האָב געוואָרפן אַ זייטיקן קוק אויף מיין יידל: עפּעס איז זיין הויכע געשטאַלט צוזאַמענגעשרומפּט געוואָרן, די ברייטע פּלייצעס

זײנען געבױגן װי אַ הױקער און דער קנײטש אַרום די ליפּן איז נאָך ענגער און ביטערער געװאָרן. די אױגן האָבן פאַרלױרן זײער רואיקן, האַרטן אױסדרוק און מיר האָט זיך געדוכט, אַז אין אַ װינקעלע סלײבן זיך אָן ביסלעכװײז — טרערן. די זון איז עפּעס טונקעלער געװאָרן און די גרױע פעלדער האָבן באַקומען אַן אױסזען פון אַן ענדלאָזן מדבר. איך האָב פאַרלױרן מײן לשון, װי פאַר אַ אבל, װאָס מען װיל אים טרײסטן און מען געפינט נישט קײן װערטער קעגן דער גרױסקײט פון זײן צער. איך האָב נאָר שטיל גענומען זײן פאַרהאָרעװעטע, ערלעכע מאָזאָליסטע אַרבעטער האַנט און זי געדריקט. אַ טיפער אומעט האָט װי אַ שטײן געדריקט מײן ברוסט און מיט טרױעריקײט האָב איך געקוקט אױף די פאַריתומטע פעלדער, װאָס װעלן אפשר זײער שנעל אַריבערגײן אין ניט־יידישע הענט. אַ קאָלאָניסט אָן יורשים — אַ נײע טראַגעדיע האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מײנע אױגן. װעלן מיט די טאַטעס מוזן אָפּשטאַרבן אונדזערע קאָלאָניעס, הפקר װערן די גרינע פעלדער און װײטער — סוחרימלעך, מנחם־מענדלס, לופט מענטשן? מיט די דאָזיקע געדאַנקען אין קאָפּ און אומעט אין האַרצן בין איך אװעק פון דער קאָלאָניע.

10

אויפֿן וואַסער, אונטערוועגנס קיין מיסיאָנעס

(טיפּן און באַגעגענישן אויף אַ טייך־שיף)

צו דער נאַציאָנאַלער טעריטאָריע מיסיאָנעס און צו איר הויפּטשטאָט פּאָסאַדאַס, פֿירן פֿון בוענאָס־איירעס צוויי וועגן. איינער מיט דער באַן — אַ לאַנגווייליקע, שטויביקע נסיעה, וועלכע דויערט גוטע דרייסיק שעה און אַז גאָט העלפֿט און עס ווייזן זיך אונטערוועגנס די אַזוי אינם צפֿון אָפֿטע טומאַנען, שטייט דער צוג ערגעץ וואו אין מדבר אויף אַ פּון גאָט און לייטן פֿאַרגעסענע באַן־סטאַנציע, אָדער גאָר אין מיטן פֿעלד שעהנ־לאַנג אין געדיכטן נעפּל און הויבט אָן אַן ענדלאָזע פּייפּעריי צו וואָרענען די קעגנצוגן, אַז די ליניע איז פֿאַרנומען און מען זאָל נישט וואַגן זיך צו רירן פֿון אָרט. דעמאָלט הערט איר אויפֿן אַדרעס פֿון דער באַן־דירעקציע, וואָס איז נעבעך גאָט די נשמה שולדיק, מוראַדיקע קללות און מען שילט אויך דעם נעפּל, די באַן־באַאַמטע און זיך אַליין פֿאַר דעם ווילדן איינפֿאַל זיך צו שלעפּן גאַנצע מעת־לעתן אויף די אַרגענטינער נאָרד־באַנען... דער צווייטער וועג צו דערגרייכן די מדינה מיסיאָנעס איז מיטן וואַסער אויף אַ שיף איבער דעם טייך פּאַראַנאַ, וועלכער הייסט שוין אין די מקומות „אַלטאָ פּאַראַנאַ". די בעסטע און באַקוועמסטע שיפֿן אויף דער ליניע געהערן צו דער קאָמפּאַניע מיהאַנאָוויטש, וועלכע באַהערשט בכלל די טייכן פּאַראַנאַ און פּאַראַגוואַי און פֿאַרבינדן אַרגענטינע מיט דריי שכנים — אורוגוואַי, פּאַראַגוואַי און בראַזיל. קענענדיק די שיינע „מעלות" פֿון דער אייזנבאַן, האָב איך אין קאָריענטעס זיך באַזאָרגט אַ פּלאַץ אויף דעם קליינעם, אָבער באַקוועמען שיפֿל „איגואַסו" און זיך אַ לאָז געטון אין אַ שיינער, אָבער ווייטער רייזע. די שיף, נעמלעך, גייט פֿון קאָריענטעס קיין פּאָסאַדאַס קעגן דעם שטראָם און שלעפּט זיך זייער לאַנג־

זאַם גאַנצע 36 שעה; צוריק אָבער פאָרט זי שוין מיטן שטראָם פיל שנע־לער פאַרברויכט אויף דער זעלבער נסיעה קנאַפּע 24 שעה. וואָר עס איז אָבער איינמאָל געפאָרן דעם וועג ביי אַ שטראַלנדיקער זון, ריינעם בלויען הימל און לייכטן, מילדן ווינטל, אָדער ביינאַכט, ווען אויפן הימל גיבן זיך אַ שאָט אוים מיליאָנען שטערן און די לבנה קריכט ארוים פון איר באַהעלטעניש אויף דעם קלאָרן פירמאַמענט, דער וועט מיט באַדויערן, אַפילו נאָך אָנדערטהאַלבן מעת־לעת רייזע, פאַרלאָזן די שיף. די רייזע אויף דעם בריטן און וואַסער־קלאָרן טייך פּאַראַנאַ צווישן צוויי ברעגן — איינעם אַ פּאַראַגוואַיער און דעם צווייטן אַן אַרגענטינער, — די באַמת פּראַכטפולע לאַנדשאַפטן, די ענדלאָזע טראָפּישע וועלדער אויפן האָריזאָנט, די ווילדע פלאַנצן, ליאַנעס און הויכע, שלאַנקעביימער, די גאַנצע פרימיטיווע שיינקייט פון די פּייזאַזשן, דאָס אַלץ בלייבט יאָרנלאַנג אין זכרון און לאָזט איבער אין דער נשמה דעם איינדרוק פון אַ פאַנ־טאַסטיש בילד, ארויסגענומען פון אַ קינדערשן מעשיות־ביכל...

איך טרעף זיך מיט יעזוסן, דעם הייליקן פּעטרוס און סאַנטיאַגאָ

דערזען האָב איך זיי ערשט צו מיטיק צייט, ווען דער „אויבער־סטיוארט" אָדער דער הויפּט־קעלנער האָט מיך צווישן די טישלעך אינעם סאַלאָן געפירט, אָנווייזנדיק מיר מיין פּלאַץ טאַקע ביי זייער טיש. פריער, ווען כמעט אַלע פּאַסאַזשירן האָבן זיך פאַרזאַמלט אויפן דעק פון שיף און באַוואונדערט די וואונדערפולע שיינקייט פון דער לאַנדשאַפט, האָב איך זיי נישט באַמערקט. שפּעטער האָט זיך ארויסגעשטעלט, אַז די דריי פּאַרשוינען זיינען געווען זייער פאַרנומען מיט פּאָקער־שפּילן אין זייער קאַבינע, און האָבן נישט געוואָלט פאַרלירן קיין צייט אויף אַזעלכע נאַ־רישקייטן, ווי באַטראַכטן פּייזאַזשן. איצט, צום מיטיק, זיינען זיי אַרוים־געקראָכן אַביסל פאַריאַכמערטע, צעטראָגענע פון דעם שפּיל און זיך גע־נומען געשמאַק צו דער אכילה.

אַז זיי זיינען אַלע דריי יידן, האָט מען געזען אויף זייערע נעזער, נאָר געערדט האָבן זיי צווישן זיך אַ ריינעם שפּאַניש, מיט אַלע אמתע פּיטשעווקעס. מען האָט געפילט, אַז זייער טעטיקייטס־קרייז איז נישט אויף דער יידישער גאַס, נאָר צווישן גויים און אַז זייער שפּראַך איז נישט קיין געקינסטלטער, גראַמאַטיקאַליש־קאָרעקטער שפּאַניש פון די גרויסשטעטישע אַסימילירטע יידן, נאָר אַ נאַטירלעכער לשון אַזוי ווי די געבוירענע, עכטע קריאָזשעס, ריידן צווישן זיך.

עס איז געווען א מאָמענט, ווען איך האָב אליין געצווייפלט, צי האָב איך נישט קיין טעות, און האָב גאָר פאר מיר היגע „פונדיקעס״ פון זייגעם אָפּשטאַם און אַז די יידישע נעזער זיינען גאָר קיין ראיה נישט... זייער שטאַרק האָבן מיך איבערראַשט זייערע נעמען, וואָס זיי פלעגן גע־ברויכן אין זייער שמועס, נעמלעך כעסוס, סאַנטיאַגאָ און פּעדראָ. אַזאַ צוזאַמענשטעל פון דריי הייליקע נעמען איז זעלטן צו טרעפן ביי אַ „מזומן״ יידן. איך האָב דערפילט, אַז מיין האַרץ איז פול געוואָרן מיט ספקות בנוגע דעם אָפּשטאַם פון מיינע טיש־חברים און אָנגעהויבן טראַכטן, ווי נישטיק און נאַריש זיינען אַלע ראַסן־טעאָריעס פונעם „שיינעם אַדאָלף״ לאַנגע, טיפּיש־יידישע נעזער געהערן גאָר צו ריינע אַרישע קריאַזשעס...

יעזוס אָבער, לויטן שפּאַנישן אויסשפּראַך „כעסוס״, איז געווען אַ קליינער, דיקלעכער נפש מיט געלע שיטערע האָר און אַ גראָבע נאָז, ווי אַ קאַרטאָפליע. די הענט רויטע מיט דיקע פינגער, ווי ביי אַ קצב, מיט געלע הערלעך אויף דער גאַנצער האַנט־פלאַך. נעגעסן האָט ער מיט גרויס כוונה, כסדר געטונקט גרויסע שטיקער ברויט אין דער געדיכטער „סאַלסאַ״ און געשמאַטשקעט מיט די ליפּן. יעדן ביסן פלעגט ער באַגיסן מיט אַ היפשער פּאָרציע ווין און עס האָט זיך געפילט, אַז ער האָט שטאַרק הנאה פון דעם עצם פּראָצעס פון דער אכילה. ער האָט ווייניק גערעדט און נישט רעאַגירט אויף די שטעכווערטלעך פון זיינע חברים מכוח זיין שלימזלדיקן שפּילן אין פּאָקער. ער איז געווען, ווי עס זעט אויס, דאָס כפּרה־הינדל פון דער „טראָיקע״.

סאַנטיאַגאָ איז געווען אַ מיטלוואוקסיקער, פּריילעכער מענטשל פון דעם טיפּ „קאָמפּאַדרע״; אַ גוטער ברודער וואָס האָט ליב צו מאַכן וויצן, אָפּשפּילן דעם אַנדערן אַ שפּיצל, אַ ווערטל טון זיך מיט אַ צווייטן, וואַרפן אַ שטאָך־וואָרט, רייצן זיך. אַלס קרבן האָט ער אויסגעוויילט דעם רואיקן, מסתמא גוטמוטיקן כעסוס, וועלכער האָט אים כמעט נישט גע־ענטפערט, נאָר פאַרגעזעצט זיין אכילה־אַרבעט, אָפּווישנדיק זיך מיט דער סערוועטקע דעם שווייס פון זיין דיקן פּנים. עס איז טאַקע געווען גאַנץ הייס, נישט קוקנדיק אויף דעם ווינטער־חודש יולי.

פּעדראָ איז געווען דער איינגסטער אָבער אויך דער סאָלידסטער פון אַלע דריי און געשפּילט די ראָלע פונעם „אַריסטאָקראַט״ פון דעם טריאָ. ער האָט אויך גענומען אַנטייל אינעם שמועס, נאָר געלאַסן, און זיינע וויצן לגבי כעסוסן זיינען געווען איידעלערע, די שפּראַך אַביסל פיינער און עס האָט אויסגעזען, אַז ער וויל מיר, דעם פרעמדן, ווייזן, אַז ער איז בעסער דערצויגן פון זיינע חברים, וועלכע האָבן אַביסל צו הויך גערעדט און

געלאַכט און געשטערט די רואיקע אַטמאָספער פונעם עס־זאַל אויף דער שיף.

איך האָב ארויסגענומען אַ נומער „די אידשע צייטונג" און אָנגעהויבן פאַר זיך צו לייענען. עס איז אַפילו נישט געווען זייער פּאַסיק צו לייענען ביים עסן מיט פרעמדע מענטשן, אָבער פאַר מיר איז די צייטונג געווען אַ פּראָוואָר־שטיין פעסטצושטעלן, צי זיינען די דריי נפשות מיט נעמען פון קאַטוילשע הייליקע און יידישע נעזער טאַקע יידן, אָדער איך האָב געהאַט אַ טעות. זיי האָבן זיך אַלע דריי תיכף איבערגעקוקט און, ווי עס זעט אויס, האָט זיי איבערראַשט דער פאַקט, אַז ביי זייער טיש נעמט אַ ייד אַרויס אַ יידישע צייטונג און לייענט. איך האָב אויפגעכאַפּט זייער בליק און געפרעגט אין לאַנגע שהיות: „קענט איר די אותיות פון אָט דעם יידישן בלאַט? איך רעכן, אַז איר זייט אַלע דריי יידן, כאָטש איר טראָגט אַלע גאַנץ אייגנאַרטיקע ניט־יידישע נעמען. נאָר אפשר בין איך זיך טועה"...

„זייט איר אויך אַ ייד! — דערלאַנגט מיר כעסום איבערן טיש זיין אַביסל פעטיקע האַנט — און איך האָב אייך געהאַלטן פאַר אַן אוי־כלענדער, אַ גוי לויט אייער אַקצענט, ווי איר האָט גערעדט מיטן קעלנער. נאַטירלעך, זיינען מיר אַלע דריי יידן, כאָטש קיין יידישע אותיות קענען מיר נישט. מיר שטאַמען פון אוקראַינע, אָבער געבראַכט האָט מען אונדז אַהער אַלס פיצל קינדער און אויסגעהאָדעוועט האָבן מיר זיך אָט דאָ אין נאָרדן, אין די וויטע מקומות צווישן גויים. נאָר יידן זיינען מיר און אונדזערע קינדער זיינען אויך יידן, כאָטש חתונה געהאַט האָבן זיי מיט היגע נישט־יידישע פרויען... און די נעמען? אָט האָט איר מיין „סעדולאַ". דאָרט איז מיין ריכטיקער יידישער נאָמען יהושע. סאַנטיאַגאָ, מיין שוועסטערקינד, הייסט אייגנטלעך שכנא־בער, און פעדראָ, זיין איידעם, הייסט אברהם־פיניע. מען האָט אונדזערע נעמען אַביסל פאַרקריאַזשעט..."

ביידע זיינע חברים האָבן געשוויגן און משמעות נישט זייער צופרידן געווען פון דער אָפנקייט פונעם דיקן כעסום. זיי האָבן מיר אויך דערלאַנגט די האַנט און צוגעבורטשעט זייערע פאַמיליען־נעמען. אָבער זייער שטימונג איז קאַליע געוואָרן, באַזונדערס ביי דעם פיינעם איידעם פעדראָ. מען האָט זיך באַלד אויפגעהויבן פונעם טיש און גאַנץ טרוקן זיך אָפּגעזעגנט. דער דיקער יהושע האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך שכנאן און פיניע האָט געשלאָסן די פּראָצעסיע. קיין גוטן פריינט האָב איך מיר ביי דעם טיש נישט דערוואָרבן.

דער „ספעץ" אויף פרויען

שטייט א מגושמדיקער, הויכער פארשוין אין אן עלעגאנטן אנצוג, אן אמתער טיפ פון ביאליקס „אריה בעל גוף", האלט א סעיס־בינאקל אין דער האנט און פירט בקול רם מיטן קאפיטאן פון שיף א שמועס מכוח שיינע פרויען. דער קאפיטאן איז אראפגעקראכן פון זיין בודקע מיטן מאשין־רודער און שטייט אנגעשפארט אין א הויפן גומענע רעדער אויפן דעק און הערט זיך צו, ארייננווארפנדיק פון צייט צו צייט זיינע א באמערקונג. דער קאפיטאן איז רונד, קליין, מיט א היפשן בייכל, אן אלטער „ים־וואלף", וואס דינט שוין כמעט 40 יאר ביי זיין קאמפאניע. אויף זיין פנים ליגט אן איראנישער שמייכל, ווען ער הערט זיך צו צו די דרשות פון דעם דיקן נפש. יענער רעדט, ווי א גרויסער מבין און געניטער פרויען־יעגער, פון פאראגוואיער מיידלעך. מיר שטייען טאקע פון דער פאראגוואיער זייט פון טייך. די פאראגוואיער דזשאנגלען שווימען דורך פאר אונדזערע אויגן אבער מען זעט נישט קיין איין לעבעדיקע באשעפעניש אין דער געדיכטער וואנט פונעם אור־וואלד. איך בין שוין געקומען אין מיטן שמועס און ווילנדיק נישט ווילנדיק מוז איך זיך צוהערן צו די רייד פוןביידע שמועסער.

„זאגט וואס איר ווילט, נאר מיר געפעלן נישט אונדזערע קריאזשע פרויען. זיי זיינען נישט מיאוס, אפשר טאקע שיין, נאר זיי האלטן פון זיך צופיל און מיינען גאט ווייס, וואס פארא העכערע באשעפענישן זיי זיינען. זיי טוען אונדז גאר א טובה, ווען זיי ריידן מיט אונדז, ארימע מענער; ווער רעדט שוין מכוח עפעס ממשותדיקעס. דא מוזט איר דורכגיין שבעה מדורי גיהנום און אויסגעריסן ווערן, ביז איר דערשלאגט זיך ביי אן ארגענטינערן א טאלק. און געלט? איר ווייסט עפעס, וואס א קריאזשע פרוי איז בכוח צו פארלאנגען. בדלות קען זי אייך מאכן, א בעטלער, א וואגאבונד קאנט איר ווערן, ווען איר פאלט נאר ארונטער אונטער איר צארט הענטעלע. איך האב וועגן דעם צו זינגען און צו זאגן... איצט נעמט די באליוויאנערן, עס לוינט גארנישט וועגן איר צו ריידן: הויט און ביינער, גאר קיין ברוסט נישט, אויגן ווי ביי א כינעזערן און פיס, ווי קלעצער. די טשילענערן איז גראד זייער חנעוודיק, אבער א געמישטע ראסע — ענגליש, דייטש און שפאניש בלוט צונויפגעמישט מיט אינדיאנער. איר מעגט מיר, הער קאפיטאן, גלויבן, איך בין אן אמתער אלטער ארגענטינער פון ריינער „סעפא", א דעמאקראט בלב ונפש, אבער איך האלט אז די „ראסיסטן" זיינען גערעכט. די בלוט־מישונג צווישן

פארשיידענע ראסן קאן קיין גוטס נישט ברענגען, באזונדער ביי פרויען. דער ריינער זיד־אמעריקאנער טיפ פארשווינדט צוביסלעך...

„איך האלט דעריבער ווייניק פון די אייראפעאישע פרויען און פון די אזוי גערופענע „גוירלס". ביי מיר מוז א פרוי זיין פון אבסאלוט ריינער ראסע, אט אזוי ווי די פאראגוואיער... זיי זיינען שווארץ, ווי זייערע אור־באבעס. זייערע טונקעלע האר האבן א ריינעם שטאל־גלאנץ, זייערע אויגן שווארץ, ווי קוילן, זייערע געשטאלטן שלאנק, ווי די אלטע אינדיאנער מיידלעך פון די צייטן פון פאר די „קאנקיסטאדארן". אט דאס זיינען פרויען! און נאך א גרויסע מעלה האבן די פאראגוואיערנס: זיי זיינען אור־פרימיטיוו אין זייער ליבע און ווייסן נישט פון קיין חכמות. דאס ווארט „ניין" איז געשטראכן פון זייער לעקסיקאן. איך האב זייער ליב די פאראגוואיער מיידלעך, זיי געפעלן מיר מער ווי אלע פרויען פון דער וועלט. און, גלויבט מיר, אז איך בין א מבין אויף דעם סארט סחורה"...

דער קאפיטאן האט א שמייכל געטון און איך האב מיר אביסל נענטער אנגעקוקט דעם דיקן, זעלבסטצופרידענעם פארשוין, דעם „דעמאקראטישן ראסיסט", וועלכער האלט זיך פאר א גרויסן בקי אין הלכות נשים. זיין דיקער פנים האט ממש געלויכטן, מען האט געזען, אז ער פאסמאקעוועט זיך מיט זיינע דעראינערונגען און אוואנטורעס מיט פרויען פון באשטימטער קאטעגאריע, ווייל זיין אויסזען האט אים געמוזט געבן ווייניק שאנסן אלס דאן־זשואן אין א סביבה פון אנשטענדיקע פרויען. דער קאפיטאן האט איראניש באמערקט:

„פרויען, וועלכע זאגן שטענדיק „יא", מיין פריינט, האבן גארנישט צו טון מיט דער ראסן־פראגע, זיי געהערן צו די, וועלכע אינטערעסירן זיך אויסשליסלעך מיט אייער געלט־בייטל. די דאזיקע „יא־זאגערס" געפינט איר נישט נאר אין פאראגוויי, נאר אומעטום, אויך אין דער לויט אייער מיינונג „שטרענגער" ארגענטינע, ווי וואגט איר אבער אזוי צו רעדן פון א העלפט פון א גאנצן פאלק. ביי אייך קומט אויס, אז אלע פאראגוואיער פרויען זיינען גאסן־מיידלעך. איך בין זעלבסט א פאראגוואיער און ווען איר וואלט נישט געווען א פאסאזשיר פון מיין שיף, וואלט איך אייך געגעבן א לעקציע, וועלכע איר וואלט נישט פארגעסן! גייט אוועק פונעם דעק און ווייזט זיך נישט מער נאענט פון מיר!..."

דער „עכטער" קריאזשע פון ריינעם בלוט איז פלוצלינג צוזאמענגעשרומפט געווארן, איז געווארן קליין און שפלדיק. זיין זאטער, זעלבסטצופרידענער פנים האט פארלוירן זיין גלאנץ און איז געווארן גרוי. זיינע קני האבן זיך געטרייסלט, ווען ער האט זיך ווי א גנב ארויסגעשלייכט

פונעם שיפס־דעק און פארשוואונדן אונטן. די געזיכט־שטריכן פונעם אלטן, גוטמוטיקן קאפיטאן האבן באקומען א הארטן אויסדרוק און מען האט דערזען דעם ים־וואלף, וועלכער האט אין זיין לעבן דורכגעמאכט נישט איין שטורעם. איך האב געזען, אז נאר די שטארקע דיסציפלין און די גע־צוואונגענע העפלעכקייט פון א שיפס־קאפיטאן, אפשר אויך א פארבאר־גענע מורא פאר קאנסעקווענצן פאר זיין לאנגיאריקער קאריערע האט אים צוריקגעהאלטן פון א גרויסן סקאנדאל מיטן מגושמדיקן פאסאזשיר. איך בין געווען א בעלן נאכצוגיין דעם גרויסן „ספעץ" פון פרויען און געזען אים אריינגיין אין זיין קאבינע. ביים שיפס־קאמיסאר האב איך נאכגעזען זיין נאמען אין דער ליסטע פון די פאסאזשירן. דער פארשוין האט גע־טראגן א הונדערט־פראצענטיקן יידישן פאמיליען־נאמען און איז געווען פארצייכנט אלס פוילישער, אבער נאטוראליזירטער ארגענטינער. דער ריין־בלוטיקער ארגענטינער און ראסיסט איז געווען א ייד...

פון וויטן האבן זיך שוין געוויזן צוויי אינדזלען — מענטשלעכע ישובים, וועלכע ליגן איינע קעגן דער אנדערער. דאס זיינען געווען פון איין זייט: פאסאדאס, אויפן ארגענטינער באדן, און אויף דער צווייטער זייט ענקארנאסיאן — א שטעטל אויף פאראגוואיער באדן. אונדזער שיף איז לאנגזאם געקראכן פארויס צום פארט, וואו אויבן האבן שוין געווארט אויף דער שיף די פאליציי, דער מעדיקער, די פארטרעטער פון דער „אדור־אנא" און סתם עולם. נענטער און נענטער האבן זיך צוגערוקט די ברעגן פון דער טעריטאריע מיסיאנעס און די קאנטורן פון די ווייטע געביידעס פון פאסאדאס. דער ערשטער, וועלכער האט זיך דורכגעשטופט צום אויס־גאנג און פארלאזן די שיף, איז געווען דער גרויסער באזיגער פון פרויען. דער שמועס מיטן קאפיטאן און דער אומדערווארטער עפילאג האט געלאזן בולטע סימנים אויף זיין גראבן, רויטן פנים. זיין געזיכט איז געווען גרוי, צעקנייטשט און זיין געשטאלט איז ווי קלענער געווארן. די יידישע „טראיקע" מיט די הייליקע קאטוילישע נעמען זיינען ווידער געווארן מונ־טער און זיי האבן זיך מיט א הויכן „טשאו" זיך אפגעזעגנט פון א רייע שיפס־באקאנטע. מיר האבן זיי בלויז צוגעשאקלט מיטן קאפ און געוואלט משמעות, וואס שנעלער פארגעסן די אומאנגענעמע באגעגעניש מיט מיר, וועלכע האט זיי דערמאנט זייער יידישן אפשטאם... איך בין אויך ארויס אויפן ברעג און זיך שטום געזעגנט מיט דער שיינער שיף, וואו איך האב געטראפן אזוינע יידישע טיפן. איך בין אוועק קיין פאסאדאס.

11

די דראַמע פֿונעם ייִדישן מיידל

די קליינע באַן־סטאַנציע, וואו אַ היפּש ביסל פּאַסאַזשירן האָבן געמוזט אויסשטייגן און וואַרטן אויף דעם נעקסטן צוג כמעט פֿינף שעה, ליגט אין מיטן פֿון אַ סטעפּ. אַרום דעם קליינעם דערפֿעלע, וואָס טראָגט דעמזעלבן נאָמען ווי די סטאַנציע, ציען זיך פֿון ביידע זייטן פֿון דער באַן־ליניע מוראַדיק גרויסע שטחים פֿעלדער און שיטערע וועלדלעך, כמעט אָן מענטשלעכע ישובים. נאָר גאָר ווייט זעט מען אַמאָל אויף דעם האָריזאָנט אַ דיגינקן פּאַס רויך: אַ סימן, אַז דאָרט וואוינען עפּעס מענטשלעכע נפֿשות. אפֿשר איז דאָרט שוין אַ גרעסערער דאָרף אָדער אַ שטעטעלע, אפֿשר נאָר אַ פּאָר קליינע כאַטעס פֿון איינזאַמע פּויערים, אָדער גאָר אַ וואַנדערנדיקער וואַגאַבונד, פֿון דעם טיפּ נע־ונדניקעס, וואָס באַפֿעלקערן די ברייטע שליאַכן פֿון די אַרגענטינער מדבריות, האָט אָנגעצונדן פֿאַר זיך אַ קליין פֿייערל אָפּצובראָטן דעם שטיקל געגנבֿעטן אָדער אויסגעבעטלטן פֿלייש? אָט אַזוי קענט איר אָפּפֿאָרן הונדערטער קילאָמעטערס און וועט נישט זען קיין צורה פֿון אַ מענטשן. די גרויסע סטאַדעס בהמות און פֿערד, וואָס מען זעט דורכן פֿענצטער, זיינען אויך אָן פּאַסטוכער און בלאָנדזשען אַרום ווי אין די אוראַלטע צייטן פֿראַנק און פֿריי און זוכן זיך אַליין אויס זייער פּאַשע און דאָס וואַסער. אַז מען דאַרף צום שעכטן אָדער צום מעלקן אַזאַ בהמה אָדער מען באַנוציקט פֿאַר דער „עסטאַנסיע" אַ פֿערד, פֿאָרן אַרויס די פּעאָנעס מיט לאַנגע „לאַסאָס" און כאַפּן מיט אַ וואונדערבאַרער געשיקטקייט די האַלב־פֿאַרווילדעוועטע פֿערד אָדער קי. דאָס לעבן אין די גרויסע ענדלאָזע פּאַמפּעס איז נאָך גאַנץ פּרימיטיוו, גאָר ווי אַמאָל מיט הונדערט יאָר צוריק, נאָר די שיינע אויטאָס און די מאָדערנע פּאַלאַצן פֿון די גרויסע פּריצים אויף דעם קאַמפּ, אויך דאָס עלעקטרישע ליכט און די טעלעגראַפֿן־סלופּעס דערמאָנען אונדז, אַז מיר

לעבן אין מיטן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. פון סאָציאַלן שטאַנדפּונקט האָט זיך דאָ דאָס לעבן נאָר ווייניק געענדערט: דער גרויסער „האַסענדאַדאָ״ — דער פּריץ — הערשט עקאָנאָמיש און פּאָליטיש אין זיין באַצירק ווי אין די „אַלטע, גוטע״ צייטן. ער גיט דעם טאָן אין אַלע פראַגן פון דעם אָרטיקן ווירטשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן.

אויף דעם קאַמפּ, אין דער טיפער, ווייטער פּראָווינץ, איז נישטאָ אַפילו קיין סימן פון וועלכער עס איז דעמאָקראַטישקייט; דער פּריץ איז דאָרט אַ מין מלוכה אין אַ מלוכה, זיין וואונטש איז דאָרט באַפעל; דער „המון״, וועלכער איז עקאָנאָמיש פון אים אָפּהענגיק, מוז שווייגן, דער פּראָצעס פון אינדוסטריאַליזאַציע גייט אין די ווייטע פּראָווינצן זייער לאַנגזאַם. די רעלאַטיווע פּרימיטיווקייט פון די סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען, דאָס פעלן פון אַ גרעסערער באַוואוסטזיניקער אַרבעטער־מאַסע, די שוואַכע נעץ פון שולן פאַרן פאָלק און דער זייער פאַרשפּרייטער אַנאַלפאַבעטיזם, — דאָס זיינען אַלץ פאַקטאָרן, וואָס באַגינסטיקן די הערשאַפט פון די פעאָדאַלע פּריצים אין די ווייטע און אַפילו נאָענטע פּראָווינצן.

נאָר אויב אויף די גרויסע „עסטאַנסיעס״ פון דער לאַנד־אַריסטאָקראַטיע געפינט מען שוין עלעקטריש ליכט, מאָדערנע איינריכטונגען, באַקוועמע בעדער און סאַניטאַרע לעבנס־באַדינגונגען, קאָן מען אין די אָרומיקע דערפער געפינען נאָר פּרימיטיווע לעבנס־פאָרמען. עס איז היפּש פינצטערלעך און די קליינע הייזקעס פון די דאָרפסלייט, אַפילו אין די קליינע אכסניות און שענקלעך זעט מען אָפט קעראָסין־לעמפּלעך אָדער אַ האַלב־פינצטערן עלעקטריש לעמפּל, וואָס פאַרחושכט נאָך מער די שטוב. די פּרימיטיווקייט און די אָרימקייט האָב איך אויך דערפילט אויף דער קליינער באַן־סטאַנציע, וואו מיר איז אויסגעקומען אַ פּאָר שעה צו וואַרטן. אַ שוואַכער עלעקטרישער לאָמפּ האָט געברענט נאָר ביי דעם סטאַנציע־שעף אין זיין אַרבעטס־צימער, דער גאַנצער שטח אויף דער סטאַנציע גופא און אַרום איז געווען פינצטער, און מיר, די פּאַסאַזשירן, זיינען אַרומגעגאַנגען אין דעם חושך ווי שאָטנס, ווי געשפּענסטער. די בענק צו זיצן זיינען געווען צו קליין, אַז אַלע זאָלן געפינען אויף זיי פּלאַץ. אַ טייל פון די פּאַסאַזשירן האָבן זיך פּשוט געזעצט אויף דער ערד, אָנגעשפּאַרט אויף זייערע טשעמאָדאַנעס און אַנדערע רייזע־געפּעק. מיר איז שוין מיאוס און מאוס געוואָרן צו שפּאַנען איבער דער שמוציקער סטאַנציע און צו אַריבערקריכן איבער די קערפּערס פון די שלאָפנדיקע מענטשן אויף דער ערד. פון ווייטן האָב איך דערזען אַ פייערל — דאָס איז געווען אַ קליינע בירשענק פאַר די דאָרפס־תושבים. אַ פּאָר הונדערט מעטער פון דער סטאַנ־

ציע. איבער די שפּאַלעס פון דער באַן, איבער שמוציקע וואַכער־קאַלו־זשעס נעבן דער באַן־פּאַמפּע, איבער קעסטלעך סחורה און אַ פּאָר שלאָפ־דיקע דאָרפס־הינט, בין איך מיט מזל דערקראָכן צו דעם „באַר", ווי עס איז מיט גרויסע אותיות געווען אויפגעשריבן אויף דעם שילד ביים אריינגאַנג.

דער „באַר" אַז געווען נישט בעסער און נישט ערגער, ווי אַלע אַזעלכע אכסניות אין רוסלאַנד אָדער אין פּוילן. אין שטוב איז געווען גאַנץ טונקל, עס האָט אויף דער סטעליע געברענט אַ קליין לעמפּל מיט אפשר פינף ליכט שטאַרקייט. אין מיטן שטוב איז געשטאַנען אַ הילצערנער לאַנגער טיש אָן אַ טישטוך אָדער צעראַטע. אייניקע הילצערנע שטולן אַרום דעם טיש, און ווינקל די „טעקע" פון דעם באַר מיט אַ פּאָר פלעשלעך משקה און אייניקע סאַנדוויטשעס אויף אַ טעלער. מיליאָנען פליגן, מוראדיק גרויסע היישעריקן און אַנדערע „ליבע" שרצים האָבן באַדעקט אַלע ווענט, אַרומגעשפּרונגען און אַרומגעפלויגן אַרום די טישן און נישט געלאָזט אַ מינוט רו. ביים טיש איז געזעסן אַ פאַמיליע פון דריי מענטשן — אַ טאַטע, אַ מוטער און אַ יונגע, שיינע מיידל מיט שוואַרצע לאָקיגע האָר און הנעוודיקן שמייכל אויף די רויט געפאַרבטע ליפּן. דער פאָטער האָט אויסגעזען, ווי אַן אויפגעקומענער דאָרפס־אַרענדאַטאָר. זיין רויטער גע־זונטער פּנים האָט ממש געשפּראָצט מיט פרישקייט און כוח. די מוטער אַביסל אײדעלער, אָבער אויך אַ געזונטע, שטאַרקע דאָרפס־פרוי. מען האָט אויף די פּנימער פון דער גרופּע געזען זייער נאָענטקייט צו דער נאַטור, מען האָט געשפּירט, אַז זיי לעבן אין אַ פּרימיטיוון, אָבער אַ געזונטן, זאָרגלאָזן לעבן פון די רייכערע מענטשן אויף דעם קאַמפּ. די גאַנצע פאַ־מיליע האָט נישט געהאַט קיין איינציקן יידישן שטריך, נאָר טיף־טיף אין די אויגן וואָלט אפשר אַן אויפמערקזאַמער מענטשנקענער געפונען די אומרואיקייט און די ווייכקייט פון דעם אמת יידישן קוק. אין דער טונקל־קייט פון דער דאָרפס־שענק האָב איך מיינע שכנים אָנגענומען פאַר ריינע עכטע קריאָזשעס. זיי האָבן גערעדט צווישן זיך אַ גוטן שפּאַניש, אָן אַק־צענט און בכלל איז מיר נישט אין קאָפּ געקומען די אידייע, אַז איך האָב פאַר מיר אמתע יידן. אונדזער שמועס האָט זיך אָנגעהויבן פון אַ באַמערקונג פונעם טאַטן, אַז איך וועל מיר קאַליע מאַכן די אויגן לייע־נענדיק מיין צייטונג ביי דעם ליכט. וואָרט פאַר וואָרט און מיר זיינען נאָענט באַקאַנט געוואָרן און ערשט איצט האָב איך זיך דערוואוסט. אַז מיינע נייע באַקאַנטע זיינען יידן.

זיי לעבן אין דער פראווינץ שוין עטלעכע און צוואנציק יאר אין א מדבר, ער איז א טעכניקער און ארבעט ערגעץ אין א מינע, וואס ליגט לערך צוויי הונדערט קילאמעטער פון א באן. ער שטאמט פון אדעסער ראיאן, רעדט נאך גאנץ גוט רוסיש, אבער התונה געהאט האט ער שוין דא, גענומען א יידיש קינד פון א באליוויאנער יידן און זיין טאכטער איז שוין א לעגיטימע ארגענטינער מיידל. שוין כמעט פופצן יאר איז ער נישט ארויסגעפארן פון זיין קליין דערפל, וואו עס וואוינען די אנגעשטעלטע פון דער מינע. ער האט נישט געזען אפילו א צורה פון א יידן. די מיידל איז אויסגעוואקסן אין א גויאישער סביבה, רעדט און פארשטייט נאר שפאניש און יידיש איז פאר איר ווי כינעזיש. די גאנצע יארן האט מען נישט געפראוועט קיין איין יידישן יום־טוב, אפילו יום־כפור און ראש־השנה זיינען עפעס א פרעמדער יום־טוב; ער האט שוין אפילו פארגעסן די אותיות פונעם אלף־בית.

איך האב מיט נייגעריקייט אנגעקוקט די דאזיקע פראדוקטן פון דער ארגענטינער רייכסטער אסימילאציע. די ניוועלירונג איז געווען אב־סאלוט, אפילו די פריערדיקע יידישע כאראקטער־סימנים, וואס מען גע־פינט אפילו נאך דור־דורות ביי יעדן יידן, זיינען דא פולשטענדיק פאר־שוואונדן. איך האב פאר מיר געזען א גאנצע פאמיליע אמתע ארגענטי־נער, וואס אפילו אויסערלעך זיינען זיי גאנץ אסימילירט געווארן. און פארט זיינען דאס געווען יידן — אחינו בני ישראל — וואס האבן זיך נישט געשעמט צו דערקלערן אז זיי זיינען געבליבן יידן און האבן שוין ברוך השם אן אמתן יידישן „פעקל”, א טיפיש יידישע צרה...

אין דעם „באר” איז פלוצים געווארן זייער רעשיק און א גרויסער טומל. פון דער סטאנציע זיינען אריינגעפאלן א גאנצע מחנה געסט, וואס האבן שנעל פארנומען אלע טישן און האבן אנגעהויבן שרייען, זיך ווערט־לען און דיסקוטירן. מיר זיינען ארויס אויף דער גאס. עס איז נאך אלץ געווען שטאק־פינצטער, דער הימל איז געווען באדעקט מיט גרויע וואלקנס, קיין איינציקער שטערן האט אויבן נישט געבלישטשעט און אויך די לבנה האט זיך ערגעץ באהאלטן. מיר האבן זאלבעפערט אנגעהויבן פאמעלעך שפאצירן אין די פינצטערע געסלעך פונעם דארף.

„מיר האבן אויף זיך גאר א גרויסע צרה, — האט אנגעהויבן דער טאטע, פארזיכערנדיק זיין פאפיראס, — דאס איז די געשיכטע מיט אונדזער איינציקער טאכטער עווא. זי האט זיך פארליבט אין דעם דאק־טער פון אונדזער מינען־געזעלשאפט. ער איז אויך שטארק פארליבט און וויל מיט איר התונה האבן. דער דאקטער איז א יונגער, איידעלער, גוטער

מענטש פון אן אריסטאָקראַטישער שטרענג קאַטוילישער פאַמיליע. ער איז אין אונדזער געגנט געבוירן, איז פון קינדוויַיז ביי אונדז א בן־בית. די ליבע צווישן אים און עוואַן איז איינגנטלעך א ריכטיקע יוגנט־ליבע. דער שידוך איז באמת א גליק פאַר יעדער מיידל. נאָר וואָס זאָלן מיר טון? מיר זיינען טאַקע וויַיט פון יידישקייט. איר וועט ביי מיר נישט געפינען קיין איין ספר אָדער א יידישע צייטונג, נאָר מיר זיינען דאָך כּראַצדעם יידן. ווי קענען מיר דערלויבן, אַז אונדזער טאָכטער זאָל זיך שמדן אָדער בכלל חתונה האָבן מיט א קריסט. איך ווייס, אַז עס איז איצט אויף דעם סדר־היום דאָ אין אַרגענטינע די געמישטע חתונות צווישן אידן און גויים. מיין טאָכטער קאָן דאָס גאָרנישט באַגרייפן. פאַר וואָס זאָל זי טאַקע נישט חתונה האָבן פאַר איר אַלטן פריינט און געליבטן יוגנט־חבר. נאָר, זעט איר, מיר לייענען אויך די צייטונגען, מיר ווייסן אויך, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט מיט היטלערן, מיט די דייטשע יידן, מיט די אָרימע יידישע פרויען, וואָס האָבן אַמאָל חתונה געהאַט מיט גויים אין דייטשלאַנד. מיר ווייסן דאָס און טראַכטן וועגן אונדזער איין־איינציקער טאָכטער און קלערן איבער, וואָס וועט זיין וויַיטער? זי קומט אַריין אין א קאָנסערוואַטיווער שטרענגער קאַטוילישער פאַמיליע, וואו דער גלח האָט די גרעסטע דעה. וואָס וועט ווערן פון אונדזער עווא אַמאָל, נאָך אונדזער טויט? שמדט זי זיך נישט איצט, וועט מען זי שפּעטער אָפּשמדן, זי און אירע קינפטיקע קינדער. און טאָמער ווערט דאָ אויך א מין היטלעריזם מיט ראַסע־געזעצן, א קשיה אויף א מעשה, היינט קאָן אַלץ פּאַסירן, — וואָס וועט ווערן פון אונדזער בת־יחידה עווא דעמאָלט? ווי מיינט איר, קען דאָ קומען אַזאַ צייט, דאָ אין אַרגענטינע?

מיר האָבן זיך אויף א ווײַלע אָפּגעשטעלט צו פאַרויכערן אונדזערע פּאַפּיראָסן. ביים ליכט פון דער שוועבעלע האָב איך דערזען די גרויסע שוואַרצע אויגן פון דער מיידל, וואָס האָט מיט בענקשאַפט און א שטילער האָפענונג געקוקט אויף מיר און געוואַרט אויף מיין ענטפער. איך האָב געהאַט א מאָדנעם געפיל, אַז פון מיין ענטפער הענגט אפשר אָפּ דער גורל פון אָט דער קליינער מיידל מיט איר קינדישער ריינער ליבע צו דעם גויאישן דאָקטער. איך האָב דערפילט פּלוצלינג די געוואַלטיקע אחריות, וואָס איך נעם אויף מיר, א ווילד־פרעמדער מענטש, וואָס האָט זיך פּלוצלינג אַריינגעריסן אין א פרעמדן מיידלשן לעבן...

„ווער קאָן היינטיקע צייטן נעמען אויף זיך די גאַראַנטיע פאַר דער צוקונפט, — האָב איך אָנגעהויבן מיין רעפּליק, — עס קאָן זייער מעגלעך

זיין, אז אויך דאָ אין דער פרייער אַרגענטינע, מיט איר געמישטער באַ־פעלקערונג פון הונדערטער ראַסן, זאָל אויך אפשר אויפברויזן אַ ראַסן־פּראָבלעם, כאָטש איך רעכן נישט מיט אַזאַ מעגלעכקייט. מיר לעבן אין אַ שטורמישער צייט, ווען טויזנטער פראַגן ווערן געלייזט אויף אַן אומגע־לומפּערטן אופן. די פעלקער האָט ארומגעכאַפּט אַ מין משוגעת פון נאַ־רישע, ווילדע אידייען. די משוגעת איז ווי אַן עפּידעמיע. זי ווערט פאַר־שלעפּט דורך צייטונגען, ראַדיאָ, ביכער אין אַלע לענדער. צי וועט דער ראַסיזם זיך אוועקשטעלן פאַר די אַרגענטינער טויערן און נישט אַריינ־דרינגען — ווער ווייסט און ווער קאָן דאָ זאָגן נביאות? די דראַמע פון אייער טאָכטער איז די טראַגעדיע פונעם גאַנצן יידנטום. אָט זע איך אייך און פיל, אַז אפשר מיט פינף יאָר צוריק פאַרן היטלעריזם וואָלט די פּראָבלעם פאַר אייך גאָר קיין דראַמע נישט געווען. וואָר־זשע פאַרט איר איצט?״

„מיר פאָרן מיט אונדזער טאָכטער קיין קאָרדאָבאַ, פון דאָרט וועלן מיר זיך דורכפאָרן קיין בוענאָס־איירעס. מיר ווילן זי אַריינפירן אין יידישע קרייזן, זאָל זי אַמאָל אויך זען אַ יידישן בחור, זאָל זי גיין אַמאָל אין אַ יידישן טעאַטער, זאָל זי איבערהויפּט באַקאַנט ווערן מיט יידן. זי האָט אפשר אין איר לעבן גערעדט מיט צוויי־דריי יידן, אפשר וועט זי דערווייל פאַרגעסן איר חתן, איר ליבע צום קריסטלעכן דאָקטער, אפשר״...

מיר זיינען דערווייל נעבנטער צוגעקומען צו דער סטאַנציע. מען האָט שוין אָנגעצונדן נאָך אַ פּאָר לאָמפּן — דער צוג האָט באַלד געזאָרפט קומען. איך האָב מיר אַביסל נעענטער צוגעקוקט צו מיינע נייע באַקאַנטע און דערזען דעם אומעטיקן פּנים פון דער מיידל. אַ גרויסער טרויער איז געלעגן אין איר געזיכט, די אויגן זיינען געווען פאַרטראַכט און האָבן גע־קוקט ערגעץ ווייט איבער אונדזערע קעפּ. זיי האָבן אָפּגעשפּיגלט די גרענעצלאָזע בענקעניש פונעם דאָזיקן אָרימען קינד, וועלכע איז ביים שוועל פון איר לעבן שוין אָנגעשטויסן אויף אַ שווערער דראַמע. קען זי אין וועט זי פאַרגעסן איר ערשטע ריינע ליבע צו דעם יונגנט־פריינט, נאָר ווייל ער איז אַ גוי? קען זי דאָס פאַרשטיין, זי, וועלכע האָט איר גאַנצן לעבן פאַרבראַכט אין אַ פרעמדער סביבה און האָט קיין שייכות נישט צו אונדזער פאָלק מיט זיינע אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען?

דער צוג איז מיט פייפן און געדרויש אַריינגעפאָרן אין דער סטאַנציע. עס איז געוואָרן אַ טומל, אַ געדרודער, אַז איך האָב קוים צייט געהאַט זיך אָפּצוגעזעגענען מיט מיינע נייע באַקאַנטע, וועלכע זיינען נאָך געבליבן

וואַרטן אויף דעם נעקסטן צוג. איך בין געשטאַנען אין פענצטער פון וואַ־גאָן און האָב נאָר געזען די גרויסע, אומעטיקע, יידישע אויגן פון עוואַן און איר פאַרבענקטן פּנים. מיר זיינען אַרויסגעפאָרן פון דער סטאַנציע. אַ וויסטער מדבר האָט זיך געצויגן פון ביידע זייטן — קיין ביימעלע, קיין גראָז, קיין פייערל אין דעם וויטן האָריזאָנט. איך האָב געקוקט דורכן פענצטער אין דער פינצטערער נאַכט און האָב פאַר מיר געזען! נאָר די טרויעריקע אויגן פון דער קליינער יידישער מיידל מיט איר גרויסער מיידלשער דראַמע. וואָס איז פון דיר געוואָרן, קליינע, ליבע עוואַ? וואָס האָבן סוף כל סוף באַשלאָסן דיינע עלטערן און דו אַליין, קליינע יידישע מיידעלע פון אַרגענטינע? ווער האָט געזיגט, — דאָס האַרץ אָדער דער טרוקענער, אָן־רחמנותדיקער שׂכל? ווער ווייסט?...

II

בילדער און איינדרוקן
פון ארגענטינער פראָווינצן

די אומבאקאנטע סאָלדאטן

איינע פון די מערקווירדיקסטע דערשיינונגען פון אונדזער נאָך־מלחמה תקופה איז די אויפשטעלונג כמעט אין אַלע לענדער פון מאָנומענטן פאר דעם „אומבאקאנטן סאָלדאט". די מענטשהייט פירט שוין ברוך השם טויזנטער יאָרן כסדר מלחמות, די גאַנצע וועלט־געשיכטע איז אייגנטלעך אַ זאמלונג פון מעשיות איבער אָפּגעהאלטענע נצחונות און פארלוירענע שלאכטן. נאָר מאָנומענטן און דענקמאָלן האָט מען טויזנטער יאָרן אויפגעשטעלט נאָר פאר די זיגרייכע גענעראַלן, פאר די מלכים און קיסרים, וואָס האָבן אין זייערע לענדער געוואונען גרויסע מלחמות. די אמתע העלדן, די, וועלכע האָבן מיט זייער בלוט און יונגע לעבנס געבראַכט דעם נצחון, איבער זיי האָט מען נישט געשריבן, נאָך ווייניקער האָט מען געטראַכט לכבוד זיי אויפצובויען עפּעס פאר דער אייביקייט, פאר די קומענדיקע דורות. נאָר די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אַביסל פאריכט די אַלטע היסטאָרישע עולה בנוגע דער מיליאָניקער סאָלדאטישער מאסע: נאָך דעם קריג האָט מען אָנגעהויבן אין אַלע לענדער אויפשטעלן מצבות און פרעכטיקע מאָנומענטן פאר דעם „אומבאקאנטן סאָלדאט", אַן וועמען אַפילו דער בעסטער און קלינגסטער מארשאַל קען קיינמאָל נישט געווינען קיין שלאַכט.

אנטקעגן וואָס האָב איך זיך דערמאָנט פלוצלונג וועגן דעם „אומבאקאנטן" סאָלדאט? וואָס פאר אַ סמיכת הפרשה האָט דער דאָזיקער איצט אזוי געפייערטער און פריער אזוי באַוואוסטער סאָלדאט צום פּראָבלעם פון די ארגענטינער פּראָווינץ־יידן, מה ענין שמיטה אצל הר־סיני?

עס איז אַ מערקווירדיקע אידייען־אַסאָסיאַציע. יעדעס מאָל, ווען איך טראַכט וועגן דער מאסע פון אונדזערע ישובים אין דער פּראָווינץ, מוז איך זיך תיכף דערמאָנען וועגן דעם „אומבאקאנטן סאָלדאט". ווייל אין זייער גורל איז דאָ אַ גרויסע ענלעכקייט. מען האָט עד היום גאָר ווייניק אָפּגעשאַצט די ראָלע, די באדייטונג, דאָס אויפטון און די ארבעט

פון דעם פראווינציעלן יידן. אט די אומבאקאנטע סאלדאטן פון דער גרויסער משפחה, וואס הייסט „ארגענטינער יידנטום".

מען האט שטענדיק געשריבן, גערעדט און דיסקוטירט איבער דעם ארגענטינער ישוב און געמיינט האט מען דערביי נאר בוענאס איירעס. די הויפשטאט פון לאנד, דער צענטער פון דער נאציאנאלער ארגענטינער ציוויליזאציע. די בוענאס איירעסער יידן, — זיי זיינען שטענדיק געווען די גענעראלן, וועגן וועלכע מען שרייבט, וועלכע קומען אין דער געשיכטע, וועמען מען שטעלט מאנומענטן. דער פראווינציעלער ייד איז שטענ־דיק, ווי דער אומבאקאנטער סאלדאט, געבליבן אין שאטן. זיין לעבן, זיינע קאמפן, זיינע אידייען און שטרעבונגען; זיין קליין וועלט׳ע מיט זיינע אינטערעסן, — דאס אלץ האט מען געהאלטן פאר נישט וויכטיק. עס איז געווען, ווען פון ציייט צו צייט ווערט אמאל אין דער צייטונג גע־דרוקט א קליינע קארעספאנדענץ פון די פראווינציעלע ישובים איבער אייניקע לאקאלע געשעענישן און א פאר נעמען (דאס איז דאס וויכ־טיקסטע!) פון די ארטיקע כלל־טוער... אבער מען באגייט גאר א גרויסע עולה לגבי דער פראווינץ, ווען מען ווידמעט איר אזוי ווייניק אויפמערק־זאמקייט און אינטערעס.

די ישובים אין דעם „אינטעריאר" פון לאנד האבן אזא באהאנדלונג להלוטין נישט פארדינט, ווייל אין דעם בנין, וואס הייסט ארגענטינער יידנטום, האט די פראווינץ גאר א גרויסע צאל ציגל געלייגט, און אייגנט־לעך איז דער גאנצער פונדאמענט, דער יסוד פון דעם בנין, געלייגט גע־ווארן נישט פון די ניי־אנגעקומענע אימיגראנטן, נאר פון די קאלאניסטן און קאלאניסטישע קינדער, וועלכע האבן אנגעהויבן זייער לעבנס־קאר־ריערע נישט אין בוענאס איירעס, נאר אין דער פראווינץ.

בוענאס איירעס האט, מיט זעכציק יאר צוריק, ווען דער יידישער ישוב האט זיך אנגעהויבן צו בויען און עס זיינען געלייגט געווארן די ערשטע שטיינער פון אונדזער איצטיקער געזעלשאפטלעכקייט, געהאט א יידישן עלעמענט, מיט וועלכן מיר האבן זיך געקענט גאר ווייניק איבער־נעמען און שטאלצירן... די קאלאניסטן און די קאלאניסטישע קינדער זיינען עס געווען די, וועלכע האבן אין דער הויפטשטאט אריינגעבראכט די פרינציפן פון יידישער געזעלשאפטלעכקייט, דעם גייסט פון אונדזער פאלקסטימלעכער קולטור, מיט וועלכן בוענאס איירעס איז אזוי שטאלץ, און אויב דער בוענאס איירעסער יידישער ישוב איז אזוי פאנאנדערגע־וואקסן — איז דאס צו פארדאנקען דער נאטירלעכער אימפעטיקער עוואַ־לוציע פון בוענאס איירעס גופא. די אנטוויקלונג איז געגאנגען פאראלעל:

די ארגענטינער הויפטשטאט איז אין די זעכציק יאר געווארן א וועלט־שטאט, די זעקסטע אין דער וועלט לויט איר גרויס און באפעלקערונג. דער קליינער יידישער ישוב איז מיטגעוואקסן און איז געווארן אן עיר ואם בישראל.

אין דעם טעמפ פון דער קאלאסאלער עוואלוציע פון בוענאס איירעס זיינען אנדערע שטעט אין ארגענטינע שטארק אפגעשטאנען, און ממילא זיינען אויך די פראווינציעלע יידישע ישובים אפגעשטאנען אין זייער וואוקס אין פארגלייך מיט בוענאס איירעס. די גאנצע אימיגראציע פון די לעצטע עטלעכע צענדליק יארן איז געגאנגען קיין בוענאס איירעס, און אין דער פראווינץ זיינען געקומען אדער לא־יצלחס, שלימזלס, וואס האבן נישט געפונען קיין פרנסה אין דער וועלט־שטאט בוענאס איירעס, אדער אזעלכע עלעמענטן, וועלכע האבן צוליב פאמיליארע טעמים אויס־געקליבן די פראווינץ אלס מקום מקלט.

די באזע אבער פון די ישובים בילדן די אלע, פארפונדעוועטע תושבים פון די ערשטע אימיגראנטן, וועלכע האבן דארט אריינגעבראכט פון די אלטע היימען זייערע מנהגים, טראדיציעס, דעם גאנצן אלטן קולטורעלן באגאזש פון דעם אלטן דור. אט אזוי האט זיך אין לויף פון דער צייט אויסגעבילדעט א מעכאנישער קאנגלאמעראט פון אלטע און נייע תושבים מיט די אומפארמיידלעכע מחיצות, מחלוקת אין קליינע אינערלעכע מלחמות, וועלכע זיינען אזוי כאראקטעריסטיש פאר אלע יידישע ישובים אין אויסלאנד.

נאר דער, וואס מיינט, אז די פראווינץ שלאפט, דער האט גאר א גרויסן טעות. די אומבאקאנטע פראווינציעלע סאלדאטן, וועגן וועלכע מען שרייבט גארנישט און מען פארגעסט אין זיי, פירן אן אינטענסיוון, אייגנארטיקן און אינטערעסאנטן לעבן, לויט זייער מאסשטאב און זייער שטייגער.

לאמיר אביסל זיך צוקוקן נעענטער צו זיי; לאמיר אויפהויבן אביסל דעם פארהאנג און פרובירן אריינקוקן צו די מענטשן, פון וועלכע עס גייט כסדר אן אוממאויפהערלעכער, פערמאנענטער שטראם פון כוחות, וועלכע פרישן אפ אונדזער הויפטשטאט און גיסן אריין פריש, יונג בלוט אין די אביסל פארקאלקטע אלטע אדערן פון דעם גרויסן בוענאס איירעס. ווייל מיטן שליסן די ארגענטינער טויערן פאר אויסלענדישער אימיגראציע בלייבט די פראווינץ דער איינציקער רעזערוואואר, פון וואנען עס פליסן צו אין דער הויפטשטאט דער נויטיקער מענטשלעכער עלעמענט, די אר־

בעטס־הענט און די קולטורעלע כוחות, וועלכע די גרויסשטאָט פאַרשלינגט, פאַרדייעט און מישט צוזאַמען מיט די היימישע.

אַט אַזוי בילדעט די פּראָווינץ אויך פאַר דעם יידישן ישוב דעם קאַנאַל, וואָס פאַרבינדט בוענאָס איירעס מיט אַנדערע קיבוצים און פון וואַנען עס פליסן צו ביי אונדז פרישע וואַסערן: דורך אַריבערטראָגן געשעפטן, דורך שידוכים און אַנדערע פאַקטאָרן, קומט פאַר צווישן דער פּראָווינץ און דער הויפטשטאָט אַ שטענדיקער אויסטויש פון ווערטן און מענטשן און די מאָדערנע טעכניק, די באַנען, אויטאָס און אַוויאָנען שאַפן אָפּ די דיסטאַנצן און מחיצות און דערנענטערן די ישובים איינע צו די אַנדערע.

די סימפאָניע פון דער ארגענטינער פּראָווינץ

אז מען רעדט פון דער פּראָווינץ און אירע יידישע ישובים מיינט מען אַלע קיבוצים, וועלכע ליגן מחוץ פון בוענאָס איירעס. פאַר דעם איינגעבויסענעם בוענאָס איירעסער „פּאַטריאָט" זיינען אפילו די קליינע שטעטלעך, וואָס ליגן אין דער פּעריפעריע פון דער הויפּטשטאָט, שוין אויך „פּראָווינץ".

דער בוענאָס איירעסער ייד, וועלכער איז קיינמאָל נישט ארויסגע־פאָרן פון „זיין" בוענאָס איירעס און זעט די וועלט דורך דער פּריזמע און די ברילן פון זיין סביבה, אָט דעם ייד דוכט זיך, אז די פּראָווינץ איז עפּעס אַן איינהייטלעכע, איינפאַרביקע וועלט, אין וועלכער עס סומט אוים נעבעך זיך אויסצולעבן דעם אָרימען פּראָווינציעלן יידן. מען פאַר־געסט צום גרעסטן טייל, אז ארגענטינע איז אַ קאָלאָסאַלע מדינה מיט די פאַרשידנסטע קלימאַטישע, עקאָנאָמישע, סאָציאַלע באַדינגונגען פון לעבן, אז דאָס דאָזיקע אומגעהויער גרויסע לאַנד איז אַן אמתער מאָזאַאיק פון איינצלנע קליינע מלוכות, וועלכע פירן יעדע פאַר זיך אַן אייגנאַרטיקן לעבן.

מען רעדט פון דער פּראָווינץ, פאַרגעסנדיק, אז אפילו פון ריין יורי־דיש־שטאַטלעכן שטאַנדפּונקט זיינען די איינצלנע פּראָווינצן און טעריטאָ־ריעס כמעט זעלבסטשטענדיקע מלוכה־אָרגאַניזמען און בילדן נאָר טיילן פון דער גרויסער פעדעראַציע פון שטאַטן, וואָס הייסט ארגענטינע. עס איז דעריבער נאַאיוו צו ניוועלירן די פּראָווינציעלע ספּעציפישע אייגנאַר־טיקייטן און פאַרשטעלן זיך דאָס לעבן אויסערהאַלב בוענאָס איירעס אַלס אַ מאָנאָטאָנע, איינפאַרביקע בילד.

ארגענטינע איז ווי אַ גרויסער סימפאָנישער אָרקעסטער, וואו אַלע טיילן שפּילן אויף זייערע באַזונדערע אינסטרומענטן, אויף זייערע אייגענע

טענער, נאָר די נאַציאָנאַלע פעדעראַטיווע מאַכט שמעלצט צוזאַמען, גיסט צוזאַמען די פאַרשידענע טענער אין איין סימפאָניע, וואָס הייסט אַר־גענטינע.

אויב די סאָציאַל־עקאָנאָמישע און קלימאַטישע באַדינגונגען זיינען אין די פאַרשידענע טיילן פון לאַנד פאַרשידן און אייגנאַרטיק, מוז נאַ־טירלעך דאָס לעבן פון אונדזערע יידישע ישובים זיך אויך אַנטוויקלען נישט נאָך איין מאָס, נאָך איין ריכטונג, נאָר איז ענג פאַרבונדן מיט די אויסערלעכע אומשטענדן, מיט דער סביבה, אין וועלכער זיי קומט אויס צו לעבן, קודם כל עקאָנאָמיש, מוזן די יידן פון די איינצלנע פראָווינצן זיך צופּאַסן צו די ארומיקע באַדינגונגען. דערפון נעמט זיך, אַז מען קאָן בשום אופן נישט פאַרגלייכן למשל די באַדינגונגען פון לעבן פון דעם יידן אין טשאַקאָ און דעם יידן אין סאַנטאַ פע, אָדער טוקומאַן.

אַלץ איז טאַקע פּראָווינץ, אָבער נאָר געאָגראַפיש לגבי בוענאָס איי־רעס, אין דער אמתן קאָן מען רואיק זאָגן, אַז די יידן למשל אין באַהיאַ בלאַנקאַ לעבן אַן אַנדער לעבן, ווי אין דער שטאָט קאָריענטעס אָדער ראָ־זאַריאָ, ווייל אייגנטלעך זיינען די דאָזיקע פּראָווינצן קלימאַטיש און עקאָ־נאָמיש גאָר פאַרשידענע מלוכות.

כדי אַלזאָ צו באַקומען אַ קלאָר און גענוי בילד איבער דעם לעבן פון די פּראָווינציעלע יידן, מוז מען מאַכן אַ רונד־רייזע איבער דער גרויסער אַרגענטינער רעפּובליק. ווייל נאָר ריין אויסערלעך זעט אויס דאָס לעבן פון די אַרגענטינער ישובים ענלעך, אין דער ווירקלעכקייט אָבער קומען פאָר אין דער טיפעניש, אונטער דער אויבערשטער שאָלעכץ פון לעבן, אינטע־רעסאַנטע פּראָצעסן, וועלכע וועלן האָבן גאָר אַ גרויסע השפעה אויף אונדזער צוקונפט דאָ אין לאַנד.

נעמט, למשל, דעם מסחר מיט בהמות, נישט מיט פלייש, נאָר מיט לעבעדיקע פי. איר קענט ארומפאָרן חדשים־לאַנג אין די פּראָווינצן קאָ־ריענטעס, קאָרדאָבאַ, מענדאָסאַ, סאַן כואַן, טשאַקאָ, סאַנטיאַגאָ דעל עס־טעראָ, און איר וועט געפינען קוים איינצלנע יחידים, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דעם דאָזיקן האַנדל. פאָרט אָבער זיך דורך קיין סאַנטאַ פעער פּראָ־ווינץ, צו דער קהילה קדושה מאָזעסוויל, למשל, און איר וועט דאָרטן געפינען אַ גאַנצן ישוב, וועמענס עקאָנאָמישע אינטערעסן דרייען זיך ארום „סקאָט", בהמות־פּאַשע, פלייש־מקחים, וכדומה.

עס איז קלאָר, אַז אַזאַ מין באַשעפטיקונג לייגט אַרויף אַ חותם אויף דעם גאַנצן גאַנג פון לעבן און מוז האָבן אַן איינפלוס אויך אויף דער פּסיכאָלאָגיע סיי פון דעם מענטשן און סיי פון זיין פאַמיליע. אַ זון פון

אַ מאַזעסווילער פּי־הענדלער וועט שוין אויך ווערן דעם טאַטנס געהילף און יורש אין זיין מסחר, ווי למשל אַ זון פון אַ פּעדלער, וואָס זעט זיך אין דעם טאַטנס שווערע פּראַצע ביי דעם האַנדל.

דער ענטרע ריאָסער קאָלאָניסט לעבט, נאַטירלעך, גאָר אַן אַנדער עקאָנאָמישן לעבן, ווי למשל דער שטאָטישער ייד פון טוקומאַן. דאָ און דאָרט איז מען אָפּהענגיק פון דער „קאָסעטשע" — אין ענטרע ריאָס פון דעם ווייץ און אַנדערע תבואות; אין טוקומאַן — פון דעם צוקער. אָבער די „אָפּהענגיקייט", דער עצם לעבן, איז גאָר פאַרשידן. ביי דעם טוקומאַ־נער יידישן סוחר איז די פּראָבלעם פון דער גערעטעניש פון רער־צוקער נישט אַ פראַגע פון זיין דירעקטער חיונה. ער איז נאָר אומדירעקט פאַר־אינטערעסירט, אַז דער צוקער זאָל גוט אויסוואַקסן; אַז אין די צוקער־פּלאַנטאַציעס און אין די צוקער־פאַבריקן זאָל זיין פיל אַרבעט, ווייל ווען די אַרבעטער פאַרדינען, לייזט מען גוט אין די קראָמען. גוטער צוקער, שלעכטער אויספאַל פון דער קאָסעטשע, די וועלטמקחים אויף צוקער, פראַגן פון צאָל־פּאָליטיק, וכדומה זאַכן, וואָס האָבן אַן ענגע שייכות צו דער צוקער־פּראָדוקציע — דאָס אַלץ אינטערעסירט נישט דעם טוקומאַ־נער יידישן סוחר. ער דאַרף האָבן קונים אין זיין קראָם, און דעריבער האָט ער אינטערעס פאַר דער צוקער־קאָסעטשע.

דער ענטרע ריאָסער ייד אינטערעסירט זיך פאַר זיין קאָסעטשע גאָר אַנדערש, ווי דער טוקומאַנער. פאַר אים, דעם קאָלאָניסט, אפילו דעם קליינעם סוחר אין דעם דאָרפישן שטעטל, איז די קאָסעטשע אַן אמתע לעבנס־פראַגע, אַ פּראָבלעם פון קיום, פון שטיקל ברויט פאַר זיך און זיין ווייב און קינדער. ער קוקט אויף דעם הימל און דאָס האַרץ דריקט און די נשמה גייט אים אויס, ווען דער האָריזאָנט איז בלוי און ריין און די לופט איז מחיהדיק וואַרעם: ער דאַרף גאָר למען השם אַ רעגן, אַ גרויסן, שטאַרקן גשם, אפשר אפילו אַ מבול; וואָס מער וואַסער איז אפשר בע־סער...

דער טוקומאַנער ייד קוקט אויך אפשר אויף דעם הימל, אָבער ער זעט גאָרנישט אין אים. דער טומאַן, די וואָלקנס, די ריינקייט פון הימל, זאָגן גאָרנישט זיין שטאָטישער נשמה. ער קוקט אויף דעם האָריזאָנט און ווייס נישט, צי איז גוט אָדער שלעכט דאָס וועטער פאַר דער צוקער־קאָסעטשע.

דער מאַזעסווילער, ריוועראַ אָדער ענטרע ריאָסער ייד איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער נאַטור, מיט אירע קאַפּריזן, משוגעתן, שמייכלען, שטורמען און שיינע טעג. קאָן מען אַזעלכע פאַרשידענע טיפּן מענטשן,

נאָר ווייל זיי זיינען אַלע יידן, ווארפן אין איין טאָפּ און מעסטן מיט איין מאסשטאב און זאָגן נביאות איבער זייער און זייערע קינדערס צוקונפט?...

און נאָך עפּעס, וואָס מען מוז און מען דאַרף נעמען אין אַכט, ווען מען וויל האָבן אַ באַגריף איבער אונדזערע פּראָווינציעלע יידישע ישובים. חוץ די דערמאָנטע ריין־קלימאַטישע און עקאָנאָמישע פאַרשידנקייטן צווישן איין ישוב און דעם אַנדערן און ממילא צווישן די פאַרשידענע טיפּן פון יידישן תושב, מוז מען נאָך זיך רעכענען, אַז צום קיבוץ מוז מען צורע־כענען אַזעלכע עלעמענטן, וועלכע זיינען אויך יידן, געהערן אָבער צו גאָר אַן אַנדער וועלט, אפשר גאָר צו אַן אַנדער ראַסע. דאָס זיינען אונדזערע איבער אַלע יידישע קיבוצים צעזייטע און צעשפּרייטע ספּרדישע עלע־מענטן. וואָס האָבן זיי חוץ דעם דאַווענען און אייניקע רעליגיעזע מנהגים, ווי מילה, פאַסטן אום יום־כיפּור א. א. וו., די „טערקן“, געמיינזאַמעס מיט די רוסישע, פּוילישע, ליטווישע יידן?

איך רייד נישט פון אונדזער היסטאָרישן גורל, וואָס האָט אונדז אַלעמען — אשכנזים, ספרדים, תימנער, אַפריקאַנער יידן — פאַרבונדן אין איין טראַגישן קנויל צוזאַמען. אָבער אין דעם אַלטעגלעכן לעבן, אין סאָציאַלן זין, זיינען דאָס דאָך צווי באַזונדערע, פאַרשידענע וועלטן. אַן אַנדער פּסיכיק, אַנדערע באַגריפן, אַן אַנדער צוגאַנג צו אַלע אונדזערע נאַציאָנאַלע פראַגן. און דער נייער צוגעקומענער פּריש איינגעוואָרצלטער עלעמענט, די דייטשע יידן, וואָס פאַרבינדט זיי, חוץ זייער טראַגישן שיקזאַל, מיט דעם לעבנס־שטייגער פון די אַלטע, איינגעזעסענע תושבים פון רוסלאַנד, פּוילן, ליטע און גאַליציע? אפילו זייער גרויסער אומגליק האָט זיי כמעט נישט דערנענטערט צו אונדז. אויך אַ באַזונדער וועלט, אַן אַנדער פּסיכאָלאָגיע, אַ פרעמדער לשון און אַנדערע האָריזאָנטן...

פילפאַרביק, ווי אַ רעגנבויגן, קאָמפּליצירט און דורכגעפלאָכטן מיט פּראָבלעמען, פליסט דאָס לעבן פון די יידן אין די גרויסע, ווייטע אַר־גענטינער פּראָווינצן. עס איז גאָרנישט אַזוי איינפאַך זיך אויסצוגע־פינען אין דעם קנויל פון פראַגן, וואָס באַוועגן און קאָמפּליצירן דאָס פּראָווינציעלע יידישע לעבן, ווייל יעדער ישוב האָט זיינע אייגענע דאגות, פּראָבלעמען, שטרעבונגען, קאַמפן און פּערספּעקטיוון, שטענדיק אָפּהענגיק פון דער ארומיקער גויאישער סביבה.

שרייבן די געשיכטע פון די אַרגענטינער פּראָווינציעלע יידישע ישובים, הייסט גלייכצייטיק שרייבן די היסטאָריע פון די איינצלנע אַר־גענטינער פּראָווינצן און טעריטאָריעס. די קיבוצים וואַרטן נאָך אויף זייער

הסטאָריקער און דער שטאָלצער בוענאָס איירעסער ייד האָט נישט אַזוי צו קוקן מיט ביטול אויף דעם „גרינעם פּראָווינציעלער", וועלכער לעבט זיך אוים זיינע יאָרן, האָדעוועט אוים זיינע קינדער „לתורה, לחופּה ולמעשים טובים", אויך אָן דעם הארמידער, גערויש, קאָפּעס, פּאָקערס און דעם גאַנצן טומל פון דער גרויסער בוענאָס איירעס. דאָס לעבן פליסט אומעטום און אין דעם קליינעם טראָפּן וואסער שפּיגלט זיך אָפּ די זון גענוי, ווי אין דעם גרויסן אטלאַנטישן אָקעאַן...

יידישע פרנסות אין די ווייטע ארגענטינער פראווינצן

(אַ בלעטל פון דעם נישט ווייטן עבר)

איך האָב אַמאָל געלייענט אין מיינע שול־יאָרן אַ דערציילונג וועגן אַ נאַיוון אויסלענדער, וואָס איז געקומען קיין אַמסטערדאַם — די גרויסע האַפן־שטאָט פון האָלאַנד. דאָרט האָט ער צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן דערזען מוראדיק גרויסע, שיינע פּאַלאַצן און הייזער. און וועלנדיק וויסן ווער איז דער אייגנטימער פון די דאָזיקע פּאַלאַצן, האָט ער געפרעגט אַ פאַרבייגייענדיקן האָלענדער דעם נאָמען פונעם רייכן באַלעבאָס פון די הייזער. דער האָלענדער האָט נישט פאַרשטאַנען די פראַגע און האָט געענטפערט אויף האָלענדיש: „קאַניפערשטאַן" (איך פאַרשטיי נישט). דעם זעלבן ענטפער האָט דער נייגעריקער אויסלענדער באַקומען אויך אין האַפן, וואו ער האָט אויך צום ערשטן מאָל אין לעבן דערזען די גיגאַנטישע שיפן מיט די מיליאָנען צענטנער סחורות און געוואָלט וויסן וועמען עס געהערן אַט די אַלע קאָלאָסאַלע רייכטימער אין פּאָרט.

דער נאַיווער אויסלענדער האָט גאָרנישט געקאָנט באַגרייפן, ווי קען עפּ איין מענטש, „קאַניפערשטאַן", זיין אַזוי רייך. אַרויסגייענדיק פון האַפן האָט ער דערזען אַ גרויסאַרטיקע לויה מיט מוזיק, טויזנטער באַ־גלייטער און הונדערטער אויטאָס. אויף דער פראַגע ווער איז דאָס גע־שטאָרבן און ווערט באַערדיקט מיט אַזאַ גרויסן כבוד און פּאָמפּע, האָט ער ווידער באַקומען דעם זעלבן ענטפער — „קאַניפערשטאַן".

אַט די מעשהלע מיט „קאַניפערשטאַן" האָב איך מיך דערמאָנט, ווען איך בין אַרומגעפאָרן איבער די פעלדער און סטעפּעס פון טשאַקאָ און אַנדערע אַרגענטינער פּראָווינצן. דאָס מאָל האָב איך געשפּילט די ראָלע פון דעם נאַיוון, נייגעריקן אויסלענדער. איך האָב געזען מוראדיק גרויסע, ענדלאָזע פעלדער פאַרזייט מיט כל המינים תבואות. איך האָב געזען טויזנטער מענטשן שוויצן און אַרבעטן, אַקערן און זייען,

שניידן און בינדן אויף די פעלדער. און, ווי אין דער אַלטער מעשהלע, האָב איך אויך געשטעלט די נאַיווע פראַגע — וועמען געהערן אַט די אַלע רייכטימער, די אוצרות פון תבואות און אַלגאָדאָן, אַט די בענקעניש און אנגסט פון מיליאָנען מענטשן וועגן די קאָסעטשעס? און כמעט אומעטום האָב איך געפונען צוויי גרויסע וועלט־באַרימטע פירמעס, וועלכע זיינען די „קאָניפערשטאַנס" פון אַרגענטינער לאַנדווירטשאַפט. אומעטום זיי, זייערע קאַנטאָרן, אַגענטורן, עלעוואַטאָרן, סקלאַדן; אומעטום פילט מען די מעכטיקע האַנט פון די גיגאַנטישע היגע „קאָניפערשטאַנס".

און דאָס איז נישט נאָר אין דעם נייעם אַרגענטינער „קלאָנדאַיק" — טשאַקאָ — וואו די אַגריקולטור איז נאָך רעלאַטיוו ניי און וואו בכלל זיינען נאָך נישטאָ קיין היימישע קאַפּיטאַלן און מען איז ממילא אָפּהענגיק פון די גרויסע רייכע קאַנטאָרן; אויך ווייט, ווייט פון טשאַקאָ, אין דער משונהדיק גרויסער פּראָווינץ פאָרמאָסאַ, זעט איר אַ מאָנאָטאָנע פּאַנאָראַמע פון גרינע אָדער גרויע פעלדער און ערגעץ וואו, אויף אַ פאַרוואָרפענער סטאַנציע, אין אַ פון גאָט און פון מענטשן פאַרגעסענעם ווינקל, פּלוצים אַ גאַנצע פאַבריק־קאָנסטרוקציע מיט אַ שיינער געביידע, מיט דעם נאָמען פון די גרויסע האַנדלס־הייזער.

מסתמא זיינען דאָ, חוץ די דאָזיקע צוויי גיגאַנטן, אויך אַנדערע פירמעס, וואָס קויפן און פינאַנצירן די אַלגאָדאָן־ און תבואה־קאָסעטשעס. איך האָב אָבער אויף דעם גאַנצן וועג געהערט נאָר די צוויי נעמען און זיי זיינען אין מיינע אויגן אויסגעוואַקסן צו מוראַדיקע קאָלאָסן, וואָס האָבן פאַרכאַפּט און פאַרשלונגען אַלץ, וואָס שטייט אויף זייער וועג...

מען האָט מיר דערציילט, אַז ביידע פירמעס זיינען יידישע. וועגן איינער ווייס איך, אַז דער נאָמען געהערט אַן אַלטער פראַנצויזיש־יידישער פאַמיליע, וועלכע שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער פּאַריזער פינאַנץ־וועלט. דעם יידישן עולם איז דער נאָמען מער באַקאַנט דורך דעם באַרימטן פראַנצויזשן קאַפּיטאַן, אויך אַ מיטגליד פון דער זעלבער רייכער פאַמיליע, וואָס איז דורך אַ בלבול פאַרשיקט געוואָרן אויף דעם „טייוול־אינדזל" און וועמענס פּראָצעס האָט אין אָנהויב פון איצטיקן יאָרהונדערט געהאַט אויפגערודערט פראַנקרייך. די גערעכטיקייט האָט דעמאָלט געזיגט, דער אָפיציר איז רעהאַביליטירט געוואָרן און די אַנטיסעמיטן אין דער גאַנצער וועלט האָבן דאַן געהאַט המנס מפּלה.

מכוח דער אַנדערער פירמע זיינען דאָ חלוקי־דעות: אייניקע זאָגן, אַז די פירמע איז אַ ריין־אַרישע, ווייל די פּאָר יידן, וואָס האָבן דאָרטן יאָ אַמאָל געשפּילט אַ ראָלע, זיינען שוין אַרויסגעטראָטן אונטערן דרוק

פון געבעלטעם אגענטן. אנדערע ווידער טענהן, אז די פירמע איז א נישט־אַרישע און אז די יידן שפּילן דאָרט אין דער צענטראַלע די ערשטע פידל. אפשר זיינען גאָר ביידע גערכט.

יעדנפאַלס, פאַר די ברייטע יידישע מאַסן אין אַרגענטינע און זייערע פּרנסות האָט די מעשה מיט די דאָזיקע גרויס־קאַפּיטאַליסטן נישט קיין שייכות. די אַרגענטינער יידן זיינען נישט קיין גוט־ אָדער לאַנד־באַזיצער. דאָס גרויסע בערזן־שפּיל אויף דעם אַלגאָדאָן אָדער תבואה־מאַרק, וואו די אויבנדערמאָנטע „קאָניפערשטאַנס" זיינען די רעדל־פירער, האָט גאָר א קליינע ווירקונג אויף די געשעפטן פון אונדזערע היגע יידעלעך. חוץ א גאָר קליינער צאָל קאָלאָניסטן, וועלכע אַרבעטן אויף דעם קאַמפּ, אָן אומ־באַדייטנדיקע צאָל בעלי־מלאכות, וואָס פאַרבינדן האַנטווערק מיט א קליי־נעם קלייטל פון זייער אייגענער פּראָדוקציע, לעבט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אין דער פּראָווינץ פון מסחר. דאָס גאַנצע לאַנד איז באַ־דעקט מיט א נעץ פון קליינע און גרעסערע יידישע קראָמען, וועלכע גע־הערן צו די „אשכנזים" און „ספרדים".

אונטער די „טערקישע" יידן פאַרשטייט מען דעם ערב־רב פון שפּאַ־ניאָלן, סירישע, טערקישע און מאַראָקאַנישע יידן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם כלל־ישראל דורך רעליגיע־געמיינשאַפט. די ספרדים פירן אַ־מעטום א סעפּאַראַטן לעבן, זיינען פרום און האַלטן זיך פעסט אָן די דינים פון דער תורה שבכתב. גרויסע מבינים אויף דער תורה שבעל פה — דעם תלמוד — זיינען זיי נישט און זייער גאַנצן יידישקייט באַשטייט אין זייער „פרומקייט", כאָטש אין דער פּראָווינץ, וואו מען קריגט מיס־מנים גאָרנישט קיין כשר פלייש, איז אַביסל שווערלעך צו בלייבן פרום. בלייבט אַלזאָ נאָר די מצוות מילה און דאָס דאַווענען אין שול — אָן אַנדער שייכות צו אונדזער קולטור האָבן די דאָזיקע „ספרדים" גאָר א קליינע. דאַקעגן אין הלכות מסחר פאַרשטעקן זיי די „אשכנזים" אין גאַרטל. די „טערקן" זיינען געווען אַמאָל די בעסטע און געשיקטסטע ביזנעס־לייט און האָבן געמאַכט אומעטום אין דער פּראָווינץ א „שיין" לעבן.

די „ספרדים" זיינען אין דער פּראָווינץ געווען די ערשטע פּיאָנערן אין מסחר. זיי האָבן די ערשטע געשאַפן דעם קלאַס „אַמבולאַנטן" — די יידישע קליינע סוחרימלעך מיט דעם פּעקל אויף די פּלייצעס. אומ־דערמידלעך, מיט דער גרעסטער געדולד און גרויסע קרבנות, האָבן די דאָזיקע פּיאָנערן אַרומגעוואַנדערט אין די דאַמאָלסטיקע מדבריות פון טשאַקאָ און אַנדערע פּראָווינצן, געזוכט און געפונען זייערע קליענטן און ביסלעכווייז געשאַפן דעם היינטיקן פאַרצווייגטן יידישן האַנדל. די

„אשכנזים" — די פוילישע, רוסישע אָדער רומענישע אימיגראַנטן — זיינען שוין געקומען שפּעטער און האָבן אויך רעלאַטיוו שנעל דערגרייכט שטאַרקע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אין דער אַרגענטינער פּראָווינץ. היינט דאָמינירן שוין די אשכנזים נישט נאָר אין געזעלשאַפטלעכן, פּאָליטישן און קולטורעלן יידישן לעבן, נאָר אויך דאָרט, וואו די „טערקן" האָבן פריער געהערשט — אויף דעם מסחר־געביט.

די נייע אימיגראַנטן פון פוילן און רוסלאַנד האָבן מיט זיך מיטגע־בראַכט נישט נאָר דעם גייסט פון האַנדל, נאָר אויך אייראָפּעאישע מע־טאָדן אין די באַציאונגען צו קונדן. דער „טערק" איז אין אַלע הינזיכטן שטאַרק אָפּגעשטאַנען, און אויב ער איז נאָך אויף דעם מאַרק שטאַרק, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל ער פירט מערסטנס אַ קאַרג און איינגעשרומפּן לעבן און קאָן דערפאַר זאַמלען און שפּאָרן געלט. נאָר ער אַליין און זיינע האַנדלס־מעטאָדן זיינען היסטאָריש פאַראורטיילט צום אונטערגיין.

די יידישע קראָמען זיינען צום גרעסטן טייל אין דער פּראָווינץ גאַנצע „וואַרנהייזער". די דיפערענצירונג אין ספּעציאַליטעטן, וועלכע מען גע־פינט אין די גרויסע שטעט אָדער בכלל אין אייראָפּע, איז אין אַרגענ־טינער פּראָווינץ כמעט אומבאַקאַנט. דאָ געפינט איר אין אַ קראָם מכל טוב, אָנהויבנדיק פון מאַנופאַקטור און ענדיקנדיק מיט טשוועקעס, נאָפט און אָדעקאָלאָן.

דער פּויער, אָדער קאָלאָניסט, וואָס קומט אין שטעטל, קריגט אין זיין „אַלמאַסען" אַלץ, וואָס זיין האַרץ גלוסט און דאַרף נישט ארומגיין איבער די קראָמען זוכן דאָס, וואָס ער דאַרף פאַר זיין ווירטשאַפט. אַפילו אין די גרעסערע שטעטלעך, וואו דער פּראָצעס פון דיפערענצירונג אין האַנדל איז שוין שטאַרק, זעט מען אויף שריט און טריט אָט די געשעפטן מיט די פאַרשידענע סחורות פון כל המינים בראַנזשעס. נאָר די גרעסטע גבירים האָבן אָנגעהויבן זיך צו ספּעציאַליזירן אין באַשטימטע האַנדלס־בראַנזשעס, גאַנץ באַזונדערס די „מאַזשאָריסטן", וואָס פירן שוין אַ גרויסע ראָל אין דער האַנדלסט־וועלט.

צי זיינען דאָ אין דער פּראָווינץ אויך יידישע בעלי־מלאכות? איך האָב מיך שטאַרק אינטערעסירט פאַר דעם פּראָבלעם. נאַטירלעך, זיינען דאָ אויך יידישע האַנטווערקער, אָבער אַ קליינע צאָל, וועלכע מען קאָן אָנרופן באמת „פּראָדוקטיווע" עלעמענטן. דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען גלייכצייטיק סוחרימלעך אין קליינעם מאַסשטאַב און זיינען צום באַדויערן מערסטנס אויף צרות, שלאָגן זיך דורך בצמצום. קיין גרוי־סע פאַכמענער זיינען זיי נישט און מען זעט ביי זיי אויך נישט קיין

חשק צו בלייבן ביי זייערע אָרימע פּראָפעסיעס. זיי זיינען אפשר מקנא די „גליקלעכע" אַמבולאַנטן וואָס מאַכן אַ לעבן, בשעת זיי, די האָרעפּאַשנע מאַסן, מוטשען זיך נעבעך אין זייערע פינצטערע ווארשטאַטן.

דער „קלאַסן־באַוואוסטזיין" ביי די דאָזיקע האַלב־פּראָלעטאַריער און האַלב־קליינבירגער איז נישט זער הויך; סאָציאַל שטייען זיי באַשטימט אויף דער זעלבער זייט מיט די אמתע פּראָלעטאַריער, ד. ה. די זעלבע קבצנים און אביונים, נאָר פּסיכאָלאָגיש זיינען זיי נאָך אויף יענער זייט פון דער סאָציאַלער באַריקאַדע, וואו עס שטייען זייערע גליקלעכע ברידער — וואָס דאָ אין ארגענטינע רופט מען זיי „אַמבולאַנטן", „מארינעראָס", אָדער די העכערע שטופע — „קוענטעניקעס". איך האָב זיי געטראָפן, די דאָזיקע פּאַריער צווישן די סוחרים, מיט זייערע שווערע פּעקלעך אָדער קעסטעלעך אויף די ענדלאָזע אויסגעטריקנטע וועגן פון טשאַקער מדבר אָדער אויף די שמוציגע דעקן פון די קליינע שיפלעך אויף דעם פּאַראַנאַ. אין די גרעסטע היצן, ווען מען טאָר אפילו אַ הונט נישט ארויסלאָזן אויף דער גאַס, אויף די שרעקלעכע וואַסערלאָזע וועגן, צווישן דערפער און שטעטלעך, זעט מען די טרויעריקע געשטאַלטן פון אונדזערע ארגענטינער „גאָלד־שפּינערס", מיט די שווערע פּעקלעך אויף די פּלייצעס, מיט געשוואָלענע פיס, געטריבן פון די דאָרפישע הינט, אָן אַ היים, אָן לייב און לעבן; מיט דער אילוזאָרישער האָפענונג אמאָל צו ווערן „מיט לייטן גלייך" און עפּענען אָן אייגענע קראָם, מארשירן די אַמבולאַנטן פון הויז צו הויז, פון דאָרף צו דאָרף; גיבן זאַגאַר „קרעדיטן" פון זייער אָרימען „קאַפּיטאַל" די היימישע קונדן, לויפן דערנאָך חדשימלאַנג נאָך זייער ביטער פאַרדינטן גראָשן און קריגן אָפט אנשטאָט געלט — קלעפּ, זלזולים און באַליידיקונגען.

מיט עטלעכע יאָרן צוריק האָט מען אין טשאַקאָ הינטער אַ דאָרף געפונען אַ דערהרגעטן יידישן אַמבולאַנט. גזלנים האָבן צוליב אַ פּאָר פּעזעס דערמאָרדעט אַן אָרימען יידישן יונגנמאַן, וואָס האָט ארומגעוואַנדערט מיט זיין פּעקל סחורה. גאַנצע נעכט האָט מיך פאַרפאָלגט דער קאָשמאַר פון דעם אומשולדיקן קרבן פון אונדזערע אָרימע יידישע פּרנסות. פאַר מיינע אויגן זיינען געשוואומען, ווי אין אַ פילם, די געשטאַלטן פון אומגליקלעכע יידישע מענטשן, וואָס פירן אַ נע־ונד לעבן אין די גרויסע קאַמפּן פון ארגענטינע. אין היץ און אין קעלט, אין רעגן און בלאָטעס, שוצלאָז און הפקר, מארשירן זיי, אונדזערע יונגעלייט, מיט די שווערע פּעקלעך אויף די ענדלאָזע וועגן פון זייער נייער היים...

שווארצע וואראנעס קרייזלען זיך ארום דעם ארימען טויטן קערפּער פון דעם קליינעם יידישן אמבולאנט, וואס האט געפונען זיין טרויעריקן סוף אין די הייסע, גרויע פעלדער פון טשאקא. זיי קראקען, די פינצטערע טויט־פייגל, און שרייען אויס אין דער בלויער לופט זייערע ווילדע געשרייען און איך קאן נישט שלאפן. די נאכט איז הייס און שטיקנד און מיר איז אזוי דושנע אין צימער. איך גיי ארויס אויף דעם הויף. עס ווערט שוין ביסלעכווייז העל, באלד קומט ארויס די זון, באלד וועט מען עפענען די קראמען און ווידער וועלן ארויסגיין צו זייער שווערער ארבעט נייע אמבולאנטן מיט זייערע פעקלעך. דער מארד פון זייער חבר האט זיי נישט אפגעשראקן. דאס לעבן רופט און דער קאמף גייט ווייטער.

וואס זאלן זיי טון, די יונגע מענטשן, דא אין דער ווייטער ארגענטינע, אין דעם פארווארפענעם טשאקא? ווערן ערד־ארבעטער, ווען אלטע, דערפארענע קאלאניסטן זייגען פארצווייפלט און ווילן אנטלויפן פון זייערע מיט בלוט און שוויים באדעקטע שטיקלעך ערד? ווערן ארבעטער דא, וואו עס איז כמעט נישטא קיין פאבריקן? בעלי־מלאכות, ווען מען קאן נישט קיין פראפעסיע, חוץ האנדל? ווער איז שולדיק, אז זיי מוזן זוכן זייער שטיקל ברויט אויף די ענדלאזע וועגן פון די ארגענטינער סטעפעס? ווער איז איבערהויפט שולדיק אין אונדזער נאציאנאלער עקאנאמישער טראגעדיע?...

די קאָלאָניע מאָזעסוויל — ירושלים ד'ארגענטינע

יעדע שטאָט האָט איר סטיל, איר אויסערלעכן און אינערלעכן פּרצוף, איר אָטעם, אָפט אויך אירע טראַדיציעס.

די יידישע ישובים, פאַרשפּרייט איבער די פּראָווינצן, ווייט איינער פונעם אַנדערן, אונטערשיידן זיך פאַר דעם אויבערפלעכלעכן באַאָבאַכטער כמעט גאָרנישט צווישן זיך. מען דאַרף אָבער אַביסל טיפער זיך ארייג־קוקן, אַביסל אַ שקראַבע טאָן די אויבערשטע שאָלעכץ, און באַלד געפינט איר ראַדיקאַלע אונטערשיידן סיי אין דער עקאָנאָמישער סטרוקטור, סיי אינעם קולטורעלן און אָפט אויך אין סאָציאַלן בוי פון איין ישוב אין פאַרגלייך מיט אַן אַנדערן.

עס הענגט ספּעציעל אין אַרגענטינע זייער פיל אָפּ, וועלכע עלעמענטן עס זיינען געוועזן די ערשטע פּיאָנערן, מיט וועלכן גייסטיקן און מאָראַ־לישן באַגאַזש זיינען זיי געקומען פון דער אַלטער היים און אויף וועלכע קולטורעלע יסודות האָבן די ערשטע אַרגענטינישע „חלוצים" אויפגעבויט זייער נייע נעסט.

דעריבער קאָן מען אין דער פּראָווינץ געפינען ישובים פון גאַנץ פאַר־שידענע קולטורעלע טראַדיציעס, וואָס זיינען אַריבער פון דור צו דור און ליגן אַן אייגנאַרטיקן שטעמפּל אויף דעם גייסטיקן פּרצוף פונעם ישוב.

עמי־הארצים אין דער אַלטער היים האָבן ממילא נישט געקאָנט אויפ־בויען אין דער נייער סביבה אַ קולטור־הויכן ישוב און אַזוי געפינט מען אָפט אין אַרגענטינע גאַנץ ערלעכע און נישט שלעכטע יידן, אָבער „פּראָסט" און אַביסל פאַרגרעבט, ווייל זיי האָבן פון יענער זייט ים גאָרנישט געקאָנט מיטברענגען. אַמאָל גיסן זיך אַריין אין די דאָזיקע ישובים נייע „גרינע" עלעמענטן, וועלכע זיינען ערשט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אָנגע־קומען, און טראָגן אַריין דעם פרישן גייסט פון פוילן, ליטע, רומעניע און רוסלאַנד, מיט זייערע קאָמפּן און אידייען.

די נייע עלעמענטן מישן זיך צונויף מיט די אַלטע תושבים, פאַר־באָפּן אָפט, אַלס מער ענערגישע, די השפּעה און די „מאַכט" אין אַלע

אינסטיטוציעס, שאפן דורך אייגענער איניציאטיוו נייע אינסטיטוציעס, קולטורעלע און סאָציאַלע, און שטופּן בּיסלעכווייז אַרויס די פריערדיקע באַלעבּאַטים פון זייערע קהלשע פּאָזיציעס.

דאָקעגן זיינען דאָ ישובים, וואו די ערשטע פּיאָנערן זיינען שוין מיט צענדליקער יאָרן צוריק געקומען מיט אַ רעלאַטיוו הויכן אידייאיש און קולטורעלן באַגאַזש און האָבּן תּיכּף, אינעם נייעם לאַנד, געשאַפן אַ יידישע סביבה מיט שטאַרקע היסטאָרישע טראַדיציעס, האָבּן געלייגט אַ גרונטשטיין צו דער הייגטיקער אַרגענטינער יידישער קולטור.

פון די „טראַדיציאָנעלע" ישובים זיינען אַרויס די קעמפער פאַר אַ ציבּטיקן, ריינעם אַרגענטינער יידנטום, די קולטור־טוער, וועלכע האָבּן מיט אַ וואונדערבּאַרער ענערגיע אויסגעראָטן פון דער יידישער גאַס די „טמאים" און האָבּן געשאַפן דעם אַרגענטינער יידישן צייטונגס־וועזן, די שולן און דעם גרויסן נעץ פון געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס פון בּוענאָס־איירעס בּיז כּמעט די גרענעצן פון דעם „פייערלאַנד".

איך שפּאַציר איבּער מאָזעסווילער גאַסן, בּאַזוך די דאָרטיקע אַלטע תּושבים, רייד מיט די אין שווערע קאַמפן גרוי געוואָרענע קאָלאָניסטן און אָטעם אין מיר אַריין דעם גייסט פון דעם אייגנאַרטיקן שטעטעלע, וועלכעס פאַרקערפּערט אין זיך די בעסטע טראַדיציעס פונעם אידייאיש קולטורעלן פּיאָנער אין אַרגענטינע.

מיט כּמעט פופציק יאָר צוריק, איז אונטער דער פירונג פון נח קאַצאָוויטש אַראָפּגעקומען קיין מאָזעסוויל, דעמאָלט נאָך אַן אמתער מדבּר, אַ גרופּע פון עטלעכע און פערציק יידישע פאַמיליעס, אַלע „ליטוואַקעס" פון גראָדנער גובערניע.

איך ווייס נישט, צי זיינען זיי געווען, די דאָזיקע „עולים", גרויסע למדנים, בּני תּורה און בּקיאים בּש"ס ופּוסקים. איך ווייס אויך נישט, צי זיינען געווען זיי אויך שטאַרק אין די „שוואַרצע פּינטעלעך", אין הלכות וועלטלעכע בּילדונג. עס זיינען געווען אָבער יונגע בּחורים פול מיט דראַנג זיך צו שאַפן אין דער ווייטער, הייסער אַרגענטינע אַן עקזיסטענץ אויף נייע, בּעסערע, פרישערע יסודות.

וואָס זיינען זיי, אָדער זייערע עלטערן, געווען אין דער אַלטער היים? מסתּמא סוחרימלעך, כּלי קודש, אַגענטן, אפשר קליינע בּעלי מלאכות, דער גרעסטער טייל מסתּמא אמתע מנחם־מענדלס, לופט־מענטשן. זיי זיינען געקומען קיין אַרגענטינע בּפירוש צו ערד־אַרבּעט, זיי האָט געלאָקט טאַקע די מעגלעכקייט זיך צו קאָלאָניזירן, אָנהויבּן אַ נייעם, געזונטערן לעבּן אויף די ברייטע ענדלאָזע סטעפּעס און פעלדער פון אַרגענטינע.

די ערשטע מאַזעסווילער פּיאָנערן זיינען געווען אַ קאָמפּאַקטע מאַסע מענטשן, וועלכע זיינען געווען דורכגעדרונגען אַלע מיט אַ פעסטער אידייע, מיט אַ קאָלעקטיוון ווילן, מיט אַ „ליטווישער" טראַדיציע פון סאָלידאַריטעט און צוזאַמענגעבונדנקייט פונעם גורל. זיי זיינען געווען און, דוכט זיך, ביז היינט געבליבן איין משפּחה, איין רינג פון יידן, וועמענס שיקזאַל איז און בלייבט פאַרבונדן מיט דער מאַמע ערד, מיט דער קאָלאָניע, וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן אַ טייל פון זייער נשמה, די הויפּט־סובסטאַנץ פון זייער לעבן.

אויב די צייט און די אייזערנע געזעצן פון עקאָנאָמיק האָט אַ סך פון די דאָזיקע טראַדיציאָנעלע קאָלאָניסטן געצוואונגען זיך צו נעמען צו אַנדערע פּרנסות און זיך צו באַזעצן אין דער שטאָט, הענגען זיי דאָך אַלע מיט לייב און לעבן, מיט זייער האַרץ, אין דער אַלטער קאָלאָניע, זייערע פופציק אָדער הונדערט העקטאַר אומדאַנקבאַרע, מיט זייער שוויים און בלוט דורכגעזאַפּטע שטחים ערד.

אויף זיי, די שטאָט־מאָזעסווילער, קען מען זאָגן יהודה הלוים קלאַסישע ווערטער: „לבי במזרח ואנכי בסוף מערב", מען זיצט אין שטאָט, אָבער דאָס האַרץ איז דאָרט אויף דער פון שטויב פאַרטריקנטער, פון היישעריק אויפגעפרעסענער טשאַקרע...

אַ, היינט זיינען מערערע פון זיי, פון דער אַלטער גוואַרדיע קאָלאָניסטן, פון קאַצאָוויטשעס ערשטער פּאַרטיע, פּרעזידענטן, וואָקאַלן, דירעקטאָרן, אָדער סתם שיינע באַלעבאַטים, וואָס פירן די שטאָטישע ראָד. זיי זיינען עלטער געוואָרן, די פריערדיקע קעמפער, וועלכע האָבן מיט זייער יונג בלוט און ענערגיע פאַרטיידיקט זייערע שטיקלעך ערד קעגן טריקעניש, מבול, היישעריקן, אַנדערע שרצים און גאָטס שלעק, מיט וועלכע עס איז אַזוי רייך די אַרגענטינער נאַטור. זיי זיינען גרוי און אַביסל געבויגן, זיי טראָגן שוין אויף זייערע פּלייצעס נישט נאָר די לאַסט פון כמעט פופציק יאָר לעבן, נייערט אויך די קאַמפן און דאגות פון דער פאַרגאַנגנהייט און דעם היינטיקן טאָג.

נאָר רעדט מיט זיי איבער דער קאָלאָניע, איבער דעם קאַמף, איבער דער צוקונפט פון מאָזעסווילער יידישע ישובים, צינדט זיך אָן אין די אויגן ווידער דאָס אַלטע פייערל, דער רוקן גלייכט זיך אויס און איר זעט פאַר זיך אַלטע וועטעראַנען פון יענער פאַראַדע מענטשן, וואָס גייען זייער לעבן מיט פעסטע שריט און מיט אויסגעאַרבעטע טראַדיציעס...

מאָזעסוויל איז די שטאָט פון טראַדיציעס, גוטע יידישע טראַדיציעס. שוין גנבענען זיך אַריין אין די קאָנסערוואַטיווע, מיט דעם עבר פאַרבונ־

דענע סביבה, נייע קאמפּס־אידייען; שוין הערט מען אין די מאָזעסווילער אינסטיטוציעס נייע טענער פון דער פרייער יוגנט, וואָס איז שוין אַרויס־געוואַקסן פון די ענגע ד' אמות, אין וועלכע עס האָט געלעבט דער אַלטער דור; מען קוקט שוין ביי דער מאָזעסווילער יוגנט מער פאָרוועריטס ווי צוריק. נאָר אויך אין דעם יונגן דראַנג פון דעם נייער דור, אין די נייע מאָטיוון, וועלכע הרינגען אַריין ווי אַ נאַטור־געזעץ אין דער אַלטער סימ־פּאַניע פון מאָזעסווילער טראַדיציאָנעלן לעבן, הערט איר די בענקעניש נאָך דער ערד, נאָך דער פּראָדוקטיווער פּראַצע אויף דער טשאַקרע.

ניישט אומזיסט רייסט זיך די יוגנט פון די מאָזעסווילער קאָלאָניעס ניישט אין דער גרויסער שטאָט, מיט אירע פּאַרלאָקנדיקע „גליקן", נאָר צו ערד־אַרבעט, וויל און לעכצט נאָך אַן אייגענעם שטיקל לאַנד, כדי צו בלייבן אין דער קאָלאָניע און פאָרזעצן די טראַדיציאָנעלע אַרבעט פון די זיידעס און טאַטעס.

איר גייט דורך מאָזעסווילער גאַסן און זעט פאַר זיך דוכט זיך אַ שטאָט ווי אַלע אַנדערע שטעט; איר זעט פאַר זיך אַ „פּלאַסאַ", אַ שטאַ־טישע באַנק, אַ קאַפע, וואו יידן זיצן על התורה ועל העבודה און מאַכן נאָך דער הויפּטשטאָט בוענאָס איירעס, שפּילנדיק דאָמינע, אַ קליינעם, היימישן פּאָקערל אָדער אַן אַלטמאָדישן שאַך; איר זעט די גרויסאַרטיקע קדימה־געביידע מיט אַ קינאָ מיט שרייענדיקע גרויסע פּלאַקאַטן וועגן אַ נייעם פילם, איר זעט אַ „שפּאַניאָלישע" ביבליאָטעק, וואו עס קאָנצענט־רירט זיך אַ הייפל האַלב־אַסימילירטע יוגנט און וועלכע טראָגט דעם נאָמען פון באַראָן הירש, — מיט איין וואָרט, איר זעט פאַר זיך אַ שטעטל מיט אַלע אירע כאַראַקטעריסטישע דערשיינונגען.

נאָר דאָס אַלץ איז אויסערלעך. הערט זיך צו צו די שמועסן אין קאַפע, וועט איר הערן, אַז דאָרט רעדט מען פון דעם קומענדיקן היישע־ריק, וועלכער איז שוין ערגעץ־וואו אין דער נאָענט, צוויי שריט פונעם הויפּט־קאַפע שטייט די באַנק, וואו איר טרעפט מייסטנס אַרומיקע קאָלאָ־ניסטן און וואו דער פּרזידענט איז איינער פון די פּערציק אַלטע וועטע־ראַנען פון קאַצאַוויטשעס רעגימענט. פון דער אַנדערער זייט געפינט איר די ביוראָ פון די „גאַנאַדעראָס" — איינע פון די וויכטיקסטע אינסטיטו־ציעס פון דער קאָלאָניע, וועלכע באַזאָרגט די אינטערעסן פון די בהמות־ציכטער. אַ פּאָר קוואַדרעס ווייטער — די קאָאָפּעראַטיווע פון די קאָלאָ־ניסטן מיט אַ פּרעזידענט אין דער שפּיץ, אויך פון דער זעלבער אַלטער גוואַרדיע קעמפער.

וואו איר גיט זיך א דריי — אומעטום בלאָזט דער ווינט פונעם אַלטן טראַדיציאָנעלן מאָזעסוויל, אומעטום שפּירט איר די זיכטבאַרע און פאַר־באָרגענע מיליאָנען פעדים, וועלכע פאַרבינדן די שטאָט מיט דער אַרו־מיקער „קאָלאָניאַלער" וועלט.

מאָזעסוויל — דאָס שטעטל און די אַרומיקע קאָלאָניעס, זיינען א בולטער ענטפער אויף דעם אַזוי פאַרשפּרייטן בלבול, אַז די יידישע קאָ־לאָניזאַציע גייט אונטער און אַז די גאַנצע פופציק־יאָריקע אַרבעט פון דער „יקא" און צוויי דורות קאָלאָניסטן דאָ און אין די פּראָווינצן ענטרע ריאָס און בוענאָס איירעס, זיינען געוועזן א ברכה לבטלה.

עס איז אמת, אַז ליידער צופיל, פאַרלאָזן דעם קאַמפּ. אָבער דאָס איז אַן אַלגעמיינער סאָציאַלער פּראָצעס. נישט נאָר יידן, נאָר אויך איטאַליענער, שפּאַניער און יוגאָסלאַוון פאַרלאָזן אין אַרגענטינע זייערע קאַמפּן, באַזונדערס די יוגנט, ווען עס ציט צו זיך די גרויסע שטאָט מיט אירע מעגלעכקייטן און פאַרגעניגנס. אָבער עס איז אויך אמת, אַז הונדערטער פון דער יוגנט רייסן זיך אין קאַמפּ און האָבן נישט וואו זיך צו קאָלאָניזירן און מיט וועלכע מיטלען.

עס איז אויך אמת, אַז אין די שטעט זיינען דאָ טויזנטער, וואָס וואָלטן מיט באַגייסטערונג פאַרביטן די ענגע, דושנע, שמוציקע שטאָט־וואוינונגען אויף די ברייטע, הרחבהדיקע פעלדער און זיך מיט פרייד גענומען צו דער סאָכע, צום פּלוג, צו דער שווערער, ביטערער פּרנסה פון א יידישן פּויער. אָט די מוז מען העלפן, זיי מוז מען אַוועקשטעלן אויף נייע פיס; זיי מוז מען העלפן זיך „איבערבויען". און אויך די, וועלכע שטייען שוין צענדליקער יאָרן אין קאַמפּ פאַר זייער קאָלאָניסטישער עק־זיסטענץ און דאַרפן בעת צרה א פּלייצע איבערצוקומען א שווערע צייט; אויך די טאָר מען נישט פאַרלאָזן, נאָר פאַרקערט, אויפהאַלטן און אַריינ־בלאָזן אין דער פאַרמאַטערטער נשמה א נייעם מוט, א נייעם גייסט.

איך שטיי אין מיטן פון א יידישער קאָלאָניע, פאַרריסן מיין קאָפּ צום בלויען הימל. די זון שמייכלט, דאָס גרינע גראָז שמעקט מחיהדיק און דער האָריזאָנט איז אַזוי ענדלאָז בלוי. און איך פאַרשטיי נישט, ווי קאָן מען דעם שיינעם הימל, די ברייטע פעלדער, יידישע פעלדער זען דורך שוואַרצע ברילן פון יאוש און פעסימיזם...

א יידישע קאָלאָניע, וואָס „איז אוועק מיטן ווינט"

מיט פופציק יאָר צוריק איז קיין ארגענטינע אָנגעקומען א גרופּע יידישע מענטשן, וועלכע די איקא האָט אראָפּגעבראַכט פון רוסלאַנד, כדי צו באַזעצן זיי אויף דער ערד און מאַכן פון זיי פּראָדוקטיווע עלעמענטן — קאָלאָניסטן. די פּאַרטיע צוקונפטיקע ערד־ארבעטער איז באַשטאַנען פון מענטשן פון די פאַרשידנסטע סאָציאַלע שיכטן: דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען אין דער אַלטער היים געווען קליינע סוחרים, אָנגעשטעלטע, בעלי מלאכות, א פּאָר „כלי קודש" — שוחטים, מלמדים וכדומה, יודעי ספר און נאָר א קליינע גרופּע פון די ניי־אָנגעקומענע „אגריקול־טאָרן" זיינען אויך אין רוסלאַנד געווען מענטשן, וואָס האָבן געהאַט א דירעקטן שייכות צו אגריקולטור; מערסטנס פון בערסאַנער און בעסאַ־ראַבער געגנטן.

מיט דער שיף זיינען געקומען קיין ארגענטינע ארום 700 משפחות, וועלכע זיינען תיכף אָפּגעשיקט געוואָרן צום גרעסטן טייל קיין קאַרלאָס קאַסאַרעס. נאָר א קליינע, אומבאַדייטנדיקע גרופּע איז אָפּגעפאָרן קיין מאָזעסוויל אָדער קיין ענטרע ריאָס.

אָט די דאָזיקע פּאַרטיע יידישע אימיגראַנטן האָבן געבילדעט דעם יסוד פון דער נייער יידישער קאָלניע „מאָוריסיאָ" (נאָכן נאָמען פון דעם באַראָן מאָוריסיאָ הירש), וועלכע האָט פאַרנומען די שטחים ערד ארום דער איצטיקער שטאָט קאַרלאָס קאַסאַרעס. די מענטשן, וועלכע די איקא האָט אראָפּגעבראַכט אין דער קאַסאַרעסער געגנט, זיינען געקומען אַלע, אָן אויסנאַם, מיט דער כוונה זיך צו באַזעצן אויף ערד און אָנהויבן א נייעם לעבן אין דער נייער היים אַלס אַגריקולטאָרן.

פאַרלאָזנדיק רוסלאַנד, האָבן די דאָזיקע אימיגראַנטן פאַרברענט הינ־טער זיך אַלע בריקן, איבערגעריסן אַלע פעדים, וועלכע האָבן זיי פאַרבונדן מיט דער אַלטער היים און די אַלטע פּרנסות. אונטערן בלויען הימל פון ארגענטינע, אין דער פרייער פּאָליטישער לופט פון דעם געבענטשטן לאַנד פון די „קריאָזשעס", האָבן די נייע איינוואַנדערער געהאָפט צו שאַפן א

נייע עקזיסטענץ פאר זיך און זייערע קינדער אויף בעסערע יסודות, ווי די לופט־פרנסות פון זייערע אבות אין די רוסישע מדינות.

מען איז אויך נישט געפארן אויף א קורצע צייט, אזוי צו זאגן „לגור שם", נאר טאקע בפירוש „להשתקע" אין ארגענטינע אויף שטענדיק. אין דער פערספעקטיוו איז געשטאנען די מעגלעכקייט מיט דער צייט צו ווערן באלעבאטים אויף אן אייגענער „נחלה", אויף א טשאקרע, וואס וועט אריבערגיין בירושה פון איין דור צום אנדערן...

צווישן דעם בוענאס איירעסער פארט, וואו די נייע איינוואנדערער זיינען אנגעקומען פון איראפע, און קארלאס קאסארעס, איז שוין געווען אן אייזנבאן־פארבינדונג, נאר די געגנט, וואו מען האט די אימיגראנטן געבראכט, איז אין יענע יארן געווען נאך אן אמתער מדבר. די באן־סטאנציע איז באשטאנען פון אן ארימען, קליינעם הילצערנעם שטיבל מיט א בלעכערנעם דאך, קיין אנדערע געביידעס האט די סטאנציע נישט פארמאגט. ארום דער סטאנציע האט מען נישט געזען קיין שום מענטש־לעכן ישוב; הויכע, ווילדע גראזן האבן באדעקט דעם גאנצן שטח אויף צענדליקער קילאמעטער. קיין ריכטיקע וועגן האט מען נאך נישט אויס־געבויט און בכלל האט מען געזען, אז דא אין דער געגנט איז נויטיק קודם כל א ריין פיאנערסקע ארבעט; אז מען דארף דא אנהויבן א שווערע עלעמענטארע אגריקולטור־טעטיקייט, וועלכע איז באשטאנען אין אויס־רייסן און אויסברענען די ווילדע, שעדלעכע גראזן און פארניכטן אלע שרצים און חיות, וועלכע האבן זיך אין די גראזן באהאלטן און צוגרייטן דעם באדן פאר נארמאלער ערד־ארבעט.

א גרויסער טייל פון די שטחים, וואו די יידישע אימיגראנטן האבן געדארפט זיך באזעצן, זיינען נאך גארנישט געווען פארצעלירט. א טייל איז נאך געווען פארנומען פון נישט־יידישע פויערים־פאכטער, וועלכע האבן געהאט לאנגיאריקע קאנטראקטן און נישט געוואלט אוועקגיין. די איקא־אדמיניסטראציע האט פאר די נייע קאלאניסטן צוגעגרייט פלאטקעס אלס צייטווייליקע וואוינונגען. שפעטער האט מען אויסגעבויט פון בלעך קליינע הייזקעס און פאנאנדערגעטיילט דעם עולם אין גרופעס צו אכט משפחות אין יעדער גרופע און צווישן איין גרופע און דער צווייטער איז געווען א דיסטאנץ פון 1־2 קילאמעטער.

די קאלאניסטן האבן אין דער ערשטער צייט באקומען: גרעסערע משפחות 50 העקטאר, קלענערע 25 העקטאר, דערצו א געוויסן לעבעדיקן און טויטן אינווענטאר — אקסן, קי, פערד אדער מולעס, מכשירים צו

ערד־ארבעט און זריעה. מען איז מיט גרויס ענטוזיאַזם און חשק צוגע־טראָטן צו דער נייער, אומבאַקאַנטער און שווערער ארבעט אַלס ערד־ארבעטער אין דער ארגענטינער מדינה.

עס איז קלאָר געווען, אַז אין דער גרויסער מחנה איינוואַנדערער, וועלכע זיינען צוזאַמענגעשטעלט פון שטאָטישע עלעמענטן, האָט זיך געמוזט געפינען אַ געוויסער פּראָצענט מענטשן, פאַר וועמען די אַגריקול־טור־טעטיקייט איז געווען, צוליב פאַרשידענע טעמים, אומדערטרעגלעך. נישט אַלע האָבן פיזיש געטויגט צו דער שווערער ארבעט אין פעלד, אַנדערע ווידער האָט געלאָקט די נאָענטע גרויסשטאָט בוענאָס איירעס, מיט אירע שטאָטישע, גוט באַקאַנטע יידישע פּרנסות. סוחרים אין דער אַלטער היים, פּסיכאָלאָגיש דערצויגן אין דער אַטמאָספער פון האַנדל־וואַנדל, מיט קעפּ פול מיט חלומות פון דעם „גאָלדענעם לאַנד" ארגענטינע, וואו מען קאָן שנעל נתעשר ווערן, האָבן אַזוינע עלעמענטן בשום אופן נישט געקאָנט זיך צופּאַסן צו די שווערע באַדינגונגען אויפן קאַמפּ. מען האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז אַנטלויפן פון דער קאָלאָניע אין די שטעט אריין אָדער מען האָט זיך אויפן אָרט גופא גענומען צו מסחר, פאַרלאָזנדיק דעם קאַמפּ.

כדי אָפּצושטעלן דאָס דעמאָראַליזירנדיקע אַנטלויפן פון דער קאָלאָ־ניע, האָט די איקאַ אַליין דורכגעפירט אַ שטאַרקע סעלעקציע צווישן די קאָלאָניסטן.

דער הויפּט־פאַרטרעטער פון דער איקאַ אין בוענאָס איירעס, דער קאָראָנעל גאָלדסמיט, האָט אָנגעהויבן צו „רייניקן" די נייע קאָלאָניע און „אויסגערייניקט" ארום 200 משפחות, וועלכע זיינען אַבסאָלוט נישט געווען פּאַסיק פאַר ערד־ארבעט. שפּעטער איז דער סעלעקציאָנירונגס־פּראָצעס געגאַנגען ווייטער: די איקאַ־אַדמיניסטראַציע האָבן באַזייטיקט ווייטערדיקע עטלעכע הונדערט קאָלאָניסטישע אַספּיראַנטן. צו דער קאָלאָ־ניע מאָריסיאָ איז צוגעקומען אין לויף פון דער צייט די קאָלאָניעס „עס־פּעראַנסאַ" און „סאַנטאַ טאָמאַס". די לעצטע איז קאָלאָניזירט געוואָרן פון קאָלאָניסטישע קינדער. אויף דער „עספּעראַנסאַ" האָט מען באַזעצט נייע איינוואַנדערער פון רוסלאַנד. נאָך אַלע רייניקונגען זיינען אין די קאַסאַ־רעסער קאָלאָניעס פאַרבליבן ארום 400-350 קאָלאָניסטן, פּעסט באַזעצט אויף זייערע טשאַקרעס.

אָט דאָס איז די קורצע געשיכטע פון דער קאָלאָניע, וועלכע איך האָב געהערט פון איינציקע דאָרטיקע תושבים, וואָס זיינען געקומען מיט

פופציק יאָר צוריק דירעקט פון שיף קיין קאַרלאָס קאַסאַרעס און האָבן די גאַנצע יאָרן דורכגעמאַכט די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דעם דאָזיקן קאָ־לאָניסטישן ישוב, פון זייער אויפשטייג ביז זיין ירידה.

די דאָזיקע וועטעראַנען זיינען שוין אַ לאַנגע צייט שטאָטישע מענטשן, כאָטש זיי האָבן נאָך זייער פאַרבינדונג מיטן קאַמפּ און די פעדים מיט דער אַלטער טשאַקרע נישט איינגאַנצן איבערגעריסן. רעדט איר מיט זיי, פילט איר זייער טיפן צער, זייער גרויסן אומעט איבער דער צעפאַלונג פון דעם שיינעם בנין, וועלכער האָט אַמאָל געהייסן קאָלאָניע „מאָוריסיאָ". מיט פאַרבענקטע אויגן און אַראָפּגעלאָזענע קעפּ דערציילן זיי מיר וועגן די שבעה מדורי גיהנום, וואָס מען האָט דורכגעמאַכט אין די ערשטע יאָרן און די שיינע דערגרייכונגען שפּעטער, ווען אין דער קאָלאָניע האָט גע־בליט נישט נאָר דאָס עקאָנאָמישע לעבן, נאָר אין די שולעס זיינען גע־גאַנגען הונדערטער קינדער, אויף די פעלדער האָבן געאַרבעט יונג און אַלט, און אַרום האָבן זיך געצויגן קילאָמעטערווייז יידישע נחלות. און ביי זיי אונטער די אויגן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער פּראָצעס פון לאַנגזאַמען, אָבער זיכערן אָפּשטאַרבן פון דער קאָלאָניע, פון וועלכער עס איז איצט געבליבן נאָר אַ בלאַסער זכר פון דעם אַמאָליקן גלאַנץ און רוישיקן קאָלאָניסטישן לעבן.

איך זיץ אין אָוונט מיט צוויי אַזוינע אַלטע וועטעראַנען, — מענ־טשן, וועלכע זיינען געשטאַנען אין קאַסאַרעס ביי דעם וויגעלע פון דער קאָלאָניזאַציע און אַלס יונגע מענטשן געקומען אַהער פול מיט יוגנטלעכע חלומות און האָפענונגען. איצט, נאָך כמעט פופציק יאָר קעמפן, שטייען זיי כמעט ביים קבר פון דער קאָלאָניע, וועלכע איז פון יידישע הענט צוביסלעך אַריבער צו איטאַליענער, שפּאַניער, יוגאָסלאַוון און אַנדערע גויים.

איך רייד מיט זיי און וויל זיך דערשלאָגן פון זיי צו אַ טאָלק, פאַר וואָס איז די קאַסאַרעסער קאָלאָניזאַציע נישט געלונגען, בשעת אין מאָ־זעסוויל און ענטרע ריאָס איז די לאַגע געווען אַן ענלעכע און דאָרט זיינען דאָך נישט פאַנאַנדערגעפאַלן אין אַזאַ מאָס די קאָלאָניעס, ווי אין מאָו־ריסיאָ. איך הער זיך צו צו די אויפריכטיקע דערציילונגען פון די צוויי אַלטע קאָלאָניסטן, וואָס זיינען שוין איצט שטאָטישע תושבים, אָבער האָבן נאָך דערהאַלטן זייערע טשאַקרעס און פילן זיך פאַרבונדן מיטן גורל פון דער קאָלאָניע.

איך הער אויס די מעשיות וועגן דער „בייזער" איקאַ־אַדמיניסטראַ־ציע, וועגן כלומרשטע נגישות און רדיפות מצד איניקע באַאַמטע, וועגן

דעם דראַנג פון אַ רייע קאָלאָניסטן צו דער שטאָט צוליב די קינדער, פּרנסה, א. א. וו.; מען דערציילט מיר, ווי די קאָלאָניסטן האָבן געקעמפּט פאַר די „טיטולאָס” און שפּעטער שנעל פאַרשאַכערט בחצי־חנם זייערע טשאַקרעס און אַנטלאָפן אין שטאָט אַריין; ווי דאָס אַנטלויפן פון איינע האָט אַרויסגערופן אַן אמתע יציאת־מאָוריסיאַ פון אַנדערע.

ווי אין אַ פילם גייען דורך פאַר מיר די בילדער און איך זע אין מיין דמיון די איינזאַמע, פאַרלאָזענע יידישע פעלדער, די איינזאַמע יחידים, וועלכע האָבן נאָך הערואיש געפּרוווט זיך האַלטן ביי דער טשאַקרע און שפּעטער עלנטע, אַליין אין די ווייטע, ענדלאָזע פעלדער צווישן גויים, אויך זיך געלאָזן מיטן שטראָם פון די אויסוואַנדערער, פון דאָרט אין שטאָט אַריין.

איך זע די מענטשן אין מיין פאַנטאַזיע, איך הער זיך צו צו די רייד פון מיינע וועטעראַנען, קאָן אפשר פאַרשטיין די דראַמע פון די יחידים... אָבער בשום אופן איז מיר נישט קלאָר געוואָרן די אורזאַך, פאַרוואָס איז צושטערט געוואָרן אַ קאָלאָניע מיט דער בעסטער אָרגענ־טינער ערד און אַנדערע גינסטיקע באַדינגונגען אין „מאָוריסיאַ”, בשעת אַנדערע יידישע קאָלאָניסטישע ישובים זיינען געבליבן כמעט אומבאַרירט.

די טראַגעדיע פון קאַסאַרעסער קאָלאָניזאַציע איז פאַר מיר געבליבן אַ רעטעניש... איך האָב די טענות צו דער איקאָ געהערט אומעטום, דער דראַנג צו דער שטאָט איז אין גאַנץ אַרגענטינע געווען אַזוי שטאַרק, ווי אין קאַסאַרעסער געגנט; די פּראָבלעם פון גידול בנים און יוגנט־דערציאונג אין דער קאָלאָניע איז נישט קיין קאַסאַרעסער, נאָר אַן אַלגעמיין אַרגענ־טינער. מיט איין וואָרט — מה נשתנה מאָוריסיאַ פון אַלע אַנדערע קאָ־לאָניעס? קיין ענטפער אויף דער דאָזיקער קשיה האָב איך אין קאַרלאָס קאַסאַרעס נישט געפונען...

ברייטע, גרינע פעלדער ציען זיך אַזוי ווייט אַרום קאַסאַרעס, זוויפל דאָס אויג קאָן אַרומכאַפּן. ווייט אויפן האָריזאָנט זעט מען רייען שיטערע ביימער; קאַסאַרעס האָט נישט קיין וועלדל און אַרום זעט מען נאָר פעל־דער און לאַנקעס, סטאַדעס בהמות און פערד פּאַשען זיך אויף דעם גרינעם גראָז אָדער טאַפּטשען זיך אין די קליינע אַזיערעס און לאַגונעס אין מיטן פון די פעלדער.

אַמאָל איז דאָס אַלץ געווען יידיש אייגנטום, היינט גנבענען זיך אַריין צווישן די צענדליקער טשאַקרעס אַמאָל אַ יידישע נחלה; יידישע פעלדער, אויף וועלכע עס אַרבעטן נישט־יידישע אַרענדאַטאָרן. איך בין שעהנלאַנג אַרומגעפאָרן אין די אַרומיקע קאָלאָניעס, אַלץ פרייערדיקע גע־

דיכט מיט יידן באפעלקערטע קאָלאָניסטישע צענטערן. איך האָב געזוכט יידישע קאָלאָניסטן — און נישט געפונען.

אין אַלגאַראָבאַ האָב איך דורכפאָרנדיק דערזען אַ גרופּע פון אַכט יידישע נפשות זיצנדיק צוזאַמען פאַר אַן אָרימער פּויערישער ראַנטשע. איך האָב זיך דערפרייט: גאַנצע אַכט יונגע און אַלטע יידישע קאָלאָניסטן. איך בין צוגעפאָרן, זיך אָפּגעשטעלט און פאַרפירט מיט זיי אַ שמועס. איך האָב געוואָלט פאָטאָגראַפירן די גרופּע — דעם שארית הפליטה פון דער קאָלאָניע, וואָס האָט אין די „גוטע יאָרן" געציילט אַרום 150 יידישע מענטשן. דער עולם האָט מיך פּשוט אויסגעלאַכט, דערהערנדיג מיין וואונטש זיי צו פאָטאָגראַפירן אַלס „קאָלאָניסטן". נישט איינער פון זיי איז געוועזן אַ קאָלאָניסט נאָר, — סוחרימלעך, אַ פּאָר אָרימע פּעאָנעס־יידן, אַ קצב, אַ קוענטעניק־אַמבולאַנט — דאָס זיינען געווען מיינע „קאָלאָניסטן".

„גיכער וועט איר געפינען יידן אויפן בית עולם — האָט מיר מיט אַן איראָניש שמייכל דערקלערט איינער פון די פּעאָנעס, איידער דאָ אַ יידישן קאָלאָניסט. דאָ איז נאָר איינער געבליבן אויף דער טשאַקרע — ער וואוינט נישט ווייט פון דאַנען, אינעם הויז פון דער „יעוויש"־אַד־מיניסטראַציע.

איך בין ספּעציעל אַוועק אָנקוקן דעם דאָזיקן לעצטן „מאָהיקאַן" פון דער קאָלאָניע און אים טאַקע אָנגעטראָפן ביי דער אַרבעט אין זיין גאָרטן. ער לעבט מיט זיין פאַמיליע אויף זיין קאַמפּ און איז שטאָלץ דערמיט, וואָס ער קאָן פאַרזעצן די אַרבעט פון זיין פאַרשטאָרבענעם קאָלאָניס־מישן טאַטן. ער האָט געלט, נאָר די שטאָט לאָקט אים נישט און ער איז אַ שמח בחלקו אויף זיין קאַמפּ, כאָטש אַרום איז ער אַרומגערינגלט מיט גויאישע שכנים.

נאָך אַ צווייטן הונדערטפּראָצענטיקן קאָלאָניסט נאָך פון דעם אַלטן דור, האָב איך געפונען עטלעכע קילאָמעטער ווייטער. אַ הויכער, ווי עס שיינט נאָך אַ געזונטער, מיט אַ פּאַטריאַרכאַלישער ווייס־גרויער באָרד, אַ ייד אַ בן תורה, פרום מיט דער טראַדיציאָנעלער רעליגיאָזיטעט פון דער אַלטער, שוין איצט פאַרשוואונדענער תקופה, האָט מיך איבעראַשט מיט זיין געזונטן אָפּטימיזם און טיפער אמונה אין דער נאָענטער גאולה. מיט אַ ווייכן, זייטיק־שמייכל האָט ער מיר דערציילט פון זיינע ערשטע שריט אין דער קאָלאָניע. ער איז פון אָדעסער ראַיאָן און אין דער אַלטער היים שוין געווען אַ קאָלאָניסט. דעריבער פלעגט ער מיט פופציק יאָר צוריק לערנען די אומדערפאַרענע זיינע חברים אין „מאָוריסיאָ" תורת אַגריקול־

טור, די חכמה פון האָדעווען בהמות, שפּאַנען אַ וואָגן וכדומה דאָרפס־ווייסנשאַפטן.

דער דאָזיקער „דיאַדקאַ”, ווי מען האָט אים גערופן אין דער קאָלאָניע, האָט אויך דורכגעמאַכט די טרויעריקע געשיכטע פון דער ירידה פון דער קאַסאַרעסער קאָלאָניזאַציע. פון אַן עדה יידן, פון הונדערטער הברים־קאָלאָניסטן, איז דער זקן געבליבן איינער אַליין אויף זיין קאַמפּ. ווער וועט בלייבן נאָך אים, ווען די פאַטאַלע שעה וועט שלאָגן און ער וועט מוזן אַוועק אַהין, פון וואַנען קיינער קומט נישט צוריק? ער גלויבט אַפילו פעסט אין משיחס באַלדיקן קומען און ממילא אויך אין תחית־המתים... אָבער אויב משיח וועט זיך חלילה פאַרשפּעטיקן, ווער וועט ירשענען און בלייבן אויף דעם אַלטן זילבערשטיינס טשאַקרע? זיינע קינדער? אפשר... כאָטש איך צווייפל שטאַרק אין דעם...

מען האָט מיך אין קאַסאַרעס געטרייסט, ווען איך בין געזעסן אַרמעטיק און פאַרטראַכט, נאָך מיין נסיעה איבער די אַמאָליקע יידישע קאָלאָניעס אין מאָוריסיאָ. פון די אַמאָליקע שטחים ערד, וואָס האָבן געהערט צו יידן, זיינען נאָך אַרום 17 - 18 העקטאַר, ד. ה. אַרום פינף פּראָצענט אין יידישע הענט. נאָר די יידן זיצן נישט אויף זייערע קאַמפּן, עטלעכע צענדליק זקנים זיצן נאָך איצט אויך אויף די קאַמפּן — געציילטע מענטשן, עקשנים, און מערנסטנס קנאַפּע גבירים.

אַ קליינע און שוואַכע נחמה! ווי לאַנג וועט דויערן ביז די דאָזיקע מענטשן וועלן אָפּטרעטן פון לעבן? נאָך צען־פופצן יאָר און אויך דער שארית הפליטה וועט פאַרשווינדן און אויף דער אַלטער, הונדערטקעפּיקער יידישער קאָלאָניע מאָוריסיאָ וועט מען זאָגן אַ רבנן־קדיש!...

פון דער נאָענטער פּאַמפּאַ בלאָזן און פייפן קאַלטע ווינטן. עס ווערט אַזוי מאָדנע פּראָסטיק און קאַלעמוטנע אויף דער נשמה. איך טראַכט — חבל על דאבדין! נאָך כמעט פופציק יאָר יידישער פּראַצע און האָרעוואַניע, אַזאַ טרויעריקער סוף:

אַוועק מיטן ווינט אַן אַרבעט פון אַ גאַנצן דור פלייסיקע אַרבעטזאַמע יידישע מענטשן!...

חלומות און ווירקלעכקייט

עס איז נאך געווען האלבפינצטער, ווען איך בין גאנץ פרי ארויסגע־גאנגען פון דער היים אויפן גאס. עס איז געווען א בין־השמשות צייט, ווען די ווינטער־נאכט איז נאך נישט ארויס פון איר שליטה. גרויע און שוואר־צע וואלקנס האבן באדעקט דעם גאנצן הימל. נאר א שוואכער ליכט־פאס פון דער אויפקומענדיקער זון האט זיך געשלענגלט אויף דעם וויטן האריזאנט. עס איז געווען נאס און קאלט פון דער ספעציפיש בוענאס־איירעסער קאלטער פייכטקייט, וואס גייט דורך אלע קליידער און קלייבט זיך אריין אין די ביינער.

מענטשן האט מען כמעט נישט געזען אויף די שמוציקע, פאריתומטע גאסן. נאר א דארער, קליינער „וויכילאנט" האט זיך איינגעטוליעט אין זיין שווערן, נאסן מאנטל און גלייכגילטיק געקוקט אויף די רואיקע, פאר־שלאפענע גאסן. איך האב געמוזט לאנגווארטן, ביז עס איז מיט מזל פארבייגעפארן א פארעגנטער, מיט בלאטע פארשפריצטער „טאקסי" און האט מיך מיט מיינע טשעמאדאנעס אוועקגעפירט צום וואקזאל. דעם טאג האב איך פארלאזן ב. איירעס, זיינע מרה־שחורהדיקע פון רעגן און נאס־קייט פארוויינטע גאסן, דעם טומל און רוישיקן געפילדער פון דער וועלט־שטאט און האב מיך ווידער געלאזן אין וועג אריין — אין נייע מקומות, צו נייע מענטשן און נייע ישובים.

איך זיץ אין וואגאן נאך איינגעהילט אין מיין ווארעמען מאנטל. עס איז נאך גאנץ קאלט אין דעם נישט געהייצטן וואגאן אין דעם גרויען פרי־מארגן. דרויסן אין די פענצטער שלאגן טראפנס פון א קליינעם רעגן, די הענגן צווישן די פעלדער זיינען בלאטיק, נאקעטע קליינע ביימלעך און בלע־טער פליען דורך און זעען אוים ווי ארימע יתומים פארלאזן אין מיטן וועג. איך האלט אין האנט א בוך און פרוואו לייענען און ווארף באלד דאס אוועק; עס איז אביסל פינצטערלעך אין מיין וואגאן־אפטייל און עס איז א סך אנגענעמער זיך טיפער איינצוטוליען אין דעם ווארעמען ווינ־טער־פאלטא און צו טראכטן... איך ווער ביסלעכוויין פארזונקען אין מיינע

מחשבות: אייגענע, פערזענלעכע איבערלעבונגען פון אן אלטן נע־ונדניק, וואס טרייבט זיך ארום זייט יארן אין דער גרויסער וועלט, מישן זיך צוזאמען מיט אנדערע שוין מער אלגעמיינע געדאנקען. פון דער ווייטער טיפעניש פון די פארגאנגענע יארן טויכן אויף געשטאלטן, זכרונות, ראנגלענישן און קאמפן און פארפלאנטערן זיך אין א רעיונות־קנויל מיט פראבלעמען און געשעענישן פונעם היינטיקן טאג. עס זיצט זיך אזוי שטיל און רואיק אין ווינקעלע; די רעדער קלאפן זייער מאנאטאנעם רויש; גרויע פעלדער פליען פארביי. א האלב־פארפרוירענער, פונעם רעגן דורכגעוויקטער ארימער פאסאזשיר און א מאנטל שלאפט אין ווינקל. א יונגע מיידל פון דער אנדער זייט פון וואגאן פודערט מיט גרויס התמדה איר פון קעלט רויט־געווארענע נעזעלע און איך זיץ און טראכט און פארזינק פאמעלעך אין עולם הדמיון. זיץ מיט אפענע אויגן און חלום א וואונדערבארן טרוים...

איך פאר היינט קיין מאזעסוויל. וועגן דעם שטעטעלע גייען אפילו אין אייראפע ארום גאנצע לעגענדעס. אין מיטן פון א גרויסער ריזיקער מדינה, מיט איר באמת באבילאנישן געמיש פון ראסן, פעלקער און שפראכן, ערגעץ ווייט פונעם צענטער — ליגט ווי אינדזל א יידישע שטאט מיט בלויז יידישע קאלאניעס. אין דער שטאט, דערציילט די לעגענדע, קען מען א גוי נישט געפינען אפילו אויף א רפואה. די פאליציי, דאס געריכט, די מוניציפאליטעט, אלע מלוכה־ארגאנען געפינען זיך אין יידישע הענט. אלע פון גרויס ביז קליין רעדן נאך יידיש, — מיט אייןווארט, אין מיטן פון דעם גרויסן ווייטן לאנד ארגענטינע איז אויסגעוואקסן א צווייטע ארץ־ישראל, אבער אן אראבער, און „הויכע" קאמיסארן מיט זייערע סערטיפיקאטן און ענגלישע וויזעס; א געזונטער יידישער פראדוקטיווער ישוב, וואו זיידעס און טאטעס האבן צוגעגרייט א באדן פאר ווייטערדיקע דורות פון אמתע הארעפאשנע קאלאניסטן. אט אזוי שילדערט די לעגענדע מאזעסוויל און ביי מיר האט זיך יעדעס מאל, ווען איך האב געטראכט וועגן גאסן ארום דעם יידישן געטא אין בוענאס איירעס, אויפגעהויבן א מאדנער געפיל פון שטאלץ און נחת רוח ביים געדאנק פון מאזעסוויל. אין מיין פאנטאזיע האב איך מיר געמאלט די צוויי ספעציפיש־יידישע קאנטראסטן: דעם אינדוסטריאל פון דער שטאט פון איין זייט און דעם געזונטן, פרישן קאלאניסט פון דער אנדערער זייט. דא — לויפעניש, דרייעניש, טשעקלעך, גמילות חסדים, האנדל און וואנדל, מנחם־מענדל געשטאלטן, דאמינא, דאדעס, קאפע, פארויכערטע שטיקנדיקע לופט, לשון הרע, געפילדער. דארט — הארעוואניע מיט בלוט און שוייס, עקשנותדיקער קאמף מיט דער אכזריותדיקער ארגענטינער נאטור, געזונטע, קרעפ־

מיקע מענטשן, בליענדיקע יוגנט און ענדלאָזע גרינע פעלדער, א הויבער, ברייטער הימל מיט א ווייטן בלויען האָריזאָנט, אָן א סוף און אָן א ברעג.

איך האָב צוגעמאַכט די אויגן און מיר האָט זיך שוין געדאַכט, אַז דורך די פאַרוויינטע, נאַסע וואַגאָן־פענצטער בלאָזט שוין אריין צו מיר אין די לונגען דער וואַרעמער, זיסער ווינטל פון אונדזערע היימישע, יידישע פעלדער; הערט זיך א געזאַנג פון אונדזערע ארגענטינער יונגע „חלוצים" און וואו דאָס אויג גרייכט ביז דאָרט, וואו דער בלויער הימל רירט אָן די ערד, ווייט, ווייט ציען זיך פעלדער און פּאַשעס, יידישע פעלדער, ארגענטינער „ארץ ישראל"..

* * *

איך שטיי אינמיטן פון א יידישן פעלד אין א מאָזעסווילער קאָלאָניע. זיי זיינען גאָרנישט גרין די מאָזעסווילער יידישע „טשאַקרעס". גאַנצע וועגנט פון גרויען שטויב הויבן זיך אויף אויף דעם וועג, באַדעקן די אָרימע, שווינדזיכטיקע ביימלעך, פאַרשיטן מיט גערדיכטן „פּאָראָך" די פעלדער און לאַנקעס. עס האָט שוין לאַנג נישט גערעגנט אין דעם געגנט. דער רעגן־גאָט האַלט מסתמא נישט פון די נאַרישע חלומות וועגן יידישער ערד־ארבעט. ער זיצט אויבן און קוקט אָן רחמנות אויף די פאַרוועלקטע, אויסגעטריקנטע לאַנקעס, אוף די אויסגעדאַרטע בהמות, אויף די פאַר־האָרעוועטע, אָרימע יידישע קאָלאָניסטן. און טאָמער שיקט ער שוין א רעגן, איז דאָס א מבול און דוקא דעמאָלט, ווען מען דאַרף דעם רעגן אויף טויזנט כפרות.

אָט אַזוי שפּילט זיך פון אויבן דער הויבער קאָמיסאַר, דער ממונה אויף רעגנס, אויף צו להכעיס מיט די יידישע ארגענטינער קאָלאָניסטן: בעטן זיי רעגן — שיקט ער טריקעניש, היצן, שטויב, אז מען קאָן דער־שטיקט ווערן; ווילן זיי אביסל וואַרעמקייט און א טרוקענעם וועטער, עפענען זיך אויף אַלע הימל־פענצטער און עס ווערט א פאַרפלייצעניש, א נאַס־קייט, א בלאָטע, אַז השם יתברך זאָל שומר ומציל זיין. און טאָמער האָבן די קאָלאָניסטן שוין אַמאָל אביסל מנוחה און אין די אויסגעמוטשעטע, פאַרצווייפלטע הערצער גנבעט זיך אריין א קליינער שטראַל פון האָפענונג, אַז אפשר וועט גאָט געבן דאָך א שטיקל גערעטעניש, קומען פון צפון די אמתע מלאכי חבלה, די גרויסע ארגענטינער זולל־וסובאניקעס, די הייר־שעריקן און מאַכן שנעל א סוף צו אַלע שיינע אילוזיעס. אָט אַזוי גייט זייט יאָרן דער טרויעריקער פילם: טריקעניש, רעגן, היישעריקן, אַנדערע

פורעניות, נייע האפענונגען און נייע אילוזיעס און ווידעראמאל דאס זעלבע בילד.

מען שרייבט פיל איבער גרויסע מלחמה העלדן... גאנצע טויזנטער ביכער זיינען שוין געשריבן געווארן איבער די העראישע מעשים אויף די שלאכטפעלדער. איך גיי פאמעלעך מיט צוויי יידישע אלטע קאלאניסטן, הער זיך אן זייערע טרויעריקע געשיכטעס פון זייערע קאמפן, און טראכט, ווי אומגערעכט איז אזוי אלץ אין אונדזער לעבן.

צוויי גרויסע העלדן דערציילן מיר מיט א וואונדערבארער פשטות וועגן זייערע פעלדער, אמתע שלאכטפעלדער, וואו עס איז פארגאסן געווארן דורותווייז טייכן שוויים און אוממענטשלעכע הארעוואניע; איבערגאטירלעכע גערולד האבן פון מדבריות געשאפן קאלאניעס און ישובים. קיינער שרייבט נישט קיין ביכער איבער די באשיידענע אבער גרויסע העלדן, מען שטעלט זיי נישט קיין מאנומענטן, מען זינגט נישט איבער זיי קיין לידער. און זיי לאזן נישט איבער נאך זיך קיין רייכטימער און קיין גרויסע, בארימטע נעמען, מען שרייבט נאך זיי נישט קיין גרויסארטיקע נעקראלאגן און מעמוארן: שטיל, געדולדיק און באשיידן טראגן זיי, די יידישע קאלאניסטן, זייער גורל ביים לעבן, שטיל און באשיידן ווערן זיי באגראבן אין זייער מיט בלוט און שוויים דורכגעזאפטער געליבטער ערד. ארימע מצבות און הייפעלעך ערד באדעקן אויף זייערע בית עלמינס די אויסגעהארעוועטע אלטעביינער...

איך שטיי מיט מיינע נייע פריינט אין מיטן פעלד און קוק מיט זיי צוזאמען, פארריסן דעם קאפ אויבן ארויף, צום הימל. נישטא קיין וואלקן, קיין סימן פון א טונקלקייט אויפן האריזאנט. עס האלט נישט ביי א רעגן. א שטילער קרעכץ פון דער צוגעקוועטשטער ברוסט פון עגמת נפש און ביטערקייט און מיר גייען ווייטער.

מיר איז אזוי אומעטיק אויפן הארצן. איך וואלט אזוי וועלן זיי העלפן, מיינע שטומע יידישע העלדן. איך הויב אויף מיינע אויגן צום הימל, און מיר ווילט זיך שרייען, טופען מיט די פיס און מיט די נעגל צערייסן דעם בלויען פרוכת איבערן קאפ און אויפוועקן עולמות, אז עס זאל שוין קומען אמאל דאך א צייט, ווען אויך זיי, די שווערע, ביטערע ארבעטער אויף דער מוטער ערד, זאלן באקומען זייער פארדינטן לוין פאר זייער פראצע. נאר וואס העלפן געשרייען, פראטעסטן און וואונטשן? מסתמא ווייסט „ער" בעסער צו פירן זיין וועלטל...

פאראן נאך גרעסערע צרות און דאגות ביי דעם מאזעסווילער קאלאניסט, ווי דער וועטער און דער היישעריק. דאס איז די פראבלעם פון

זיינע קינדער און זייער בלייבן אויף דער ערד, ביי דער קאָלאָניזאַציע.

דאָס לעבן טרייבט די יונגע מענטשן פון דער ערד אין דער שטאָט אריין, צו דער גרויסער אַרמיי פון אונדזערע סוחרים און פּראָפעסיאָנאַלן. שוין איצט איז כמעט נישטאָ אין מאָזעסווילער קאָלאָניעס קיין איין הויז, וואו די קינדער זאָלן נישט אַנטלויפן פונעם קאַמפּ אין שטאָט. אַלע ווערן דאָקטוירים, אַפּטייקערס, אַדוואָקאַטן און אינזשענירן. מען רייסט פון זיך שטיקער און מען שיקט געלט די זין, אַז זיי זאָלן קענען זיך „רעסיווירן", באַקומען די דיפּלאָמען.

מיר דוכט, אַז אין אַרגענטינע זיינען שוין דאָ מער דאָקטוירים און אַפּטייקערס ווי חולאים, מער דענטיסטן ווי ציינער. צי דאַרף מען טאַקע נאָך מער פאַרגרעסערן אונדזער היגן פּראָפעסיאָנעלן אינטעליגענץ־פּראָלעטאַריאַט און די צאָל פון אַמבולאַנטן נאָך מיט די קינדער פון די קאָלאָניסטן? צי וואָלט נישט געווען אַ סך בעסער זיך אַוועקצוזעצן ביים גרויסן טיש, אַריינטראַכטן זיך מיט כוונה נישט אין די בוכשטאַבן פון די פּאַראַגראַפן, נאָר אין זייער זין און ציל און פּרוּוון אַביסל העלפן דעם יונגן קאָלאָניסט אין זיין שטרעבן דאָך צו בלייבן ביי זיין שטח ערד נעבן זיין טאַטע־מאַמע, אין זיין היימישער סביבה, אַנשטאָט זיי צו „דעפּאָרטירן" אין פרעמדע ערטער אָדער גאָר צו פאַרטרייבן זיי בכלל פון אַגריקולטור?

איך ווייס נישט, אפשר בין איך צו „גרין" צו פאַרשטיין די טיפע חכמה, וואָס שטעקט אין דער ביז איצטיקער פּאָליטיק פון דער איקאַ לגבי די יונגע קאָלאָניסטישע זין. אפשר פעלט מיר פאַרשטענדעניש פאַר די עקאָנאָמישע און יורידישע מאָטיוון פון די מאַכטהאָבער פון די לײדיקע שטחים ערד, וועלכע ווערן פאַרקויפט און פאַרדונגען גויים און צו פרעמדע אימיגראַנטן, אָבער טאָרן בשום אופן נישט חס וחלילה איבערגעגעבן ווערן דער היימישער יוגנט. אפשר זיינען זיי גערעכט לויט זייער לאָגיק, וואָס איך קאָן זי מיט מיין „קעצישן מוח", ווי דער מתנגד דעם חסידישן רבין, נישט פאַרשטיין. נאָר אויב „זיי" זיינען אפילו אויפן גרונט פון די אָדער יענע מאָטיוון, גענעצן, באַשטימונגען און פּלפּולים יאָ גערעכט, איז מיר פאָרט טרויעריק אויפן הארצן.

איך גיי מיט מיינע אַלטע, גרויע קאָלאָניסטן איבער די טרוקענע פעלדער, זע אַזוי ווייניק יוגנט אין די הייזער און אויף די וועגן און ווייס, אַז איך וועל זיי מסתמא טרעפן אינגיכן אין בוענאָס איירעס שפּאַנען מיט אַ פּעקל סחורה אָדער דיפּלאָמירטע פּראָפעסיאָנאַלן. דאָרט אָבער, אין דעם „ירושלים ד׳אַרגענטינע", אין דעם שיינעם לעגענדאַרן מאָזעסוויל,

וועלן פוסטעווען די יידישע פעלדער. טשעכן, סלאָוואַקן, פּאָליאַקן און איטאַליענער וועלן זיך באַזעצן אין די יידישע פעלדער, וואו דורות פון יידישע העלדן האָבן געזייט, געאַקערט און געקעמפט פאַר אַ נייעם פּראָדוקטיוון יידנטום.

וואָס וועט ווערן מיט דער צייט פון מאָזעסווילער יידישע קאָלאָניעס?...

טראפישע ראמאנטיק פון דער נאענט

ה י י ש ע ר י ק ן

דעם אמת זאגנדיק, האב איך ביז ארגענטינע קיינמאל אין לעבן נישט געזען קיין היישעריק. אמאל, אין מיינע קינדער־יארן, אז איך האב געלייענט אין חומש וועגן היישעריקן, האב איך מיר פארגעשטעלט זיי עפעס ווי גאר גרויסע פליגן, אזוי גרויס ווי א קליין פייגעלע, ווייל איך האב גארנישט געקאנט פארשטיין, ווי קאנען קליינע פליגן אויפעסן און פארניכטן גאנצע פעלדער.

ערשט דא האב איך נישט נאר געזען, נאר אויך געהאלטן אין דער האנט די שרצים, וואס זיינען אומשטאנד נישט נאר חרוב צו מאכן איין פעלד, נאר מאכן אן אמתן תל־עולם פון גאנצע פראווינצן.

מען דערציילט, אז זיי פליען ארום אין אזעלכע מחנות, אז זיי פארשטעלן אזש די זון און רופן ארויס א מין ליקוי־חמה. איך האב אזעלכע גוזמאדיקע, מוראדיקע שווארמען פון היישעריקן נישט געזען, נאר אז עס ווערט חושך מצרים אין די נשמות פון די אגריקולטארן, ווען די מלאכי־חבלה קומען אן, האב איך גראד געזען.

מען קעמפט קעגן זיי מיט פארשידענע מיטלען, מען באמבארדירט זיי מיט פייער, מיט פעך און שוועבל, מען מאכט דראטענע צוימען און נעצן קעגן זיי — עס העלפט ווי א טויטן באנקעס... דארט וואו א מחנה היישעריקן קומט אן, איז אנמעכטיק דער מענטש מיט אלע זיינע גרויסע טעכנישע דערפינדונגען. איין נאכט זיצן די פרעסערישע שרצים אויף א פעלד און מארגן שטייט א נאקעטע מדבר — נישט א תבואה־קערנדל אפילו אויף א רפואה.

דאס איינציקע מיטל זיי צו באקעמפן איז די פארניכטונג פון די יונגע היישעריקלעך, ווען זיי זיינען נאך נישט ארויס פון זייערע סקארליפקעס. שפעטער, ווען זיי באקומען שוין פליגלען און קענען שוין ארומשפרינגען, איז שוין שפעט און עס איז זייער שווער זיי בייצוקומען.

דער קאָלאָניסט שטייט אַ פאַרצווייפלטער און האָט נישט קיין מיטלען און כוח אַרויסצוטרייבן זיינע געפערלעכסטע שונאים, ווייל אַ חוץ טריקענישן אָדער טראָפּישן מבול, וואָס מאַכן אויך אַ תל פון זיין קאָרמעטשע, אַ חוץ טויזנטערליי אַנדערע שרצים, וואָס פרעסן אויף די תבואות אויף די פעלדער, איז דער היישעריק דער געפערלעכסטער דם־שונא פון דעם אַרגענטינער קאָלאָניסט. און די מכה איז, צום באַדויערן, אַ שטענדיקע דערשיינונג אין אַ גאַנצער ריִיע אַרגענטינער פּראָווינצן.

דערפאַר טאַקע איז דאָס לעבן פון דעם פויער גאָר באַזונדערס שווער און ביטער — היץ, וואַסערלאָזיקייט און היישעריקן; דאָס זיינען ערגערע מכות, ווי די וואָס גאָט האָט געשיקט אויף די מצרים...

מ אַ ל אַ ר י ע

מאַלאַריע! — אַ מכה אשר לא כתובה בתורה, אָבער וואָס איז זייער פאַרשפּרייט אין די סובטראָפּישע אַרגענטינער פּראָווינצן. מען רופט זי „פּאַלודיזם". עס זיינען דאָ מקומות אין דער פּראָווינץ, וואו כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג איז מאַלאַריע־קראַנק, אַפילו אין די שטעט, וואו די סאַניטאַרע און היגיענישע באַדינגונגען זיינען גאַנץ גוטע, טרעפט איר די בלייכע פּנימער און די ציטערדיקע הענט פון די מאַלאַריע־חולאים.

מיר דוכט, אַז אין דעם זיינען שולדיק די רעגירונגען פון די פּראָווינצן. מאַלאַריע איז אַ קרענק, וואָס מען קאָן זי לייכט באַקעמפן. דער בעסטער באַווייז איז פּאַלעסטינע, וואו פריער איז די חולאת געווען אַן אמתע פּלאָג פון די יונגע ישובים און איצט, אַדאַנק די באַמיאונגען פון דער ארץ־ישראלדיקער רעגירונג און די קאָלאָניסטן גופא, איז פון מאַלאַריע שוין כמעט נישט געבליבן קיין שריד ופליט.

אויף מיינע נסיעות איבער די דרום־אַמעריקאַנישע לענדער פון דעם פּאַציפישן אָקעאַן, האָב איך באַזוכט דעם גרעסטן פּאָרט פון דער רעפּובליק עקוואַדאָר — גוּאַיאַקיל. דאָרט איז אַמאָל געווען די „צענטראַלע" פון די מאַלאַריע־מאָסקיטאָס, איינער פון די געפערלעכסטע ערטער פון דעם דרום־אַמעריקאַנישן קאָנטינענט. מען ווייזט ביז איצט נאָך די נייגעריקע טוריסטן אַ בית־עולם פון די מאַלאַריע־קרבנות און אַ באַזונדער קבר, וואו לויט דער לעגענדע איז באַגראָבן געוואָרן אַ גאַנצע מאַנשאַפט פון אַן אויסלענדישער שיף. אַלע אָפיצירן, מאַטראָסן, פּאַסאַזשירן און אַפילו דער שיפס־דאָקטער זיינען דאָרט געשטאָרבן און באַגראָבן געוואָרן אין גוּאַיאַקיל.

איצט איז דאָרט אַ מאַלאַריע־קראַנקער אַ זעלטנהייט. דער באַרימ־טער „ראָקפעלער־אינסטיטוט" האָט אַראָפּגעשיקט אַהין אַ גאַנצע עקספּע־דיציע פון דאָקטוירים און אינזשעניערן, וואָס האָבן מיט קעראָסין אויס־געטריקנט די זומפּן און בלאָטעס ארום דער שטאָט און אויסגעראָטן די געפערלעכסטע מאָסקיטאָס. און מען איז לעולמי עולמים פּטור געוואָרן פון דער מאַלאַריע אין יענער געגנט.

פאַרוואָס נעמט מען נישט אָן די מיטלען אין די אַרגענטינער פּראָ־ווינצן — ווייס איך נישט. אַז איר רעדט מיט אַ תושב אין יענע מקומות, זעט איר, אַז זיי קוקן אויף דער מאַלאַריע ווי אויף אַ גאָטס שטראָף, ווי למשל די היישעריקן אָדער מאָסקיטאָס, וואָס זיינען באמת מקצר ימים דעם מענטשן.

עס קלינגט עפּעס פאַטאַליסטיש די שטימונג דאָרט, און אפשר מאַכט די מוראַדיקע היץ די מענטשן טעמפּ און אַפּאַטיש צו די אַלע פּורעניות, וואָס די נאַטור שיקט אָן אויף דעם מענטשן; אפשר איז די גלייכגילטיקייט אַ פּועל־יוצא פון דער מאַלאַריע־חולאת? ווער ווייס... נאָר כמעט דאָס גאַנצע לעבן אין די פּראָווינצן, באַזונדערס אויף דעם „קאַמפּ" גייט דורך אונטער דעם צייכן פון דער שרעקלעכער „טראַיצע" — היישעריקן, וואַ־סערלאָזיקייט, מאַלאַריע.

אין די שטעט איז עס, נאַטירלעך, בעסער. דער שטאָט־מענטש האָט ערשטנס וואַסער, צווייטנס אַרט אים דער היישעריק ווי דער פּאַראַיאַ־ריקער שניי (אגב, דאָרט איז איבערהויפּט נישטאָ קיין שניי, נישט אַ היי־יאָריקער און נישט אַ פּאַראַיאָריקער) און קעגן מאַלאַריע שלינגט ער כינין־פּילן. דער פּויער האָט נישט קיין וואַסער און נישט קיין כינין און איז רואינירט פון דעם היישעריק. דערפאַר איז ער טאַקע מערסטנס אויף גאָר גרויסע צרות.

וואַסערלאָזיקייט

איינע פון די אָנגעווייטיקסטע פּראָבלעמען פון אַ גאַנצער רייע אַר־געטינער פּראָווינצן, איז דער פּערמאַנענטער, כראָנישער מאַנגל אין וואַסער.

עס איז נישט אַ פראַגע פון דער טריקעניש, וואָס איז אין אַרגענטינע אין זייער פיל ערטער, אַזוי צו זאָגן, אַ „מכת מדינה", נאָר עס איז אַ פּראָבלעם פון פּשוטן וואַסער צום טרינקען פאַר זיך און פאַר דעם ביסל

בהמות, וואָס פאַשען זיך אין די פאַרשטויבטע און אויסגעטריקנטע פעל־דער און נאָך נישט אוועקגעפגרט.

נישטאָ קיין וואַסער פאַר די עלעמענטאַרסטע לעבנס־הצטרכותן און עס וואָלט שוין לאַנג נישט געבליבן קיין זכר פון דער דאָרטיקער באַפעל־קערונג, ווען נישט די אייזנבאַן, וואָס ליפערט עטלעכע מאָל אין וואָך אין ספּעציעלע טאַנקן טרינק־וואַסער פאַר די איינוואוינער פון די פּראָווינצן. עס איז דעריבער נישט קיין זעלטנקייט צו זען אַ גאַנצע רייע יונגע און אַלטע מענטשן שטייען אין „אַטשערעד" נעבן די סטאַנציעס מיט בלעכענע כלים אָדער פּרימיטיווע ליימענע קריגלען און וואַרטן אויף דעם אָנקום פון באַן, וואָס וועט ברענגען אביסל „מים חיים" צו דערקוויקן די אָרימע נשמה...

צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך געטרונקען וואַסער פון אַן עכטן ביבלישן „לאַגל", ווי עס האָבן דאָס געטון אונדזערע אבות אבותינו אין די מדבריות אונטערוועגס פון מצרים קיין ארץ ישראל.

איך האָב געוואוסט, אַז די בעדואינער אין מדבר געברויכן עד היום לעדערנע לאַגלען, כדי אויפצוהאַלטן דאָרט דאָס וואַסער אין די הייסע טעג אויף זייערע רייזעס אין דער וויסטעניש. איך געדענק פון חומש די לאַגלען, אָבער קיינמאָל איז מיר נישט איינגעפאַלן אין קאָפּ דער געדאַנק, אַז איך וועל טרינקען וואַסער אין אַרגענטינע פון אַ לעדערנעם לאַגל.

מיר זיינען געפאָרן פון קאַטאַמאַרקאַ קיין לאַ ריאָכאַ אין אַ מוראדיק הייסן טאָג, אין אַן אַלטן אָמניבוס. עס איז געווען אַ חמימה, אַז די ערד האָט ממש געברענט אונטער די פיס און טרינקען האָט זיך געוואָלט צום חלשן. דער שאָפער האָט באַמערקט, אַז איך לייד זייער פון דער ווילדער טראָפּישער היץ און האָט מיר פּלוצלונג דערלאַנגט אַ לעדערנעם זעקל. איך האָב צוערשט נישט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון דעם זעקל, אָבער באַלד האָט מען מיר אויפגעקלערט, אַז דאָס איז אַ פּשוטער לאַגל מיט וואַסער, וואָס מען פירט דאָרט מיט אונטערוועגס, ווייל עס איז נישט מעגלעך צו קריגן וואַסער אין די אָרומיקע דערפער פאַר קיין שום געלט. איך האָב געגעבן אַ זופּ פון דעם לאַגל, דאָס וואַסער איז געווען לייבליך און געהאַט אַ טעם חלשות, צוליב דעם ריח פון לעדער.

עס קאָן זיין, אַז אין די אַראַבישע מדבריות זיינען די לאַגלען בעסער געמאַכט, נאָר טרינקען אין לאַ ריאָכאַ אַפּט אַזעלכע וואַסער, קאָן מען שנעל ווערן אַ קאַנדידאַט אויף דעם עולם האמת... נישט קוקנדיק אויף דער גיהנום־חמימה, האָב איך מער נישט געוואָלט טרינקען פון דעם לאַגל,

כאַטש אַנדערע, נישט אַזוינע פיינשמעקער ווי איך, האָבן גאַנץ אָפט גע־מאַכט אַ שהכל אויף דעם לאַגל־וואַסער.

איך האָב אין דער נעקסטער אַכסניה דערקוויקט מיין דורשטיקע נשמה מיט אַביסל וואַרימע סאָדע־וואַסער, וואָס מען קאָן יאָ קריגן אויך אין די פאַרטריקנטע פּראָווינצן. אַ פלעשעלע פון דעם דאָזיקן „מים אחרונים", וואָס הייסט „סאָדאַ", קאָסט אַזוי פיל, אַז דאָס קאָנען זיך דערלויבן נאָר רייכע טוריסטן. וואָס זאָל אָבער טון דער תושב פון יענע מקומות, וואָס שטאַרבט אין גוטן מוט פאַר הונגער? זאָל ער אפשר זיך וואַשן מיט סאָדע־וואַסער אָדער דערלאַנגען זיין ציגעלע אַ פלאַש ביר צום טרינקען, ווייל פון אַלע פּליסיקייטן קאָן מען נאָר די דאָזיקע לוקסוס־וואַסערן באַקומען.

פשוטע וואַסער איז אַ יקר המציאות און דאָס האָבן נאָר אין יענע פּראָווינצן די לאָקאַלע גדולי הדור — דעפּוטאַטן, פּאָליטיקער, וכדומה מענטשן מיט זכות אבות. פאַר זיי גראָבט מען שוין אויס נעבן זייערע „אימעניעס" קוואַלן וואַסער אָדער מען פירט דורך קאַנאַלן פון די ווייטע בערג, אָבער וואָס זאָל טון אַ געוויינלעכער בשר־ודם, וואָס געהערט נישט צו די יחידי סגולה?

אַרגענטינער קאָנטראַסטן

אויף די גרענעצן פון דער ווייטער קאָרדאָבער פּראָווינץ, דאָרט, וואו עס ענדיקט זיך די ליניע פון דער צענטראַל קאָרדאָבער אייזנבאַן און עס הייבט זיך אָן די באַן־ליניעס פון דער מלוכה, באַמערקט מען שוין אַ שאַרפן קאָנטראַסט צווישן דעם אויסזען פון די איינוואוינער פון דעם מערב־טייל און דעם מזרח פון דער פּראָווינץ.

אויף די באַן־סטאַציעס דרייען זיך אַרום געשטאַלטן, וואָס וואָלטן בעסער און גיכער געפּאַסט אין דעם בילד פון די אייראָפּעאישע לענדער, מיט זייערע אומגליקלעכע פּליכטלינגע, ווי אין דער רואיקער, גרויסער, רייכער און שיינער אַרגענטינע.

אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, טיילווייז באָרועסע, מיט שמוציקע העמ־דער אויף דעם לייב און צעריסענע הויזן אָדער אַנדערע שמאַטעס, וואָס דעקן קוים צו דעם קערפּער, דערמאָנען די דאָזיקע לומפּן־פּראָלעטאַריער די באַרימטע טשילענער „ראָטאָס", וועלכע האָבן דורך זייער אָרימקייט און שרעקלעכן הילוך אין דער קליידונג זיך קונה שם געווען אין זיד־אַמע־ריקע.

איך ווייס נישט,וועד פון די דאָזיקע אומגליקלעכע פאַרהונגערטע מענטשן וואָלט געוואונען דעם קאָנקורס פון „אָפּגעריסנקייט", די טשי־לענער אָדער די ארגענטינער „ראָטאָס", נאָר ביידע זיינען באַשטימט אַ פּאַטש אין פּנים פון אונדזער גאַנצער ציוויליזאַציע און דעם אַזוי גע־רופענעם „וואוילשטאַנד" פון דרום־אַמעריקע...

דער גרעסטער רחמנות איז אויף די קינדער, וועלכע שטייען אָפּגע־דאַרט, שמוציק ביז צו דער לעצטער מדרגה, מיט דינע הענטלעך און פון מאַגערקייט כמעט דורכזיכטיקע לייבער, נעבן די וואַגאָנעס פון דעם באַן־צוג און בעטלען אַ שטיקל ברויט. אייניקע פון די דאָזיקע דעגענערירטע און קראַנקע קינדער פונעם שטאָלצן ארגענטינער פאָלק, בעטלען שוין נישט און שטרעקן שוין נישט אויס זייערע דאַרע הענטלעך צום פענצטער פון וואַגאָן: שטום, מיט אויגעלעך, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ דער פּערמאַנענטער הונגער, נויט און דלות פון גאַנצע דורות, שטייען זיי אויפן באַן־פּעראָן און קוקן אויף אונדזערע העלע און ליכטיקע וואַגאָנעס פונעם אינטערנאַציאָנאַלן לוקסוס־צוג מיט אַ בענקעניש און שטילן אומעט, וועלכע לאָזן זיך גאָרנישט באַשרייבן.

אונדזער צוג איז אַ בולטער הימלשרייענדיקער קאָנטראַסט צו דער אַרומיקער סביבה פון דער קליינער באַן־סטאַנציע. דער באַן-פּעראָן איז איינגעהילט אין טונקעלן, שווארצן חושך, ארום דער סטאַנציע ציען זיך ווייטע שטחים, וואו עס לעבן הונדערטער מענטשן אין אָרימע הייזקעס, אָבער ממש אָן וועלכע עס איז באַלויכטונג. אויף אַ דיסטאַנץ פון צענדלי־קער קילאָמעטער זעט מען נישט קיין איינציקן שטראַל ליכט, כאָטש עס איז קלאָר, אַז ארום דער באַן־סטאַנציע מוז זיין אַ מענטשלעכער ישוב.

דער איינציקער באַלויכטענער פונקט אין דעם דאָזיקן חושכדיקן מדבר איז די סטאַנציע, וועלכע פאַרמאָגט אויך נישט קיין שום באַלייכטונג, חוץ אַן אָרימען „פּאַראָל", אַ קליינע לינטערנע, ביי וועלכער עס אַרבעט און נעמט זיך מסתמא אַרום די אויגן דער שעף מיט די פּאָר אָנגעשטעלטע פון דער באַן־סטאַנציע. אַזעלכע קליינע, אומבאַלויכטענע, חושכדיקע סטאַנ־ציעס זעט מען אויף דער ליניע פון די מלוכה־באַנען אין די צענדליקער. מען פאַרשטייט בשום אופן נישט, ווי אַזוי לאָזט צו די מלוכה אַזעלכע אָרדענונגען.

מען מוז טעגלעך בענטשן גומל, אַז ביי דער „באַלייכטונג" קומען נישט פּאָר אָפּט קיין גרויסע באַן־קאַטאַסטראָפעס און מען מוז זיין שטאַרקער פון אייזן אויסצוהאַלטן טאָג־איין טאָג־אויס די שווערע און אחריותפולע אַרבעט ביי דער באַן, כמעט אין דער פינצטער. נאָר די העל-באַלויכטענע

וואַגאָנעם פונעם „עקספּרעס" וואַרפֿן ליכטיקע שטראַלן אויף דעם שוואַרצן שטח פֿון דער קליינער סטאַנציע און דערמאָנען די אין דעם מדבר פֿאַר־לוירענע מענטשן, אַז ערגעץ־וואו אין דער גרויסער וועלט עקזיסטירט אַ ציוויליזאַציע, פֿאַראַן גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן, ליכטיקע ברייטע בול־וואַרן, רוישט אַ שטורמיש לעבן, דערשיינען צייטונגען, פֿאַראַן טעאַטערס, מוזיק און שיינע פֿרויען. אַלץ זאַכן, וואָס פֿאַר די אין די וויסטענישן פֿון די ווייטע פּראָווינציעלע נעסטן פֿאַרוואָרפֿענע מענטשן, זיינען זיי פֿאַנ־טאַזיע־בילדער, אַרויסגענומען פֿון מעשׂיות־ביכלעך פֿאַר קינדער...

און חוץ דער אייביקער גייסטיקער און אַזוי צו זאָגן פֿיזישער פֿינצ־טערניש, וואָס הערשט אין די פֿון גאָט און לייטן פֿאַרלאָזענע מקומות, איז אין די פּראָווינצן קאַטאַמאַרקאַ און לאַ ריאָכאַ דאָ נאָך עפּעס, וואָס פֿאַר־שטאַרקט די טראַגיק פֿון דעם דאָרטיקן לעבן: דאָס איז דער בראַנישער מאַנגל אין וואַסער, פֿון פּשוטן וואַסער צום טרינקען. אין דער פּראָווינץ לאַ ריאָכאַ און נאָך שטאַרקער אין קאַטאַמאַרקאַ, הערשט אַ פּערמאַנענטע טריקעניש, אָפֿט גאַנצע יאָרן.

מען פֿאָרט איבער בריקן, אייזערנע, גרויסע בריקן, וועלכע מען האָט אַמאָל געלייגט איבער גרויסע, פֿליסנדיקע טייכן. אומזיסט זוכן די אויגן אַ שפּור פֿון וועלכער עס איז וואַסער: אונטן ציט זיך אַן ענדלאָזער, ברייטער שטח פֿון זאַמד און שטיינער, איבער וועלכע עס האָט זיך אַמאָל, אין בעסערע, „נאַסערע" צייטן, געצויגן אַ קאַלטער טייך־שטראָם.

אויף דעם בלויען האָריזאָנט ציען זיך קייטן פֿון שוואַרצע בערג מיט ווייסע, שנייאיקע שפּיצן. דאָרט אויבן צעשמעלצט זיך דער שניי אונטער דער הייסער אַרגענטינער זון און צווישן די פֿעלדזן און די מוראַדיק־גרויסע באַרג־שטיינער שפּילן זיך קלענערע און גרעסערע שטראָמען פֿון וואַסער. נאָר די קאַטאַמאַרקער „סיעראַס", נאָענטע קרובֿים פֿון די „אַנדן", זיינען הויך און ווער קאָן צוקומען צו די קילע, מחיהדיקע קוואַלן פֿון ריינע באַרג־וואַסער? דאָס קאָנען נישט מאַכן קיין פּריוואַטע מענטשן, בפֿרט די אָרימע פֿון די אָרימסטע תּושבֿים פֿון דער פּראָווינץ. דאָס איז די אויפֿגאַבע פֿון די רעגירונגען.

דערווייל אָבער שלעפּן מיט זיך אַרום אַלע צוגן באַזונדערע וואַסער־באַנקען, פֿון וועלכע מען ליפֿערט דער באַפֿעלקערונג פֿון די קליינע ישובֿים דעם גאָסן עלעמענט, אָן וועלכן עס איז נישט מעגלעך וועלכער עס איז לעבן אויף אונדזער פּלאַנעט. די באַן גייט פֿאַרביי נאָר אַ פּאָר מאָל אין וואָך, די „ראַציאָנען" פֿון וואַסער זיינען זייער קאַרג און קלעקן קוים צום טרינקען. מען מוז זיך שנעל באַוואָרענען מיטן ביסל וואַסער צום קאָכן

און טרינקען, ווער טראַכט ביי די אומשטענדן פון וואַשן זיך? עס איז דעריבער טאַקע שווער אין די דערפער פון די פּראָווינצן בלייבן ריין, ווייל קיין נסים, ווען פון שטיינער פלעגט מען אַרויסקריגן וואַסער, ווי אַמאָל משה רבינו מיט זיין צויבער־שטעקעלע, זיינען איצט נישטאָ.

עס העלפן אויך נישט די צאָלרייכע קאַטוילישע הייליקע, וואָס „פּאַטראָניזירן" די אָרימע, וואַסערלאָזע פּראָווינצן, צווישן זיי דער „גדול", נעמלעך סאַן כואַן, יוחנן המטביל. ביי אַזאַ הויכער פּראָטעקציע אין הימל וואָלטן די אַרגענטינער פּראָווינצן געדאַרפט זיין די געבענטשטסטע און די גליקלעכסטע אין דרום־אַמעריקע. נאָר, ווי עס זעט אויס, זיינען די היגע תושבים מסתמא זייער זינדיק, כאָטש קיין קירכעס, קלויסטערס, גלחים און פרומע „מאָנכאָס" פון כל המיני רעליגיעזע קאָנגרעגאַציעס פעלט נישט אין דער פּראָווינץ.

אויב די רעגירונגען זאָרגן ווייניק פאַר דעם קערפּער פון די איינוואוינער, איז מען אָבער פאַר דער רעטונג פון זייערע נשמות גראָד זייער באַזאָרגט. דערווייל אָבער, ביי אַלע גליקן מיט די הייליקע פּאַטראָנען, זיצט מען אָן אַ טראָפּן וואַסער און מען ווערט פאַרשמוצט, פאַרלייזיקט, דעגענערירט פון נויט, עלנט און קרענק...

א נאכט אין די בערג פון מזרח־ארגענטינע

(אַן אַוואַנטורע אין דער אַרגענטינער מדבר)

די געשיכטע האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף א קליינער, אין מדבר פון אַן ארגענטינער צפון־פּראָווינץ פאַרלוירענער באַן־סטאַנציע, וועלכע טראָגט אַן אייגנאַרטיקן נאָמען: „מילאַגראָ", וואָס באַדייט אויף יידיש — א נס. וואָס פאַר א „נס גדול היה שם", צוליב וועלכן מען האָט דעם ווינקל געגעבן אַזאַ נאָמען, ווייס איך נישט און אויך די דאָרטיקע תושבים האָבן מיר דערויף נישט געקענט געבן קיין דערקלערונג. נאָר אַז איך האָב זיך נעענטער צוגעקוקט צו די אויסגעדאַרטע פּנימער פון די איינוואוינער, דערזען די פּאָר אָרעמע, צעבראָכענע ראַנטשעס און אַרום א מדבר פון בערג און שטיינער, האָב איך ערשט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון דעם נאָמען: עס איז בפירוש א גרויסער נס, וואָס די מענטשן האַלטן אויס און שטאַרבן נישט אויס פון הונגער, נויט און קרענק אין דער דאָזיקער טרויעריקער, האָפענונגס־לאָזער וויסטעניש. זיי לעבן אַלע דאָרט מיט נסים און זייער דערפעלע האָט כשר פאַרדינט דעם נאָמען „מילאַגראָ", כאָטש בכלל אויף די נעמען פון ארגענטינער סטאַנציעס טאָר מען נישט פרעגן קיין קשיות. אויף דער זעלבער באַן־ליניע ליגט א סטאַנציע וואָס הייסט „סימבאָל". וואָס עס סימבאָליזירט דאָס דאָזיקע דערפל, בלייבט פאַרן טוריסט אַן אייביקע רעטעניש. אפשר סימבאָליזירט עס עקשנות, געדולדיקייט, רעזיגנאַציע, האָפענונג אָדער אפשר גלאַט א נארישן קאַפּריז פון א באַן־אינזשעניער, וועמען עס איז געפעלן געוואָרן דאָס וואָרט „סימבאָל". אומזיסט וועט איר זוכן לאָגיק אָדער שכל אין ארגענטינער סטאַנציע־נעמען. מען מוז אַזעלכע זאַכן נעמען פילאָזאָפיש און נישט שטעלן קיין קלאָץ־קשיות, אויף וועלכע קיינער וועט אייך נישט געבן קיין תשובה...

אויף דער סטאַנציע „מילאַגראָ" האָב איך צוליב א צופאַל פאַרשפּעטיקט מיין באַן און געמוזט פאַרברענגען כמעט א גאַנצן מעת־לעת, ווייל אין די מקומות גייט דורך א באַן נאָר איינציקע מאָל אין וואָך און עס איז

ווידער געווען א גרויסער נס, וואס שוין אויף מארגן האב איך געהאט א באן צו פארן ווייטער, אז נישט וואלט איך געמוזט בלייבן דארט 2-3 טעג און וואלט גיך געווארן א קאנדידאט אויף זעלבסטמארד. און אז איך האב זיך ארומגעקוקט און דערזען דעם מדבר מיט די פאר ארימע הייזקעס און שטיינערנע בערג אויפן האריזאנט, איז מיר געווארן ממש פינצטער אין די אויגן, כאטש די זון האט העל און ליכטיק געברענט. פייגעלעך האבן זיך געטראגן אין דער לופט און א קילער, פרישער ווינטל האט געבלאזן פון די „סיעראס" און האט מחיהדיק געגלעט די פארשטויבטע הויט מיינע. גאר די זון, די פייגעלעך און דער ווינט זיינען אבער געווען א קנאפע נחמה לגבי דער פערספעקטיוו צו פארברענגען אין איינעם פון די שמוציקע ראנ־טשעס א טאג און א נאכט צייט. זעענדיק די אפגעריסענע געשטאלטן פון די היימישע איינוואוינער, די נאקעטע און בארוויסע קינדער מיט די בלייכע, קראנקע פנימלעך, די אויסגעדארטע פיגורן פון פרויען, וועלכע זיי־נען אפשר אמאל אין דער יוגנט געווען שיין און פארלאקנד, האב איך אומעטום אין מיין פאנטאזיע געזען באצילן פון כל המינים חולאתן, בא־זונדער פון צרעת (לעפרא), און געציטערט אין דעם שטילן ווינקל מער ווי אויף א שלאכטפעלד. מיר האט זיך אויסגעדוכט, אז דא לויערן אויף מיר געפערלעכע שונאים אין געשטאלט פון מיקראבן, גיפט־פליגן און אנ־דערע טראפישע שלעק, וואס פארסמען דאס לעבן אין די דאזיקע האלב־ציוויליזירטע מקומות.

באין ברירה האב איך זיך א לאז געטון צו דער איינציקער „פאנדע", וועלכע איז געשטאנען לערך צוויי קילאמעטער פון דער באן־סטאנציע. די דאזיקע אכסניה איז באשטאנען סך־הכל פון צוויי צימערן — איינער איז געווען א דארף־שענק, דער צווייטער איז געווען דער „דארמיטאריא" — א שלאפצימער פאר די אורחים. דארט איז אויך געשלאפן דער באלעבאס, אן אלטער תרח, האלב־אינדיאנער, האלב „אריער", פון א יאר זיבעציק; וואו ס'איז געשלאפן די איינציקע ווייבלעכע באשעפעניש, וואס האט בא־דינט די געסט, א מיטליאריקע שיקסע, אויף וועלכער עס האט זיך קאנ־צענטרירט דער שמוץ פון דער גאנצער געגנט און ווער ווייס אפשר אויך די גאנצע עראטיק פון די לאקאלע קאזאנאוואס, ווייס איך נישט. איך האב פארבראכט די נאכט אין די בערג, גאר הויך אויף א שפיץ, וואו א היימי־שער שיכורער גוי האט מיך פארפירט. דעם דאזיקן פראסטן, אבער גוטמו־טיקן שיכור פארדאנק איך, וואס איך האב נישט געדארפט פארברענגען א נאכט אין דער „פאנדע", וועמעס שמוציקע ווענט און די איינריכטונג האבן

מיך דערשיטערט און די ריחות-ניחוח האָבן מיר פאַרכאַפּט דעם אָטעם. דעם דאָזיקן „דאָן אַנטאָניאָ״ וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן...

קריאָזשע „פּינקטלעכקייט״ פון דאָן אַנטאָניאָ

דאָן אַנטאָניאָ איז, זעט אויס, געווען אַ „שטאַם-גאַסט״ אין דער „פאָנדע״, ווייל דאָרט האָבן מיר מיט אים, תיכף נאָך מיין אָנקומען, גע־שלאָסן באַקאַנטשאַפט. עס איז געווען אַ געזונטער, אָבער קליינער און מאָ־גערער פויער פון אַ יאָר 60־50, וועלכער איז געזעסן אין אַ ווינקל ביי אַ שמוציקן טיש און געזופּט אָן וועלכע עס איז צובייסעכץ היימישן שטאַרקן בראָנפן, אַ מין קריאָזשער „סאַמאָגאָנקע״, ווייל אויף דער פלאַש איז נישט געווען קיין שום עטיקעט אָדער אויפשריפט.

דערוויסנדיק זיך, אַז איך האָב פאַרשפּעטיקט די באַן און מוז בלייבן דאָ אין דער געגנט גאַנצע 26 שעה, איז דאָן אַנטאָניאָ געוואָרן מלא שמחה און האָט מיר תיכף פאָרגעשלאָגן צו מאַכן מיט אים אַן עקסקורסיע אין די בערג, וואו גאָר אויבן, אַ פערציק קילאָמעטער פון דער סטאַנציע איז פאַ־ראַן גאָר אַ גוטע אכסניה מיט גאָר גוטן בראָנפן „אַגוואַרדיענטע״ פון קאַ־מאַמאַרקאַ, וואָס האָט אַ שם אין דער וועלט פון שיכורים. חוץ דעם, האָט ער צוגעגעבן מיט אַ כיטרען שמייכעלע אויף די ליפּן און אַ וואונק מיט די קליינע אייגעלעך, איז די באַלעבאָסטע פון דעם באַרג־האָטעל אַ יונגע אַלמנה, אַ „גרינגאַ״, ד. ה. אַן אויסלענדערין, אַ שיינע און אַ ווייסע. די לעצטע מעלה, אַז די אַלמנה איז אַ „ווייסע״, האָט אין זיינע אויגן אויס־געזען אַן אידעאַל, וואָס איז שווער צו דערגרייכן. פאָרן האָבן מיר גע־זאָלט אַהין אין אַ וואָגן מיט 4 פערד און די גאַנצע נסיעה האָט געזאָלט געדויערן 4־5 שעה. דער מקח — פינף פעזעס און אַ פלאַש קאַטאַמאַרקער בראָנפן. אַרויספאָרן זאָלן מיר אַזייגער צוויי נאָכמיטאָג, ווען עס איז נאָך ליכטיק. איך בין אויף דער אַוואַנטורע מיט פאַרגעניגן איינגעגאַנגען, ווייל איך האָב געוואָלט קודם כל וואָס שנעלער פּטור ווערן פון דער לופט פון דער „פאָנדע״, חוץ דעם האָט מיך געלאָקט די באַקאַנטשאַפט מיט דער „גרינגאַ״, וועמען דער גורל האָט פאַרוואָרפן יונגערהייט אין דעם מדבר. ווער איז זי, ווי זעט זי אויס, וואָס איז איר לעבנס־ציל, וואָס איז דער תכלית צו בלייבן אין די וויסטע בערג מיט אָרימע, שיכורע גויים? — די פראַגן האָבן געררייצט מיין נייגעריקייט און געגעבן אַ באַזונדער אינטע־רעס דער גאַנצער נסיעה מיט דאָן אַנטאָניאָ אין די בערג.

דאָן אַנטאָניאָ האָט זיך געמאָלדן מיט זיין וואָגן מיט אמתער קריאָ־זשער פּינקטלעכקייט, ד. ה. מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון גוטע דריי שעה. די אויגן זיינען מיר ארויסגעקראָכן וואַרטנדיק אין דער שמוציקער פאָנדע, וואו איך האָב געגעסן מיטאָג, וועלכער איז באַשטאַנען פון אַ פּאָר אייער מיט אַ שטיק האַרטן ברויט. אַנדערע „געשמאַקע" מאכלים, וועלכע דער בעל־אכסניה מיט זיין שיקסע האָבן מיר אָנגעבאָטן, האָב איך צוריקגע־שיקט: צו פאַרדעכטיק האָט מיר אַלץ אויסגעזען — דאָס פלייש, די אויל, די זופּ, דאָס גרינס, אַלץ האָט מסתמא געהאַט אַ טעם־חלשות. ענד־לעך האָב איך זיך אָפּגעזעגנט מיטן אַלטן באַלעבאָס און ארויפגעקראָכן אויפן וואָגן פון דאָן אַנטאָניאָ.

עס איז שוין געוואָרן שפּעטלעך, דער ווינטערדיקער בין־השמשות האָט זיך צוגערוקט נענטער. מיין בעל־עגלה איז שוין געווען היפּשלעך בגילופין, ווי עס זעט אויס האָט ער געמוזט מאכן אַ שיינע פּאָר כוסות און איך האָב שוין אָנגעהויבן חרטה האָבן אויפן גאַנצן עסק. אַרומפאָרן אין די בערג אין אַ וואָגן בייינאַכט מיט אַ שיכורן אַלטן פויער איז אביסל ריזיקאַליש. נאָר עס איז שוין געווען צו שפּעט: די בריקן האָב איך שוין הינטער מיר פאַרברענט און אויבן אויפן באַרג, נישט ווייט פון דער סטאַנ־ציע, וואַרט אויף מיר, דעם זעלטענעם גאַסט פון דער ווייטער אייראָפּע, אַ טרייסטלאָזע אַלמנה, נעבעך איינע אַליין צווישן די גיגאַנטישע שטיי־נערנע בערג...

מיין דאָן אַנטאָניאָ איז געוואָרן מערקווירדיק שטיל. אפשר האָט ער שוין אָנגעהויבן צו דרימלען אונטער דער ווירקונג פון דער היפּשער פּאַר־ציע בראָנפן, אפשר האָט אָט די מילדע באַרג־לופט אים איינגעשלע־פערט. איך האָב זיך געטרייסלט אויף דעם שטייניקן וועג און זיך צו־געקוקט צו דער אַרומיקער, שיינער, אָבער אומעטיקער און מאָנאָטאָנער לאַנדשאַפט. דער וועג ארויף איז געווען שווער, די פערדלעך זיינען גע־גאַנגען שריטווייז לאַנגזאַם און די נאַכט האָט שוין אויסגעשפּרייט אירע שוואַרצע פליגלען איבער דעם האָריזאָנט. עס איז געוואָרן אביסל אומ־היימלעך און אַ לייכטער טרויער האָט אַרומגעכאַפּט מיין האַרץ. איך האָב באַקומען רחמנות אויף זיך אַליין, וועמענס גורל איז צו וואַנדערן דורך די מדבריות פון דער גרויסער אַרגענטינע...

ווילדע הינט אין אַרגענטינער בערג

יידן האָבן פיינט הינט און די שנאה צווישן יידן און כּלבים איז אַ קעגנזייטיקע: הינט האָבן אויך פיינט יידן. פון וואַנען נעמט זיך די באמת

אַנטאַוויסטישע שנאה צו אַזוינע טרייע, איבערגעגעבענע באַשעפענישן, ווי עס זיינען היימישע הינט, איז שווער פעסטצושטעלן. נאָר עס זעט אויס, אַז דאָס איז שוין ביי אונדז אַ היסטאָרישער, טיף איינגעוואָרצלטער געפיל, וואָס ליגט אין אונדזער בלוט. שוין אין משה רבינוס צייטן ביי יציאת מצרים איז די הינט־פּראָבלעם געווען אַקטועל: „לא יחרוץ כלב לשונו" איז שוין אַן אָנזאָג פון דער שפּעטערדיקער פיינטשאַפט צווישן יידן און הינט. אין מיין יוגנט האָב איך פאַר קיין חיה נישט אַזוי מורא געהאַט, ווי פאַר הינט, און ביז היינט איז ביי מיר געבליבן דער אינסטינקטיווער פּחד פאַר אומבאַקאַנטע הינט. דעם געפיל האָבן, ווי זיי האָבן זיך מיר מודה געווען, גאָר אַ גרויסער טייל פון שטאָטישע יידן. ביי אונדזערע קאָלאָניסטן האָב איך גראָד געטראָפן הויפן פול מיט כלבים, נאָר אין דאָרף איז האַלטן הינט שוין אַ פּראָבלעם פון פּראַקטישקייט. מען דאַרף דאָרט האָבן שומרים קעגן גנבים, חיות, וואָס רויבן עופות וכדומה. אָבער אין די שטעט זעט מען זעלטן הינט אין יידישע שטיבער. אַז די הינט האָבן אונדז פיינט, דאַרף מען נישט קיין ווייטע באַווייזן: דער דייטשער כלב שבכלבים, ימח שמו וזכרו, האָט אונדז פיינט תכלית שנאה און מיר ענטפערן אים מיט נאָך שטאַרקערע געפילן...

שטעלט אייך אָבער פאָר, אַז איר טרייסלט זיך אויף אַ „סולקי" ער־גען־וואו אין די הרי־חושך, דער פירער אייערער איז אַ שיכורער גוי, אַרום אייך איז אַן עגיפּטישע פינצטערניש און פּלוצלים שניידט דורך די לופט אַ ווילדער וואָיען, אַ משוגענער ביל און אייך דוכט זיך, אַז הינטער אייך יאָגט זיך אַ מחנה פון ווילדע בעסטיעס און איר זייט הילפלאָז, ווי אַ קליין קינד. מיין דאָן אַנטאָניאָ האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין דרימל און האָט אָנגעהויבן שמייסן די פערדלעך, וועלכע האָבן שוין אַליין זיך אַ לאָז געטון מיט התמדה איבער די קרומע וועגן באַרג אַרויף. די הינט זיינען נאָך געווען מסתמא זייער ווייט, כאָטש זייער ווילדער בילן האָט שאַרף געקלונגען אין דער ריינער, שיטערער לופט פון די בערג. איך האָב דער־שפּירט אַ קאַלטן ציטער איבערן רוקן, ווען איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך בין אַרויסגעפאָרן שוין אין אָוונט אין די בערג אַן וועלכן עס איז גע־ווער. ווילדע, הונגעריקע הינט אין די בערג־מדבריות זיינען געפערלעכער ווי טיגער און ווען זיי קומען אָן אין מחנות, גאַנצע סטאַדעס, איז יעדע לעבעדיקע באַשעפעניש פאַרלוירן. פאַר די דאָזיקע פון הונגער משוגע גע־וואָרענע בעסטיעס אַנטלויפט אין ווילדן פּחד אפילו דער באַרג־טיגער „פּו־מאַ", אַליין אַ געפערלעכע חיה. בשעת דעם ווינטער־הונגער, צעלויפן זיך אין פּאַנישער מורא אַלע ווילדע קעץ, יאַגוּאַרן, הירשן, ציגן, אַלץ וואָס קען

נאָר לויפן. די הינט שטעלן זיך אָפּ אין לבנה־נעכט און בילן ווילדערהייט, מיט א הארצרייסנדיקן וואָיען קעגן דעם בלאַסן פּרצוף פון דער קאַלטער, שוין אָפּגעשטאָרבענער פּלאַנעטע, לאָקן ארויס זייערע ברידער די וועלף און לאָזן זיך אוועק איבער די בערג זוכן שפּייז. ווי איז דעם, וועלכער טרעפט זיך מיט די דאָזיקע טייוואָלים אין הינטישער געשטאַלט אָן געווער אין א ווינטער־נאַכט!...

די הינט זיינען געווען טאַקע גאָר ווייט, אַז נישט וואָלטן מיר נישט ארויס בשלום פון אונדזער אוואַנטורע. איך בין געזעסן באַגאָסן מיט קאַלטן שווייס און כסדר געקוקט צוריק. איך וויל זיך מודה זיין, אַז איך וועל די נאַכט מסתמא קיינמאָל נישט פארגעסן, ווייל איך בין געזעסן אויפן וואָגן פול מיט פּחד און אינסטינקטיוון שרעק צו שטאַרבן א נארישן, אומגע־לומפּערטן טויט — צעריסן ווערן פון ווילדע בערג־הינט. דאָן אַנטאָניאָ האָט זיך אויך געפילט נישט היימלעך. אפשר האָט אים געביסן דער גע־וויסן, וואָס ער האָט מיך פארפירט אין אַזאַ אוואַנטורע דורך זיין אומ־פּונקטלעכקייט. ביי טאָג, ווען עס איז ליכטיק, פאַלן די הינט נישט איבער קיין מענטשן. ער האָט פארביסן געטריבן די פערד און נישט גערעדט קיין וואָרט. נאָר אַז פּלוצלינג האָט פאַר אונדז אויפגעטויכט א שטראַל פון ליכט, האָט ער מיטן בייטש זיינעם אָנגעוויזן אין דער ריכטונג אויבן ארויף. מיר זיינען שוין געווען נישט ווייט פון דער באַרג־אכסניה.

די „לוסטיקע וויטווע" אינעם מדבר

ער האָט מיך נישט אָפּגענאַרט, דער שיכורער דאָן אַנטאָניאָ. די אלמנה, וועלכע איז ארויסגעקומען אונדז מקבל־פּנים זיין, איז געווען יונג, שיין, בלוט און מילך, טאַקע „ווייס", אָן צומישונג פון אַנדערע ראַסען־עלעמענטן, א לעגיטימע אונגאַרין פון א שטעטל לעבן בודאַפּעסט, אין דער מאַן אירער, וועלכן זי האָט געבראַכט צו קבורה אין די ווייטע אַר־גענטינער בערג, איז געווען א סירישער אָדער לעוואַנטינער גריך, פון די טיפּן, וועלכע מען טרעפט, ווי יידן, אין אַלע עקן פון דער וועלט, וועלכע קענען אין ערגיץ נישט איינזיצן און וועמעס ציגיינער־בלוט טרייבט זיי צו וואַנדערן איבער דער גאָרער וועלט פון איין לאַנד צו דער אַנדערער. און ערגיץ־וואו אין די אַפריקאַנער דזשונגלען, וואו ער האָט פארבראַכט עטלעכע יאָר זוכנדיק גאָלד אָדער בריליאַנטן, האָט ער געכאַפּט די אמתע מאַלאַריע, קעגן וועלכער עס איז נישטאָ קיין רפואה. שפּעטער האָט דער גורל דעם אומרואיקן וואַנדערער פארוואָרפן קיין אונגאַרן, וואו זיינע גרי־כישע פייערדיקע אויגן, שלאַנקע לעוואַנטינער פיגור, אוואַנטוריסטישע ראָ־

מאנטיק פון זיין לעבן האָבן אין שטורעם דעראָבערט דאָס מיידלשע האַרץ פון דער שיינער אונגארין. אזוי איז צושטאנד געקומען דער אויסטערלי־שער שידוך צווישן דער מאַכטער פון דער אונגארישער „פוסטא" און דעם אביסל געהיימניספולן אוואנטוריסט פון דעם לייכטזיניקן אָריענט. און קיין ארגענטינע האָט זיי אַראָפּגעבראַכט דער אומרואיקער גייסט פון דעם גריך, וועלכער איז געפאָרן זוכן נאַפט אין די בערג פון סאַנטיאַגאָ און לאַ דיאַכאָס מדבריות. דאָ האָט אים געכאַפּט שוין די ארגענטינער „טשו־משע", דער היימישער קריאָזשער פּאַלודיזם, וועלכער געמישט מיט דער אַלטער אַפריקאַנער מאַלאַריע האָט דעם אַלטן אוואנטוריסט געבראַכט אין קבר אריין. פון די רעשטלעך פון דעם פאַרבליבענעם געלט האָט די אַלמנה געקויפט אַ ראַנטשע, איבערגעבויט און געגרינדעט דעם האָטעל „עספּע־ראַנסאַ" אין די בערג.

„עספּעראַנסאַ" באַדייט האָפנונג. וועלכע האָפנונגען און אילוזיעס קען מען האָבן דאָ אין מדבר, ווייט פון די גרעסערע ישובים, באַגראָבן צווישן די שטיינערנע גיגאַנטן? אָט אזוי האָב איך געטראַכט, זיצנדיק ביי אַ אַ זויבערן טיש, אָנגעשטעלט מיט געשמאַקע מאכלים און אַ פּאָר פלעשער, צווישן וועלכע עס האָט שטאָלצירט אויך אַ בוטל אמתער קאַטאַמאַרקער „פּייערדיקער וואַסער", דער טרוים פון דאָן אַנטאָנינאָ. מיין באַגלייטער איז באַשיידן געזעסן ביי אַן אַנדער טישל און פאַר אים איז געשטאַנען אַ גרויסע פלאַש בראָנפן און ער האָט זיך מיט גרוים יראת־הכבוד און הכנעה צוגעהערט צו די פרעמדע קלאַנגען פון דער אומבאַקאַנטער שפּראַך — דייטש, אין וועלכער איך האָב געשמועסט מיט דער גאָרנישט טרויעריקער אַלמנה. דאָן אַנטאָניאָ איז געווען צופרידן, וואָס מיר זיינען בשלום געקומען און אויסגעמיטן באַגעגענישן מיט די בערג־הינט. און נאָך צופרידענער איז ער געווען, ווען איך האָב אים דערקלערט, אַז ער האָט אַ גוטן געשמאַק און אַז ער האָט מיך נישט אָפּגענאַרט בנוגע דער שיינער באַלעבאָסטע. אויך די אַלמנה איז געווען צופרידן פון אונדזער באַזוך. אזוי זעלטן קומען אַהער געסט פון די גרויסע שטעט און נאָך זעלטענער געסט פון דער ווייטער, אָבער צום האַרצן אזוי נאָענטער אייראָפּע...

שפּעט, גאָר שפּעט זיינען מיר געזעסן מיט דער „לוסטיקער וויטווע", ווי איך האָב זי אָנגערופן, און געשמועסט. געטווישט זכרונות איבער די אַלטע, גוטע צייטן אין די אַלטע היימען; צייטן, וועלכע וועלן שוין קיינ־מאָל נישט צוריקקומען. דאָן אַנטאָניאָ איז איינגעשלאָפן נאָך דער פּאָר־ציע בראָנפן און שווערן וועג. אַרום איז געווען שטיל און רואיק, נאָר אַ לייכטער ווינטעלע האָט זיך דורך די פענצטער אריינגעריסן פון די אַרו־

מיקע בערג. מיר זיינען געזעסן — איך דער יידישער נע־ונדניק, זי — אן איינזאמע פרוי פארלוירן אינעם מדבר. ס'איז געווען מאדנע שטיל. אבער אין מיין פאנטאזיע האב איך געהערט די דונערן פון דער פארוויסטער אייראפע, דעם רויש פון אוויאנען וועלכע זייען טויט און חורבן אין אונ־דזערע אלטע, ליבע היימען; געזען די פעלדער און שטעט פון בעלגיע, פראנקרייך אין חורבות, פרויען און קינדער אויף די וועגן פון די חרובע לענדער...

זיבן שעה האב איך פארבראכט אין דעם האטעל „האפנונג", וואו א יונג לעבן ווערט פארוויאנעט אן האפנונג און שפעטער האב איך זיך שעהן־לאנג געשלעפט שוין מיט דעם ניכטער־געווארענעם דאן אנטאיניא צו דער בארימטער סטאנציע „מילאגרא", וואו דער צוג האט מיך ווידער אוועקגעפירט אין ווייטע מקומות. די נאכט און די בערג, דאס וואיען פון ווילדע הינט, דעם שיכור דאן אנטאניא, דעם איינזאמען בארג־האטעל און די פארוואגלטע שיינע אונגארין וועל איך לאנג נישט פארגעסן.

אין די בערגיקע מדבריות פון לאַ ריאָכאַ

פון דער גרויסער צאָל פּראָווינצן און טעריטאָריעס, וועלכע בילדן צוזאַמען די אַרגענטינער מלוכה־פעדעראַציע, פאַרנעמען אייניקע פון זיי אַן אָפיציעל אַנערקענטן באַזונדערן פּלאַץ. אַלס „אָרימע" פּראָווינצן אין קעגנזאַץ צו אַנדערע „רייכע" טיילן פון לאַנד.

צו די דאָזיקע קבצנישע, פון גאָט און לייט באַוואָלטע מיטן שטעמפּל פון אָרימקייט באַזיגלטע פּראָווינצן, ווערן צוגערעכנט: סאַן לואיס, קאַטאַמאַרקאַ, לאַ ריאָכאַ, סאַנטיאַגאָ דעל עסטעראָ, סאַלטאַ און די נאַציאָנאַלע טעריטאָריע פאָרמאָסאַ.

יעדע פון די דערמאָנטע טיילן פון דער אַרגענטינער רעפּובליק איז דאָפּלט גרעסער לויט איר שטח, פון פּאַלעסטינע. זיי פאַרמאָגן אָבער גאָר קליינע באַפעלקערונגען און אַ שוואַך אַנטוויקלטע ווירטשאַפט. אָבער צווישן די דאָזיקע, אַזוי צו זאָגן, „שטאָטלעכע" אביונים, וועלכע לעבן נאָר פון צדקה, דאָס הייסט פון סובסידיעס מצד דער נאַציאָנאַלער פעדעראַלער רעגירונג, איז דער גרעסטער דלפן די פּראָווינץ לאַ ריאָכאַ.

ביי אַ באַפעלקערונג פון אַרום הונדערט טויזנט נפשות, פאַרמאָגט די פּראָווינץ בפועל ממש נישט קיין איין איינציקע אינדוסטריע, כמעט נישט קיין וועלכן עס איז באַדייטנדיקן האַנדל און, איין גאָט ווייס, פון וואָס עס לעבן די תושבים פון לאַ ריאָכער דערפער און שטעטלעך.

דער איינציקער צווייג פון ווירטשאַפט דאָרט, וואָלט ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען געקענט זיין פּי־צוכט. אָבער די מוראדיקע טריקענישן אין משך פון יאָרן האָבן פאַרניכטעט די מאָגערע סטאַדעס בהמות פון די פּויערים און האָבן ממש חרוב געמאַכט דאָס ביסל באַלעבאַטישקייט, וואָס מען האָט נאָך געהאַט.

איצט זיינען אפילו די „קריאָזשע" בהמות פון דער נידעריקסטער און ביליקסטער פּאָראָדע געוואָרן אַ יקר־המציאות, דער כראָנישער וואַסער־מאַנגל לאָזט נישט צו קיין שום לאַנדווירטשאַפטלעכע קולטור. צו אויס־

נוצן די נאַטור־אוצרות אין די דאָרטיקע בערג פעלן קודם כל קאַפּיטאַלן, אויך איניציאַטיוו און גוטער ווילן מצד דער רעגירונג.

וואָס איז דער וואונדער, אַז מען קריכט נישט ארויס פון דלות און מען מוז אָנקומען וועגן כסדרדיקע סובסידיעס צו בוענאָס איירעס. די פעדעראַלע אונטערשטיצונג איז קנאַפּ, ווי אַלע סובסידיעס פון רייכע קרובים צו אָרימע, בפרט נאָך, ווען דער אָרימער קרוב איז נאָך ביי זיך זייער שטאָלץ און באַזיצט אביסל חוצפּה.

אָבער אַזוי ווי זיי טוען זייער ווייניק אויף מיט די צוגעשיקטע געלטער און בעלנים אָפּצוגעבן אַ דין וחשבון זיינען זיי אויך נישט, האַלט זיי די נאַציאָנאַלע רעגירונג קנאַפּלעך און גיט זיי געלט בצמצום. בלייבט טאַקע די פּראָווינץ אין שטענדיקן דחקות און די אָרימקייט פייפט פון אַלע ווינקעלעך...

כאַראַקטעריסטיש איז פאַר די תושבים פון די דאָזיקע פּאַרוואָרפענע און ווייטע אַרגענטינער מקומות די אויסערגעוויינלעכע גדולה. די אָריענטאַלישע פעלקער זיינען אויך געדולדיק. וואָס קאָן שוין זיין געדולדיקער פון אַן אינדישן פאַקיר, עגיפּטישן פעלאַך, אַראַבישן פויער, פּערסישן באַרגאייגוואוינער, כינעזישן אַרבעטער־קולי? אָבער אין אָריענט איז די געדולד אין אַ געוויסער מאָס אַ קינסטלעכע, היסטאָריש אַנטוויקלטע כאַראַקטער־אייגנשאַפט. די אייביקע שקלאַפעריי, די דור־דורות קולטיווירטע דערנידערונג פון די אָרימע קלאַסן, רעכטלאָזיקייט און הפקרות פון דער אָרומיקער סאָציאַל־פּאָליטישער סביבה, — די פאַקטאָרן האָבן אין די אָריענטאַלישע לענדער אויסגעבילדעט דעם טיפּ פון אַ פלעגמאַטיש־געדולדיקן מענטשן. אָבער הינטער דער „פלעגמע" ברענט אָפט אַ פייער, וואָס ברעכט דורך די דיקע שיכט פון געצוואונגענער געדולדיקייט.

אין אַרגענטינע טראָגט די געדולדיקייט אַן אַנדער פאָרם. דער היגער תושב האָט קיינמאָל נישט דורכגעמאַכט אין זיין געשיכטע די שרעקלעכע קנעכטשאַפט פון דעם אָריענטאַלער. פאַרקערט, ער איז שטענדיק געווען אַ פרייער מענטש און באַלעבאָס פון זיין לאַנד, און איז געקומען אַהער אַלס אַ „דעראָבערער" און באַזיגער.

אין דער געדולדיקייט פונעם קאַטאַמאַרקער אָדער ריאָכער „קריאָזשע" שטעקט אַ פילאָזאָפישע גלייכגילטיקייט פון דעם היימישן אינדיאַנער, געמישט מיט גוטמוטיקייט. עס איז נישט די מאַסקע פון דעם געדולדיקן מדבר־בעדואין, הינטער וועלכער עס פלאַקערט אַ פייער פון רשעות און נקמה. דאָ איז עס גיכער אַ לעבנס־אָנשויאונג, אַ פאַטאַליסטיש־טיפער

געמיש פון אינדיאנער געדולדיקייט, קריאָזשער גוטמוטיקייט און אַלט־שפּאַנישער באַהעמישער גלייכגילטיקייט.

די ציַיטונגען פון טוקומאַן און קאָרדאָבאַ — די נאָענטסטע גרויסע צענטרען צו קאַטאַמאַרקאַ און לאַ ריאָכאַ — קומען אָן טעגלעך מיטן אָמ־ניבוס, אַרום צוועלף אַזייגער בייטאָג. איך רעכן, אַז אין דער גאַנצער וועלט וואָלט דער צייטונגס־אַגענט זיך געאיילט וואָס שנעלער צו פאַר־קויפן זיינע צייטונגען, בפרט, אַז מען רייסט היינט די בלעטער פון די הענט. איירָאָפּע ברענט אינעם פייער פון נאָך־מלחמה; יעדער טאָג ברענגט ידיעות פון וועלט־היסטאָרישער באַדייטונג, גאַנצע מלוכות זיינען פאַר־ניכטעט און מיליאָנען מענטשן שטייען אין שרעקלעכסטער, בלוטיקסטער נויט.

דער צייטונגס־אַגענט האָט אָבער צייט. ביי אים הויבט זיך אָן ביים אָנקומען פון די בלעטער, דער מיטיק. ער וועט זיך דאָך נישט לאָזן שטערן זיין עסן דורך אַזעלכע נאַרישקייטן, ווי אויסגערעכנט מיטיק־צייט פאַר־קויפן צייטונגען. נאָך מאָלצייט האָט דאָך גאָט אַליין געהייסן מאַכן אַ „סיעסטאַ", וועלכע דויערט ביי דעם דאָזיקן צייטונגס־דיקטאַטאָר ביז פיר אָדער פינף נאָכמיטיק. אָט די 4־5 שעה מעג די וועלט אונטערגיין. איר קריגט נישט קיין שום צייטונג פאַר קיין געלט. דער אַגענט כראָפּעט ביי זיך אין שטוב, די צייטונגען ליגן פאַרשלאָסן בחדרי חדרים, ביז די סיעסטאַ האָט זיך מיט מזל פאַרענדיקט. ערשט דעמאָלט קריגט איר אייער צייטונג...

טענה איך מיט די בירגער פון שטאָט און מוסר זיי: סטייטש, ווי אַזוי לאָזט מען צו אַזאַ הפקרות, אַז אַן אַגענט פון צייטונגען זאָל אין אַזאַ היסטאָרישער צייט לאָזן אַ גאַנצע שטאָט מענטשן אָן צייטונגען שעהנלאַנג, ווייל ער מוז מאַכן אַ „סיעסטאַ"? איך קוק זיך צו און זע, אַז מען פאַר־שטייט נישט די סיבה פון מיין אויפרעגונג. מען קוועטשט מיט די פּלייצעס און מען פרעגט מיך צוויי קשיות: ערשטנס, פאַרוואָס האָט אַ צייטונגס־אַגענט נישט קיין רעכט אויף צו פראַווען אַ סיעסטאַ, ווי אַלע מענטשן? צווייטנס, מה רעש? איירָאָפּע ליגט צענדליקער טויזנטער מייל ווייט פון קאַטאַמאַרקאַ, טאָקע היסטאָרישע געשעענישן, אא"וו, אָבער וואָס האָבן מיר דאָ, אין אונדזערע בערג, צו טון מיט די איירָאָפּעאישע מחלוקתן; וואָס וועט שוין זיין, אַז איר וועט איבערלייענען די צייטונגען מיט פינף שעה פריער? איר קענט זיי העלפן, די האָלענדער אָדער די בעלגיער מיט אייער צייטונגס־לייענען?

איך פיל, אַז די ווערטער שטאַרבן מיר אָפּ אויף די ליפּן, לגבי דער פילאָזאָפישער רואיקייט און געדולדיקייט, מיט וועלכע מען ענטפערט מיר

אויף מיינע היציקע רייד. און איך גיי אַרויס אויף דער גאַס און זע, ווי די גאַנצע שטאָט אָן אויסנאַם ליגט פון 12 ביז 5 נאָכמיטיק אין טיפן שלאָף און אַפילו דער פּאָליציסט אויף דער גרויסער פּלאַסע פאַר דער רעגירונגס־געביידע כאַפּט שטייענדיק אַ דרימל, טראַכט זיך מיר, אַז נישט איך, נאָר זיי זיינען גערעכט, און גערעכט איז אויך דער צייטונגס־אַגענט. ער דאַרף טאַקע זיין פּרנסה, אָבער זי וועט אים נישט אַנטלויפן מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער. געדולדיקייט און רואיקע גוטמוטיקייט זיינען נאָר גרויסע מעלות אין שטילן פּראָווינציעלן לעבן, פאַרגראָבן צווישן די אייביק רואיקע, דרימלענדיקע אַרגענטינער בערג.

און פאַרנדק פון קאַטאַמאַרקאַ קיין לאַ ריאָכאַ אין אַן אַלטן פאָרד־אָמניבוס, אויף דעם בערגיקן וועג אַרויף און אַראָפּ, און זעענדיק ווייט אויבן די איינזאַמע ראַנטשעס פון די אָרימע באַרג־תּושבים, האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, פון וואַנען עס נעמט זיך דאָ ביי אַלעמען אָט די רואיקע, כמעט פלעגמאַטישע געדולד ביי די אַמאָל אַזוי היציקע קינדער פון דער הייסער שפּאַניע. די בערג האָבן דאָ גורם געווען אויסצובילדן דעם טיף פונעם גוטמוטיקן, געדולדיקן מענטשן.

שוין דאָס קלעטערן אויף די בערג, כמעט אָן וועלכע עס איז וועגן, פאַרלאַנגט אויסערגעוויינלעכע קאַלטבלוטיקע געדולדיקייט. ביי דער קלענסטער אומפאָרזיכטיקייט קאָן מען לייכט ברעכן האַלדז און רוקן אויף די שטייניקע פעלזן פון די דאָרטיקע בערג.

איך האָב געוואָלט מאַכן מיט אַ דאָרטיקן תּושב אַ „קלעטער־פּאַרטי” אויף די בערג, און אומזיסט געזוכט אין אַלע קלייטן אַ פּאַסיקן „אַלפּן־שטאָק”, אַ שפּיציקן שטעקן, וואָס מען געברויכט אין אייראָפּע ביים קלעטערן אויף אַ באַרג. מען ווייס דאָ נישט פון אַזעלכע זאַכן. מען קריכט אויף די בערג, ווי אַמאָל מסתמא אדם הראשון מיט חוהן, און מען דערגרייכט די שפּיצן פון די בערג נישט מיט שטעקנס, נאָר מיט געדולד, מיט קאַלטבלוטיקייט, מיט רואיקייט. ווי דען אַנדערש וואָלט מען געקענט אין די פּרימיטיווסטע באַדינגונגען, כמעט מיט בלויזע הענט, צו אויסבויען זיך אַפילו אָן איינפאַכע הייזקע אובן, אויפן שפּיץ באַרג, נעבן די וואָלקנס?

ווי עס האָט מיר געזאָגט דער שאָפער פונעם אָמניבוס, ווען איך האָב מיט אים זיך דורכגעשמועסט מכוח דעם פּראָבלעם פון אַ באַרג־שטעקן: „איז דער וועג גוט — דאַרף מען נישט קיין שטעקן; איז דער וועג שלעכט, העלפט ער נישט”. אַ פילאָזאָפיע, קעגן וועלכער איך האָב גאָרנישט צו דערווידערן. זי איז צו פּרימיטיוו טיף, אַז מען זאָל קאָנען

מיט איר פּאָלעמיזירן. מען מוז זי אָננעמען ווי אַן אמת, וואָס דאָס דאָר־טיקע לעבן האָט מדור דורות איינגעוואָרצלט אין די נשמות און מוחות...

און, שפּאַצירנדיק זיך אין דעם אַלטן קאַסטן, וואָס האָט אַמאָל גע־הייסן „אָמניבוס", און מסתמא געווען פול מיט פייער און ענערגיע פון זיין מאָטאָר אין דער וויטער פאָרד־פאַבריק אין דעם רוישיקן דעטראָיט; צוקוקנדיק זיך צו די אויסגעדאַרטע, צעקנייטשטע, געדולדיקע פּנימער פון די פּאַסאַזשירן, האָב איך געטראַכט, אַז אפשר איז איינער פון אונדזערע יידישע נאַציאָנאַלע גרעסטע חסרונות, די אומגעדולדיקייט אונדזערע אין אַלע זאַכן — פּריוואַטע און געזעלשאַפטלעכע.

פונעם מזרח, פון די אָריענטאַלישע מדינות, וואו עס האָבן טויזנטער יאָרן געלעבט אונדזערע אבות, האָבן מיר די טוגנט, די גרויסע מעלה פון געדולד נישט מיטגעבראַכט. מיר איילן זיך שטענדיק, מיר וואָלטן אַלץ וועלן דערגרייכן אויף אַ היסטאָרישן רגל־אחת און קאָנען נישט וואַרטן. מען וויל כסדר מקרב זיין דעם קץ און דורכמאַכן געשיכטע מיט אַ גע־שווינטקייט פון אַ ליכט־שטראַל אינעם ענדלאָזן רוים.

הערט מען נישט כסדר טענות און סקעפּטישע מיינונגען וועגן דעם „לאַנגזאַמען" גאַנג פון דער ארץ־ישראל־קאָלאָניזאַציע, וועגן דעם „טשע־רעפּאַכע־שריט" פון דער קינפטיקער יידישער מלוכה? מען האָט נישט קיין געדולד, מען וויל נישט פאַרשטיין, אַז פרייהייט, אומאָפּהענגיקייט און מלוכות, ווערן געבויט גאַנצע צענדליקער דורות און אַז די העכסטע טוגנט פון אַ פאָלק איז געדולד בשעת אַ צרה. האָבן די טשעכן נישט געוואַרט הונדערטער יאָרן אויף זייער גאולה?

רעדט איר מיט אַ יידן, וואָס לייענט די לעצטע ידיעות פונעם ארץ ישראלדיקן פראָנט. ער האָט שוין פאַרלוירן דעם מוט, ער זעט אַלץ אין שוואַרצע קאָלירן. דעם יידן פעלט געדולד. ניין, דער ייד איז צו־היציק, צו אימפּולסיוו, און קאָן נישט וואַרטן, כאָטש אונדזער גאַנצע גע־שיכטע האָט אונדז שוין געמעגט אויסלערנען וואַרטן...

געדולדיקייט איז אַ גרויסע מעלה, בפרט אין די מדבריות פון לאַ ריאָכאַ, ווען אַרום און אַרום הערשט האָפנונגסלאָזע אָרימקייט. און די שטילע בערג שטייען זייט אייביקייטן שטום און גלייכגילטיק אין זייער שטיינערנער מאַיעסטעט. דער הימל איז, ווי זאָגט זיך דאָרט אין אַן יידיש לידל, בלויער ווי בלוי, קיין קלענסטע וואָלקנדל, אַן אָנזאָג פון אַ רעגן ווייזט זיך נישט אין דער ענדלאָזיקייט פונעם האָריזאָנט.

דאָרט הויך, אויף די ריאָכער בערג, הערשט תמיד אַ גרויער נעפּל. פון ווייטן דוכט זיך, אַז דאָס איז אייביקער שניי. די וואָלקנס אויף די־

שפּיצן פון די הויכע בערג, זיינען דורכזיכטיק ווי גלאָז, אָבער פּוסט, ווי אַ פּוילע נוס. פון זיי קומט נישט אַהער, אויף דער ערד, קיין איין טראָפּן וואַסער און אומזיסט קוקט אַרויף מיט שטילער, רעזיגנירטער בענקעניש, דער ריאַכער פּויער אויף די ווייטע הימלען און די נעפּלדיקע באַרג-וואָלקנס און וואַרט אויף אַ רעגן. אומזיסט! שוין גאַנצע זיבן יאָר, ווי די גרוי-זאַמע, ווילדע טריקעניש צעשטערט יעדן פּרואוו עפּעס צו זייען, עפּעס אויפצוטון אויף דער דאָזיקער אויסגעדאַרטער ערד.

ענדלאָזע פעלדער ציען זיך אומבאַאַרבעט, אויסגעטריקנט, חרוב, גרוי פון שטויב, נאָר זעלטן זעט מען ווייט אויף דעם האָריזאָנט אייניקע קי און פערד, מאָגערע, דאַרע, שוואַכע חיות אויף שאַקלענדיקע פיס. וואָס עסן זיי, די אָרימע, אומשולדיקע באַשעפענישן; וואָס טרינקען זיי אין די הייסע, טרוקענע זומער-טעג? איין גאָט ווייס...

עס איז פינצטער געוואָרן, און אונדזער „פאָרד" האָט אָנגעצונדן זיין פאָדערשטע לינטערנע, וועלכע האָט דורכגעשניטן מיט איר ליכט די אָי-מעטיקע פינצטערניש אויף דעם באַרג-וועג. די ווייטע שפּיצן פון די בערג האָבן אויסגעזען, ווי געשפּענסטער, אין זייער גרויער וואָלקנדיקער הלבשה. עס איז פּלוצלינג קיל געוואָרן, אַ שאַרפער ווינטל האָט אַ בלאָז געטון פון אויבן, פון די שוואַרצע בערג, און האָט דורכגעיאָגט אַ קעלט דורכן קער-פּער. מיינע באַגלייטער אין אָמניבוס, האָבן זיך ענג צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן. אַ קינד האָט זיך אין דער פינצטער צעוויינט. עס איז גע-וואָרן אומהיימלעך-אומעטיק אין אונדזער אַלטן „קאָטש", וועלכער האָט זיך נעבעך געטרייסלט און געדולדיק, ווי זיינע פּאַסאַזשירן, געשלעפּט זיינע רעדער איבער דעם שטייניקן וועג צווישן די פעלזן.

מיר זיינען דורכגעפאָרן דורך דערפער, אין וועלכע מען האָט נאָר געקאָנט באַמערקן סילועטן פון הייזקעס, אָבער אַבסאָלוט אָן ליכט. מיך האָט איבעראַשט, אַז מען האָט אפילו נישט באַמערקט קיין שאָטן פון מענטשן אָדער געהערט כאָטש אַ בילן פון אַ הונט. עס האָט אַלץ אויס-געזען ווי אויף אַ בית-עולם. אַ מאָדנע שטילקייט האָט געהערשט אין די קליינע דערפער, וואו עס האָבן פריער געמוזט זיין מענטשן, האָבן געלעבט, געליבט, געליטן און זיך געפרייט; מענער, פרויען און קינדער. ווי אַ מדבר האָט אויסגעזען דער גאַנצער שטח צווישן די הויכע בערג און די טאָלן, וואו ווייט אויף דעם האָריזאָנט האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן די ליכטער פון דער הויפּטשטאָט לאַ ריאָכאַ.

גאַנצע זעקס שעה האָט זיך געשלעפּט אונדזער „פאָרד" די הונדערט און פופציק קילאָמעטער צווישן קאַטאַמאַרקאַ און לאַ ריאָכאַ. וואָלטן די

דערפער נישט געווען אזוי טרויעריק־פוסט; די ערד נישט אזוי שטייניק־טרוקן, די מענטשן אונטערוועגנס נישט אזוי אפגעמאגערט און שרעקלעך אָרים, וואָלט די נסיעה, טראָץ דער לאַנגזאַמקייט פונעם אויטאָבוס, געווען אַ גרויסער פאַרגעניגן.

די לאַנדשאַפט איז זייער שיין. די בערג־פּאַנאָראַמע דערמאָנט ער־טערווייז די הערלעכסטע בילדער פון דער אייראָפּעאישער שווייץ. נאָר דער שאַרפער קאָנטראַסט צווישן דער שיינער נאַטור און דער דערדריקנ־דיקער אָרימקייט פון די מענטשן אין דעם מדבר־ישוב, לאָזן נישט זיך קאָנצענטרירן אויף דער זעלטן פּרעכטיקער לאַנדשאַפט פון דער געגנט.

עס שטייען פאַר די אויגן די אומעטיקע געשטאַלטן פון די קינדער, וועלכע בעטלען אַ שטיקל ברויט אויף די סטאַנציעס; די דאַרע ברוסטן פון די פרויען, די פאַרלאָשענע אויגן פון די מענער...

די שיינע „פּלאַסעס״ פון דער הויפּטשטאָט לאַ ריאָבאַ, וואו מיר זיינען שפּעט אין אָוונט אריינגעפאָרן; דער זויבערער, מאָדערנער האָטעל פאַר טוריסטן, די פּאָר אַספאַלטירטע גאַסן, די עלעקטרישע לאָמפּן אין די הייזער — דאָס אַלץ איז פאַר מיר געווען נאָר אַ פאַסאַדע, אַ טעאַטער־דעקאָראַציע, הינטער וועלכער עס פליסט אַ טייך פון לעבן פול מיט אָר־מעט, נויט, האָפנונגסלאָזיקייט און פאַרלוירענע מענטשלעכע עקזיסטענצן. אין לאַ ריאָבער פּראָווינץ האָב איך דערזען די אַנדערע, פאַרקערטע זייט פון דער שיינער מעדאַל, וואָס הייסט די גרויסע, רייכע, ציוויליזירטע אַרגענטינער רעפּובליק...

אויף דעם טייך פאראנא

כ'בין געווען באמת זייער צופרידן, ווען נאך לאנגע, דערמידנדיקע נסיעות מיט די באנען איבער די פראווינצן פון דער ארגענטינער מדינה, האב איך דערזען פאר מיר אין פארמאסא, דעם ברייטן, פולוואסערדיקן טייך פאראנא.

פון סאלטא קיין פארמאסא פירט דער וועג מיט דער באן גאנצע דרייסיק שעה, דורך מדבריות, סטעפן און בערג, וואו עס פאלט אויס דעלאטיוו זעלטן א רעגן. דער שטויב דריגט אריין דורך די פארמאכטע פענצטער, טירן און די לעכער פון די ווענטילאטארן און באדעקט געדיכט די טישן, שטולן, בעטן, וואליזעס און אלץ אין די וואגאנעס, אזוי, אז עס איז ממש נישטא וואו צו זעצן זיך, און יעדע האלבע שעה קומט א באן־פעאן און ווישט־אפ דעם שטויב.

עס איז אבער א ברכה לבטלה, ווייל וואס קאן א בערשטל אויפטון קעגן א סטיכיע פון זאמד און שטויב. וואס טראגט זיך פון די אויסגע־טריקנטע פעלדער אין דער לופט? אבער וואס נעענטער צו די ברעגן פון דעם גרויסן טייך, אלץ פייכטער ווערט די לופט און שיטערער די וואלקנס פון שטויב. איז ביים אריינפארן קיין פארמאסא פארשווינדט אינגאנצן דער פארעך און שוין פון ווייטן שפיגלט זיך פאר אייך די שווארץ־ברוינע פלאך פון דעם גרעסטן ארגענטינער טייך, פאראנא, וועלכער ציט זיך אויף טויזנטער קילאמעטער ווייט, איבער די גרענעצן פון ארגענטינע, מיט איין וואסער־ארבל קיין פאראגוואי, און מיט'ן צווייטן — אזש צו דער ווייטער מדינה בראזיל.

דארט ערגעץ, אין די שווארצע, געדיכטע דזשאנגלען, אין מקומות, וואו א מענטשלעכער פוס האט נאך נישט באטראטן דעם בתולה־באדן, גיסט זיך צוזאמען דער גרויסער טייך פאראנא מיט זיין שוועסטער, דער „אמאזאנאס", פארלירט זיין שיינעם אינדיאנישן נאמען און פליסט שוין צוזאמען מיט די וואסערן פון אמאזאנאס, אין די ווייטקייטן פון דער גרויסער בראזיליאנער מלוכה...

דאָרט, צווישן די אייביק־גרינע און פול מיט מיסטישע געהיימענישן בראַזיליאַנער דזשאַנגעלס, צעשפּילט זיך די וואַסער־סטיכיע פראַנק און פריי, און ביידע וואַסער־שטראָמען פון דער פּאַראַנאַ און דעם אַמאַזאָנאַס, פליסן אין רווישיקן און גרעניצלאָזן קאַראַהאַד ערגעץ־וואו אין דער ענד־לאָזיקייט פון די גיגאַנטישע בערג, פון וואַנען זיי נעמען זייער גבורה, זייערע וואַסער־רייכטימער.

גאָר הויך, אויף די ווייסע שפּיצן פון די זיד־אַמעריקאַנער קאָרדי־ליערן־בערג, ליגן אייביקע שנייען, וועלכע זיינען דער אורשפּרונג פון די מוראדיק גרויסע טייכן, וואָס שניידן דורך דעם גאַנצן קאָנטינענט פון אַמעריקע, דאָס אָבער איז נאָר אין די דזשאַנגלען, וואו דער מענטש האָט כמעט קיין שליטה נישט.

אין ארגענטינע האָט מען דעם טייך פּאַראַנאַ שוין לאַנג געצוימט און געבראָכן זיין ווילדע סטיכישע קראַפט. דאָ פליסט דער טייך צווישן באַ־פעלקערטע ברעגן און מענטשן האָבן אויף זיינע קילע און שנעלע וואַסערן ארויפגעלאָזן גרעסערע און קלענערע שיפן, לאָדקעס, פליטן און אַנדערע מכשירים פון דער מענטשלעכער טעכניק, וועלכע באַהערשן די פלאַך פונעם טייך און מאַכן פון דער ווילדער וואַסער־סטיכיע אַ נוצלעכן אינס־טרומענט פון קולטור און ציוויליזאַציע.

איצט זעט מען שוין נישט, ווי אין די אַמאָליקע צייטן, איינזאַמע פיגורן פון אינדיאַנער, וועלכע כאַפּן מיט פרימיטיווע מיטלען און געצייג פיש אין די וואַסערן פון פּאַראַנאַ און ריידן צווישן זיך אין זייער מע־לאָדישער און זינגענדיקער שפּראַך „גוואַראַני״. היינט שווימען צווישן די ארגענטינער און פּאַראַגוואַיער ברעגן אויף דער שיף־ליניע פּאָרמאָסאַ־אַסונסיאָן, צענדליקער שיפלעך, באַרקאַסן, פישער־לאָדקעס און סתם „לאַנ־טשעס״ און עס קורסירן די לוקסוס־שטאָלצע שיפן פון דער גרויסער מיהאַנאָוויטש־קאָמפּאַניע, וועלכע באַהערשט מיט איר פלאָט דעם גאַנצן שטח פון דעם פּאַראַנאַ־טייך, צווישן בוענאָס איירעס, אַסונסיאָן און דער ווייטער ארגענטינער פּראָווינץ מיסיאָנעס און ציט זיך איבער די גרע־ניצן ביז בראַזיל.

דאָס איינציקע, וואָס איז נאָך געבליבן פון דער אַלטער אינדיאַנישער־תקופה, איז דער גוואַראַני־דיאַלעקט, וואָס איז נאָך איצט כמעט די נאַ־ציאָנאַלע שפּראַך פון־דעם פּאַראַגוואַיער פאָלק און איז שטאַרק פאַר־שפּרייט אויך אין דער ארגענטינער פּראָווינץ קאָריענטעס. צווישן פּאָר־מאָסאַ און אַסונסיאָן הערט איר אָפט מער גוואַראַני, ווי שפּאַניש, און

דער עולם קוקט אויף אייך, דעם עם־הארץ אין הלכות גוואראני־לשון, מיט א שטארקן ביטול.

איך האב דאס שטארק געפילט אויפן שיפל, וואו די אלטע און יונגע ווייבער, מיט די ברוינע ציגארן אין מויל, האבן אויף זייער לשון געמוזט חוזק־מאכן אויף מיין חשבון, ווייל דער גאנצער עולם פאסאזשירן מיטן אלטן קאפיטאן בראש, האבן אזוי הארציק געלאכט, אז איך האב זיי פשוט מקנא געווען. כאטש איך האב געזען, אז דער אביעקט פון זייער געלעכטער ביך איך טאקע אליין, בכבודו ובעצמו, וואס האט נעבעך נישט פארשטאנען קיין איין ווארט פון זייער שמועס...

מאדערנע ארגענטינער יוגנט

עס איז מיר סוף כל סוף נמאס געווארן ארומצודרייען זיך אין דעם דריטן קלאס צווישן דעם פראסטן המון, וואס האט געהאט ווייניק דרך־ארץ פאר מיר, דעם פאסאזשיר פון אויבן, פון דעם ערשטן קלאס, און איך בין ארויף צוריק אינעם „סאלאן", וואו אכט־צען מענטשן האבן געגענעצט און נישט געוואוסט, וואס צו טון אויף דער אביסל לאנגווייליקער נסיעה אויף דעם טייך פאראנא.

אין ווינקל, ביי א קליינעם טישל, איז געזעסן א יונג פארל, ער, א פרישער, שלאנקער, גוט־געבויטער מיטלוואוקסיקער שייגעץ אין א מיליטערישן אוניפארם, מיט צוויי בענדלעך אויפן ארבל, ווי עס זעט אויס אן אונטער־אפיציר, האט געהאלטן אין דער ברוינער האנט א צייטונג — דעם 70־זייטיקן זונטיק־נומער פון „לא פרענסא" — און מיט פארליבטע אויגן געבויגן זיין אביסל רויטלעך־ברוינעם פנים גאר נאענט צו „איר". זי, א יונגע מיידל פון א יאר 18־20, מיט א קאקעטן שאלעכל אויף דעם צארטן האלדז און לאנגע, אביסל דיקלעכע פיס אין זיידענע שווארצע זאקן; האט געטראגן א טיפן טרויער־קלייד, גאנץ שווארץ, א שווארצע היטעלע מיט א געדיכטן, שווארצן שלייער, וועלכער איז ווי א לאנג בענדל אראפגעבאלן אויף אירע מאגערע פלייצעס.

זי, אין דעם טראדיציאנעלן ארגענטינער שטרענגן טרויער („לוטא ריגוראסא"), האט אבער מיט א זיסן שמייכל אויף די געפארבטע ליפן זיך צוגעהערט צו די ליבעס־דערקלערונגען פון דעם יונגן בחור׳ל. מיך האט דאס פארל אביסל פאראינטערעסירט, ווייל פריער מיט א פאר שעה זיינען זיי ביידע געזעסן גאר באזונדער און די גאנצע „ליבע" איז געווען א פרישע

רייזע־באקאנטשאפט. איך האָב גענומען אַ שטול און זיך כלומרשט פאר־טיפט אין אַן אַלטע „רעוויסטע", צוהערנדיק זיך צו זייער שמועס.

„דאָס לעבן אין דער קאזארמע איז שרעקלעך לאַנגווייליק", האָב איך דערהערט זיין שטילן שעפטשען. „חוץ דעם, איז מען מיט אונדז איצט זייער שטרענג געוואָרן די לעצטע צייט. מיר מוזן זייער פיל אַרבעטן... בכלל איז דאָס לעבן איינער אַליין אַזוי פוסט... מען האָט אָפט אַזעלכע איינגאַרטיקע געדאַנקען און חלומות"...

„איר האָט דען קיין כלה ניט?" הער איך די ווייכע מיידל־שטימע, און איך זע, אַז זי קוקט אויף אים מיט אַ לייכטן סקעפּטיציזם און גלויבט אים נישט.

„אַ כלה?", ענטפערט ער מיט אַ כמעט נאַטירלעכער ביטערקייט אין זיין שטים, „ניין, איך בין איינער אַליין אויף דער וועלט און האָב ביז איצט קיין „נאָוויאַ" נישט געהאַט. עס האָט זיך עפּעס נישט געמאַכט, חוץ דעם מוזט איר וויסן, בין איך אַ גרויסער אויסקלייבער און נישט יעדע מיידל געפעלט מיר. מיין כלה מוז שוין זיין גאָר שיין, ווי איר למשל"...

איך האָב אַ קוק געטון אויף דעם געזונטן, פרישן און באמת שיינעם יונגנמאַן אין זיין גלאַנצנדיקן מונדער, און מיר אַ טראַכט געטון, וויפיל מיידלעך האָט דער שייגעץ שוין פאַרפירט אין זיין קורצן לעבן. עס זעט אויס, אַז אויך די מיידל אין איר טיפן טרויער האָט באַקומען דעמזעלבן געדאַנק, ווייל זי האָט זיך אַביסל אָפּגערוקט און געזאָגט:

„איך גלויב אייך נישט. איר, מיליטאַרן, זייט ווי די מאַטראָסן — אין יעדן פּאָרט אַן אַנדער מיידל. דאָס לידל זינגט איר מסתמא אַלע טאָג אַן אַנדערער".

דער שייגעץ האָט זיך ווידער גאָר נאָענט צוגערוקט און גענומען אין זיין שטאַרקער האַנט דאָס צאַרטע הענטל פון דער מיידל. זיין קורץ גע־שוירענער שוואַרצער קאָפּ איז כמעט שוין געלעגן אויף דער יונגער ברוסט פון זיין נייער רייזע־געליבטער. און ווידער האָב איך דערהערט זיין איצט שוין ווייכער געוואָרענע שטימע:

„איך שווער אייך, אַז אַלע מיינע רייד זיינען אמת. איך האָב נישט קיין כלה. דאָס לעבן איז אַזוי לאַנגווייליק און פוסט. אָט זעט די צייטונג. וואָס וועט איר געפינען אין? איר אינטערעסאַנטעס? אייניקע בבאָ־מעשיות און אפשר אַן אינטערעסאַנטע נאָטיץ איבער פוטבאָל... איר האָט געלייענט דעם באַריכט וועגן דעם לעצטן „זעקס־טעג־געיעג" פון די ציק־ליסטן אינעם בוענאָס־איירעסער לונאַ־פּאַרק? עס איז געווען זייער שפּאַ־נענדיק"...

„ניין", ענטפערט זי, מיט אַ געוויסער אַנטשולדיקונג אין קול, „איך לייען נאָר די „טשיסטעס" (די וויצן)".

איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אַביסל נעענטער צוגעקוקט צו די צוויי יונגע פאַרטרעטער פון אַרגענטינער פאָלק. דאָס זיינען נישט געווען קיין אָרימע, אָפּגעריסענע פאַריער פון די וויטע פּראָווינצן, וועלכע קריכן נישט אַרויס פון נויט און שמוץ און וואו דער גרעסטער טייל פון דער באַפעלקערונג זיינען אַנאַלפאַבעטן. ניין, דאָ זיינען געזעסן אין ערשטן קלאַס אויף אַ נישט ביליקער שיף: ער, כמעט אַן אָפיציר; זי, אַ מיידל פון מיטלקלאַס. ביידע יונג, גוט אָנגעטון, נישט פונעם נידעריקן סאָציאַלן שיכט. ער האָט געהאַלטן אַ זונטיק־נומער „לאַ פּרענסאַ", דיק, כמעט ווי אַ בוך, פול מיט די וויכטיקסטע היסטאָרישע ידיעות פון די שלאַכטפעלדער פון אייראָפּע, פול מיט שפּאַנענדיקע נאַכריכטן פון זיין אייגענעם פאַטערלאַנד, גאַנצע זייטן מיט ליטעראַטור, לידער, בילדער, דערציילונגען. און קיין אַנדער זאַך האָט ער נישט געפונען, ווי דעם באַריכט איבער פוטבאָל און ציקליסטן־געיעג. „די צייטונג איז אַזוי פּוסט און נישט אינטערעסאַנט"... און זי, די טאָכטער פונעם אינטעליגענטן אַרגענטינער מיטלקלאַס, לייענט נאָר די וויצן, מער נישט! דאָס איז די מאָדערנע יוגנט...

און קוקנדיק אויף דאָס פּאַרליבטע פּאָרל, וואָס איז שוין איצט געזעסן גאָר נאָענט צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן, און זי, אין איר „שטרענגן טרויער", האָט שוין צוגעדריקט איר פרישע רויט־געפאַרבטע ליפּן צו זיינע ריין־ראַזירטע באַקן און ביידע האָבן אין זייער ווינקל געשוויגן, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז מיט עטלעכע טעג צוריק בין איך געווען אין אַ אידישן „סאַלאָן" און פאַר מיין קאָנפערענץ צום פאַרטרייבן די צייט, געלייענט אויף די ווענט פאַרשידענע „אַוויסעס" און אויפרופן. און מיט גרויסע אותיות איז געשטאַנען אויף אַן אַפיש פאָלגנדער אויפשריפט אויף שפּאַניש:

„אין דער הייגטיקער טראַגישער צייט פאַר אונדזער יידישן פאָלק שליסט די רייען און מאַניפעסטירט אייער נאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט. פאַרשרייבט זיך אַלע, ווי איין מענטש, בחורים און מיידלעך, אין אונדזער פינגפאָנג פאַראיין!"

מיט וואָס איז אונדזער יידישע יוגנט אין אַרגענטינע העכער און בעסער, ווי אָט די יונגעלייט, וועלכע געפינען אין אונדזער היסטאָרישטראַגישער צייט נאָר איין אינטערעסאַנטע נאָטיץ אין דער צייטונג — איבער פוטבאָל, באָקס, ציקליסטן־געיעג אָדער גאָר „טשיסטעס"?

געדענק, יידישע יוגנט, אין נאָמען פון אונדזער נאַציאָנאַלער סאָ־

לידאריטעט און לכבוד אונזערע טויזנטער יונגע און אַלטע קדושים, אין דער טראַגישער שעה פון אונדזער געשיכטע, פאַרשרייבט זיך שנעלער, אַלע ווי איין מענטש, בחורים און מיידלעך, אין פינגפאַנג־קלובן! — אָרימע אַרגענטינער יוגנט!...

שטימונגען אין די ווייטע פּראָווינצן

מיינט נישט, אַז אַלע פּאַסאַזשירן זיינען אַזוי פּאַרטיפּט אין זייערע אייגענע איבערלעבונגען, ווי דאָס אַרגענטינער פּאַרליבטע פּאָרל. ניין, אומעטום, אין אַלע ווינקעלעך פון דער שיף הערט מען פייערדיקע דיס־קוסיעס וועגן סטראַטעגיע, פּאָליטישע פּערספּעקטיוון אין אייראָפּע און וואו נישט וואו אַביסל איבער אונדזערע היימישע פּאָליטישע ענינים.

אונטן, דאָרט וואו מען רעדט נאָר „גוואַראַני" און וואו די ווייבער מיט די דיקע ציגאַרן אין מויל, זיצן צוזאַמען מיט די מענער, הערט מען אויך הייסע דעבאַטן איבער אייראָפּע. דאָ, ביים פּראָסטן פאָלק, שפּירט מען אַן אמתע שנאה צו די דייטשן און אַ שאַרפן ביטול צו די שלימזל־דיקע איטאַליענער. אַ פאַרבאַרגענעם יראת הכבוד פילט מען אין די רייד פון די דיסקוטאַנטן אונטן, אינעם דריטן קלאַס, ווען מען הויבט אָן צו שמועסן וועגן רוסלאַנד. מען האָט זיי נישט ליב, די רוסן, מען איז זיי מוחל זייער קאָמוניזם און זייערע גליקן, נאָר מען האָט אַן אייגנאַרטיקע אמונה אין זייער גרויסן כוח, וואָס האָט צעשמעטערט די נאַצישע הער־שאַפט אין אייראָפּע.

אויפן שיף איז אַלץ רואיק, די פּאָליטישע דיסקוסיעס גייען נישט אַרויס פון די ראַמען פון צופעליקע שמועסן צווישן פּאַסאַזשירן, וואָס קענען זיך נישט איינע די אַנדערע און ביי דעם נעקסטן פּאָרט וועט מען זיך צעשיידן אפשר אויף אייביק.

עס איז געוואָרן פּלוצים פינצטער און די וועגט זיינען באַדעקט גע־וואָרן מיט גרויסע שאָטנס פון די מענטשלעכע געשטאַלטן, וועלכע האָבן זיך באַוואויגן אין דער האַלב־טונקלקייט פון די שיפס־רוימען. איך בין אַרויף אויבן, אויפן דעק נעבן דער קליינער בודקע, וואו דער דיקער, אַלטער קאַפּיטאַן האָט מיט אַ וואונדערבאַרער זיכערקייט געפירט אינעם שוואַרצן חושך פון דעם טייך זיין שיף. די ברעגן פון פּאַראַגוואַי, וועלכע זיינען געשוואומען פאַר מיינע אויגן, זיינען געווען שטאָק־פינצטער, כמעט ווי אויסגעשטאָרבן, נאָר גאָר ווייט, אין מיטן וואַסער, האָט מען געזען דאָס

בלישטשען פון די אייביקע אויגן פון די לייכט־טורעמס, וועלכע זיינען די וועגווייזער פאר די שיפן אין פינצטערע נעכט.

פון וואסער האבן זיך געצויגן פייכטע ווינטלעך, וועלכע זיינען דורכ־געדרונגען דורכן רעגנמאנטל און געקילט די ביינער. אומעטיק־שווארץ האט אויסגעזען דער הימל. די לבנה האט זיך ערגעץ באהאלטן הינטער די גערדיכטע, כמורנע וואלקנס, וועלכע האבן באדעקט דעם גאנצן האריזאנט און צוזאמענגעגאסן דעם הימל מיט דעם וואסער פון דעם טייך. קיין איינציקן שטערן האט מען נישט געזען אין דער ענדלאזיקייט פון די וועלטן איבער אונדזער קאפ. עס איז געווען טרויעריק־שטיל און חושכדיק־שווארץ אויפן הימל, ווי ביי מיר אויף דער נשמה...

אונטן האט איינער ארויסגעשלעפט זיין קליינע גיטארע און האט אנגעהויבן פאר זיך צו שפילן און אונטערצוזינגען אן אומעטיק לידל אויף גווארא־ני־לשון. א טיפע בענקעניש האט זיך געפילט אין דער פרימיטי־ווער מעלאדיע און אויך אין די איינפאכע ווערטער פון דעם אלטן אינ־דיאנער ניגון.

מיר איז געווארן נאך אומעטיקער אויפן הארצן. איך בין אראפ צוריק אונטן אין סאלאן, וואו איך האב מיט א שעה צוריק געלאזן אין היימן ליבע־שמועס מיין יונג פארל. די מיידל איז געזעסן אין דעם זעלבן ווינקל איינע אליין און געבלעטערט פארחלומט און אן אינטערעס אין א „רע־וויסטע". מען האט געזען, אז איערע געדאנקען זיינען ערגעץ ווייט. דער יונגער סאלדאט איז פארשוואונדן. זיין מיליטערישער מאנטל, זיינע זאכן, זיין צייטונג — אלץ איז אוועק מסתמא אין איינעם פון די פארטען אונ־טערוועגס, צוזאמען מיט די הייסע שבועות און הבטחות, צוזאמען מיט דער אילוזיע פון דעם יונגן גליק...

צי וועלן זיי זיך נאך אמאל טרעפן, ער — דער שיינער, געזונטער בחור מיט דעם בליק פון א באזיגער פון יונגע מיידלשע הערצער; זי — אין טיפן טרויער פארזונקענע אין איר ליבעס־חלום יונגע, צארטע אר־געגטינער מיידל?

ווער ווייס — די וועגן פון מענטשלעכן לעבן זיינען אזוי אייגנאר־טיק און דער גורל שלייַדערט די מענטשלעכע ארימע נשמות אין א ווילדן ווירוואר, וואס קיינער קאן נישט וויסן, וואס וועט מיט אים מארגן זיין...

דאס בילד פון דער קליינער מיידל מיט איר צעבראכענעם קורצן גליק האט נאך מער פארשטארקט מיין אומעט. די שיף איז ווייטער גע־שוואומען אין דער נאכט אויף דעם גרויסן, שטומען טייך פאראנא.

טשאקאָ, דער אַרגענטינער קלאַנדאַיק

I.

אין פענצטער קלאַפּט מאַנאַטאָן און לאַנגווייליק אַ דריבנער, אומעטיקער רעגן. דער הימל איז גרוי באַוואָלקנט און מען זעט נישט קיין סוף צום דעם גיסן פון אויבן. דער דאָזיקער רעגן אין טשאַקאָ האָט זיך אָנגעהויבן מיט חדשים צוריק אין גאָר אַן אומשולדיקער פאָרם און האָט נאָך לאַנגע יאָרן טריקעניש אויפגעוועקט האָפענונגען און אילוזיעס ביי די אַגריקולטאָרן אויף אַ גוטן אַלגאָדאָן־שניט היי־יאָר.

אָבער פון דעם מחיהדיקן און דערפרישנדיקן רעגן איז ביסלעכווייז געוואָרן אַן אמתער מבול, וועלכער פאַרפלייצט דאָס לאַנד, מאַכט אומדורכגאַנגבאַר די וועגן, דערטרינקט די פעלדער, טוט אַן גרויסע היזקות דער פי־צוכט און מאַכט אַ תל פון אַלע שיינע האָפענונגען פון די אַגריקולטאָרן און אַלע קאַלקולאַציעס פון דער קאָמערץ.

מיט רעזיגנאַציע קוקט דער פויער און דער סוחר דורך די פאַרוויינטע שויבן פון די פענצטער אויפן פאַרכמאַרעטן, גרוי־שוואַרצן הימל מיט זיינע ענדלאָזע וואָלקנס, הינטער וועלכע עס האָט זיך אויף אַ לאַנגע צייט באַהאַלטן די טראָפּישע טשאַקעניער זון.

טשאַקאָ האָט שוין אַזאַ מזל מיט דעם וועטער. פּלוצלונג קומט אַ טריקעניש, גאָט זאָל שומר ומציל זיין, און יאָרנלאַנג לעכצט מען נאָך אַ טראָפּן וואַסער. אַלע רעזערוואוואַרן, ברונעמס און ספּעציעלע וואַסער־דעפּאָזיטן, די אַזוי גערופענע „אַלכיבעס”, קלעקן נישט צו באַפרידקן די נויטן פון דער אַגריקולטור און באַפעלקערונג. דעמאָלט שאַפט זיך אַ מוראדיקער קריזיס מיטן וואַסער־מאַנגל, ווי אין די ווייטע רעגנלאָזע צפון־פּראָווינצן. די רעגירונג איז געצוואונגען מיטצושיקן מיט יעדן באַן־צוג ספּעציעלע טאַנקן מיט טרינק־וואַסער און מען קאַן אויף די סטאַנציעס זען באמת דראַמאַטישע סצענעס פון קאַמף פאַר אַביסל וואַסער.

מיט יאָרן צוריק פלעגן זיך טרעפן פאַלן, ווען די פאַרצווייפלטע באַ־פעלקערונג אין די ווייטע מקומות פלעגט זיך אוועקלייגן — מענער, פרויען און קינדער — אויף די רעלסן פון דער אייזנבאַן און שטערן דעם באַן־טראַפיק, פאַרלאַנגנדיק וואַסער צום טרינקען... עס זיינען געווען געגנטן, וואו דער וואַסער־מאַנגל איז אַ כראָנישע דערשיינונג און האָט דערפירט צו אַ קאַטאַסטראָפאַלער מאַסן־אויסוואַנדערונג פון מענטשן, וועלכע האָבן פאַרלאָזן זייער ביסל האָב און גוטס, פּראָדוקט פון יאָרן שווערער פּראַצע, און זיך געלאָזן אין וועג זוכן בעסערע ערטער, וואו מען קאָן כאָטש קריגן אַ גלאָז וואַסער צום טרינקען.

אַזעלכע „טרוקענע" יאָרן קאָן די געשיכטע פונעם יונגן טשאַקעניער ישוב פאַרצייכענען נישט איינמאָל. די טריקעניש צוזאַמען מיט דער פייער־דיקער טראָפּישער זון און אַנדערע נאַטור־פּלאָגעס, ווי דער היישעריק און אַנדערע משחיתים, האָבן היפּשלעך טאַרמאַזירט די עקאָנאָמישע אַנטוויק־לונג פון דער „נאַציאָנאַלער טעריטאָריע", וואָס טראָגט דעם נאָמען טשאַקאָ.

אַרום טשאַקאָ וועבן זיך שוין צענדליקער יאָרן לעגענדעס. קודם כל אונטערשיידט נישט דער ברייטער עולם, באַזונדער אין אויסלאַנד, דעם אַרגענטינער טשאַקאָ פון דעם באָליוויאַנער־פּאַראַגווייער טשאַקאָ, צוליב וועלכןביידע מלוכות האָבן יאָרנלאַנג געפירט אַן עקשנותדיקע בלוטיקע מלחמה. מען ווייסט, אַז יענער טשאַקאָ שטעלט מיט זיך פאָר אַן ענדלאָז־גרויסן דזשאַנגל־וואַלד און ווילדע, אומקולטיווירטע מדבריות, וואו עס לויפן אַרום ווילדע חיות, גיפטיקע שלאַנגען, געפערלעכע מאָסקיטאָס און בליגן גורמים פון געלן פיבער און מאַלאַריע.

מען ווייסט, אַז אינעם קריג צווישן פּאַראַגוואַי און באָליוויע, וועלכער האָט זיך מיט עטלעכע יאָר צוריק פאַרענדיקט מיט אַ שלום געשלאָסן אין בוענאָס איירעס, זיינען מער סאָלדאַטן אומגעקומען פון קרענק און דורשט אין די וועלדער פון טשאַקאָ, ווי פון די קוילן אָדער באָמבעס פון די קאַ־נאָנען.

עס שוועבט איבער דעם דאָזיקן ווייטן, געהיימניספולן טשאַקאָ אַ געוויסע ראָמאַנטיק, וואו דער אמת איז פאַרפלאָכטן מיט פאַנטאַזיע. די ראָמאַנטיק פון די טראָפּיק־לענדער, וועלכע ווערט אַזוי שיין געשילדערט אין די ראָמאַנען פאַר קינדער און אין די פּראָספּעקטן פון די רייזע־געזעל־שאַפטן...

אַ טייל פון דער ראָמאַנטיק האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויך אויף דעם אַרגענטינער טשאַקאָ, און עס האָבן זיך געשאַפן וואונדערבאַרע לע־גענדעס איבער דעם רייכטום פון דעם לאַנד, זיין שיינער נאַטור, דער

ליכטיקייט דאָרט צו „מאַכן אַמעריקע" און די אומגעהויערע פּערספּעק־טיוון פאַר דעם פּיאָנער, וועלכער וויל „ריזיקירן" און גיין זוכן גליקן אין דעם דאָזיקן נייעם פּריש־אַנטדעקטן אַרגענטינער „קלאָנדײַק"...

מען דערמאָנט זיך דעם גאָלד־פיבער, וואָס האָט מיט 70 - 80 יאָר צוריק אָנגעכאַפּט ברייטע מאַסן פון כל המינים אַוואַנטוריסטן און גליק־זוכער אין נאָרד אַמעריקע און קאַנאַדע, ווען מען האָט באַקומען ידיעות, אַז אויף די ברעגן פונעם טײַך יוקאָן, אין עקסטרעמען צפון פון קאַנאַדע, און דעם קליינעם טײַכל קלאָנדײַק, האָט מען אַנטדעקט גרויסע אוצרות פון גאָלד.

עס האָבן זיך אַהין אַ לאָז געטון צענדליקער טויזנטער מענטשן פון אַלע סאָציאַלע שיכטן, אַ מין געפערלעכע קדחת האָט אָנגעשטעקט ברייטע מאַסן, וועלכע האָבן אַוועקגעוואָרפן אַלע זייערע זיכערע געשעפטן און געלאָפן אין די קאַלטע מדבריות פון קאַנאַדע, ממש צום נאָרד־פּאָל, גראָבן גאָלד. פיל פון די מענטשן זיינען טאַקע זייער רייך געוואָרן אין איין נאַכט, ווייל קלאָנדײַק איז געווען אַן אמתער גאָלד־אוצר און דער ברעג פונעם טײַך איז געווען פול מיט גאָלד־קערנדלעך.

אָבער טויזנטער מענטשן זיינען געשטאָרבן און אומגעקומען פון קרענק, פון דעם שרעקלעכן קלימאַט, פון אַלקאָהאָל און סתם שלעגערייען און רציחות, וועלכע זיינען געווען אַ טעגלעכע, נאָרמאַלע דערשיינונג אין דער ווילדער אַטמאָספער פון לייכטע פאַרדינסטן און אַנאַרכיסטישע לעבנס־פאָרמען אין קלאָנדײַק.

דער באַרימטער אַמעריקאַנער שרייבער דזשעק לאָנדאָן גיט אין אַ רייע זיינע ראָמאַנען אַ קלאָר בילד איבער דעם לעבן פון די גאָלד־זוכער און אַוואַנטוריסטן אין דעם ווייטן, קאַלטן קלאָנדײַק...

משאַקאָ, אין אַרגענטינע, פאַרמאָגט נישט קיין גאָלד, קיין קאָסטבאַרע שטיינער, אָבער זי האָט געהאַט די צוציאונגס־קראַפט פון אַ לעגענדע. אַהער איז מען, ווי קיין קלאָנדײַק, געלאָפן זוכן לייכטע פּרנסות, שנעל רייך צו ווערן, אַנזאַמלען געלט און אַנטלויפן צוריק קיין בוענאָס איירעס, צי אַנדערע שטעט, וואו מען קאָן דאָס געלט אויסגעבן און לעבן אין אַ ציוויליזירטער סביבה.

דער גרעסטער טייל מענטשן, וועלכע זיינען געקומען קיין משאַקאָ, האָט לחלוטין נישט געהאַט קיין חשק און די כוונה דאָרט צו בלייבן אויף שטענדיק. מען האָט זיך באַטראַכט אַלס פּיאָנערן, אָדער צייטווייליקע תוש־בים, וועלכע וועלן בויען דעם וועג פאַר שפּעטערדיקע דורות, און אין דער

אמתן זיינען די לעבנס־באַדינגונגען מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק געווען גאַנץ פּרימיטיוו אין טשאַקאָ. מען האָט טאַקע געמוזט באַזיצן פיל מוט, ענערגיע, עקשנות, פיזישע כוחות און געדולד אויסצוהאַלטן לאַנג אין דער האַלב־ציוויליזירטער, פּרימיטיווער און שווערער טשאַקעניער סביבה.

די נאַטור איז דאָ זייער אָפט געווען אַ שטיפמאַמע צו די יונגע פּיאָנערן, וועלכע האָבן פון אַ מדבר געבויט פאַר זיך און זייערע קינדער אַ נייעם לעבן. און אויב טשאַקאָ איז געוואָרן אַ בליענדיק לאַנד, איינע פון די רייכסטע פּראָווינצן אין צפון פון אַרגענטינער רעפּובליק, האָט זי דאָס צו פאַרדאַנקען דעם גייסט פון פּיאָנערנטום, דעם מסירת־נפש, דער עקשנות פון אַ דור מענטשן, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער אידעאַל, ווי דעם „ביזנעס־גייסט”, דעם שטרעבן וואָס גיכער און וואָס מער אָנזאַמלען געלט און צו אַנטלויפן.

דער געדאַנק פון אַ טשאַקעניער „פּאַטריאָטיזם” איז שוין אַ פּראָדוקט פון דער לעצטער צייט, ווען דאָס לעבן האָט זיך שוין סטאַביליזירט און ציוויליזירט און עס איז אויסגעוואַקסן אַ דור יונגע מענטשן, וועלכע פילן זייער צוגעבונדנקייט צו דער פרוכטבאַרער טשאַקעניער ערד, צו דער הייסער היגער זון, צו דער שיינער נאַטור. היינט צו טאָג פאַרמאָגט שוין טשאַקאָ, ביי אַ שטח פון 140 טויזנט קוואַדראַט־קילאָמעטער, איבער אַ האַלבן מיליאָן איינוואוינער.

אין וואָס באַשטייט דאָס רייכטום פון טשאַקעניער לאַנד? קודם כּל אין דער גרויסער פרוכטבאַרקייט פון איר באָדן. עס איז ממש נישטאָ קיין פּראָדוקט פון דער אַגריקולטור, וועלכער זאָל נישט וואַקסן אין טשאַקאָ, כאָטש צוליב פּראַקטישע מאָטיוון, האָט מען דאָ געלייגט דעם טראָפּ נישט אויף תבואות, ווי ווייץ, מאַאיס, נאָר אויף „אינדוסטריעלע” קולטורן, ווי ליאַן און הויפּטזעכלעך אַלגאָדאָן, וואו טשאַקאָ פאַרנעמט איינעם פון די וויכטיקסטע פּלעצער אין דער אַרגענטינער וואַטע־פּראָדוקציע.

עס איז געגנוג אָנצואווייזן, אַז אין טשאַקאָ ווערן יערלעך פאַרזייט מיט וואַטע כמעט 300 טויזנט העקטאַר, בשעת ווייץ און אַנדערע תבואות צוזאַמען מיט פרוכט־קולטורן פאַרנעמען אינגאַנצן 120 טויזנט העקטאַר. דער גאַנצער קולטיווירטער שטח אין טשאַקאָ פאַרנעמט לערך 420 טויזנט העקטאַר.

אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער עקאָנאָמיק פון דעם דאָזיקן לאַנד פאַרנעמט די האָלץ־אינדוסטריע. טשאַקאָ איז אַ וואַלד־רייכע מדינה און אירע וועלדער ציען זיך שוין ווייט אַוועק צו די גרעניצן פון יענעם טשאַ־

קאָ, וואָס איז נאָך איצט, טראָץ דער בלוטיקער מלחמה, געבליבן אַ ווים־טעניש און אַ געפּעדלעבער פּלאַץ פאַר מענטשלעכע ישובים.

די פּרוכטבאַרקייט פונעם באָדן האָט אויך אַנטוויקלט אַ רייכע פי־צוכט, אַ גרויסע פלייש־אינדוסטריע און בהמות־עקספּאָרט, און אין משך פון געציילטע יאָרן האָט זיך טשאַקאָ אַזוי פאַנאַנדערגעבליט און אַנט־וויקלט, אַז היינט צו טאָג האָט זי פאַרלוירן איר פריערדיקע ראָמאַנטיק. פון אַלע אַרגענטינער פּראָווינצן, פילט מען דאָ שטאַרקער ווי אומעטום דעם ביזנעס־גייסט, דעם נאָרד־אַמעריקאַנער דראַנג צו עקספּאַנסיע, צו טעכניזירונג און מאַשיניזאַציע פונעם לעבן.

די הויפּטשטאָט פון טשאַקאָ, רעסיסטענסיאַ, איז ממש אין איניקע יאָרן פון אַ קליין פּראָווינציעלן שטעטל אויסגעוואַקסן צו אַ מאָדערנער ציוויליזירטער שטאָט מיט איבער אַכציק טויזנט נפשות באַפעלקערונג, מיט אַ גרויסן, וויכטיקן פּאָרט, באַראַנקעראַס, וועלכער שפּילט גאָר אַ גרויסע ראָלע אין דעם וואַטע־עקספּאָרט, ליגנדיק זייער גינסטיק ביים טייך פּאַראַנאַ, אויף דער גרעניץ פון דער רעפּובליק פּאַראַגוואַי, דער שכנות־דיקער פּראָווינץ קאָריענטעס און דער מדינה מיסיאָנעס.

אַ רייכע נעץ פון אייזנבאַנען און אויטאָבוס־ליניעס פאַרבינדט טשאַקאָ מיט די ווייטסטע מקומות און די צענטרען פונעם גאַנצן לאַנד.

גאָלד האָט מען אין טשאַקאָ נישט געפונען, אָבער דאָס גאַנצע לאַנד איז געוואָרן אַ גאָלד־גרוב פאַר אירע פּיאָנערן. דער וואָס האָט פאַרמאָגט געדולד, עקשנות און ענערגיע, דער האָט צו טשאַקאָ גאָרנישט צוגעלייגט. טשאַקאָ איז געווען פאַר אַלעמען אַ רייכער מקום־פּרנסה און האָט נאָך גאָר אַ גרויסע עקאָנאָמישע צוקונפט. די קריזיסן זיינען אין אַרגענטינע בכלל און אין טשאַקאָ בפרט אַ פאַראיבערגייענדיקע דערשיינונג..

די יידן אין טשאַקאָ זיינען, געווי ווי אַלע פּיאָנערן, אויך געלאָפן אַהער מיטן געדאַנק נישט „להשתקה", נאָר „לגור שם", שנעל מאַכן אַמע־ריקע און אַנטלויפן. דער צוזאַמענשטעל פון די יידישע ישובים טראָגט דעריבער אַ ספּעציפישן כאַראַקטער. דער טיפּ פון „ערב רב" איז דאָ שטאַרקער פאַרטראָטן, ווי אומעטום. מען איז געקומען אַהער אַזוי צו זאָגן, „פּראָוויזאָריש" און טאַקע מיטגעבראַכט מיט זיך דעם באַגאַזש פון טראַ־דיציעס און קולטור, ווי אין אַנדערע ערטער פון אַרגענטינע, וואו מען האָט זיך באַזעצט, אָבער די טשאַקעניער יידן זיינען תמיד פּסיכאָלאָגיש „געזעסן אויף זייערע טשעמאָדאַנעס" און די ערשטע צייט ווייניק גע־טראַכט וועגן יידישע שולעס, ביבליאָטעקן, אויסבויען אינסטיטוציעס, וכדומה זאַכן, וואָס געהערן צו יעדן יידישן ישוב.

א גרויסע נעגאַטיווע ראָלע האָט אויך געשפּילט די צעוואָרפנקייט פון די ישובים, דער שוואַכער קאָנטאַקט מיט די יידישע צענטרען און מאַנגל אין אייגענע קולטורעלע כוחות. אָבער די דערשיינונגען זיינען שוין א מכת־מדינה אין אַלע פּראָווינציעלע ישובים.

איצט האָט זיך די לאַגע ראַדיקאַל געביטן. מיטן וואוקס פון טשאַקאָ איז ביסלעכווייז אויסגעוואַקסן אַן אינטענסיוו יידיש לעבן, מען טראַכט שוין נישט פון אנטלויפן, מען בויט שולעס, שילן, סאַלאָנען און מען ציט זיך אַריין אין דעם אַלגעמיינעם שטראָם פונעם אַרגענטינער יידישן לעבן...

II.

אין די גרויע פעלדער פון טשאַקאָ

מיט מאָדנע געפילן בין איך געפאָרן קיין טשאַקאָ אויף מיין טור. איך מוז אָפן צוגעבן, אַז איך בין נאָך אַ שטיקל עם־הארץ אין הלכות געאָגראַפיע. ביי מיר אין קאָפּ אַסציאירט זיך דער אַרגענטינער טשאַקאָ מיט דעם טשאַקאָ, איבער וועלכן מיט קנאַפּע יאָרן צוריק האָבן געפירט אַ בלוטיקע מלחמה באָליוויע מיט פּאַראַגוויי. איבער יענעם טשאַקאָ האָב איך זיך אָנגעלייענט נאָך אין אייראָפּע פאַרשידענע „גרויל־מעשיות”. דער קאַמף צווישןביידע אַרמייען האָט זיך אָפּגעשפּילט אין זומפּיקע דזשאָנגלען פול מיט גיפטיקע שלאַנגען און געפערלעכע מאָסקיטאָס און שטעכפליגן. עס זיינען דעמאָלט געפאַלן מער מענטשן פון געלן קדחת און אַנדערע שרעקלעכע קרענק, ווי פון קוילן, און בכלל איז יענער טשאַקאָ געשילדערט געוואָרן ווי אַן אמתער גיהנום, וואָס איז טאַקע באמת רייך מיט נאַפּט, אָבער רייך אויך מיט כל־המיני פורעניות, וואָס די טראָפּישע נאַטור קען נאָר ליפערן דעם אָרימען מענטשן.

אָט מיט די רעיונות און געפילן בין איך געפאָרן קיין טשאַקאָ. איך בין געזעסן אין צוג, וואָס האָט מיך געפירט פון בוענאָס־איירעס קיין ראָזאַריאָ און סאַנטאַ פע, געקוקט אויף די איינטאָניקע לאַנדשאַפטן, וואָס פליען פאַרביי און געטראַכט איבער מיין ציגיינער־גורל, וואָס וואַרפט מיך אַרום פון איין עק וועלט צו דעם אַנדערן. דאָס באַזוכן די דזשאָנגלען פון טשאַקאָ, יידישע קאָלאָניסטן, וואָס לעבן אַ פּרימיטיוון לעבן אין אייביקן קאַמף מיט דער נאַטור, מיט שלאַנגען, מאָסקיטאָס און פיבער, די דאָזיקע אויסזיכט האָט געשמעקט מיט אמתער ראָמאַנטיק. מיר איז פּלוצלינג מיין רייזע גע־

וואָרן זייער אינטערעסאַנט. איך בין מיר אויסגעקומען אין מיינע אויגן עפּעס ווי אַ מין מיסיאָנער, וואָס פאָרט צו די ווילדע, פּרימיטיווע מענטשן מיט דער ביבל אין דער האַנט און אַנטפּלעקט פאַר זיי אַ נייע וועלט מיט נייע אידייען און נייע חלומות. עס איז שוין פאַר מיר נישט אַזוי וויכטיק געווען דער פינאַנציעלער רעזולטאַט פון מיין נסיעה. ניין, נישט דאָס האָט מיך אָנגעהויבן צו לאָקן, נאָר דער שיינער געדאַנק, אַז אָט, איך, אַ קינד פון גרויסע שטעט, העט־העט פון „אַזש סאַמע פּאַריז" קום צו זיי, די האַלב־פאַרגעסענע יידן אין די טראָפּישע וועלדער, און ברענג זיי גרוסן פון די גרויסע ישובים, וואו עס קומען פאָר אַנדערע קאַמפּן, בלוטיקערע און שווערערע, ווי דאָ אין וואַלד מיט שלאַנגען און גיפטיקע פליגן. איך האָב זיי, די קאָלאָניסטן, געוואָלט דערציילן וועגן אונזערע היימישע שלאַנגען — היטלער, געבעלס, פּוילישע פּיפּערנאָטערס, רומענישע קדחת, ליטווישע שטעכפליגן, וועגן אונדזערע דזשאַנגלען, וואו צווייפיסיקע חיות זיינען בלוטדורשטיקער און גרויזאַמער, ווי זייער גאַנצע טראָפּישע פאַונע. מיט די דאָזיקע געדאַנקען איז פול געווען מיין קאָפּ, אַז איך האָב מיך אריינגעזעצט אין סאַנטאַ פע אין דעם צענטראַל־צפון צוג אונטערוועגס צו דעם ערשטן יידישן ט־יאַקאָ־ישוב — טשאַראַטאַ.

אַנטקעגן מיר זיצט, פאַרטיפט אין אַ ביבל, אַ קליינער, מאָגערער יידל מיט אַ וואַסקאָ־היטעלע אויף דעם קאָפּ, אין אַ בלומיקער פּיזשאַמע און ווייסע, שמוציקע הויזן. פון צייט צו צייט הויבט ער אויף דעם קאָפּ פונעם ביבל און קוקט מיך אָן עפּעס פאַרוואונדערט. עס איז דאָ מיט וואָס מיך צו באַוואונדערן. אין צוג איז אַ באמת טראָפּישע חמימה, דער קאָנ־דוקטאָר שאַצט די טעמפּעראַטור אויף לערך 42 ־ 40 גראַד אין שאָטן. איך זיץ, ווי אַ חתן, אין קראַגן, שניפּס, אַ טונקעלן, בלויען ענגלישן אַנצוג און שוויץ, ווי אין אַ טערקישער באָד. מיין שפּאָגל־נייער ווייסער, ספּעציעל פאַר טשאַקאָ געניייטער אַנצוג, איז פאַרפּאַקט אין אַ וואַליזע, וועלכע גייט מיט מיר אין „באַגאַזש" און איך קום דורך שבעה מדורי גיהנום אין מיין דיקן אַנצוג, וואָס פּאַסט מער פאַר בוענאָס־איירעס אין די ווינטער־חדשים. מיין שכן, דער יידל, האָט זיך „באַקוועם" געמאַכט — קיין קראַגן טראָגט ער נישט, זיין פּיזשאַמע איז אויפגעקנעפּלט און מען זעט אַן איינגעפאַלענע ברוסט און אַ דאַרן האַלדז. די שלייקעס אויף זיינע הויזן זיינען אויך אַראָפּגעלאָזן און הענגען איבער זיינע פּלייצעס אַראָפּ. ער פילט זיך משמעות אין וואַגאָן, ווי אין דער היים ביי זיך און מאַכט זיך גאָרנישט קיין וועזן פון די בליקן פון אַ באַלייבטער, הויכער פרוי וואָס זיצט נעבן פענצטער אַנטקעגן אונדז. זיין גאַנצע האַלטונג איז עפּעס אַזוי־

זאַרגלאָז, נאַכלעסיק, אַז מען זעט, אַז ער „פייפט" אויף דער גאַנצער וועלט און מאַכט זיך פון דער „עפנטלעכער" מיינונג ווייניק וועזן.

איך קוק אויף אים און בין אים מקנא. אים איז גוט, ווי אַ גלח. אים איז לייכט און קענטיק קיל אין זיין פּיזשאַמע אויף דעם נאַקעטן קערפּער; אויך איז ער מאָגער, ווי אַ טרוקענע פייג און שוויצט גאָרנישט. ער קוקט אויף מיר מיט אַ מאָדנעם שמייכעלע, לייגט אַוועק זיין ביכל אַזוי, אַז איך קען לעזן דאָס קעפּל און זען, אַז דאָס איז ד. פרישמאַנס אַ בוך, און פרעגט מיך וואוהין פאָר איך. ער רעדט אַ פּוילישן יידיש מיט אַ זינגענדיקן טאָן. איך ענטפער אים, אַז איך פאָר קיין טשאַקאָ און פרעג אים, ווי קומט ער אויסגערעכנט צו דוד פרישמאַנס ווערק? איצט דערוויס איך מיך, אַז במעט גאַנץ טשאַקאָ איז באַגליקט מיט פרישמאַנס ביכער דורך זיין אלמנה, וואָס האָט געמאַכט אַ טור איבער אַלע ישובים און האָט אַלעמען פאַרקויפט איר מאַנס ווערק. און ער הויבט מיר אָן צו דערציילן פון דעם לעבן דאָ, אין דער ווייטער פּראָווינץ, אין די קליינע און גרעסערע יידישע ישובים און אַנטפּלעקט פאַר מיר גאָר אַ נייע וועלט אַזוי נישט ענלעך צו מיינע פאַנטאַסטישע פאָרשטעלונגען איבער אַרגענטינער טשאַקאָ. עס איז באַלד פאַרשוואונדן די ראָמאַנטיק און איך זע פאַר מיר אַ קליינע קאָפּיע אין מיניאַטור־פאָרם פון די גרויסע אַרגענטינער ישובים מיט זייערע פּאַרטייען, חילוקי־דעות, רייסערייען, אינטריגעס און בלבולים...

מיר איז עפּעס אומעטיק געוואָרן אויף דעם האַרצן. איך האָב ווייניק געבענקט נאָך אַ טראָפּישן דזשאַנגל־לעבן, כאָטש אין אים שטעקט אַ גרויסע פּאָרציע ראָמאַנטיק פאַר אַ רייזנדן זשורנאַליסט. איך האָב געזען מיין טשאַקאָ־יידל אין זיין מאָדערנער פּיזשאַמע און האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז מיינע פאָרשטעלונגען איבער דעם לעבן פון די יידישע קאָלאָניסטן „אין פּרימיטיוון וואַלד" זיינען פאַלשע. מיר האָט זיך אָבער געוואָלט גלויבן, אַז אפשר דאָ, אין די ווייטע סובטראָפּישע קליינע ישובים, פליסט נאָך אַ רואיק־יידישלעך לעבן, נאָענט צו דער נאַטור און ווייט פון אונדזערע קליינלעכע שטעטלדיקע ענינים און מחלוקות. עפּעס האָט זיך מיר געבענקט נאָך הירשביינס „גרינע פעלדער"; מיר האָט זיך געוואָלט טרעפן די נאַיווע צינע מיט איר אויפריכטיקער ליבע, דעם גוטן אומבאַקאַנטן לוי־יצחק מיט דעם טיפן, פּרימיטיוון גלויבן און פאַרחלומטע אויגן. איך האָב געפילט אַ מאָדנע בענקעניש נאָך דער שוין לאַנג פאַרזונקענער און פאַרשוואונדענער וועלט פון יענע, אַנדערע, גוטע, אומבאַרירטע, מיט ריינע נשמות לעבנדע יידן פון די קליינע איינזאַמע ישובים. נישטאָ מער די

„גרינע פעלדער" און זייערע איינוואוינער. אין טשאקאָ זיינען זיי אפשר קיינמאָל נישט געוועזן...

זיי זיינען גאָרנישט גרין די טשאַקאָר פעלדער. גרוי פון טיפע שיכטן שטויב, אויסגעטרוקנט ווי א גרוגרת דר' צדוק; כמעט אויפגעפלאַצטע פון שרעקלעכער היץ און טרוקעניש ליגן פאר מיר די לאַנקעס און פעלדער פון טשאַקאָ. שוין א סך חדשים האָט דאָס יאָר דאָ נישט גערעגנט און די אכזריותדיקע טראָפּישע זון האָט פארברענט יעדער גרעזעלע, פארדעקט מיט שווערער, גרויער שטויב יעדן ביימעלע און ווי דער מדבר סאַכאַראַ ליגט די ערד היים, טרוקן און שטיפמוטעריש פאר די אויגן. די ברונעמס זיינען אויסגעטרוקנט, עס פעלט אוים וואסער, ווייל דאָ טרינקט דער עולם נאָר רעגן־וואסער, וואָס מען זאמלט אָן אין די רעגן־צייטן אין באַזונדערע באהעלטערס, וואָס מען רופן עס דאָ „אלכיבעס". נאָר ביסלעכווייז ענדיקן זיך דאָ די וואסער־רעזערוון, די ארכיוון זיינען שוין כמעט ליידיק, מען לויפט שוין באָרגן וואסער איינער צום אנדערן, און עס שטייט אויף א נייע פּראָבלעם, חוץ אלע אנדערע וויכטיקע פראגן, וואו נעמט מען וואסער נישט נאָר צום וואשן, נאָר אויך צום טרינקען.

נאָר אויך דאָ, אין וויטן טשאַקאָ, צעזייט און צעשפּרייט צווישן גרע־סערע און קלענערע גויאישע דערפער און שטעטלעך, שלאָגט דער פּולס פון א יידישן לעבן. די היגע לוי־יצחקס טראָגן שוין נישט קיין תפילין אין זייערע טאָרבעס; אויך ארבע־כנפות איז דאָ נישט אָנצוטרעפן. די צינעס זיינען שוין נישט די צנועהדיקע מיידלעך פון דעם אידילישן הירשביין־ישוב, די פארשעמטע, נאאיווע קינדער פון א פארשוואונדענער תקופה. אָנשטאָט טלית און תפילין — א ביכל איבער ביראָ־בידזשאַן אָדער א ציונ־יסטישע בראָשור אין רייזע־טעשל; אָנשטאָט א מחזור אָדער א שמר־דאָ־מאַן פון די אלטע צייטן — א שמינק־קעסטעלע, א פּודערניצע און א פּי־טיגרילי־ראָמאַן. נאָר פאָרט פילט מען דאָ דעם דופק פון א יידישן לעבן, די דיסקוסיעס, די קריגערייען צווישן די „פארטייען", וואָס יעדע האָט קוים א מנין, דער קאמף פאר א רעליגיעזער אָדער וועלטלעכער יידישער שול, — דאָס אלץ אין מיניאַטור. אָבער עס פּולסירט אויך דאָ דאָס יידישע בלוט, קלאַפּט א יידיש הארץ און ס'גלאַנצן אונדזערע טונקעלע יידישע אויגן. מען געפינט דאָ, אין די פארוואָרפענע ווינקעלעך, אינטערעסאַנטע, אינטעליגענטע טיפּן, וואָס אפילו דער גרויער אלטאָג מיט זיינע זאָרגן (און זאָרגן האָבן זיי דאָ גענוג, אונזערע יידן), האָבן נישט אויסגעלאָשן דעם ניצוץ, דעם הייליקן פונק פון בענקעניש נאָך א בעסערן, פרייערן לעבן;

נישט פאַרניכטעט דאָס געפיל, וואָס פאַרבינדט יעדן פון אונדז מיט דעם פאָלק, דעם יחיד מיט דעם קאָלעקטיוו...

שווער און גרוי ליגט דער הײמער הימל איבער די ברייטע פעלדער באַדעקט מיט טיפן שטויב. עס ברענט די זון און טריקנט אויס דעם מוח און דאָס האַרץ. עס איז טרוקן אין האַלדז און מען בענקט נאָך אַ פרישן ווינטל און אַ קאַלטער באַד. שווער איז דאָ דאָס לעבן און דער קאַמף מיט דער נאַטור. הײנט טרוקעניש, מאָרגן הײשעריקן, איבערמאָרגן גאָר אַ מבול. מען שטײט און מען קוקט אויף דעם הימל און מען פרעגט זיך, וואָס נאָך פאַר אַ אָנשיקעניש פון זײַן ליבן נאָמען וועט מאָרגן קומען. עס קוקט דער פויער, דער גויאישער קאָלאָניסט פאַריסן דעם קאָפּ אויף אויבן, ער קוקט, דער ייִדישער טשאַקאַר קרעמער אויף דעם הימל און וואַרט אויף ישועות, ווײַל אויב עס איז בײַטער דעם פויער, איז שלעכט דעם קרעמער. מען קוקט אויף אויבן. אויך איך קוק נאָך אויבן בײַנאַכט, אַז די לבנה גײט אַרויס אין באַגלײטונג פון אירע מיליאָנען חברים, די שטערנדלעך, און אַ קלײנער, פרישער ווינטל בלאָזט פון ערגעץ און איז מחיה נפשות נאָך דער שרעקלעכער היץ פון דעם טאָג. ערגעץ־וואו, בײַ אַ רוסישן קאָלאָניסט, שפּילט אַ האַרמאָשקע און די טענער מישן זיך מיט דער אומעטיקער טאַנגאָ־מוזיק פון די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן. איך זיץ פאַר מײַן האָטעל אויף דער טעראַסע און פיל מיך גאָרנישט אײנזאַם, דאָ אין ווײַטן טשאַקאָ. דאָס קלײנע הײפעלע ייִדן, וואָס בילדן דעם קלײנעם ישוב, איז מיר אַזוי נאָענט און באַקט זיך מיר אײַן אין האַרצן. מאָרגן פאָר איך ווײַטער. דאָס לעבן מיט זײַנע פליכטן רופט מיך ווײַטער, נאָר איך ווײס, און איך בין שטאָלץ און צופרידן, אַז אויך דאָ לעבן פײַנע, אינטערעסאַנטע מענטשן. אומעטום שלאָגן ייִדישע הערצער אין ליבשאַפט און בענקעניש נאָך אַ בעסערן לעבן. און מײַן אומעט גײט אַוועק און עס ווערט אַזוי לײַכט אויף דעם האַרצן...

אין אן ארגענטינער יידישן קוראַרט

נענוי אין מיטן וועג צווישן סאַנטיאַגאָ דעל עסטעראָ און טוקומאַן, ליגן די אין יידישע קרייזן זייער פּאָפּולערע הייל־בעדער „טערמאַס דע ריאָ האָנדאָ". פון סאַנטיאַגאָ פירט אַהין אַן אויסגעצייכנטער וועג — אַ זעלטנהייט אין די דאָזיקע מקומות, — פינף און זעכציק קילאָמעטער ציט זיך אַ גלאַטער שאָסיי, באַזעצט פון ביידע זייטן מיט נידעריקע בלימלעך, ביז צום סאַמע ברעג פונעם טייכל „האָנדאָ".

דער „ריאָ האָנדאָ" איז היפּשלעך פאַרנאַכלעסיקט. אין מיטן איז ער טיילווייז אויסגעטריקנט און בילדעט אַ ריי קליינע יבשה־אינדזלען — שוואַרצע און ברוינע פלעקן אויף דער גרינער פלאַך פון דעם וואַסער. דאָס טייכל איז שמאָל און טיילווייז אַזוי פלאַך, אַז מען קאָן קוים פאַרנעצן די שיך, טיילווייז טיפער אַזוי, אַז מען מוז מיטן אויטאָמאָביל אַרויפפאָרן אויף אַ פּרימיטיוון „פּעריבאָט", אַן איינפאַכע ברעט, אויף וועלכער עס איז פאַראַן פּלאַץ פאַר איין אויטאָ און פיר־פינף שקצים־דודערער, וועלכע מאַכן ביים אַריבערפאָרן דאָס טייכל אַזאַ געפּילדער, אַז מען קאָן מיינען, אַז דאָס גייען די יידן אַריבער דעם ים־סוף...

די נסיעה פון איין ברעג צום צווייטן דויערט אַ זיבן־אַכט מינוט, ווייל די פּרימיטיווע איבערפיר־לאָדקע שלעפּט זיך אַזוי לאַנגזאַם, אַז אַ הונט, אַ גרויסער ליבהאָבער פון ספּאָרט, האָט זיך גלייך מיט אונדז אַ לאָז געטון שווימען דורכן טייכל און איז „געקומען צום ציל" אויף דער אַנ־דערער זייט, איידער מיר האָבן דערגרייכט די העלפט וועג...

פאָרט מען מיט מזל אַריבער דעם טייך, געפינט מען זיך שוין אין מיטן פונעם באַרימטן „קוראָרט", אויב מען קאָן געבן אַזאַ הויכן נאָמען די עטלעכע צענדליק איינשטאָקיקע שטיינערנע הייזער, צווישן אַ גאַנצע ריי פּרימיטיוויסטע אָרימע „ראַנטשעס", אַרום וועלכע עס שפּרינגען אַרום גאַנצע מחנות קליינע צינעלעך — דאָס רייכטום פון די דאָרטיקע תושבים.

דאָס זיינען נישט די סאָלידע, גרויסע, בערדיקע ציגן פון אונדזערע אַלטע היימען, די באַרימטע ציגן פון דעם טיפּ, וועלכן שלום־עליכם האָט

באשריבן און וואס האט שיעור נישט משוגע מאכט דעם „פארכישופטן שניידערל״. דא, אין די טערמאס פון ריא האנדא, זעט מען אנדערע ציגן. די היגע דערמאנען מיר דאס קלאסישע ציגעלע פון דער הגדה: זיי זיינען ווי פון חד־גדיא, קליינע, צארטע באשעפענישן, וואס א ליאדע קאץ קאן זיי פארצוקן, פונקט ווי אין דער הגדה, און וועלכע קאסטן טאקע בפועל ממש „תרי זוזים״ — צוויי גאנצע פעזעס דאס שטיק.

דאס מעקען פון די „קאבריטאס״ קלינגט אין דער קאלטער לופט פון דעם קוראָרט און מישט זיך צוזאמען מיטן הירזשען פון די פערד און אייזלען, וועלכע שטייען גערולדיק אויף דעם הויפט־פלאץ און ווארטן אויף זייערע באלעבאטעס, פויערטעס פון די ארומיקע דערפער, וואס קומען צו די „טערמאס״ פארקויפן אייער, הינער, גרינס, וכדומה דארף־פראדוקטן און גלייכצייטיק איינהאנדלען מציאות אין די טערקישע קראמען פונעם שטעטל...

ווייל מען גלויבן די האטעל־פראספעקטן פון ריא האנדא, זיינען די בעדער שוין באקאנט געווען מיט טויזנטער יארן צוריק, נאך פאר קאלומבוסן: די אלטע אינדיאנער האבן די קוואלן אנגערופן „וואסער פון געזונט און זון״ און האבן זיך געקוויקט באדנדיק זיך אין די קאכעדיק־הייסע וואסערן, וועלכע פליסן ארויס פון אונטער דער ערד. עס קאן זיין, אז די לעגענדע מכוח די אינדיאנער איז טאקע אמת, ווייל דאס זעט מען מיט די אויגן און מען פילט דאס אין די פינגער, ווען מען כאפט א בליק אויף די שפרודלדיקע, הייסע קוואלן, וועלכע שפריצן ארויס אין אלע עקן פון דער געגנט.

דאס קאלטע וואסער, וועלכע מען קריגט צום וואשן אדער צום טרינקען אין ריא האנדא, מוז מען אפקילן פריער, ווייל דער טייך גיט ארויס פון אונטער דער ערד נאר הייסע וואסער פון 35 ביז 50 גראד ווארעמקייט. לויט די פראספעקטן זיינען די בעדער פון ריא האנדא א רפואה שלימה פאר רעוומאטישע ווייטיקן, פאדאגרע, הויט־קראנקהייט, לעבער־חולאתן און א גאנצע רייע שלאפקייטן, ווייבערישע און מענערישע, וועלכע זיינען אויסגערעכנט אין א לאנגער רשימה מיט לאטיינישע נעמען, וואס זיינען א פראפעסיאנעלער סוד פון די דאקטוירים.

רעדט איר אבער מכוח די מעלות פון די בעדער מיט די יידישע חולאים, געפינט איר אפילו אין ריא האנדא, ווי אומעטום ביי יידן, פארשידענע פארטייען. עס זיינען פאראן פארברענטע חסידים פון די „טערמאס״, אזעלכע, וועלכע קאנען, ווי רבי אליעזר מיט זיינע תלמידים אין דער הגדה, זיצן גאנצע נעכט און דערציילן פון די נסים ונפלאות פון דער

ווירקונג פון די ריאָ האַנדאָר בעדער. די דאָזיקע פּאַטריאָטן פון די טער־מאַס ברענגען צענדליקער פאַקטן פון פּאַראַליזירטע מענטשן, האַלב־טויטע חולאים, וועלכע זענען געזונט געוואָרן דורך די הייסע בעדער. זייערע דערציילונגען דערמאָנען מיר די שיינע מעשיות פון דער ווירקונג פון די באַרימטע וואַסערן פון „לורד", אין פראַנקרייך, וואו די „הייליקע מאַמע" באַווייזט מופתים און איז מחיה מתים...

די צווייטע פּאַרטיי, וועלכע קומט אויך יערלעך קיין ריאָ האַנדאָ און נעמט אויך דאָ בעדער, איז דער עקסטרעמער היפּוך פון די אויבנדערמאָנטע חסידים. די דאָזיקע „מתנגדים" פון די טערמאַס קומען אהער גאָר צוליב אַנדערע מאָטיוון: זיי מיינען גאַרנישט די הייסע בעדער, נאָר די רולעטע פון דעם דאָרטיקן קאַזינאָ, פון וועלכער זיי איז אָפּט הייסער, ווי פון דער גרעסטער שוויץ־באָד...

די סקעפּטיקער האַלטן גאָר ווייניק פון דער מעדיצינישער ווירקונג פון די „טערמאַס", זיי לייקענען אָפּ אַלע אייגנשאַפטן און מעלות פון דעם וואַסער און האַלטן די מעשיות וועגן די געהיילטע פּאַראַליטיקער וכדומה וואונדער־פאַלן פאַר אויסגעטראַכטע רעקלאַמע־געשיכטעס פון די האָטעל־אייגנטימער און די פאַראינטערעסירטע דאָקטוירים.

די „פאַקטן", וועגן וועלכע די „חסידים" דערציילן מיט אמתער חסי־דישער התלהבות, זיינען פאַר די מתנגדים נאָר לעגענדעס און פאַנטאַזיע־פּראָדוקטן פון באַצאָלטע פּראָפּאַגאַנדע־אַגענטן. די כלומרשטע פּאַראַלי־טיקער זיינען איינפאַכע געזונטע גויים, וועלכע שפּילן פאַר גוט געלט זייער ראָל אַ פּאָר וואָכן. מיט איין וואָרט, דערקלערן די סקעפּטיקער, די בעדער פון ריאָ האָנדאָ העלפן די חולאים, ווי אַ טויטן באַנקעס...

אַ דריטע פּאַרטיי, צו וועלכער עס געהערן אויך די איינצלנע גויאישע געסט פון ריאָ האָנדאָ, וואַרפט־אָפּ די גוזמאדיקע מיינונגען פון ביידע „עקסטרעמיסטן" און האַלט זיך ביי דער גאָלדענער מיט בנוגע דער הייל־ווירקונג פון די „טערמאַס". זיי האַלטן אויפן גרונט פון אייגענע דערפאַ־רונגען, אַז אַ געוויסע דערלייכטערונג ביי שאַרפן פאַלן פון רעוומאַטיזם און לעבער־קראַנקהייטן האָבן די בעדער יאָ געבראַכט און אַז מסתמא העלפן די וואַסערן פון ריאָ האָנדאָ, ווייל דיזעלבע חולאים קומען אהער אַלע יאָר.

ווער עס איז גערעכט אין דעם דיספּוט, איז שווער צו זאָגן. מעדיצין איז ענג־פאַרבונדן מיט זעלבסט־סוגעסטיע און אמונה שפּילט ביי קראַנק־הייט נאָר אַ גרויסע ראָלע. גלויבט מען אין אַ דאָקטער אָדער אַ באַשטימ־טער רפואה, איז מען שוין כמעט האַלב געהיילט. דאָס זעלבע איז מיט

מעדיצינישע בעדער, מינעראל־וואסערן וכדומה הייל־מיטלען, וואו „איינ־רעדעניש" ווירקט אפט מער, ווי אן אמתער רפואה־מיטל. זאלן די חסידים פון ריא האנדא וויטער „גלויבן" אין דער ווירקונג פון דעם וואסער און זאל זיי וואויל באקומען...

נאר איינס איז קלאר אין ריא האנדא. וואלט דער קוראָרט נישט פארמאגט קיין שפיל־קאזינא, מיט א רולעטע, וואלטן די טערמאס דארט נישט געהאט די צוציאונגס־קראפט, וואס זיי האבן ביז איצט געהאט.

גאר א גרויסער טייל פון די יידישע „חולאים" מיינט נישט די בעדער, נאר די רולעטע, וועלכע איז אין ווינטער פאר די שפילער אן „ערזאץ" פאר דעם קאזינא פון מאר דעל פלאטא אין זומער...

אויך קיין מאר דעל פלאטא, פיריאפאלים און אנדערע בארימטע שפיל־קוראָרטן, פארן פיל יידן נישט צו נעמען ים־בעדער, נאר צו כאפן א קערטל אדער א שפיל־טון אין רולעטע. די בעדער זיינען נאר אן אויס־רייד פאר די פרויען זייערע און טאקע די שפילער זיינען די גרעסטע בעלי־גוזמאות און פייערדיקסטע חסידים פון די בעדער. ווייל מען מוז שוין זיין באמת גאנץ פארבלענדט זיך צו רייסן פארן צו די „טערמאס" פון ריא האנדא, ווען נישט די רולעטע מיט איר מאגנעטישער קראפט.

דער „קוראָרט" פארמאגט נישט קיין איין איינציקן פארוויילונגס־ארט. חוץ די פאר האטעלן, געבויט אין קאלאניאלן סטיל, מיט גאנץ פרי־מיטיווע באקוועמלעכקייטן, קליינע צימערלעך, ווי קלעטקעס, מיט ארימע, פשוטע מעבל, באשטייט דאס שטעטל פון שמוציקע, האלב־חרובע הייז־קעס, ציגן, נישט־ברוקירטע געסלעך און א טרויעריקער, שמאלער, האלב־אויסגעטריקנטער טייכל. פון קינאס, מוזיק, קאפעס וכדומה, איז נישטא קיין זכר.

אין דעם „הויך־סעזאן", ד. ה. אין די צוויי ווינטער־חדשים יוני־יולי שפילן א פאר אויסגעהונגערטע כלי־זמרים — א קאפעליע פון פיר מו־זיקאנטן — אינעם קאזינא־באר.

די ציימונגען קומען פון בוענאס איירעס אויפן דריטן טאג. מיט איין ווארט, מען מוז האבן א געוואלטיקן געדולד אויסצוהאלטן דארט א לענגערע צייט, ווען נישט... ווען נישט דער קאזינא מיט זיין רולעטע.

וואלטן די דאזיקע בעדער געווען אין אנדערע הענט, נישט אונטער דער השגחה פון די סאנטיאגער לא־יצלחדיקע רעגירונגען, וואלט ריא האנדא באמת געווארן א וועלט־באד און א קוראָרט פאר טויזנטער טו־ריסטן. די בעדער, צי זיי האבן די גרויסע מעלות פון „מחיה מתים" צי נישט, זיינען געוויס זייער ווירקזאם קעגן פארשידענע קרענק. די וואסערן

זיינען אין הויכער מאָס ראַדיאַאַקטיוו. די לופט אין דער געגנט אין טרוקן און געזונט, ווייל ריאָ האָנדאָ ליגט רעלאַטיוו גאַנץ הויך אין די בערג, אַרום 300 מעטער איבערן ים־שפיגל. נאָר אין די הענט פון די פּוילע, פּאַסיווע אַדמיניסטראַטאָרען זיינען די טערמאַס אַ פּרימיטיוו דערפל, וואו נאָר אין סעזאָן קומט אַהין אַ רופא פון סאַנטיאַגאָ. מען נעמט דאָרט די בעדער אויף גאַטס באַראַט און מען קאָמבינירט אַליין די טעמפּעראַטור פון דעם וואַסער. אַרגענטינער פּראָווינציעלע ווירטשאַפט!

איך בין אַרומגעקראָכן איבער די שמוציקע בלאָטעס פון די גאַסן (אַ טאָג פריער איז אויסגעפאַלן אַ רעגן און האָט כמעט אָפּגעשניטן די וועגן קיין טוקומאַן און סאַנטיאַגאָ) און האָב זיך צוגעקוקט צו דעם לעבן אין די צעבראָכענע „ראַנטשעס”, וואו עס וואוינען די אָרימע תושבים פון דער געגנט. חוץ די פּאָר קליינע ציגעלעך, וואָס זיי פאַרקויפן אין די האָטעלן און איינצלנע טוריסטן־באַלעבאָסטעס בחצי חנם, געניסן די דאָזיקע קלאַסישע אביונים גאָרנישט פון דעם סעזאָן.

די טוריסטן ברענגען נישט אַריין קיין שום פאַרדינסטן פאַר די היימישע איינוואוינער, וועמענס לעבנס־סטאַנדאַרט איז געבליבן אויף דעם זעלבן ניווא, ווי מיט הונדערטער יאָרן צוריק. נאָר די האָטעלן און דער קאַזינאָ געניסן פון דעם טוריזם.

איך האָב זיך צוגעקוקט צום לעבן אין דעם דאָזיקן שוין פּאָפּולערן קוראָרט און געמאַכט פאַרגלייכן מיט די קוראָרטן און היילבעדער פון אייראָפּע. „ריאָ האָנדאָ — האָט מיר געזאָגט אַ בוענאָס איירעסער אַלריטניק, וועלכער האָט שוין געמאַכט אַ פּאָר לוסט־רייזעס קיין אייראָפּע — און זיינע טערמאַס, איז אַ צווייטער קאַרלסבאַד!”

איך האָב זיך קוים דערוואָרט, ביז דער צוג האָט מיך פון דעם אַרגענטינער „קאַרלסבאַד” אַוועקגעפירט קיין טוקומאַן, צום דעם „גאָרטן פון דער רעפּובליק”. די גרינע פעלדער מיט די הויכע שטעקנס פון די צוקער־פּלאַנטאַציעס, די ווייטע, געפּלדיקע בערג און די רחבות פון דער אַרגענטינער נאַטור, האָט מיך באַלד געלאָזט פאַרגעסן דעם אומעט און די לאַנגווייליקייט פון די ריאָ האָנדער בעדער.

עס איז שוין געווען פינצטער, ווען מיין צוג איז געפלויגן פון דער מדבר פון סאַנטיאַגער פּראָווינץ אין די פּריילעכע גערטנער פון טוקומאַן.

די הייסע בעדער פון די טערמאַס, די האָטעלן, די אָרימע הייזקעס, די מאָגערע ציגעלעך, די אויסגעדאַרטע קינדער און די האַלב־הונגעריקע איינוואוינער פון ריאָ האָנדאָ, זיינען פאַרשוואונדען אינעם נעפּל פון נייע איינדרוקן. — אַדיאָס, ריאָ האָנדאָ!

יידן ארום דעם גרינעם רולעטע טיש

— 1 —

דער כוח פון דעם שפיל־מיוול

עס זיינען פאראן פייגעלעך, וועלכע לעבן נאר איין זומער, עס פליען ארום אין דער לופט אזעלכע שמעטערלינגען, וואס לעבן נאר איין טאג. אט־די נאטס באשעפענישן פילן־אוים אין משך פון זייער קורצן לעבן זייער נאטור־שליחות און פארשווינדן, ווייל סוף כל סוף איז דאך דער באגריף „קורץ און לאנג” א רעלאטיווער ענין. זיינען זיבעציק יאר פונעם מענטשלעכן לעבן א „לאנגע” צייט, אדער נישט? וואס זיינען אונדזערע יארן בכלל אין פארגלייך מיט דער אייביקייט?

אט אזעלכע געדאנקען קומען אייך אין קאפ, ווען איר באזוכט א קורארט, ווי למשל, ראזאריא דע לא פראנטערא, אדער די בעדער פון ריא האנדא. איר זעט פאר זיך באשיינפערלעך א קורצלעבנדיקן ווערק פונעם מענטשלעכן שאפן. אט־די סטאנציעס אויף דער באן־ליניע, די פונקטן אויף דער ארגענטינער געאגראפישער מאפע, לעבן, ווי די זומער־פייגעלעך, נאר געציילטע צוויי־דריי חדשים און שטארבן בוכשטעבלעך אפ ביז צום קומענדיקן יאר, ווען אין די „עצמות היבשות” פון די ערטער ווערט איינגעשפריצט א לעבעדיקער „גייסט”, און די גאסן, די הייזער און די האטעלן ווערן ווידער באפעלקערט, באלעבט אויף א קורצער צייט.

און אזוי חזרט זיך עס איבער, יאר־איין, יאר־אויס, כמעט מיט א מאטעמאטישער פונקטלעכקייט דאס בילד. דער גייסט, וועלכער באלעבט די טויטע גאסן און הייזער, הייסט רולעטע און קארטן און האט גאר ווייניק שייכות מיט די בעדער גופא. דאס הייסע וואסער אין די „טערמאס” גייט א קיילעכדיק יאר און די בעדער קאן מען נעמען, אויב מען וויל, גאנצע צוועלף חדשים יערלעך, ווייל די נאטור, וועלכע ליפערט פון אונטער דער ערד וואסער, קוקט נישט אויפן לוח און רעכנט זיך נישט

מיט דעם סעזאָן אינעם שפּיל־קאַזינאָ. נאָר די מענטשן, וועלכע פאָרן בלומרשט „נעמען בעדער״, זיי רעכענען זיך דווקא מיט דער צייט, ווען דער קאַסינאָ עפנט זיינע טירן פאַר די שפּילער.

דעמאָלט הויבט זיך ערשט אָן דער אמתער „סעזאָן״, דעמאָלט הויבן אָן די געפלאָגטע מענער אין זייערע היימען צו שפּירן רעוומאַטיזם, פּאָדאַגרע, אורעמיע און אַנדערע „געפערלעכע״ קרענק. קעגן וועלכע עס איז דאָ נאָר איין רפואה — די הייל־בעדער פון ריאָ האָנדאָ. מען פאַרגעסט אויף אַ צייט אַלע געשעפטן און מען לאָזט זיך אין וועג אריין צו די „טערמאַס״, וואו חוץ בעדער קאָן מען זיך „אויסלעבן״ אַביסל ביי דער רולעטע אָדער „באַקאַראַ״, אין דעם זאַל פון קאַזינאָ...

— 2 —

אינעם שפּיל־סאַלאָן פון ריאָ האָנדער קאַזינאָ

איר האָט מסתמא געלייענט באַשרייבונגען פון די פּראַכטפולע פּאַלאַצן פונעם וועלט־באַרימטן שפּיל־קאַזינאָ אין דרום־פראַנקרייך, מאָנטעקאַרלאָ. דאָרט באַוועגט מען זיך אין גרויסע זאַלן, וואו די ווענט זיינען באַדעקט מיט די שענסטע און טייערסטע „גאָבעלינען״ און בילדער פון די גרעסטע מאָלער פון דער וועלט. ארום די ווענט שטייען פּליושענע דיוואַנען, טיפע, באַקוועמע זעסלען באַדעקט מיט גאָלדענע פאַרצירונגען. די פענצטער, וועלכע קוקן ארויס צום בלויען ים און וואונדער־שיינעם פּאַרק, לאָזן אריין אין די זאַלן מחיהדיקע, פרישע לופט, וועלכע איז אָנגעזאַפּט מיט די ריחות פון די בלומען, וואָס וואַקסן אינעם פּאַרק.

און אין אָט דער ראָמאַנטישער, אַביסל עקזאָטישער און ראַפינירטער סביבה, באַוועגן זיך הונדערטער עלעגאַנטע מענער, שיינע, קאָקעטע פרויען און, צוזאַמען מיטן שפּיל אין קאַזינאָ, קומט פאַר דער אייביקער שפּיל צווישן מאַן און פרוי, דער אייביקער געשלעכטס־קאַמף, דער אומאויפהערלעכער פילם פון ראָמאַנטיק און ליבע.

אויב איר ווילט אינעם קאַזינאָ פון ריאָ האָנדאָ זוכן און געפינען כאָטש אַ שפּור פון דער דאָזיקער ראָמאַנטיק, איז גאָר אומזיסט אייער מי. עס איז אמת, אז מען שפּילט אין דעם קאַזינאָ געגוי נאָכן נוסח און די רעגלען פון דער תורה פון מאָנטעקאַרלאָ, אָבער דאָ אין אַרגענטינער צפון, האָט מען זיך אַבסאָלוט נישט באַמיט צו שאַפן קיין באַקוועמלעכקייטן פאַרן שפּילנדיקן עולם, שוין נישט רײדנדיק פון ראָמאַנטיק, וכדומה שיינע אַטריבוטן פונעם לעגענדאַרן אייראָפּעאישן שפּיל־קאַזינאָ.

דא, אין ריא דע זשאנעירא, רעכנט מען זיך מיט דער פרימיטיווער פסיכא־לאגיע פונעם שפילער, וועלכער ווערט בשעת דעם שפיל פארוואנדלט אין א מין חיה, וואס דארף נישט און נויטיקט זיך נישט אין וועלכע עס איז אפילו עלעמענטארע באקוועמלעכקייטן. אין א גרויסן זאל, וואו עס איז פאראן פלאץ העכסטנס פאר הונדערט פערזאן, קוועטשט מען צוזאמען אפטמאל פינף הונדערט און מער מענטשן, ווי הערינג אין א פאס, און אלע שטייען שעהנווייז און נעמען אקטיוו אדער פאסיוו אנטייל אינעם שפיל.

מענטשן, וועלכע פארטראגן נישט אין זייער פריוואטן לעבן קיין שלעכטע לופט, וועלכע ליידן אויף אסטמא, שווערן אטעם, שוואכע לונגען, שטייען אין דעם אנגערויכערטן זאל, מיט מענטשלעכן שוויים און אטע־מען פארשטיקטע לופט, צוזאמענגעפרעסט, שטויסנדיק איינער דעם אנ־דערן און קוויקן זיך מיט דעם בילד פונעם דריידל אויף דער רולעטע־מאשין און די כסדרדיקע אויסרופן פון די „קרופיעס", וועלכע זאגן אן בקול רם דעם אויסגאנג פון יעדן שפיל.

אין דער „באר" ביים קאזינא, זיצן הונדערטער מענטשן צונויפגע־קוועטשט ביי קליינע טישלעך און טרינקען זייער קאווע אדער שנאפס־קאקטעלס. און אין מיטן פון דעם ליארם און אין דער שרעקלעכער־שענק-אט־מאספער שפילט א נעבעכדיקער ארקעסטער פון עטלעכע כלי־זמרים טאנץ־מוזיק, און אכט־צען פארלעך דרייען זיך אויף א שטח פון דריי קוואדראט־מעטער, צווישן די טישלעך, שטופן זיך און שטויסן די זיצנדיקע געסט און זיינען זיך ממש מחיה.

דער טאנץ אין דעם קאזינא־באר דערמאנט אזוי די בילדער אין קינא, וואו די בארימטע האליוואודער שיינקייטן מארקירן פאר דעם נארישן עולם די „גרויסע וועלט" פון לוקסוס, פארגעניגן, פארפירערישע פרויען און שאמפאניער ווייך. מען מוז אבער האבן באמת גאר א רייכע פאנ־טאזיע, אז דער פארויכערטער זאל מיט דער שטינקנדיקער לופט, די פאר פון טוקומאן און סאנטיאגא אנגעלאפענע שטארקע־געשמינקטע מיידלעך פונעם באשטימטן סארט, די קבצנישע „קאפעליע", די ביליקע גראשן־מעבל און די צוועלף־פופצן שטולן אינעם קאזינא, זאלן טאקע דערמאנען די גרויסע, שיינע וועלט פון לוקסוס און רייכטום.

עס איז גיכער א טאווערנע פאר מענטשן, וואס ווילן נאר שפילן און עס ארט זיי נישט וואו און אין וועלכע באדינגונגען: עס מעג זיין א שטאל, אבי עס דרייט זיך די ראד און קייקלט זיך דאס דריידל ביי דער רולעטע. זיי זיינען בלינד און טויב אין מינוטן פון שפיל, זיי זיינען נישט קיין

מענטשן, זיי זיינען האלב־לעבעדיקע אויטאָמאַטן, מיט איין־איינציקן אינ־טערעס — געווינען אינעם שפּיל...

— 3 —

אָפּטימיסטן ביי דער רולעטע

מען דאַרף נישט זיין קיין גרויסער בעל־חשבון, כדי אויסצורעכענען, אַז אינעם קאַמף פונעם שפּילער קעגן דער רולעטע־מאַשין, מוז דער מענטש די שפּיל פאַרלירן. די מאַשין האָט אַזעלכע מעלות, וואָס דער שפּילער קאָן זיי בשום אופן אויף דער דויער נישט באַזיצן.

די רולעטע האָט געדולד און קיין נערוון, די ראָד און דאָס דריידל האָבן קודם־כל שטענדיק צייט און דעם גרויסן פשוטן מאַטעמאַטישן שאַנס — די 35 קעגן איינס.

מען קאָן דורך צופאַל געווינען אַזוי ווי מען קאָן אין דער לאָטעריע מאַכן דורך מזל די „גראַנדע". וואויל איז דעם שפּילער, וואָס האָט כוח נאָך דעם געווינען אָפּשטעלן דאָס שפּיל און בלייבן ביים ריינעם ריווח. אַזעלכע מענטשן זיינען אָבער נישט קיין שפּילער, דאָס זיינען דילעטאַנטן און נישט אויף אַזעלכע עלעמענטן באַזירט זיך די קאַלקולאַציע פון די קאַזינאָ־באַזיצער.

דער אמתער, אַזוי צו זאָגן, פון גאָט־געבענטשטער אָדער, בעסער געזאָגט, פאַרשאָלטענער שפּילער, אַנטלויפט נישט מיטן געווינס, דעזער־מירט נישט פונעם פראָנט. ניין, ער שפּילט ווייטער, ווייל ער איז אַ טיפער מאמין, אַן אומפאַרבעסערלעכער אָפּטימיסט און גלויבט באמונה שלימה, אַז ער, מיט זיין גבורה, אויסדויער, נערוון און מזל, וועט באַזיגן די אומ־געלומפּערטע, בלינדע און נאַרישע רולעטע־מאַשין.

דעריבער געפינט מען צווישן די שפּילער אין דער נאַרער וועלט אמתע משוגעים, וועלכע אַרבעטן יומם ולילה אויף צו געפינען דעם מאַ־טעמאַטישן שליסל, דעם אמתן „סיסטעם", מיט וועלכן מען קאָן תמיד געווינען ביי דעם רולעטע־שפּיל. אין זאַל גופא שטייען אַזעלכע טיפּן מיט פּאַפּירלעך אין דער האַנט און פאַרצייכענען די אַרויסגעגאַנגענע ציפערן, זוכנדיק אַ „געזעץ" פון וואַרשיינלעכקייט אין דעם דריי פון ראָד און דער באַוועגונג פון דעם רולעטע־דריידל...

אָט שטייט גאַנצע שעהן און רירט זיך נישט פון אָרט אַ באַרימטער מענטש, אַ באַלעבאָס פון דער גרעסטער אַרגענטינער אָוונט־צייטונג מיט

א קאַלאַסאַלן טיראַזש, א רייכער מאַן מיט גרויסע פינאַנציעלע און פּאָליטישע באַציאונגען אין לאַנד. ער שטייט און וואַרפט מיט דער ברייטער האַנט הונדערטער פּעזאָס ביי יעדן דריי פון דער רולעטן־ראָד אויף אַלע נומערן. איך קוק זיך צו צו דעם מענטשן. ער איז שוין אַלט, א גרויסער, גרויער קאָפּ, קלוגע אויגן, א הויכער אינטעליגענטער שטערן, א מענטש, וואָס שטייט שוין זינט צענדליקער יאָרן אין קאַמף פאַר דעמאָקראַטישע אידייען, א געניטער געשעפטסמאַן און א האַרטער, שאַרפער קענער. און אַט דער מענטש, ביי וועמען געלט שפּילט באמת א קליינע ראָלע, ווייל ער וואַרפט די „פּיטשעס" מיט אַזא ביטול און אַן גרויס היציקייט, וועלכעס באַווייזט, אַז ביי אים איז נישט דער געווינס, נאָר דער עצם פּראָצעס פון שפּילן דאָס וויכטיקסטע.

ער שטייט מיט אַן אייזערנער געדולד טעג און נעכט און מען מוז באַוואונדערן, פון וואַנען נעמט זיך כוח ביי דעם שוין אַלטן מענטשן צו אויסהאַלטן אַזא טאָרטור, ווי צו שטיין שעהנלאַנג אין א שטיקנדיקער לופט, צונויפגעקוועטשט צווישן פאַרשוויצטע פרויען און מענער און כסדר שפּילן. אַרום אים שטייט א גרופּע זיינע לייט — משרתים, שמשים, הסידים און סתם כל המיני נפשות אין פאַרשידענע קליידער, א טייל אין גאַוטשאָ־מלבושים, באַוואָפנטע ביז צו די ציינער און קוקן מיט גרויס יראת הכבוד אויף דעם אַלטן רבין און זיין שפּיל.

געווינט ער אַן אַפּותיקא, כאַפּן זיי אַראָפּ מיט פלינקע הענט יעדער לויט זיין ראַנג, „פּיטשעס" און לאָזן זיי פאַרשווינדן אין זייערע ברייטע קעשענעס. דער אַלטער זעט עס גאַנץ גוט און שמייכלט גוטמוטיק: וואָס אַרט אים דאָס געלט? זאָלן זיי, זיין חברה, אָפּלעקן א ביינדל, ווען די קאָרט גייט... און די קאָרט גייט מייסטנס מיט דער פוטער אַראָפּ. אָבער דער אָפּטימיזם איז גרויס. דער יצר הרע פון שפּיל איז שטאַרק. דער ווילן צו באַזיגן די רולעט־מאַשין איז אומגעהויער און גיט כוח, אויסדרויער אויך אויף די אַלטע יאָרן אָפּצושטיין גאַנצע טעג און נישט צו שלאָפן גאַנצע נעכט...

אָפּטימיזם איז באַשטימט א געוואַלטיקער היסטאָרישער פאַקטאָר, א פרוכטבאַרער, שעפערישער כוח, וועלכער באַוועגט די וועלט־געשיכטע און האָט געשאַפן אונדזער ציוויליזאַציע. איז דען קאָלומבוס נישט געווען קיין אָפּטימיסט, ווען ער האָט זיך מיט זיין שיפל א לאָז געטון זוכן דאָס ווייטע אומבאַקאַנטע „אינדיע"? זיינען דען די גרויסע אַנטדעקער און וויסנשאַפטלער פאַרשער נישט קיין געוואַלטיקע אָפּטימיסטן, ווען זיי האָבן גאַנצע לעבנס פאַרוואַנדעט צו זוכן זייערע אמתן?

דער אָפּטימיזם אין רולעטע־זאַל איז אָבער אַ נאַרישער, אַ פאַנטאַס־טישער, ווייל ער וויל מיט דעם קאָפּ דורכברעכן אַ מאַטעמאַטישע, אייזן־שטאַרקע וואַנט. די באַנק האָט 35 שאַנסן קעגן דעם שפּילער. דאָ העלפט ניט קיין אמונה, קיין אָפּטימיזם, די מאַשין איז שטאַרקער פון דעם מענטשן.

שטייט אַ קליינער, דיקער, קיילעכדיקער יידל, אַ סוחר פון בוענאָס איירעס און פירט אַ קאַמף קעגן דער רולעטע. ער מאַכט נאָך דעם באַ־רימטן צייטונגס־מאַגנאַט און שליידערט אויך מיט אַ „ברייטער האַנט" פאַרשידענע מטבעות אויפן גרינעם טיש. ער קוקט, ווי אַ זיגער, מיט אַ געוויסער גאווה און צופרידנקייט אויף דעם אַרומיקן קבצנישן עולם, וואָס האָט נישט דעם שפּילער־מוט אַזוי ברייט צו שפּילן ווי ער, דער „תקיף" פון ריאָ האַנדראַ.

געווינט ער, מאַכט ער אַ באַוועגונג, ווי איינער זאָגט: „ביי מיר האָט אַנדערש נישט געקאָנט זיין, איך פאַרשטיי דאָס שפּיל, איר אַלע זייט המורים". פאַרלירט ער, ווייזט זיך אויף זיינע גראָבע ליפּן אַ קרומער שמייכל, וואָס באַווייזט זיין ביטול צו דער רולעטע בכלל.

מען האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אַ שפּיגל־פאַבריקאַנט. אַ שאָד, וואָס ער קאָן זיך בשעת דער שפּיל נישט אָנקוקן זיין אייגענעם פּנים אין שפּיגל. ער וואָלט, מסתמא, געהאַט וויניקער נחת פון זיך אַליין און וויי־ניקער געקוואָלן פון זיינע „נצחונות". אָבער אַ שפּילער איז ער, ער האָט אַ האַרץ פון אַ טיפּישן מיט טיפן אָפּטימיזם דורכגעדרונגענעם שפּילער. ער קאָן געווינען, פאַרשטייט אָבער אויך צו פאַרלירן מיט אויסערלעכער רואיקייט און געלאַסנקייט. אַזאַ ייד איז דער ריכטיקער קליענט פאַר די קאַזינאָס. זייער פון גאָט־צוגעשיקטע כפּרה־הינדל.

מען האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אַ מזלדיקער שפּילער, אַז זומער געווינט ער שטיקער גאָלד אין מאַר דעל פּלאַטאַ. אפשר, אָבער זיין סוף זע איך גאַנץ גענוי. און אין פּנקס פון זיין לעבנס־גורל איז פאַרשריבן, אַז אויב ער וועט וויטער אַזוי שפּילן, וועט ער שטאַרבן אין פרעמדע תכריכים. די רולעטע־מאַשין וועט תמיד שטאַרקער זיין פון אַלע צייטונגס־קעניגן און יידישע שפּיגל־סוחרים פון דער גאַנצער וועלט...

אַ הויכער, דיקער יידישער באַקאַנטער כלל־טוער שטייט ביים רולע־טע־טיש, וואַרפט איינצלנע פּאַפּירענע פּעזעס אויף פאַרשידענע נומערן און פאַרשפּילט כסדר. ער איז אויך אַ גרויסער אָפּטימיסט, אָבער זייער אָבער־גלויבעריש. די ערשטע סגולה ביי אים איז, אַז מען טאָר נישט בייטן דאָס געלט אין „פּיטשעס", ווייל געלט איז „מזלדיק". די צווייטע וויכ־

טיקסטע סגולה צו געווינען אין שפילן, איז ווען דאָס ווייב איז נישטאָ אין שפּיל־זאַל. קומט זי אַריין, איז אַן אומגליק, זי איז, ווי ער האָט מיר דערקלערט אין שפּאַניש, אַן אמתע „זשעטאַטאָרע", דאָס הייסט אַ גרויסע שלימזל...

ווי אויף צו־להכעיס, שלעפּט זי זיך מיט אים אין אַלע בעדער און לאָזט אים נישט אָפּ פון אויג. חוץ דעם שפּילט זי אויך רולעטע, אַזוי, אַז דאָס געלט פאַרשווינדט, אַזוי צו זאָגן, דורך צוויי קאַנאַלן...

איך קוק אויף דעם גאָרנישט נאַרישן מענטשן און זע, אַז ער מאַכט נישט קיין וויצן, נאָר ער גלויבט באמת אין זיינע „סגולות". ער שפּילט פאַרזיכטיק, ווייל ער איז אַ גרויסער מאמין, אַז דער ווייבס אָנוועזנהייט מוז אים ברענגען שלימזל אין שפּיל. זי האַלט, פאַרקערט, אַז אָן איר, וואָלט ער שוין לאַנג פאַרלוירן זיין גאַנצן פאַרמעגן...

אפשר איז זי טאַקע גערעכט, ווייל ווער ווייס וואָס פאַרא נאַרישקייטן עס קאָן אַן אַבערגלויבערישער שפּילער אָנטון אָן דער ווייבס קאָנטראָל? פּרוּוען זיינען אינעם רולעטע־שפּיל (אפשר אויך אין אַנדערע שפּילן) פיל פּראַקטישער, ווייטזיכטיקער און פאָרזיכטיקער, ווי מענער. יעדנפאַלס זיינען זיי נישט אַזוי אָפּטימיסטיש ביי דעם גרינעם טיש, ווי די מענער, און אַלס שוואַכע באַשעפענישן פילן זיי בעסער די מאַכט פון זייער בלינדער רולעטע־מאַשין, וועלכע מאַרשירט איבער שיקזאַלן, ווי דער מאָדערנער קאַמפּס־טאַנק אויף די שלאַכט־פעלדער...

— 4 —

די שפּילער־פּעסימיסטן

אין דעם המון, וועלכער רינגלט אַרום די רולעטע־טישן אינעם קאַזינאָ אין ריאָ האָנדאָ, זעט מען כל־המיני טיפּן מענטשן און אויף זייערע פּון היץ, שטופּעניש און הייסן שפּיל פאַריאַכמערטע פּנימער, קאָן מען כמעט לייענען אַלע זייערע איבערלעבונגען, האָפענונגען, אילוזיעס און אויך נעבעך די גרעסערע און קלענערע מפּלות אויף דעם רולעטע־פעלד.

און נישט גענוג דאָס אַליין. די ציפערן, וועלכע קומען אַרויס נאָכן אָפּשטעלן פונעם רולעטע־דריידל, זיינען נישט סתם עפּעס צאָלן אָן אַ זין און אָן באַדייטונג. הינטער דעם מאָנאָטאָנעם אויסגעשריי פון דעם רולעטע־קרופּיע, שטעקן אָפט שטילע דראַמעס, פאַרבאָרגענע צערונענע חלומות, זעלטן אויך אַן אנגענעמער סורפּריז פון אַ קורצער היי־שעה נחת,

ווען די ראָד האָט דורך צופאַל געבראַכט דעם „גליקלעכן" שפּילער אַ היפּשן געווינס...

עס איז אָבער פאַראַן אַ קאַטעגאָריע שפּילער, וועלכע גייען אין קאַ־זינאָ, אַזוי צו זאָגן, „רעזיגנירט", מיט דער טיפער איבערצייגונג, אַז געווינען איז נישט מעגלעך און אַז זיי זיינען פאַרטיקע קרבנות, וועלכע מוזן פאַלן אויפן מזבח פון דער רולעטע. דאָס זיינען די געשוואוירענע פּעסימיסטן ביים רולעטע־טיש און זייער צאָל איז גאָרנישט קליין.

שטייט נעבן מיר אַן אויפגעקומענער גביר, אַן אַמאָליקער קאָלאָניסט, ווייל די רויטע, געזונטע פאַרב אויף זיין מגושמדיקן פּנים ווייזט, אַז דער מענטש האָט אַ סך יאָרן פאַרבראַכט אויף דער פרייער לופט און די שטאָט און דער געדיכטער נעפּל פון טאַבאַק־רויך אינעם שפּיל־זאַל האָבן די רויטע באַקן נישט געקאָנט בלאַסער מאַכן. ער האָט פיל געלט און ווען זיינע קאַפּיטאַלן אין קאַזינאָ נישט פאַרשפּילן, ווייל ער שפּילט זייער פאָרזיכ־טיק און ריזיקירט רעלאַטיוו קליינע סומעס.

דער „קמצן בר קמצן" ליגט ביי אים אין בלוט און אַלס פּריערדיקער קאָלאָניסט קאָן ער אויך גוט דעם ווערט פון דער פּעזע. אָבער ער גייט צום רולעטע־טיש, ווי אַ שעפּס אין שלאַכט־הויז צו דער שחיטה, ער ווייס, אַז ער וועט היינט און מאָרגן איבערלאָזן דעם קאַזינאָ אַ שיינע פּאָר פּע־זעס, ער איז אַ פאַטאַליסט, בכלל אַ פּעסימיסט אין לעבן און דאָ, אינעם שפּיל־זאַל, דערגרייכט זיין פּעסימיזם די העכסטע מדרגה. די מרה־שחורה ליגט אים אויפן פּנים, ווען ער נעמט אַרויס פון קעשענע זיינע פאַרביקע „פּיטשעס" און נאָכן קורצן ישוב־הדעת מיט זיך אַליין, לייגט ער זיי אַוועק אויף די נומערן.

„גיט אַ קוק, הער דאָקטער", זאָגט ער צו מיר. „איך לייג בכיוון פּינף פּעזעס אויפן נומער „13", ווייל סיי ווי איז מיין געלט פאַרלוירן, לאָמיר כאָטש אַרויסרופן דעם שטן און זיך אַביסל פּאַר מיין געלט מיט אים אַ רייץ טון. איר ווייסט דאָך, מסתמא, אַז „13" איז אַ שלימזלדיקע צאָל".

„איר גלויבט טאַקע", זאָג איך צו אים, „אין ווייבערשע זאַבאָבאָ־נעס? איר, אַ קאָלאָניסט, זאָל זיין אַבערגלויבעריש, און בכלל, אַז איר ווייסט, אַז איר וועט און מוזט פאַרלירן, וואָס שפּילט איר אין רולעטע? עס איז דאָך אַ שאָד אייער געלט"...

„גערעכט זייט איר", ענטפערט ער מיר מיט אַמתער רעזיגנאַציע אין זיין שטים, „נאָר וואָס זאָל איך טון? עס ציט מיך אַהער, ווי עפּעס אַ מאַגנעט, איך מוז שפּילן. נאָר איינס ווייס איך, אַז איך און זיי אַלע, וואָס שפּילן דאָ, מוזן מיר פאַרשפּילן... ווייל אַז נישט, וואָלט דאָך דעם

קאזינא נישט געלוינט צו באצאלן פינף הונדערט טויזנט פעזעס פאר דער קאנצעסיע. ווער זאל די געלטער באצאלן פאר די צוויי־דריי חדשים קאנ־צעסיע, אויב נישט מיר, די כשרע לעמעלעך?״

ער דרייט זיך אום, נעמט ארויס א גרעסער בינטל פעזע־בילעטן און גייט אוועק א טרויעריקער, א רעזיגנירטער צו דעם פענצטערל אויסצו־בייטן זיין געלט אויף פרישע „פיטשעס״ און קערט זיך אום צוריק לאנג־זאם, מיושבדיק, צום רולעטע־טיש און דאס שפיל גייט ווייטער אן האפ־ענונג, אן אילוזיעס, ווייל וואס פארא חלומות קאן האבן אזא שעפס, ווי דער דאזיקער ייד, וועלכער ווייס, אז ער איז פארטיקער קרבן און מוז געקוילעט ווערן?

זיין פעסימיזם איז שוין כמעט א רעזיגנאציע פון אן אינדישן „יאג״, וואס ווייס, אז דער סוף פונעם לעבן איז די נירוואנא.... אזוי פארוואנדלט די קאזינא און די רולעטע א געזונטן, קארגן קאלאניסט אין א שפיל־פילאזאף, מיט כמעט שאפענהויערישער וועלט־מעלאנכאליע...

— 5 —

איוב פון בוענאס איירעס שפילט רולעטע

א מיטלוואוקסיקער, דארער ייד מיט א געלער פאטשיילע אויפן האלדז, מיט א פוס, וועלכער שלעפט זיך אים אביסל נאך, שטארק קורצזיכטיקע אויגן, אבער אן ברילן, מיט געדיכטע ברעמען, שלעכט ראזירט, א ביסל פארנאכלעסיקט אין קליידונג, שטייט ביים רולעטע־טיש און זעצט פעזע־ווייז אויף איין נומער 17. ווי אויף צו־להכעיס, גייט דער נומער, זינט א געשלאגענע שעה, נישט ארויס.

דאס רעדל דרייט זיך, דער דריידל שפרינגט אינעם רולעטע־טעלער, אלע נומערן קומען ארויס, אפילו דער פאר אלע שפילער פאטאלער „סערא״, נאר דער „17״ וויל בשום אופן נישט ארויסקומען. דער ייד בייט כסדר צענערלעך און פופציקער פעזעס, פארדאפלט שוין מיט עקשנות די „סטאוו־קע״, נאר עס העלפט נישט — נישטא דער „17״, כאטש ווער צוזעצט...

„וואס זאגט איר דערצו?״ ווענדעט ער זיך פלוצלינג צו מיר אומ־באקאנטערהייט. „עפעס א קללה הענגט היינט איבער דעם נומער „17״. מען האט דעם ציפער פשוט פארשאלטן... און ווייסט איר ווער עס איז אין דעם שולדיק? אט דער געלער „פאסקודניאק״, דארט אין עק, מיט די רויטע האר און זומערשפרענקעלעך אויפן פנים... א ייד זאל האבן אין

מיטןווינטער אזא פּנים! וואו א גלער, קאן שוין קיין גוטס נישט ארויסקומען!"...

איך האָב, נישט ווילנדיק, געוואָרפן א בליק אויף דעם שלימזלדיקן גלן יידן, וואָס איז געבעך גאָט די נשמה שולדיק, געשטאַנען מיט א שטאַרק ברונעטער פרוי, מיט שוואַרצע וואָנצעס אויף דער אויבערשטער ליפּ און גאָרנישט געשפּילט, זיינע באמת רויטע האָר האָבן שאַרף קאָנטראַסטירט מיט דער שוואַרצקייט פון זיין באַגלייטערן. דער גלער האָט גאָרנישט געוואוסט, אז צוליב אים שפּילט זיך אָפּ, א פּאָר שריט פון אים, א דראַמע מיט דעם נומער „17".

„איך רעכן", זאָג איך צו מיין נייעם באַקאַנטן, „אז די האָר־פאַרב קאָן נישט האָבן קיין איינפלוס אויף דער רולעטע. וואָס איז דער גלער ייד שולדיק, אז דער „17" קומט נישט ארויס? ער קאָן דאָך צוליב אייך נישט לאָזן פאַרבן זיינע האָר..."

מיין בעל־דבר האָט מיך אָנגעקוקט מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן מלא רציחה. „אנטשולדיקט מיר", האָט ער כמעט אויסגעשריען, „איר זייט נאאיוו אָדער איר מאַכט זיך טאַמעוואַטע, איר ווייסט דען נישט, אז גלע מענטשן זיינען שלעכטע און ברענגען אומגליקן? בפרט גלע מענער מיט אַזוינע האָר פון מיתה־משונה קאָליר. שדים האָבן אים געבראַכט צו מיין טיש. שפּילן שפּילט ער נישט, אָבער שלימזל ברענגט ער. מען מוז אריבער צו אַן אנדער טיש..."

רעדנדיק דערוויילע מיט מיר אין כעס אויף דעם רויטן יידן, האָט מיין יידל זיך אַזש פאַרהוסט און האָט פאַרגעסן צו זעצן זיינע „פּיטשעס" אויף זיין נומער. אין דעם מאָמענט הערן מיר דעם הייזעריקן קול פונעם קרופּיע — „זיבעצן"... איך האָב געמיינט, אז מיין יידן וועט טרעפן דער שלאָק. ער האָט זיך נאָך מער פאַרהוסט און זיין דאַרער גוף האָט זיך צעקרומט און איינגעבויגן, אז מיר איז געוואָרן ממש באַנג פאַר אים. נאָכן הוסטן האָט ער הויך א שפּיי געטון, און וואַרפנדיק א בליק פול מיט שנאה צום גלן „פּאַסקודניאַק", איז ער אוועק פון טיש. צוויי מינוט שפּעטער זיינען מיר געזעסן אינעם „באַר" און פאַרפירט א שמועס.

„גלויבט איר דען טאַקע", זאָג איך צו אים, „אז מען קאָן ביי דער רולעטע געווינען געלט? און וואָס פאַרא שייכות האָט דער גלער ייד צו אייער שפּיל, איר זייט דאָך נישט קיין קינד צו גלויבן אין אזוינע נאַרישקייטן!"

„איך גלויב באמונה שלימה, אז גלע יידן ברענגען דעם גרעסטן שלימזל ביים שפּיל און בכלל אין לעבן. איך האָב פיינט מענטשן מיט

רויטע האָר, אפילו שיינע מיידלעך מיט רויטע אָדער געלע האָר מייד איך אויס ווי פּעסט... קיין גוטס קאָן פון זיי נישט אַרויסקומען. גלויבט מיר, אַז ביי דער רולעטע קאָן מען קיין געלט נישט געווינען, ווייס איך גאַנץ גוט, נאָר וואָס זאָל איך טון? אַז נישט די רולעטע, קאָן מען דאָך אין ריאָ האָנדאָ משוגע ווערן. קיין געשעפטן האָב איך ברוך השם נישט, לאָמיר כאָטש אַביסל אַ שפּיל טון אין רולעטע".

אין דעם מאָמענט איז פאַרבייגעגאַנגען אין „באַר" דער געלער יידל מיט זיין פרוי, קענטיק שוין אַהיים. מיין „איוב" איז אויפגעשפּרונגען, אַזוי ווי אַ שלאַנג וואָלט אים געביסן. איבערלאָזנדיק מיך אין דעם „באַר" איז ער פאַרשוואונדן אינעם שפּיל־זאַל, מסתמא זוכנדיק גליק ביי דעם פאַרשאָלטענעם נומער „17"...

— 6 —

די „וואַמפּירעסאַ" פון קאָרדאָבאַ

וועלכן קאָליר האָבן אין דער יוגנט געהאַט אירע האָר, איז שווער פעסטצושטעלן. היינט האָט זי קאַסטאַניע־האָר, מיט אייניקע געלבלעכע פלעקן אין צענטער פון קאָפּ. אויגן ברוין־שוואַרץ, אונטער די אויגן פיין רעטושירט, וואָס מאַכט באמת אינטערעסאַנט איר בלייכן פּנים. די שמינקע איז אַ קונסט־ווערק. די ליפּן פייער־רויט, די נעגל ברוין געפאַרבט, דער גאַנג פון דעם אַביסל שווערן קערפּער, אַ באַטאַנט־לאַנגזאַמער. די פיגור רונד, אָבער גלייכצייטיק שלאַנק, דאָס וואָס די דייטשן רופן עס „פולשלאַנק". אָן צווייפל — אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג!

ריאָ האָנדאָ האָט זיך נישט צו באַרימען אפילו אין די סעזאָן־חדשים מיט זיינע שיינע פרויען. יונגע פרויען קומען זעלטן אין די דאָזיקע בעדער, וועלכע זיינען נוצלעך פאַר אַלטע רעוומאַטיקער, פאַר אַסטמאַ-ליידנדיקע, וכדומה חולאתן, פון וועלכע עס ליידן מער פאַרטרעטער פון דעם עלטערן דור.

אַנדערע „אַטראַקציעס", חוץ דעם קאַזינאָ־שענק און דעם פאַרווּיבערטן, שטיקנדיקן שפּיל-זאַל, זיינען אין די טערמאַס נישטאָ. די ווייבלעכע געסט זיינען דעריבער מייסטנס שוין אין די עלטערע אָדער מיטעלער יאָרן, חשובע באַלעבאָסטעס, מאַמעס אָדער גאָר באָבעס פון קינדער און אייניקלעך. מיט איין וואָרט, פרויען, וועלכע זיינען שוין מער אָדער ווייניקער אַרויס פון טיראַזש פון דער ליבעס-לאָטעריע. זעלטן ווען

א יונגע, שיינע פרוי ווייזט זיך אויפן האריזאנט פון ריא האנדא און אויך דעמאלט שוין אין באגלייטונג פון א מאן, התן, געליבטן אדער טאטע־מאמע.

דאס דערשיינען אין קאזינא פון אן איינזאמער, אינטערעסאנטער און עלעגאנטער פרוי, האט שנעל ארויסגערופן די נייגעריקייט פון די „שטרויע־נע אלמנס", און די בליקלעכע מענער, וואס האבן געהאט מזל און געלאזן זייערע ווייבער אין בוענאס איירעס און אנדערע היימען.

באלד האט מען זיך דערוואוסט, אז די דאמע קומט פון קארדאבא, וואוינט אין דעם בעסטן האטעל, באזיצט א גרויסן גארדעראב, טראגט שיינע ברילאנטן, איז א „יידישקע" און די הויפטזאך — נאר אליין.

בעלנים צו טרייסטן אזא „עלנטע" פרוי, זיינען געווען לרוב, מאנכע האבן אפילו אנגעהויבן צו פארנאכלעסיקן די רולעטע און זיך אנגעהויבן דים־קרעט נאכצושלעפן נאך דער „וואמפירעסע", ווי מען האט איר באלד צוגעגעבן א נאמען.

די דאמע האט אלץ געזען און אלץ געמערקט, נאר מיט קאלטע אויגן זיך צוגעקוקט צו דעם קאראוואן" מענער, יונגערע און עלטערע, וועלכע האבן זיך כלומרשט גלייכגילטיק ארומגעדרייט נעבן איר און געזוכט א געלעגנהייט צו שליסן מיט איר באקאנטשאפט.

מיט אירע לאנגזאמע, אביסל טענצלדיקע טריט, פלעגט זי איינע אליין ארומשפאצירן אויף דעם שטויביקן וועג צום טייך, אדער אויף דער איינאיינציקער ברוקירטער גאס נעבן קאזינא. דער „וואמפיר" אין פרויען־געשטאלט האט צו קיינעם נישט געשמייכלט און אין אוונט האט מען זי געזען זיצן איינע אליין ביי א טישל אין „באר" און טרינקען א באשיי־דענע קאווע. קיינער, אפילו די חוצפהדיקע קאוואלירן קריאזשעס, האט נישט געוואגט צוצוגיין צו דער פרוי און איינלאדן זי צום טאנץ. עפעס א קעלט האט זיך געפילט אין איר נאענטקייט, נאר אירע ברוין־שווארצע אויגן מיטן טונקעלן ראנד האבן פארבארגן פייער און געמאכט מיסטע־ריעזע הבטחות...

ביי דעם רולעטע־טיש האב איך זי נישט געזען, נאר שפעט ביינאכט, ווען מען האט געעפנט דעם באקארא־קארטן־שפיל, און א גרופע פאר־קאכטע שפילער מיטן בארימטן צייטונגס־מאגנאט בראש, האבן זיך צו־זעצט ביי דעם לאנגן טיש, האט זיך באוויזן די „וואמפירעסע". זי האט ארויסגענומען א לאנגן פאפיראסן־שפיץ, פארויכערט א דינעם דאמען־ציגארעט, ארויסגענומען א הויפן הונדערטערס און עלעגאנט געווארפן זיי אויף דעם טיש.

געשפּילט האָט זי זייער מולדיק, רואיק, געלאַסן, מיט געשפּילטער, קינסטלעכער גלייכגילטיקייט, ווי אַ וועלט־דאַמע, וואָס האָט פיל אַרומ־געדרייזט און געזען ווייטע לענדער און דאָס לעבן קאָן איר שוין נישט אַנבאָטן קיין נייעס. גאָר שפּעט ביינאַכט איז זי אויפגעשטאַנען פון טיש, צונויפגענומען אירע „פּיטשעס" און אוועק אין איר האָטעל.

צוויי טעג האָב איך זי נישט געזען. איך בין געווען שטאַרק פאַרקילט און יעדן אָוונט פרי געגאַנגען שלאָפן. די לעצטע נאַכט פאַר מיין אוועק־פאָרן בין איך שפּעט אַריין אין קאַזינאָ. די פרוי איז ווידער געזעסן ביי דעם טיש און געשפּילט „באַקאַראַ". דער אַש־בעכער נעבן איר איז געווען פול מיט האַלב־אויסגערויכערטע דינע ציגאַרעטן. יעדע פאַר מינוט האָט זי נערוועז אַרויסגענומען נייע פּאַפּיראָסלעך און פאַרויכערט.

קליינע, סבצנותדיקע „פּיטשעס" זיינען געליגן, ווי אָרימע יתומים, פאַר איר, און זי אַליין איז געזעסן אַ בלייכע, מיט ציטערדיקע הענט און גלאַנצנדיקע פון שפּיל — פייער־אויגן. אַנשטאָט דער שטאָלצער „וואַמ־פּירעסע" איז געזעסן אַ פּשוטע אומגליקלעכע שפּילערן אָן חן, אָן קאַ־קעטעריע, אַ קליינער קרבן פון דעם שפּיל־טייוול — די ראָד פון שפּיל־מזל האָט זיך, ווי שטענדיק, אומגעדרייט...

און אַז די לעצטע „פּיטשע" איז פאַרשוואונדן געוואָרן אויף דער דינער לאָפּעטקעלע פונעם קרופּיע, און דאָס שפּיל איז געגאַנגען ווייטער אָן רחמנות, און די שפּילער האָבן פאַרגעזעצט זייער אַרבעט, איז די פרוי אויפגעשטאַנען און, אַ קרומער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף אירע רויט־געפאַרבטע ליפּן. לאַנגזאַם האָט זי אַרויסגענומען איר שפּיגעלע, איר „רוזש" און פּודער־קעסטעלע און, ביים טיש, זיך צורעכט־געמאַכט און אַרויס אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט צו איר האָטעל.

אַ פאַר מאָל האָט זי אומגעדרייט און אַ קוק געגעבן צוריק און אַזוי ווי געוואַרט, אַז עמיצער זאָל מיט איר פאַרפירן אַ שמועס. די „וואַמפּי־רעסע" איז פאַרשוואונדן און אַנשטאָט איר איז פאַר מיר געגאַנגען אַ האַלב־צעבראָכענע, אָרימע שפּילערן, ווער ווייס, אפשר אָן אַ פּרוטה ביי דער נשמה...

אין דער נאַכט האָב איך נישט געמאַכט די באַקאַנטשאַפט מיט דער קאַרדאַבער דאַמע, כאָטש עס איז געווען גאַנץ לייכט איצט צו שליסן מיט איר פריינטשאַפט. זי איז געווען אַזוי עלנט און דערשלאָגן פונעם אומ־גליקלעכן שפּיל, אַז זי האָט מסתמא געזוכט אַ מענטשן, וואָס זאָל איר זאָגן אַ פאָר ווערטער, אפשר טרייסטן, אפשר אויסשטרעקן איר די האַנט אין מאָמענט פון פאַרצווייפלונג.

איך האָב געהאַלטן אונטער מיין מאַן־ווירדע אויסצונוצן איר עלנט־קייט, אפשר שוואכקייט און הילפלאָזיקייט. אייניקע מאָל האָט זי זיך אונטערוועגנס אומגעדרייט, ווייל זי האָט געזען אַז איך גיי הינטער איר מיט דעמזעלבן וועג, און אפשר האָט זי געוואָלט, נויטיק געהאַט מיין הילף. ווער ווייס, ווער קאָן פאַרשטיין אַ פרויען־נשמה אין אַזעלכע מאָ־מענטן?

דער האָטעל האָט זי באַלד פאַרשלונגען און איך בין ווייטער גע־גאַנגען אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט און לאַנג, לאַנג שפּאַצירט איבער די שלאָפנדיקע גאַסן פון ריאָ האַנדאָ. עס איז געווען אומעטום טונקל, נאָר פון וויטן האָבן נאָך געברענט די ליכטער פונעם שפּיל־קאַזינאָ, דער שפּיל־טייוול האָט ווייטער געפּייערט זיינע נאַכט־אָרגיעס...

— 7 —

„יאָלדן" און פרויען ביי דער רולעטע

חוץ די „אָפּטימיסטן" און „פּעסימיסטן", וועלכע בילדן דעם שטענ־דיקן, אַזוי צו זאָגן, פּערמאַנענטן שפּילער־קאָנטינגענט אַרום דעם רולעטע־טיש, שטופּן זיך אינעם שפּיל־זאַל אַ גרויסע צאָל קליינע שפּילער פון דעם סאָרט, וואָס ווערן אָנגערופן מיטן ביטול־נאָמען „יאָלדן".

דאָס וואָרט „יאָלד" שטאַמט אייגנטלעך פון דעם גנבים־לעקסיקאָן, און באַדייט אַ קרבן, אַ למך, אַ נאַאיווער טיפּש, וועמען ס'איז לייכט צו „פירן אין באָד אריין" און אָפּנעמען ביי אים זיין געלט... אָט די „יאָלדן" בילדן אין ריאָ האַנדאָ און, מסתמא, אויך אין אַנדערע שפּיל־קאַזינאָס דעם רוב מנין ובנין פון די שפּילער. זיי זיינען צום גרעסטן טייל מענטשן מיט קליינע השגות, זיי קאָן מען גיכער צורעכענען צום פּעסימיסטן־קרייז, ווייל זיי האָבן גאָרנישט עפּעס ממשותדיקעס צו געווינען, פאַרקערט, זיי גייען אין קאַזינאָ און גיבן אָפּ זייערע פּעזעס מיט אַ פאַטאַליסטישן יאוש. זיי שטייען שעהנלאַנג אַרום די שפּיל־טישן און קוקן זיך צו צו די גבורות און די מפּלות פון די אמתע „גרונטאָוונע" שפּילער, זיי לעבן־מיט די נצחונות און ירידות פון די דאָזיקע הויפּט־קליענטן פון קאַזינאָ מיט אַ זעלטענער התלהבות. מען פילט, אַז יעדער דריי פון רולעטע־ראָד איז פאַר דעם דאָזיקן עולם אַן איבערלעבעניש, אַ געוואַלטיקע עמאָציע, פאַר זיי אפשר מער, ווי פאַר די גרויסע שפּילער גופא.

אייגנטלעך דאַרפן זיי גאָרנישט מיטשפּילן, ווייל דער עצם פּראָצעס פון דעם רולעטע־דרייען און פון שפּרינגען פון דעם ביינערנעם שטיינדעלע,

די כסדרדיקע ענדערונגען פונעם מזל, די אנטציקונגען ביי דעם „געלונ־גענעם" שפּיל און די אנטוישונגען, ווען דער שפּילער „ווערט באַגראָבן" — דאָס אַלץ איז שוין נענוג אויסצופּילן דאָס האַרץ און די נשמה פון די דאַזיקע שקלאַפן, וועלכע שטייען אַרום די רולעטן־טישן.

נאָר, סוף־כל־סוף, איז מען דאָך נישט פון אייזן, עס ווילט זיך אַביסל אַקטיוו באַטייליקן אין דער שלאַכט מיט דער פאַרשאָלטענער רולעטע־מאַשין. די „יאָלדן" וואַרטן־אָפּ אַ מאָמענט, ווען זיי דוכט זיך אויס, אַז דאָס רעדל האָט זיך אַ דריי געטון קעגן דער באַנק, אַז עס איז אַוועק אַ „גליקלעכע סדרה" פאַר די שפּילער, און פון אַלע זייטן גיבן זיך אַ שאָט מצד דעם אַרומיקן עולם איינצלנע פּעזעס און גרעסערע מטבעות אויפן רולעטע־טיש.

עס איז געקומען דער מאָמענט, ווען מען קאָן שוין שערן די שאָף און אויף וועלכן דער קאַזינאָ וואַרט שטענדיק. די מזלדיקע סדרה לאָזט זיך אויס פאַרן גרעסטן טייל שפּילער אַ שווערע, ביטערע אנטוישונג און די פּעזעס פאַרשווינדן אין די לעכער פונעם רולעטע־טיש לעולמי עולמים...

עס לוינט זיך צוצוקוקן אין אַזעלכע מאָמענטן צו דעם שפּילער־המון בכלל און צו די פרויען, וואָס שפּילן מיט, בפרט. מען מוז צוגעבן, אַז אין די אַרגענטינער שפּיל־קאַזינאָס טרעפט מען זעלטן דעם טיפּ פרויען, וועלכע פירן אינעם שפּיל־זאַל אַ גרויסע ראָד, שליידערן מיט די טויזנטער און ווייזן אין די אייראָפּעאישע קאַזינאָס אָפט גרעסערע גבורות, ווי די מענער.

דער סוף פון דעם טיפּ ראָמאַנטישע העלדינס, איז אַ באַקאַנטער: פריער פאַרשפּילן זיי זייער אייגן אָדער דעם מאַנס געלט, שפּעטער „באָרגן" זיי שוין געלט ביי גוטע פריינט און באַצאָלן די חובות אויף דעם באַ־קאַנטן אופן. אויב זיי זיינען יונג און שיין, (אַלטע און מיאוסע באָרגט מען נישט קיין געלט), שפּעטער קייקלען זיך די דאָזיקע פרויען באַרג־אַראָפּ אָפט ביז דעם רינשטאָק אָדער שפּיטאָל... אין די גרויסע וועלט־קאַזינאָס, ווי מאָנטעקאַרלאָ, צאָפּאָט, ניצאַ, סאַן רעמאָ, קאָן מען אַזעלכע פרויען טרעפן אין די הונדערטער.

אין די אַרגענטינער קאַזינאָס, בפרט אינעם נעבעכדיקן ריאָ האָנדאָ, טרעפט מען נישט אַזעלכע ראָמאַנטישע פרויען. דאָרט שטייען אַרום דעם טיש מערסטנס מיטליעריקע, זעלטן יונגע, חשובע פרויען. ביי זיך אין דער היים אפשר פּרעזידענטקעס אין די פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטן. מיט איין וואָרט, נישט קיין האַליוואָודער שיינקייטן און נישט קיין ראָמאַנ־טישע העלדינס.

ווען מען זעט, ווי די דאַזיקע גאַנץ פאַרמעגלעכע דאַמען ציטערן איבער זייער פּעזע, וועלכע זיי האָבן „ריזיקירט״ ביי דער רולעטע. ווי עס ברענען זייערע אויגן און עס פלאַמען די אָנגעפּאַרבטע באַקן ביי אַ געווין פון עטלעכע צרהדיקע פּעזעס, און ווי טיף־אומגליקלעך זיי זיינען, ווען זיי פאַרשפּילן, ווער עס זעט אַ פּאָר שעה די בילדער, דעם פאַרגייט יעדער חשק צו זוכן ביי די פרויען אפילו אַ סימן, אַ שפּור פון ראָמאַנ־טישקייט.

אויב עס איז אמת, אַז דעם מענטשן קאָן מען דערקענען ביי דריי זאַכן: בכיסו, בכוסו ובכעסו, איז דער קאַזינאָ אַן אויסגעצייכנטע פּסי־כאָלאָגישע שולע. דאָ אַנטפּלעקט זיך דער מענטש אין זיין גאַנצער נאַ־קעטקייט; דאָ וואַרפט ער אַראָפּ עפנטלעך די מאַסקע, דאָ זעט מען דעם שפּילער אין אַלע זיגזאַגן פון זיינע עמאָציעס, דאָ שעמט ער זיך שוין נישט און ווייזט פאַר אַלעמען, וואָס ער איז אין תוך...

און זאָלן מיר מוחל זיין די פאַרטרעטערנס פונעם „שוואַכן און שיינעם געשלעכט״ — ביי דער רולעטע איז קיין איינע פון זיי נישט שוואַך און זעלטן שיין... די פרויען זיינען פיל אויסגעהאַלטענער, פיל פּראַקטישער און שטאַרקער ווי די מענער ביים רולעטע־טיש, ווייל ניינציק פּראָצענט, און אפשר מער, פון די פרויען, שפּילן נישט צוליב דעם שפּילן גופא, נאָר צוליבן געווינען...

און איך שטיי און קוק זיך צו און זע, אַז אַ רייכע דאַמע, וואָס טראָגט אויף זיך אַן אוצר פון בריליאַנטן, ווערט מלא שמחה און איז גרייט ממש צו טאַנצן פון התפעלות, ווען זי געווינט פינף אָדער צען פּעזעס... דאַן מעג זי זיין ווי שיין און ווי בכבודיק אין איר פּריוואַטן לעבן, פאַרלירט זי אין מיינע אויגן יעדן חן און איך זע נאָר די אַנדערע זייט פונעם מעדאַל, די פינצטערע זייט פון איר נשמה...

אָט די גרויסאַרטיקע, אַריסטאָקראַטישע דאַמען זיינען אין׳ם קאַזינאָ־זאַל גאָרנישט צו דערקענען. דאָרט קאָן יעדער מענטש, ווער עס זאָל נישט זיין, פאַרפירן מיט זיי אַ שמועס, ווערן אַ גאַנצער מחותן און כמעט איינ־טים, ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער שפּיל. מען שטייט עפּעס צוזאַמענ־געקוועטשט צוזאַמען, מען דעבאַטירט איבער דעם „גלגל החוזר״ פון דער רולעטע, מען איז מקנא די מזלדיקע שפּילער און מען באַדויערט כלומרשט די שלימזלדיקע. אַנדערע אינטערעסן עקזיסטירן דאָ נישט. אַנדערע שמועסן ווערן נישט געפירט, חוץ איבערן שפּיל.

דרויסן קאָן די וועלט אונטערגיין, דאָ איז אַ פאַרכישופטער קרייז פון משוגעים, פאַר וועלכע חוץ רולעטע, געווינסן און פאַרלוסטן ביים שפּיל,

איז די וועלט עפּעס אַן אויסגעטראַכטע מעשהלע, אַ חלום, ווייל דיווירק־לעבקייט איז דאָ, אינעם פאַרוויבערטן, דושנעם, פאַרשטיקטן שפּיל־זאַל...

גיין, איך ראָט נישט אונדזערע פרויען צו גיין אין די קאַזינאָ־זאַלן, אויב זיי ווילן נאָך האָבן אַביסל דערפאָלג אין לעבן, און אויב זיי גייען שוין יאָ, ראָט איך זיי אָפּטער, גאָר אָפּט אַריינצוקוקן אין שפּיגעלע: דער פּודער און דער „רוזש" וועט נישט פאַרדעקן די נאַקעטקייט פון זייערע נשמות ביי דעם רולעטע־שפּיל...

— 8 —

דער „ברשוויער"־עולם אין שפּיל־זאַל

מיט די פּערמאַנענטע שפּילער און די נאַרישע „יאָלדן" איז דער קאָנטינגענט פונעם פאַרזאַמעלטן עולם אין שפּיל־זאַל לחלוטין נישט אויס־געשעפּט. עס דרייט זיך אַרום אין קאַזינאָ, לויפן פון איין טיש צום אַנדערן, שטופּן זיך און שוויצן אין דער מוראַדיקער חמימה פון דעם פול־געפּאַקטן „סאַלאָן" אַ באַזונדער סאָרט מענטשן־צוקוקער. דאָס זיינען אויך שפּילער, אפשר ליידנשאַפטלעכערע און פאַרברענטערע שפּיל־משוגעים, ווי די אמתע, לעגיטימע, אַקטיווע שפּילער.

דער קאַזינאָ האָט פון זיי גאָרנישט, חוץ עגמת־נפש און צרות, ווייל דער דאָזיקער עלעמענט זעצט נישט קיין סענט אויף דער רולעטע, אָבער וויל פאַרכאַפּן די בעסטע פּלעצער אַרום דעם שפּיל־טיש. זיי גיבן אפילו נישט אויס קיין גראָשן אין דעם קאַזינאָ־באַר, ווייל דערצו האָבן די מענטשן גאָר קיין צייט נישט, זיי זיינען פאַרנומען מיטן שפּיל. זיי שפּילן נעמלעך „אויסווייניק", דאָס הייסט, יעדער פון זיי האָט „אין קאָפּ" זיין נומער, און בעת דאָס דריידל לויפט אַרום אין דעם רולעטע־טעלער, לעבן די דאָזיקע מענטשן איבער די גרעסטע עמאָציעס.

געווינט זייער נומער, דאַרף מען אָנקוקן זייערע פּנימער! עס לוינט ממש צו פאָטאָגראַפירן די אַזוי צו זאָגן „טעאָרעטישע" שפּילער, וועלכע ברענען און גייען ממש אויס אַ שפּיל צו טון און האָבן נישט דעם מוט צו שטעלן אפילו אַ פּעזע אויף דער רולעטע.

גייט אַרויס זייער נומער, שיינט די שכינה אויף זייער געזיכט, זיי קוקן אייך אָן מיט טריאומפירנדיקע אויגן, זיי זיינען ביי זיך שטאָלץ, זיי דערציילן אַלע אַרומיקע ווילד־פרעמדע מענטשן, אַז זיי האָבן „געטראָפן" און אויב זיי וואָלטן איצט טאַקע געשטעלט אין קאָן כאָטש אַ פּופּציקער,

וואָלטן זיי געוואונען אַ מטמון געלט. אַלע זייערע שמועסן הויבן זיך אָן און ענדיקן זיך מיט דעם וואָרט „כ'וואָלט"; זיי לעבן נאָר אין עולם־הדמיון, ווייל דאָס רעאַלע שפּיל עקזיסטירט נישט פאַר זיי. פאַרלירט זייער נומער, גיסט זיך אויס אויף דעם פּנים אַ שטילע מעלאַנכאָליע, כמעט אַ וועלט־שמערץ לייענט מען אין זייערע אומעטיקע יידישע אויגן.

אויך דאָ, ביי די דאָזיקע געדולדיקע צושויער־שפּילער, אַנטפּלעקט זיך די נשמה פון אַ פּחדן, אָפּט פון אַ קמצן בר קמצן, פון דעם טיפּ מענטשן, וועלכע קאָנען בכלל נישט ריזיקירן, נישט אין פּאָליטיק, נישט אין פּריוואַט־לעבן, נישט אין זייערע געשעפטן. עס איז דער טיפּ, איבער וועלכן אַ רוסישער פאָלקס־וואָרט זאָגט: „עס ווילט זיך אים, עס שטעכט אים, אָבער די מאַמע דערלויבט נישט"...

דאָ דערלויבט נישט די איינגעבוירענע פּחדנות אָדער סתם קאַרג־שאַפט, ווייל שפּילן ווילט זיך, עס גייט אים אויס דאָס חיות, אָבער ער האָט מורא, טאָמער וועט ער פאַרשפּילן.

צווישן די דאָזיקע צושויער קאָן מען טרעפן די גרעסטע גבירים, ביי וועלכע פאַרשפּילן אַ פּאָר „טולער" שפּילט קיין ראָלע נישט אין זייער ביודזשעט. אָבער דאָס האַרץ לאָזט אים נישט אַרויסנעמען אַ פּעזע און אַקטיוו מיטמאַכן דאָס שפּיל און טאַקע אויף דער וואָר זיך שפּילעריש אויסלעבן. ער שטייט בעסער גאַנצע טעג און שפּילט „אויסוויניק", לעבט־איבער מיט דער גאַנצער נשמה אַלע אַלטערנאַטיוון פונעם שפּיל, פרייט זיך און ווערט אַנטציקט ביים פּלאַטאָנישן געווין און פאַלט אַריין אין מרה־שחורה ביים „פאַרלוסט".

די דאָזיקע עלעמענטן זיינען אין די קאַזינאָס ביים שפּיל, ווי די אָנאַניסטן ביי דער ליבע. ביידע סאָרטן מענטשן לעבן נישט אין דער רעאַליטעט, נאָר אינעם עולם־הדמיון און זוכן אין לעבן נאָר די „ערזאַצן" פון עמאָציעס און איבערלעבונגען. עס איז אַ טרויעריקער סאָרט מענטשן און אויף די „שפּילער" האָב איך שטענדיק רחמנות, כאָטש זיי האָבן אין שפּיל־זאַל זייער היי־שעה...

איך בין אוועק פון די „טערמאָס" און זייער שפּיל־קאַזינאָ מיט טרויעריקע געדאַנקען. איך האָב פאַר מיר דערזען אַן איינגאַרטיקע סביבה, אַ וועלט פון זעליש נאַקעטע מענטשן, אַ מין קאַרנאַוואַל, וואו נאָך אַ באַשטימטער שעה מוז מען אַראָפּנעמען די מאַסקעס.

דיזעלבע מענטשן, מיט וועלכע מען פאַרקערט טעגלעך אין געזעל־שאַפטלעכן און פּריוואַטן לעבן, האָבן דאָ אַביסל געעפנט נישט נאָר זייערע געלט־בייטעלעך, נאָר אויך זייערע הערצער און די טיפענישן פון זייער

נשמה. איך האָב אָפּט ביים שפּיל־טיש אין איין מינוט דערקענט זיי מער, ווי אפשר אין יאָרן פון געמיינזאַמען לעבן, און איך מוז מודה זיין, אַז דאָס בילד איז נישט געווען זייער דערמוטיגנדיק... אין דער מלוכה פונעם שפּיל־טייוול האָט מען געקאָנט דערקענען די שוואַרצע, טייוולאָנישע זייטן פון דער מענטשלעכער נשמה...

ביינאַכט האָבן פונדערוואַייטנס געגלאַנצט אין דעם אַרומיקן חושך פון ריאָ האַנדראַ די ליכטער פונעם קאַזינאָ. אין די פענצטער האָב איך געזען מענטשלעכע שאָטנס און מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אפשר איז דער שפּיל־זאַל גאָרנישט קיין רעאַליטעט, נאָר געשפּענסטער און פאַנטאַס־טישע געשטאַלטן פילן אָן די זאַלן און דרייען זיך דאָרט אין טאַקט פון דער אינפערנאַלער מוזיק פון די רולעט־רעדער און די ביינערנע דריידלעך פון דער שטומער רולעט־מאַשין...

אין דעם ווייַנגאָרטן פון ארגענטינע

אונטן, ביי די פיס פון די ריזן־בּרג, וועלכע שניידן דורך גאַנץ אַמע־ריקע, בילדן אַ מוראַדיק־ברייטע, הויכע און לאַנגע ליניע צווישן דעם פּאַסיפיק און דעם אַטלאַנטיק און טראָגן דעם דאָפּלטן נאָמען „אַנדן־קאַרדיליערע", ליגט די שענסטע און אפשר די רייכסטע אין דער צוקונפט פּראָווינץ פון דער אַרגענטינער רעפּובליק — מענדאָסאַ.

פון די מדינות, וועלכע בילדן דעם טייל פון ארגענטינע, וואָס הייסט „קוזשאָ", איז מענדאָסאַ די גרעסטע, די חשובסטע און די פון דער נאַטור געבענטשטע פּראָווינץ. זי האָט אַ שטח פון כמעט 150 טויזנט קוואַדראַט קילאָמעטער און פאַרמאָגט איצט אַ באַפעלקערונג פון איבער אַ האַלבן מיליאָן נפשות, וועלכע האַלט אין איין פּראָגרעסיוון וואַקסן.

לויטן טעמפּ פון דעם דאָזיקן וואוקס, קאָן מען רעכענען, אַז מענדאָסאַ וועט גאָר אינגיכן דעריאָגן די גרעסטע, רייכסטע פּראָווינצן, ווי בוענאָס איירעס, סאַנטאַ פע, קאָרדאָבאַ און ענטרע ריאָס. אין דער ווייטערדיקער צוקונפט האָט מענדאָסאַ שאַנסן צו ווערן די רייכסטע און לויט איר עקאָ־נאָמישער באַדייטונג, די וויכטיקסטע אַרגענטינער פּראָווינץ.

די נאַטור, וועלכע האָט אַ גאַנצע רייע שכנותדיקע פּראָווינצן באַ־האַנדלט ווי אַ שטיפמאַמע, האָט מענדאָסער פּראָווינץ באַשאָנקען מיט אַ ברייטער האַנט מיט כּל־טוב: שיינקייט פון די לאַנדשאַפטן, אַן אויסגע־צייכנטן קלימאַט, געגרטנער פון וויין און די בעסטע פּרוכטן, אוצרות פון די טייערסטע און וויכטיקסטע מינעראַל־פּראָדוקטן און גיגאַנטישע בערג, וועלכע ליפערן דער רעגנלאָזער פּראָווינץ וואַסער און געבן די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען אַ קאָלאָסאַלע וויין־קולטור, וועלכע האָט אַ שם אין דער גאַנצער וועלט.

דער נאָמען מענדאָסאַ איז אַן אַלט־שפּאַנישער, וועלכן מען טרעפט נאָך אין דער ליטעראַטור־געשיכטע פון שפּאַניע פון מיטלאַלטער. אין 16־טן יאָרהונדערט איז געווען באַקאַנט אַ גרויסער שפּאַנישער דיכטער און היסטאָריקער דאָן דיעגאָ הורטאַדאָ דע מענדאָסאַ. פּאָרטרעטער פון דער־

דאָזיקער שפּאַנישער אַריסטאָקראַטיע האָבן מיט קאָלומבוסן אויסגעוואַנ־דערט קיין זיד־אַמעריקע און איינער פון זיי געהערט צו דער באַריםטער גרופּע פון אַרגענטינער גדולים, וועלכע האָבן געבויט און געשאַפן די איצ־טיקע גרויסע אַרגענטינער מלוכה.

מענדאָסאַ איז געווען איינער פון די, וועלכע האָבן אויפגעבויט די הויפּטשטאָט בוענאָס איירעס און טאַקע לכבוד דעם באַרימטן אַרגענטינער האָט די פּראָווינץ באַקומען איר נאָמען.

די קאָרדילייערן־בערג בילדן דעם גרעניץ־פּאַס צווישן אַרגענטינע און דער שכנותדיקער רעפּובליק טשילע. מענדאָסאַ, ליגנדיק אויף דער גרעניץ, שפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע אַלס טראַנזיט־פּונקט צווישןביידע מלוכות, וועלכע בילדן צוזאַמען מיט דער גרויסער בראַזיליאַנער רעפּובליק די באַרימ־טע מלוכה־גרופּע „אַ. בע. סע.״ (אַרגענטינע בראַזיל און טשילע), וואָס די וועלט פּאַרעכנט צו די באַדייטנדיקסטע און די גרעסטע לויט זייער פּאָלי־טישער חשיבות אויפן דרום־אַמעריקאַנישן קאָנטינענט.

די „פּאַסיפישע״ באַן־ליניע ציט זיך צווישן בוענאָס איירעס, וועלכע מען קאָן פּאַרעכענען פּאַר אַ פּאָרט אויפן אַטלאַנטיק, כאָטש די שטאָט ליגט נישט ביים אָקעאַן, נאָר ביי דעם לאַ פּלאַטאַ טייך, און דער טשי־לענער מדינה, וועלכע ליגט אויף די ברעגן פון דעם פּאַסיפישן אָקעאַן. דער „פּאַסיפיקאָ״ האָט זיך געצויגן דורך די קוזשאַנער מדינות סאַן לואיס און מענדאָסאַ און דורכשניידנדיק די קאָרדילייערן דערגרייכט טשילע ביז איר הויפּטשטאָט, סאַנטיאַגאָ דע טשילע. פון דאָרט גייט שוין אַן אַנדער באַן־ליניע דירעקט צום ים, צום וויכטיקסטן טשילענישן פּאָרט וואַלפּאַ־ראַיסאָ. אָט אַזוי האָט מען אין משך פון קאַרגע צוויי טעג געקאָנט פון בוענאָס איירעס דערגרייכן דעם שטילן אָקעאַן מיטן באַן.

דער בוי פון אַ באַן אין די מוראַדיקע שטיינערנע בערג פון די זיד־אַמעריקאַנער אַנדן, איז אַן אויסערגעוויינלעכע עובדה. מען מוז אין די שווערסטע קלימאַטישע באַדינגונגען דורכברעכן זינט מיליאָנען יאָרן איינ־געוואָרצלטע שטיינערנע בערג, דורך פעלזן און סקאַלעס אויף אַ געוואַל־טיקער הויכקייט דורכפירן טונעלן, קעמפן מיט כל המינים אומבאַשרייבלעכע טעכנישע און נאַטור־שוועריקייטן. עס איז אַ לייסטונג פון מענטשלעכער ענערגיע, מוט, עקשנות און טיפן גלויבן אין אייגענע כוחות, ממש וואונדער פון טעכנישן זשעני. מען קאָן זיך משער זיין, וואָס דער אויפבוי פון אַן אייזנבאַן דורך די קאָרדילייערן־בערג דאַרף אָפּקאָסטן געלט און כוחות.

און אַז אַלץ איז שוין ברוך־השם פאַרטיק און די באַן הויבט־אָן פונק־ציאָנירן און די אַקציאָנערן הויבן שוין אָן האָפן צו זען די ערשטע דיווי־

דענדן, קומט א ווינט, א בארג-שטורעם און צעשטערט, צעברעכט אין משך פון אייניקע שעהן די אַרבעט פון יאָרן...

אַט אַזוי איז טאַקע געשען מיט דעם „פּאַסיפיקאַ", וואו א גרויסער ציקלאָן, איינער פון די סטיכישע ווילדע לופט-שטורעמס, וואָס קאָנען חרוב-מאַכן וועלטן, האָט אין איין נאַכט מיט א יאָר צען צוריק, צעבראָכן און צעשטערט א גרויסן טייל פון דער באַן־ליניע צווישן מענדאָסאַ און דער טשילענער טעריטאָריע.

אַז מען פאָרט מיטן אויטאָ אויבן הויך פון מענדאָסאַ, צו דער טשילענער גרעניץ אין די אַנדן־בערג, זעט מען אונטן דעם גרויסן חורבן, וואָס דער ציקלאָן האָט אָנגעמאַכט: רעשטלעך פון באַן־סטאַנציעס, רואינען פון געביידעס, בערגלעך פון אייזערנע רעלסן, שטיקער פון הילצערנע גרויסע באַלקעס און קלעצער פון די צעבראָכענע בריקן, א טרויעריקער זכר פון דער אַמאָליקער שיינער באַן־ליניע, און היינט פאָרט מען שוין זינט צען יאָר מיט אויטאָמאָבילן דורך די שמאָלע, אָפט געפערלעכע וועגן צווישן און דורך די בערג ביז הויכן פונקט, לערך 3.500 מעטער איבערן ים־פלאַך, וועלכער הייסט פונטאַ „דע וואַקאַס" (דער פונקט פון די קי).

וואָס פאַראַ בהמות האָבן זיך עס געקאָנט פאַשען אויף דער הויך פון די קאָרדיליערן, וואו עס שווינדלט ממש דער קאָפּ און עס ווילט זיך נישט אַראָפּקוקן אונטן, צו די אָפּגרונטן, ווייס קיינער נישט. די איינציקע חיה, וואָס קאָן זיך פאַשען און געפינען דאָ צווישן הימל און ערד איר חיונה, איז נאָר א באַרג־ציג, און אפשר אויך דער באַרג־אָדלער „קאָנדאָר", וואָס האָט ערגעץ דאָ אויף די פעלזן זיין נעסט.

נאָר די נעמען, וועלכע מען טרעפט אין זיד־אַמעריקע, זיינען אָפט א רעטעניש און שטאַמען פון א גרייזיקן אויסטייטש אין שפּאַניש פון אַלטע אינדיאַנישע ווערטער. אפשר האָט אָט דער אומפאַרשטענדלעכער נאָמען פאַר א באַרג־שפּיץ „פונטאַ דע וואַקאַס" געהאַט פריער, אין די צייטן פאַר דער שפּאַנישער דעראָבערונג, גאָר אַן אַנדער באַדייטונג.

דער טוריסט האָט קיין צייט נישט אָפּצושטעלן זיך אויף אַזוינע פּלפּולים, וואָס קאָנען אינטערעסירן פאָרשער. ער מוז זיך צואיילן, אויב ער וויל נישט בלייבן דאָ אין מדבר אין די אַנדן־בערג אויף כמעט פיר קילאָמעטער די הויך. די באַן, באַרג־אַראָפּ, וועט אים אַוועקפירן אין א בליענדן, וואונדערבאַר־שיין לאַנד, טשילע, צו דער הויפּטשטאָט סאַנטיאַגאָ דע טשילע.

מענדאָסאַ איז, אַלזאָ, איצט די אַזוי צו זאָגן גרעניץ־שטאָט צווישן אַרגענטינע און טשילע, כאָטש ביז דער גרעניץ גופא איז דאָ א שיינער

מהלך פון כמעט דריי הונדערט קילאָמעטער דורך די קאָרדיליערן. פון שטאַנדפּונקט פון אינטערנאַציאָנאַלן פאַרקער, האָט מענדאָסאַ באַקומען אַ גרויסע באַדייטונג. דאָ איז דער קנופּן־פּונקט סיי פאַרן אויטאָ־פאַרקער און סיי פאַר דעם איצט שטאַרק אַנטוויקלטן לופט־פאַרקער. צווישן טשילע און אַרגענטינע פליִען אַוויאָנען, וועלכע אונטערהאַלטן אַ רעגולערן פּאָסט־ און פּאַסאַזשירן־פאַרקער צווישן ביידע מלוכות.

חוץ דעם האָט מען אַרום מענדאָסאַ אָנגעהויבן נאָך יאָרן פאַרהאַנד־לונגען צו בויען די צעבראָכענע באַן־ליניע און עס איז צו האָפן, אַז דער אין די בערג אָפּגעשטעלטער „פּאַסיפיקאָ" וועט באַלד אָנהויבן פונקציאָ־נירן און פאַרשפּאָרן די טוריסטן קיין טשילע אַ סך קאָפּ־ווייטיק און שרעק, וועלכע זיי מוזן נעבעך איבערלעבן ביים אויטאָ־פאַרקער דורך די בערג. דער אויטאָ־פאַרקער האָט נאָך אַ חסרון: ווינטער, ביי די גרויסע שנייען און שטורעמס, איז דער וועג קיין טשילע דורך די בערג בכלל געשלאָסן, אַפילו די אַוויאָנען קאָנען ביי די וועטערן נישט ריזיקירן צו דורכפליִען די אַנדן, מען מוז במחילה זיצן אין דער שיינער מענדאָסאַ אין האָטעל און וואַרטן אויף אַ בעסערן וועטער.

דער הויפּט־שטאָלץ און הויפּט־פּראָדוקט פון מענדאָסאַ זיינען די וויינ־טרויבן און די וויינען, וועלכע זיינען באַרימט אין דער גאַנצער וועלט. גאָר גרויסע מבינים, מענטשן, וועלכע שטאַמען דירעקט לויט זייער יחוס און טאַלאַנטן פון דעם ערשטן שיכור פון דער וועלט־געשיכטע, נח'ן, אַז די בקיאים אין יין־גפן, יין־צמוקים, יין־שרף און אַנדערע סאָרטן משקאות, באַהויפּטן, אַז קענען מענדאָסער וויינען מעגן זיך באַגראָבן אַפילו די באַ־רימטע פראַנצויזישע און דייטשע וויינען.

עס איז מסתמא אַ פּאַטריאָטישע גוזמא פון די אַרגענטינער וויין־שמע־קער, נאָר מעגלעך איז דאָס אַזוי, ווייל סוף כל סוף איז די פּראָבלעם פון משקה אַ געשמאַק־זאַך און אויך אַ פּראָפּאַגאַנדע־ענין. אַרגענטינע פאַר־מאָגט אַ רייע אויסגעצייכנטע פּראָדוקטן, וועלכע וואָלטן ביי דער געהע־ריקער פּראָפּאַגאַנדע באַשטימט דעראָבערט די וועלט־מערק. נאָר דעם זיד־אַמעריקאַנער פעלט נאָך דער גייסט פונעם אייראָפּעאישן אָדער יענ־קישן סוחר, וועלכע פאַרשטייען דעם עסק רעקלאַמע זער גוט.

די דייטשע וויינען, מיטן אויסנאַם פון געצייילטע סאָרטן, האָבן מיים־טגס אַ טעם חלשות, נאָר די „יעקעס", פּונקט אַזוי ווי די אַמעריקאַנער „יענקיס" פאַרשטייען צו מאַכן די נויטיקע פּראָפּאַגאַנדע פאַר זייערע סחורות. עס איז דעריבער טאַקע אפשר נישט קיין גרויסע גוזמא צו

באהויפטן, אז מענדאָסער ווײַנען קאָנען קאָנקורירן לויט זייער קוואַליטעט, מיט די בעסטע אייראָפּעאישע ווײַנען.

אויך דער עקספּאָרט פון די אַרגענטינער ווײַנען איז נאָך רעלאַטיוו קליין, איז אָבער דער ווײַנטרויבן־עקספּאָרט באַזונדערס פון די הויכע „טראַפּיטשע״־סאָרטן, זער גרויס. די ווײַנטרויבן ווערן אין באַזונדערע „פרינגאַריפיקאָס״ און קיל־הייזער קאָנסערווירט און שפּעטער עקספּאָרטירט הויפּטזעכלעך קיין נאָרד אַמעריקע, וועלכע איז אין די לעצטע יאָרן געוואָרן אַ גרויסער קונה פון אַרגענטינער ווײַנטרויבן, ווײַנען, עפּל, באַרנעס און אַנדערע פרוכטן, וועלכע שטאַמען פון מענדאָסאַ, סאַן כואַן, ריאָ נעגראָ און אַנדערע פּראָווינצן.

די ווײַנגערטנער און די ווײַן־קעלערס זײַנען לויט זייער פּראָדוקציע און עקספּאָרטאַציע אַוועקגעשטעלט אין מענדאָסאָ אויף אַ גאָר הויכער טעכנישער און סוחרישער מדרגה. דאָס קומט דערפון, וואָס אין מענדאָסאָ, געגנוי ווי אין סאַן כואַן, זײַנען די גערטנער און די ווײַן־קעלערס קאָנצענטרירט אין די הענט פון געציילטע גרויסע באַזיצער: אַקציען־געזעלשאַפטן מיט מיליאָנען־קאַפּיטאַלן, גרויסע גרונט־אייגנטימער אָדער סוחרים מיט גאָר גרויסע געלט־מיטלען.

דידאָזיקע אונטערנעמער זײַנען אומשטאַנד דורכצופירן אויף אַ מאָדערנעם אופן אַלע נויטיקע טעכנישע אָפּעראַציעס, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיט דער ווײַן־פּראָדוקציע. דער גאַנצער ווײַן־געשעפט איז פונעם ערשטן טאָג פון בליען פון דעם ווײַנטרויב־בוימעלע פאַרבונדן מיט די גרעסטע סכנות און ריזיקעס. שוין נישט רײדנדיק פון דער געפערלעכער „פילאָקסעראַ״, אַ מין ווײַן־משחית, וואָס מאַכט אַ תל פון די ווײַנטרויבן, איז פאַר דעם ווײַנטרויב פאַראַן נאַטור־סכנות פון אַלע זייטן. קעלט, רעגנס, האָגל און אַנדערע שלעק קאָנען אין איין טאָג פאַרניכטן די גאַנצע גערעטעניש.

שפּעטער, איז די קוואַליטעט פונעם ווײַנטרויב ווייטער אַ וויכטיקע פּראָבלעם און נאָך דער קאָמפּליצירטע הויבט זיך אָן די זייער קאָמפּליצירטע פּראָדוקציע פון ווײַן און זײַן קאָנסערווירונג. עס איז אַ לאַנגער און לאַנגזאַמער פּראָצעס פונעם ווײַנטרויב ביז דעם קאָנסום־ווײַן. יאָרנלאַנג מוז דער ווײַן ליגן אין די קעלערס ביי באַשטימטע טעמפּעראַטורן און אַנדערע באַדינגונגען, ביז ער דערגרייכט צו דעם טרינקער.

און דאָס איז דאָך שוין אַן אַלטער שפּריכוואָרט: וואָס עלטער דער ווײַן, אַלץ בעסער איז ער. אויסצוהאַלטן יאָרנלאַנג אַ טויטן ווײַן־קאַפּיטאַל אין

קעלער, פאַרערט גרויסע מיטלען און אַ גרויסן, פּערפעקטן טעכנישן אַפּאַראַט.

וואָס איז דער וואונדער, אַז דער טיף פונעם קליינעם ווייַן־פּראָדו־צענט פאַרשווינדט ביסלעכווייז אין דער גאַנצער וועלט און זיין פּלאַץ פאַרנעמט די אינדוסטריאַליזירטע גרויס־פּראָדוקציע מיט קאָלאָסאַלע קאַ־פּיטאַלן און געוואַלטיקע טעכנישע און האַנדלס־אָרגאַניזאַציעס?

מענדאָסאַ איז דעריבער מקדם קדמונים געווען דאָס קלאַסישע לאַנד פון די גרויסע ווייַנקעלער־באַזיצערס, וועלכע האָבן דאָ געגעבן דעם טאָן אין דער פּאָליטיק און באַהערשט דאָס עקאָנאָמיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן. באַזונדערס שטאַרק זיינען געווען די ווייַן־מאַגאַזינען פריער, ווען אין מענ־דאָסאַ איז נישט געווען קיין אַנדער אינדוסטריע און די גאַנצע פּראָווינץ איז פשוט געליגן אין די הענט פון אַ פּאָר צענדליק אַריסטאָקראַטישע פאַמיליעס — די אייגנטימער פונעם לאַנד און די גערטנער.

איצט האָבן די ווייַן־פּראָדוצענטן אויפגעהערט צו זיין די הויפּט־יחסנים און מאָנאָפּאָליסטן אין מענדאָסאַ, ווייל חוץ ווייַן, האָט מען אין מענדאָסאַ אַנטדעקט גרויסע אוצרות פון נאַפט און אַנדערע מינעראַלן. די רייַן־אַגריקולטורעלע פּראָווינץ ווערט ביסלעכווייז אינדוסטריאַליזירט און נייע סאָציאַל־עקאָנאָמישע כוחות רייסן זיך אַריין אין דער אידילישע פון מענדאָסער לעבן, באַדעקן די מילדע, שיינע לאַנדשאַפט מיט הויכע קוימענעס, מיט לאַנגע נאַפט־רערן, מיט די קאָמפּליצירטסטע מאַשינען־קאָנסטרוקציעס און גרויסע געביידעס־קאַזאַרמעס.

צום מחיהדיקן ריח פון ווייַן, בשמים און פרוכטן, מישן זיך צונויף די שטינקנדיקע גאַזן פון די נאַפט־פּראָדוקטן. דער גרויסער ווייַנגאָרטן, אַזוי ווי טשעכאָווס „קאַרשן־גאָרטן”, הערט שוין די האַק פונעם אַרבעטער, דעם פייף פון די לאָקאָמאָטיוון און מאַשינען, דעם גערויש און טומל פון דער גרויס־אינדוסטריע.

דאָס נייע לעבן פאָדערט נייע פאָרמען, שאַפט נייע שיינקייטן; און מענדאָסאַ איז היינט אַן אמתער וואונדער פון דער נאַטור און טעכניק, אַ סינטעטישע אַרבעט פון דעם מענטשן און די סטיכישע כוחות פון דער נאַטור.

— 2 —

וואַסער און ווייַן

די הויפּט־פּראָבלעם פון אַלע געגנטן, וועלכע ליגן אין די בערג ווייַ־טער צום צפון, איז דער קאַטאַסטראָפאַלער מאַנגל אין וואַסער. די אייו־

ביקע טריקעניש און די שווערקייטן — טעכנישע און פינאַנציעלע — צוצוקומען צו די קוואַלן אין די בערג און צוצופירן דאָס וואַסער נאָענט צו די מענטשלעכע ישובים, — דאָס זיינען די הויפּט־פאַקטאָרן, וועלכע פּאַראַליזירן די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון די וואַסערלאָזע פּראָווינצן און שאַפן זייער שווערע באַדינגונגען פאַר דער עקזיסטענץ פון דער באַפעלקערונג.

כל זמן עס וועט נישט ראַדיקאַל געלייזט ווערן די דאָזיקע וואַסער־פּראַגע, זיינען די דערמאָנטע טיילן פון אַרגענטינער רעפּובליק פאַראורטיילט צו שטענדיקער אָרימקייט און סאָציאַל־עקאָנאָמישער דעקאַדענץ. אַ גליקלעכע אויסנאַמע בילדן די צוויי רייכע פּראָווינצן — סאַן כואַן און מענדאָסאַ, וואו די פּראָבלעם פון וואַסער איז געלייזט אויף אַ גלענצענדן אופן אַדאַנק מענטשלעכער ענערגיע און עקשנות און באַדייטנדיקער טעכנישער לייסטונג.

באַזונדערס בולט זעט מען דעם נצחון פון מענטשלעכן זשעני אין דער פּראָווינץ מענדאָסאַ, וואו די פּראָבלעם פון וואַסער איז אַ פּראַגע פון לעבן און טויט פאַר דעם גאַנצן קיום פון דער דאָזיקער פון גאָט געבענטשטער און רייכער אַרגענטינער פּראָווינץ. ווי קאָן אַ גרויסער ווייגאַרטן אויסקומען אָן וואַסער? און וואָס וואָלט מענדאָסאַ געווען אָן אירע ווייןאון פּרוכט־גערטנער? אַ גרוים לאַנד אָן באַדייטונג צווישן דעם מדבר פון די קאָרדיליערן־בערג...

מענדאָסאַ האָט מזל, וואָס זי ליגט גאָר נאָענט צו די אַנדן־בערג מיט זייערע מוראדיק־גרויסע מאַסן שניי אויף די הויכע שפּיצן. הויבט זיך אָן אַ שניי־שטורעם, ווערן די וועגן באַדעקט מיט זייער־געדיכטן שניי, וועלכער דערגרייכט אָפּט די טיפקייט פון פיר־פינף מעטער. דעמאָלט שטעלט זיך אָפּ דער גאַנצער טראַפיק, נישט מיט אויטאָמאָבילן, נישט מיט פערד און אַפילו נישט מיט אוויאָנען קאָן מען דורכפאָרן אין אַזאַ צייט די בערג.

נאָר אויב די טוריסטן זיינען אומצופרידן, וואָס די געוואַלטיקע שניי־מאַסע לאָזט נישט דורך זייערע קאַראַוואַנען און די פּאָסט ווערט אויך פּאַראַליזירט, זיינען אָבער די דאָזיקע גרויסע קאָנצענטראַציעס פון שנייען אויף די קאָרדיליערן־בערג אַן אמתע מזל־ברכה פאַר דער מענדאָסער פּראָווינץ. דער שטורעם דויערט אייניקע טעג און גייט פאַרביי; דער שניי בלייבט און דעמאָלט הויבט זיך אָן דער פּראָצעס פון שמעלצן פונעם שניי אונטער די הייסע שטראַלן פון דער אַרגענטינער זון. עס הויבן זיך אָן באַוועגן אין די בערג געוואַלטיקע שטראָמען וואַסער פון די בערג אַראָפּ צו די טאָלן און פאַר דעם מענטשן שטייט נאָר די אויפגאַבע אויפצוכאַפּן

די דאַזיקע טייכן און שטראָמען און זיי צו דיריגירן אַהין, וואו מען קאָן באַלעבן, באַפרוכטן, באַגיסן מיט לעבעדיקע „מים־חיים" די פעלדער און די גערטנער.

מענדאָסאַ האָט די אויפגאַבע גלענצנדיק געלייזט דורך אַ וואונדערבאַרן סיסטעם פון אייגנאַרטיקע קאַנאַלן — גרויסע און קליינע, — וועלכע שניידן דורך כמעט די גאַנצע פּראָווינץ און ליפערן וואַסער פאַר אַלע צאַלרייכע וויינגערטנער, פרוכט־פּלאַנטאַציעס און פעלדער. דער סיסטעם איז שטרענג רעגולירט דורך שליוזן, וועלכע פירן צו די איינצלנע גערטנער און פעלדער, אַזוי אַז דאָס וואַסער קאָן יעדן אויגנבליק אָפּגעשטעלט ווערן און דיריגירט ווערן אין אַן אַנדער ריכטונג.

יעדע געגנט האָט איר „טורנאָ" פאַר באַוואַסערונג און צו דער באַשטימטער צייט ווערט געעפנט אַ שליוזע, אַ קליינע טיר, דורך וועלכער דאָס פעלד באַקומט זיין „פּאָרציע" וואַסער, וועלכע איז גענוג פאַר דעם טייל פון דער געגנט. די בארג־שנייען גיבן אַזוי פיל וואַסער, אַז מענדאָסאַ נוּיטיקט זיך נישט אין „ראַציאָנירונג" פון וואַסער. מען קאַרגט דאָרט נישט מיט די פּאָרציעס און יעדער באַקומט פאַר זיין גאָרטן, פּלאַנטאַציע און פעלד אַזוי פיל, וויפיל ער דאַרף, אָבער שטענדיק לויט אַ גענוי אויסגעאַרבעטן „טורנאָ".

און נישט נאָר די פעלדער און גערטנער, נאָר די הויפּטשטאָט פון דער פּראָווינץ גופא איז דורכגעשניטן מיט אַ גאַנצן סיסטעם פון קליינע, שמאָלע קאַנאַלן, וועלכע זעען אויס, ווי רינשטאָקן, אָבער זיינען פול מיט פרישן, קלאָרן וואַסער פאַר די הצטרכותן פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג. דורך דעם דאַזיקן טעכניש אויסגעצייכנטן באַוואַסערונגס־סיסטעם און קאָמפּליצירטע קאָנסטרוקציעס, כדי צו רעגולירן די שטאַרקע און ווילדע בארג־שטראָמען, איז געלונגען ראַדיקאַל צו לייזן די וואַסער־פּראָבלעם אין מענדאָסער פּראָווינץ, וואו דער רעגן איז אַ זעלטענער גאַסט און וואו די קינסטלעכע איריגאַציע האָט באַוויזן וואונדער און באַזיגט די מריקעניש מיט אַלע זייערע שרעקלעכע קאָנסעקווענצן.

מענדאָסאַ איז דעריבער אַ בליענדע שטאָט, פול מיט גרינע ביימער, וואונדערבאַרע אַלייען און פאַרמאָגט אַ קאָלאָסאַלן שטאָט־פּאַרק, אפשר דעם גרעסטן אין זיד־אַמעריקע. דער פּאַרק, מיט זיינע קינסטלעכע טייכן דערמאָנט שטאַרק דעם וועלט־באַרימטן „וואַלד פון בולאָן" אין פּאַריז און איז, לויט זיין שטח, אפשר גרעסער, ווי דער פּאַריזער פּאַרק. מענדאָסאַ פעלט נאָר דער שוואונג, די נאַטירלעכע שיינקייט און אייגנאַרטיקער צויבער פון די וואונדערבאַרע פּאַריזער אַלייען.

דאָ, אין מענדאָסאַ, שמעקט מיט קינסטלעכקייט, צו־שאַרף שפירט מען דאָ די מענטשלעכע האַנט, די טעכניק, דעם אינזשעניער און דעם אַרכיטעקט. אין מענדאָסאַ איז, חוץ די אייביקע, גיגאַנטישע קאָרדיליערן מיט זייערע ווייסע שניי־קעפּ, אַלץ כמעט קינסטלעך, אַ פּראָדוקט פון מענטשלעכע הענט און שכל. פונדעסטוועגן איז די שטאָט מענדאָסאַ איינע פון די שענסטע שטעט, און איר פּאַרק — דער גרעסטער און פּראַכטפולסטער אין אַרגענטינע.

דער טעכניק איז געלונגען צו שאַפן אַ פּערמאַנענטן קוואַל פון וואַסער, וועלכע באַלעבט דאָס גאַנצע מענדאָסער לאַנד, און צו מאַכן פון אַ קליינער פּראָווינץ־שטעטל אַן אינטערעסאַנטן, לעבעדיקן, רירעוודיקן, דינאַמישן צענטער, וועמען עס שטייט פאַר אַ גלענצנדיקע עקאָנאָמישע צוקונפט.

די שטאָט און איר אומגעגנט, איז פול מיט זכרונות און היסטאָרישע רעמיניסצענצן, וועלכע זיינען ענג פאַרבונדן מיט דעם גרעסטן אַרגענטינער נאַציאָנאַלן העלד — ס אַ ן מ אַ ר ט י ן. דער אויבנדערמאָנטער פּאַרק פון מענדאָסאַ טראָגט דעם נאָמען פון סאַן מאַרטין. עס איז דאָ אַ באַזונדער מוזיי סאַן מאַרטין, אַ רייע גאַסן און פּלעצער, וועגן, באַרג־פונקטן און אַנדערע מקומות, וועלכע טראָגן דעם נאָמען פון דעם גרויסן גענעראַל. אינטערעסאַנט איז אַ ספּעציעלער מאָנומענט, געווידמעט אַ היסטאָרישער דאַטע, „סערראָ דע לאַ גלאָריאַ", ווען סאַן מאַרטין איז דאָ מיט זיינע חיילות אריבער דורך די קאָרדיליערן קיין טשילע. בכלל פילט מען אין מענדאָסאַ די נאָענטקייט פון דער שכנותדיקער שיינער רעפּובליק טשילע, אין פיל הינזיכטן.

די שטאָט איז פול מיט טוריסטן־ביוראָען, וועלכע פאַרשאַפן ביליקע רייזעס קיין טשילע, אַ רייע אויטאָמאָביל־ליניעס פירן דורך די בערג אריבער די גרעניץ, מען אָרגאַניזירט זומער־צייט אייניקע מאָל אין וואָך עקסקורסיעס צו דעם „ברודער־פאָלק", טשילענער, וועלכע זיינען, לויט זייער שפּראַך, היסטאָרישן גורל, פּאָליטישע אינסטיטוציעס, נאָענט פאַרבונדן מיט דער אַרגענטינער דעמאָקראַטיע.

צווישן מענדאָסאַ און טשילע ציען זיך טויזנטער עקאָנאָמישע, סאָציאַלע, קולטורעלע און פּאָליטישע פעדים און נאָר די אַנדן־בערג בילדן אַ נאַטור־מחיצה צווישן דער אַרגענטינער און טשילענער קולטורן. דער מענטש האָט אָבער פאַרשטאַנען די דאָזיקע שטיינערנע וואַנט כמעט צו באַזייטיקן.

חוץ דער באַן־ליניע „טראַנסאַנדינאַ", וועלכע איז אייגנטלעך נאָר א פאַרלענגערונג פון דער אייזנבאַן־ליניע „פּאַסיפיקאַ", ציען זיך טעגלעך קאַראַוואַנען פון אויטאָס, אָמניבוסן און אפילו פערד־פורן איבער די שמאָלע סטעזשקעס פון די קאָרדיליערן; אַוויאָנען פליען איבער די הויכע שניי־שפּיצן און בילדן א בריק צווישן ביידע מלוכות.

נאָר אמאָל, אין די ווינטער־חדשים, גיט דער אַלטער, פאַרכמורעטער באַרג א ברום, א ווילדער ווינט און שטורעם רייסט זיך אַרויס מיט מוראַדיקע אור־כוחות פון די טיפעניש פון די באַרג־אָפּגרונטן און דער־מאָנט דעם מענטשן זיין שוואַכקייט קעגן די נאַטור־געוואַלטן פון דער אייביקער סטיכיע. דעמאָלט טויכט אויף ווידער די מחיצה און אויף א קורצער צייט שטעלט זיך אָפּ דער לעבעדיקער שטראָם פון מענטשן, סחורות און קולטורעלע ווערטן, צווישן אַרגענטינע און טשילע. נאָר אויף א צייט, ביז די בערג באַרואיקן זיך און בלייבן ווייטער פאַרשטיינערט אין זייער מאַיעסטעטישער גרויסקייט און שטראַלנדיק ווייסער שיינקייט און די שטורעמדיקע ווינטן פאַרקריכן ערגעץ וואו אין דער קאָסמישער אומ־ענדלעכקייט...

— 3 —

נאַפט און ווייַנגאָרטן

זי איז א מזלדיקע פּראָווינץ, אָט די מדינה מענדאָסאַ. אויב ביז די לעצטע יאָרן איז זי געווען דער גרעסטער ווייַנגאָרטן פון אַרגענטינע, דער גרעסטער פּראָדוצענט פון כל המינים ווייַנען פון די ביליקסטע ביז די העכסטע וועלט־באַרימטע סאָרטן, האָט מען אין די לעצטע יאָרן אַנט־דעקט אין דער פּראָווינץ געוואַלטיקע אוצרות פון נאַפט.

אַרגענטינע איז בכלל זייער רייך אין נאַפט און פאַרמאָגט אין פאַר־שידענע פּראָווינצן רייכע קוואַלן פון דעם „שוואַרצן גאָלד", וועמענס באַ־דייטונג האָט מען ערשט אָנגעהויבן אָפּצושאַצן אין דער איצטיקער אייראָ־פּעאישער מלחמה מיט איר קאָלאָסאַלער מעבאַניזאַציע פון די קריגס־מיטלען. פון אַן אומבאַדייטנדיקער, קליינער אינדוסטריע אין אָנהויב פון אונדזער יאָרהונדערט, האָט די נאַפט־פּראָדוקציע אין אַרגענטינע אין משך פון די לעצטע 25 יאָר דורכגעמאַכט א גיגאַנטישע אַנטוויקלונג, וועלכע האָט אַרגענטינע אַוועקגעשטעלט אויף א חשובן פּלאַץ צווישן די וועלט־פּראָדוצענטן פון נאַפט.

לויט זייער קאפאציטעט האבן די ארגענטינער נאפט־קוואלן געקאנט פון היגן מארק ארויסשטויסן אינגאנצן די אויסלענדישע נאפט־פראדוקטן, וועלכע ווערן נאך אימפארטירט אין לאנד.

די גרעסטע נאפט־גרובנס און ראפינעריעס געפינען זיך אין דרום פון ארגענטינע, נעבן די גרעניצן פון פאטאגאניע, אין דער געגנט פון קאמאדארא ריוואדאוויא. דארט האבן די נאפט־קוואלן געליפערט כמעט אכציק פראצענט פון דער נאציאנאלער פראדוקציע. איצט, מיט דער אנטדעקונג פון די מענדאסער נאפט־אוצרות, האט זיך דאס בילד שטארק געביטן. מענדאסער נאפט הויבט אן צו שפילן א געוואלטיקע ראלע הן דורך איר הויכער קוואליטעט, הן דורך די קאלאסאלע מענגעס פונעם פראדוקט אין דער ארגענטינער נאפט־פראדוקציע.

עס איז א סברא, אז גאר אין א קורצער צייט, וועט מענדאסא פארנעמען אויפן נאפט־מארק א וויכטיקערן פלאץ, ווי די דרום־גרובן, ווייל די קוואלן פון דעם היגן נאפט זיינען, לויט דער מיינונג פון מבינים און גרויסע עקספערטן, כמעט אומדערשעפלעך. וואס פארא באדייטונג די אנטוויקלונג פון אזא וויכטיקער נאציאנאלער פראדוקציע, ווי נאפט, קאן האבן פאר דער צוקונפט פון מענדאסער פראווינץ, איז לייכט אפצושאצן, ווייל היינטיקע צייטן איז נאפט פיל וויכטיקער, ווי ריינער גאלד. נאפט רעגירט היינט די וועלט און וואויל איז דער מלוכה, וועלכע באזיצט אייגענע נאפט־אוצרות, ווי די ארגענטינער רעפובליק.

די ניי־אנטדעקטע נאפט־קוואלן געפינען זיך נישט ווייט פון דער הויפטשטאט מענדאסא. די פראדוקציע ווערט געפירט טעכניש לויט דעם לעצטן מאדערנסטן סיסטעם, דורך דעם מלוכה־דעפארטאמענט פאר נאפט וועלכער איז דער מאנאפאליסט פאר דעם גאנצן האנדל און אינדוסטריע פון נאפט אין ארגענטינע. עס זיינען דורכגעפירט אלע נויטיקע טעכנישע איינריכטונגען, רערן, באזונדערע באן־ליניעס, טאנקען, וכדומה עלעמנטן, וועלכע זיינען נויטיק פאר דער נאפט־פראדוקציע נאך אלע ביז־איצטיקע איינריכטונגען קלעקן שוין נישט פאר די געוואלטיקע קוואלן נאפט, וואס די ערד גיט ארויס.

די נאטור, אין איר עלעמענטארער קראפט, איז שטארקער ווי די גאנצע טעכניק און וויסנשאפט פונעם מענטשן. די נאפט־אוצרות זיינען אזוי גרויס, דער פלייסיקער שווארצער גאלד שפריצט מיט אזא רייכקייט און כוח פון אונטער דער ערד, אז דער מענטש קאן גארנישט באוועלטיקן און אויפכאפן די מוראדיקע כוואליעס פון נאפט. ווי אמאל אין נארד אמעריקע, דער לעגענדארער קלאנדאיק מיט זיינע געוואלטיקע גאלד־מינעס,

קימבערליי אין זיד־אַפריקע, מיט זיינע דיאַמאַנטן־פעלדער, אַזוי ווערט מענדאָסאַ דער נאַפט־קלאָנדאַיק פון אַרגענטינע.

נאָר די ראָמאַנטיק פון דער ווייטער און קאַלטער אַלאַסקאַ, וועלכע עס האָט אַזוי שיין באַזונגען דזשעק לאָנדאָן, די ווילדע אַוואַנטורעס פון די דימענטן־זוכער אין ראָדעזיע, די גאַנצע פילם־סצענאַריע פון די אַלטע צייטן, איז איצט פאַרשוואונדן.

צו די מענדאָסער נאַפט־אוצרות ציען זיך נישט קיין קאַראַוואַנען מוטיקע, האַלב־ווילדע פיאָנערן־זוכער פון גאָלד און אַוואַנטורעס, נאָר עס פאָרן הויך־געבילדעטע אינזשעניערן אין וואונדערבאַרע לוקסוס־אויטאָס, ציען זיך קאַמיאָנען מיט מאַשינען קילאָמעטער־לאַנגע רערן, מוראַדיק גרויסע טאַנקען. די וועלט איז געוואָרן „ציוויליזירט", די מאָדערנע טעכניק און דער מלוכה־קאַפיטאַליזם האָט אומעטום דערהרגעט די אַלטע ראָמאַנטיק אַרום די לעגענדאַרע גרובן פון אונטערערדישע אוצרות...

די נאַפט־אינדוסטריע האָט פאַר דער פּראָווינץ מענדאָסאַ געעפנט קאָלאָסאַלע פּערספּעקטיוון עקאָנאָמישע און פּאָליטישע. פון אַ האַלב־פעאָדאַלער אַגריקולטור־פּראָווינץ מיט אַן אייגנאַרטיקער ווירטשאַפט, געבויט אויף ווייַן־פּראָדוקציע און פרוכט־קולטור, איז מענדאָסאַ געוואָרן אַ פּראָווינץ מיט אַ הויכער אינדוסטריע פון נאַפט־פּראָדוקטן פון איין זייט און אַ ווייַן־אינדוסטריע פון דער צווייטער זייט.

דער ווייַן־האַנדל און די ווייַן־פּראָדוקציע ליגט שוין נישט אין די הענט פון די היימישע מאַגנאַטן פון דער אַלטער אַריסטאָקראַטיע, נאָר איז אַריבער צו די אויסלענדער, איטאַליענער, שפּאַניער, יידן, און נאָך מער צו די גרויסע ווייַן־טרוסטן און די הינטער זיי שטייענדיקע בענק.

אַרום מענדאָסאַ ליגן די „באָדעגאַס", פון וועלכע אייניקע געהערן לויט זייער פאַרנעם, צו די גרעסטע אין דער וועלט, ווי למשל די באַרימטע „טראַפּיטשע", טאָמבאַ, אַריסו און אַנדערע וועמענס ווייַנקעלערס ציען זיך אויף גאַנצע קילאָמעטערס און וועמענס ווייַנגערטנער פאַרנעמען געוואַלטיקע שטחים. אויף די דאָזיקע ווייַנגערטנער און קעלערס אַרבעטן אין דער צייט פון שניט טויזנטער אַרבעטער, אַ גרויסע צאָל אימיגרירטע פון די שכנותדיקע אָרימע פּראָווינצן, עס אַרבעט אַ קאָלאָסאַלער פּערסאָנאַל אין די קעלערס, גאַראַזשן, קאַנטאָרן א. א. וו.

גלייכצייטיק האָט זיך אין מענדאָסאַ אַנטוויקלט אַ גרויסע פעסער־אינדוסטריע, ספּעציעל פאַר דער ווייַן־פּראָדוקציע. די פּראָווינץ לעבט נאָך איצט צום גרעסטן טייל פון דער ווייַן־ און פרוכט־פּראָדוקציע. חוץ רויע פרוכטן פון כל המינים, פון וועלכע ווייַנטרויבן און טאָמאַטן פאַרנעמען

דעם וויכטיקסטן פּלאַץ, האָט זיך אין מענדאָסאַ אַנטוויקלט אַ שטאַרקע פאַבריקאַציע פון פרוכט- און געמיזע-קאָנסערוון, אויך אַ גרויסער עקס-פּאָרט פון געטריקנטע פרוכטן.

אַ באַדייטנדיקן עקספּאָרט האָט מענדאָסאַ אין אויל, פּראָדוצירט פון דער זריעה פון וויינטרויבן, אויך אין ווייַן-עסיק און אַנדערע פּראָדוקטן פון דער ווייַן-אינדוסטריע ווי אַלקאָהאָל, ספּירט, וכדומה.

אַלץ איז אָבער שוין שטאַרק אינדוסטריאַליזירט און האָט אויף מענ-דאָסאַ אַרויפגעלייגט אַ נייעם חותם פונעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם. מענ-דאָסאַ, די קלאַסישע שטאָט פון ווייַן, מאַכט נישט דעם איינדרוק פון אַ „קאָלאָניאַלער" שטאָט. זי איז אין איר אַרכיטעקטור, בוי פון די גאַסן, אויסערלעכן אויסזען, אַ פולשטענדיק מאָדערנע שטאָט מיט אַלע אַטרי-בוטן פון דער מאָדערנער קולטור.

איצט איז נאָך צוגעקומען אַן אייגענער „אוניווערזיטעט" מיט אַ ריי פאַקולטעטן. מענדאָסאַ ברויכט שוין נישט מער צו שיקן אירע יונ-געלייט צו פרעמדע אוניווערזיטעטן. פון פּאַראַיאַרן אַן פונקציאָנירן שוין אין שטאָט אַ ריי וויכטיקע פאַקולטעטן.

דער פּראָצעס פון אינדוסטריאַליזאַציע דרינגט אַריין אויך אין די קאָרדיליערן-בערג. חוץ דעם נאַפט, וועמענס פּראָדוקציע פאַרלאַנגט גע-וואַלטיקע קאַפּיטאַלן, האָט מען די מינעראַל-וואַסער-קוואַלן אויך שטאַרק אינדוסטריאַליזירט. די באַרימטע „ווישאַוויסענסיאַ" מינעראַל-וואַסער-קוואַלן געפינען זיך אויך אין אַנדן-בערג, אויף דער הויך פון 1800 מעטער איבערן וואַסער-שפּיגל לערך פופציק קילאָמעטער פון מענדאָסאַ.

מען פּראָדוצירט אויך אין גרויסן מאַסשטאַב פּאָרטלאַנד-צעמענט, דעם רוי-פּראָדוקט געפינט מען אין די בערג. ווייטער, העכער פון מענ-דאָסאַ, צו דער טשילענישער גרעניץ, ליגן אַ ריי פונקטן, וועלכע פאַר-מאָגן באַשטימט קאָלאָסאַלע אוצרות פון מינעראַלן און מעדיציניש-וויכ-טיקע קוואַלן פון מינעראַל-וואַסערן. היינט צו טאָג זיינען די דאָזיקע פונק-טן נאָר אינטערעסאַנטע אויספלוג-ערטער פאַר טוריסטן; די באַרג-סטאַנ-ציע פּונטאַ דע וואַקאַס, פּונטאַ אינקאַ, לאַס קועוואַס, קריסטאַ רעדענטאָר, וועלכער ליגט שוין גאָר הויך, אויף 3.200 מעטער איבער ים-שפּיגל, אין די שניי-פּונקטן פון לאַס קועוואַס, קאָן מען שוין דורך אַ טונעל אַריבער-גיין קיין טשילע.

עס איז אַ רייכע וואונדערשיינע לאַנד מענדאָסאַ, וועלכע ליגט צו די פיס פון די גיגאַנטישע אַנדן-בערג, אַ מדינה מיט אַ גוטער לופט, פריי-לעכע פּייזאַזשן, געזונטער באַפעלקערונג און אַ גרויסער צוקונפט.

צווישן פאראגוויי און בראזיל — די טעריטאָריע מיסיאָנעס

צווישן שמוגלערס ווער איך אויך אַ שמוגלער

איך בין נישט קיין סטראַטעג, כאָטש זינט דער לעצטער אייראָפּעאישער מלחמה זיינען אַלע יידן אין אַרגענטינע געוואָרן גרויסע ספּעציאַליסטן אין הלכות סטראַטעגיע. זייענדיק אַלזאָ אַ גרויסער עם־הארץ בנוגע מלחמה־וויסנשאַפט, גיב איך מיך אָפּ פונדעסטוועגן אַ געניען דין וחשבון איבער דער סטראַטעגישער באַדייטונג פון אַזאַ מדינה, ווי עס איז די „נאַציאָנאַלע טעריטאָריע" מיסיאָנעס, וועלכע ליגט אויף דער גרעניץ צווישן צוויי שכנותדיקע רעפּובליקן — בראַזיל און פּאַראַגוויי.

פון פּאַראַגוויי ביז דער הויפּטשטאָט פון מיסיאָנעס, פּאָסאַדאַס, איז מיט אַ פּשוטער „לאַנטשע" אַ מהלך פון 20 מינוט; ביז דער בראַזיליאַנער גרעניץ מוז מען שוין מיטן אָמניבוס פאָרן עטלעכע שעה. אָבער וואָס באַדייט אַ פּאָר שעה אין אונדזער גרויסער אַרגענטינער רעפּובליק, וואו פון איין פּראָווינץ צו דער אַנדערער שכנותדיקער מוז מען אָפט פאָרן 10‑20 שעה?

מיסיאָנעס ליגט אַלזאָ סטראַטעגיש זייער אומגינסטיק און וואָלט די דאָזיקע טעריטאָריע געלעגן נישט אין אונדזער רואיקער און רודף־שלומדיקער דרום־אַמעריקע, נאָר ערגעץ אין אייראָפּע, וואָלט מיט מיסיאָנעס געהאַלטן זייער שמאָל. נאָר אויף אונדזער קאָנטינענט, אין האַרמאָנישן צוזאַמענלעבן צווישן די פאַרשידענע מלוכות, געניסט שוין די באַפעלקערונג פון דעם ווייטן טייל פון אַרגענטינע זינט כמעט אַכציק יאָר שלום ושלוה, כאָטש צוריק מיט אַ פּאָר דורות איז מיסיאָנעס אויך „אינוואַדירט" געוואָרן פון פיינטלעכע חילות. דאָס איז געווען נעמלעך אין די צייטן פון דער באַרימטער „טריפּלער אַליאַנס", ווען די דעמאָלדיקע „אַליאירטע" אַרגענטינע, בראַזיל און אורוגוויי האָבן בשותפות אונטער דער קאָמאַנדע פונעם גענעראַל מיטרע געפירט גוטע 4 יאָר אַ מלחמה קעגן

דעם קליינעם פּאַראַגוויי. און טאַקע דעמאָלט אין יאָר 1865 האָט פּאַראַגוויי דורך אַ „בליץ־אַטאַקע״ פאַרנומען די מדינה מיסיאָנעס און אַפילו אַ טייל פון דער פּראָווינץ קאָריענטעס. די מלחמה צווישן די דריי שטאַרקע מלוכות קעגן דער קליינער רעפּובליק פּאַראַגוויי האָט באַוויזן, וואָס ס׳קען אַפילו אַ קליין פעלקעלע באַגייסטערט פון הויכן פּאַטריאָטיזם און פרייהייטס־געפיל, אויפטון בשעת־הדחק...

נאָך דעם קריג איז מיסיאָנעס געוואָרן אַ טייל פון קאָריענטעסער פּראָווינץ, וועלכע האָט שפּעטער דאָס שטיק לאַנד „אָוועקגעשענקט״ דער נאַציאָן, און אַזוי איז אין דער גרויסער אַרגענטינער פעדעראַציע צוגעקומען אַ נאַציאָנאַלע טעריטאָריע מיסיאָנעס מיט אַ שטח פון איבער 20 טויזנט קוואַדראַט־קילאָמעטער און אַ באַפעלקערונג, וועלכע דערגרייכט איצט ביז 180 טויזנט תושבים.

נאָר אויב שוין גוטע 80 יאָר האָט מיסיאָנעס נישט געהערט קיין שום פיינדלעכן שאָס, דויערט אָבער ווייטער אַ מלחמה, נישט אַזאַ בלוטיקע, ווי אַמאָל, מען קען זאָגן ממש אַ פרידלעכע, אָבער דאָך אַן אמתער קריג צווישן די „אַדואַנאָס״ מיט די צאָלרייכע שמוגלאַרעס, וועלכע טוען אָפּ כל המינים שפּיצלעך כדי דורכצושמוגלען דורך די גרעניצן סחורות פון די שכנותדיקע לענדער. מען מוז באמת זיין שטאַרקער פון אייזן און אַ מלאך, ווען למשל אין ענקאַרנאַסיאָן, אַ קליין פּאַראַגווייער שטעטל, וועלכע מען דערגרייכט אָן שוועריקייטן פון וויזעס,פּעסער וכדומה מאָדערנע אויסטראַכטעכצן פון אונדזער ציוויליזאַציע, אין 20 מינוט, קריגט מען אַ גרויסע פלאַש פייערדיקן קאָניאַק פאַר איין אַרגענטינער פּעזאָ און נישט קויפן אַ פּאָר בוטלען פון דער מחיהדיקער משקה. אָדער אויסגעצייכנטע ציגאַרן און פּאַפּיראָסן בחצי־חנם, וועלכע בעטן זיך אַליין אין אייער וואַליכע, צי איר רויכערט צי נישט. אָדער אַ זעקעלע באַרימטער פּאַראַגווייער „מאַטע״־גראָז, וואָס איז אַזוי אַקוראַט און שיין איינגעפּאַקט און לאָקט אייך און רופט „קויף מיך״, צי ניצט איר מאַטע אַלס געטראַנק, צי נישט. און נאָך זאַכן, וואָס איך וויל דאָ נישט אויסרעכענען כדי נישט צו רייצן די אַפּעטיטן פון אונדזערע מציאות־זוכער, איז באמת אַ מצווה איינצוקויפן אין פּאַראַגוויי אָדער בראַזיל און אַריינשמוגלען זיי קיין אַרגענטינע. מיט דער דאָזיקער „חשובער״ פּראָפעסיע פון שמוגלען סחורות אַהין און צוריק, פאַרנעמען זיך אַ היבשע צאָל מענער, פרויען און אַפילו קינדער פון אַלע סאָציאַלע קלאַסן און די פּאָליציי־כראָניק אין די דאָזיקע מקומות ביי דער גרענעץ איז פול מיט די געשיכטעס פון געכאַפּטע און פאַראורטיילטע שמוגלאַרעס. נאָר וואָס העלפן שטרענגע שטראָפן, אַז די גרענעץ

איז אַזוי נאָענט. די איבערוואַכונג איז שווער, די הוצאות זיינען קליין און גאָט אַליין האָט געבאָטן, אַז דאָ זאָלן מענטשן שמוגלען. די קליינע שלי־מזלים כאַפּט מען און די גרויסע פירן זייער „ארבעט" ווייטער. ארגענטינע פאַרמאָגט גאַרנישט אַזויפיל באַאמטע אין די אַדואַנאַס און אין דער גרע־נעץ־פּאָליציי, אַז זי זאָל קענען ריכטיק אָפּהיטן די גרענעץ בפרט, ווען שמוגלען טוען קינד און קייט. מען דריקט דעריבער צו דאָס אויג און מען נעמט אָן גאָר שטרענגע מיטלען קעגן די פּראָפעסיאָנעלע גרויסע קאָנטראַ־באַנדיסטן, נאַטירלעך אויב מען כאַפּט זיי...

שמוגלען איז אַ מין ספּאָרט, אַפילו אַ קרענקלעכע ליידנשאַפט. איך האָב געקענט אין אייראָפּע פרויען פון העכסטער סאָציאַלער און פינאַנ־ציעלער פּאָזיציע, וועלכע פלעגן פון פּאַריז קיין בערלין אָדער וואַרשע שמוגלען אומנויטיקע זאַכן, פּאַרפומען, הענטשיקעס וכדומה ווייבערשע „שמאָכטעס", וועלכע מען קריגט אָן וועלכע עס איז ריזיקע אין אַלע קלייטן. ביי די פרויען איז נישט געגאַנגען אין שפּאָרן געלט, נאָר פּשוט אין אַ באַזונדער עמאָציע, אַ מין שמוגל־פיבער, וואָס פלעגט זיי אָפט ברענגען אין דער גרעסטער סכנה צו באַצאָלן הויכע שטראָפן אָדער גאָר אַריינ־פאַלן אין תפיסה אריין. דאָס האָט זיי נישט אָפּגעשטעלט און זיי פלעגן אָנפילן זייערע וואַליזעס מיט אַלערליי „מציאות", ציטערן ווי אַ בלאַט ביי דער רעוויזיע אויף דער גרענעץ, האַקן ווילדע ליגנס ביים פאַרהער אויף דער אַדואַנאַ און אָפּטון מעשים, אויף וועלכע זיי זיינען נישט פעאיק אין נאָרמאַלע באַדינגונגען. נאָר שמוגלען האָט שוין זיין רייץ און איך מוז זיך מודה זיין, אַז אויך איך שטעק זיך אָן אָפט ביי דער גרענעץ מיט אַזאַ חולאת.

דאָס מאָל האָב איך מיר געגעבן אַ נדר, אַז מער ווי צוויי בוטלען קאָ־ניאַק און הונדערט פּאַפּיראָסן וועל איך נישט שמוגלען, כאָטש איך טרינק בראָנפן איינמאָל אין אַ שמיטה, נאָר אַז מען רעדט שמוגל איז דאָך נישט שייך...

אין מזל לישראל! מען האָט מיך בכבוד גדול געכאַפּט ווי מען רופט עס אָן יורידיש „אין פלאַגראַנטי", ביי דער האַנט; און דער שטרענגער באַאַמ־טער האָט אָנגעהויבן מיט מיר פאָלגנדן דיאַלאָג:

ער: וואָס האָט איר געוואָלט טון מיט גאַנצע צוויי פלעשער קאָניאַק?

איך: איך האָב געוואָלט עפענען אַ הורט־געשעפט פון שנאַפּס אין בוענאָס איירעס אָדער אַ גרויסע שענק, כדי צו פאַרקויפן די קאָניע לאחדים...

ער: מאַכט נישט קיין נישט־פּאַסיקע וויצן און ענטפערט ווי געהע־

ריס. איר טרינקט קאניע, צי ניט? איר האט עס געקויפט פאר זיך?

איך: איך בין א מיטגליד פון פיר ליגעס — פארן ארבעטנדן ארץ־ישראל, קעגן טובערקולאז, קעגן גאסן־געררויש און קעגן פרויען־האנדל. אבער אין דער ליגע קעגן אלקאהאל האב איך זיך נאך נישט איינגע־שריבן, איך וועל עס טון שפעטער. אבער איך טרינק ווייניק, נאר פורים, ווען אלע ניכטרע מוזן זיין שיכור, און הייגט האב איך מיט א פאר גוטע פריינט געוואלט מאכן א כוסה...

ער: אייערע חכמות באהאלט פאר זיך! איין פלעשל ווערט קאנ־פיסקירט און איר וועט באצאלן 12 פעזעס שטראף. די צווייטע מעגט איר טרינקען, אבער איר מוזט זי תיכף עפענען טאקע דא אין דער אדואנא און אפטרינקען אביסל אדער אויסגיסן. חוץ דעם קאנפיסקיר איך 50 סיגארעטן!

די מעשה האט זיך אפגעשפילט 6 אזייגער פרי אין קאריענטעס, ביים אנקומען פון מיין שיף פון פאסאדאס, טאקע דעם 9־טן יולי, ווען ביי אלע ארגענטינער איז יום־טובדיק אויפן הארצן. ביי מיר איז אבער גע־ווען תשעה־באב נאכן שיינעם דיאלאג אין דער אדואנא. איך האב צו להכעיס א זופ־געטון פון דער בוטל אויפן ניכטערן מאגן און געזען אין די אויגן פונעם מאטראס, וואס איז געשטאנען נעבן מיר, א בליץ פון קנאה. אזא מזל האט דער מענטש, האט ער מסתמא געטראכט, ער הויבט אן זיין טאג מיט א היפשן טראפן פאראגוואיער קאניע! און מיר איז געווען ביטער אויפן הארצן צוליב דעם נישט־געלונגענעם שמוגל און די 12 פעזעס שטראף, וואס איך האב נעבעך געמוזט באצאלן...

געדאנקען איבער „זשערבא־מאטע"

מאטע איז אן ארגענטינער נאציאנאלער געטראנק, ווי למשל, ביר ביי די דייטשן, אדער וויין ביי די פראנצויזן. דער עולם גיט זיך נאר־נישט אפ קיין חשבון, וויפל מאטע ווערט געטרונקען אין די ווייטע און נאענטע ארגענטינער פראווינצן און וויפיל „זשערבא־מאטע" ווערט למשל פארברויכט אין אונדזער לאנד יערלעך. איך אליין בין געווען איבעראשט, ווען איך האב דערהערט, אז דער יאר־קאנסום פון דער זשערבא דער־גרייכט ביי אונדז איבער הונדערט מיליאן קילא, דאס מאכט אויס מער ווי אכט קילא פאר יעדן קאפ פון ארגענטינער איינוואוינער.

דאס איז א געוואלטיקע ציפער, ווען מען נעמט אין אכט, אז אין די גרויסע שטעט און ביי דער מערהייט פון די אויסלענדער איז דער פארברויך פון מאטע א מינימאלער.

דער גרעסטער טייל פון דער דאָזיקער אַזוי וויכטיקער נאַציאָנאַלער זשערבאַ־פּראָדוקציע ווערט קולטיווירט אין קאָריענטעס און נאָך מער אין דער טעריטאָריע מיסיאָנעס, וועלכע פאַרנעמט אין אַרגענטינע בנוגע דעם דאָזיקן צווייג פון אונדזער אַגריקולטור דעם וויכטיקסטן פּלאַץ. לויט דער סטאַטיסטיק קען מיסיאָנעס אַליין דעקן דעם גאַנצן קאָנסום פון לאַנד אין זשערבאַ־מאַטע, נאָר די פּראָדוצענטן באַשרענקן אַליין זייער פּראָדוקציע צוליב דער קאָמפּעטענץ פון דער פּאַראַגוואַיער און בראַזיליאַנער זשערבאַ, וועלכע ווערט אַריינגעפירט קיין אַרגענטינע אויף לעגאַלע וועגן. די אויסלענדישע זשערבאַ איז ביליקער און מבינים זאָגן, אַז די פּאַראַגוואַיער איז בעסער, ווי אונדזער היימישע זשערבאַ. ווי די מעשה איז, דער הויפּט־רייכטום פון מיסיאָנעס איז איר זשערבאַ־פּראָדוקציע און אַ גאַנצע רייע ספּעציעלע מילן אַרבעטן דאָ איבער דאָס גראָז און גרייטן עס צו צום פאַרקויף.

בנוגע דעם מאַטע־טרינקען האָב איך מיר אויסגעאַרבעט מיין אייגענע פילאָזאָפיע, וועלכע מיר איז שווער וויסנשאַפטלעך צו באַגרינדן, נאָר איך פיל איר ריכטיקייט בחוש. אַט, למשל, איז ביי מיר דער איבערגאַנג פון טיי און קאַווע צום טרינקען אָדער בעסער געזאָגט „זופּן" מאַטע ענג פאַרבונדן מיטן פּראָצעס פון אַסימילאַציע פון יידן אין אַרגענטינע.

עס וועט קלינגען פּאַראַדאָקסאַל, ווען איך וועל באַהויפּטן, אַז די אמתע מאַטע־זופּער, וועלכע זיינען בלב ונפש געוואָרן חסידים פון דעם דאָזיקן קריאָזשע געטראַנק, זיינען די זעלבע ספּעצן אויפן „טשע" און „טשאַו" און זיינען שוין בכלל שטאַרק קריאָזשירט. עס איז דאָ אַ וויץ אויף דער יידישער גאַס אין אַרגענטינע, אַז כל זמן מען טרינקט נישט קיין מאַטע, קען מען זיך נישט אויסלערנען ריכטיק שפּאַניש און מען בלייבט אַ „גרינער"...

אין דעם גלייכווערטל שטעקט אַ טיפער, אפשר אומבאַוואוסטזיניקער געדאַנק. מאַטע טרינקען יום ולילה נאָר שטאַרק אַסימילירטע יידישע עלעמענטן...

איך האָב געפּרוּווט זיך אויך צוגעוואוינען צום מאַטע־טרינקען. נישט דערפאַר, וואָס איך האָב אַ באַדערפעניש זיך צו אַסימילירן אָדער אויף אַזאַ אַבערגלויבערישן אופן אויסלערנען די לאַנדעס־שפּראַך. נאָר אין די פּראָווינצן דערלאַנגט מען פון מויל צו מויל דאָס טעפּעלע מאַטע מיט דער „באָמביזשע" מיט אַזאַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אַז עס איז פּשוט אַ באַליידיקונג זיך אָפּצוזאָגן צו כאַפּן אַ זופּ בשעת אַלע טרינקען, אַלע, פון דעם באַלעבאָס ביזן פּעאָן, ביז דער דינסטמיידל.

ביטערהייט, האט עס, לויט מיין דערפארונג, א טעם חלשות; זי־ סערהייט, זאגט מען מיר, טויג אזא געטראנק אויף כפרות און עס פאר־ לירט זיינע מעלות און די מעלות פון מאטע זיינען, דערציילט מען מיר, גאר גרויסע: דאס גראז רייניקט דאס בלוט, ווירקט סטימולירנדיק אויפן מאגן, גיט כוח און גבורה אין די לענדן, מיט איין ווארט — מאטע איז אן אמתע גאטס מתנה אויף דער ארגענטינער ערד.

אין אייראפע, אין פאריז למשל, האבן די גרויסע דאקטוירים זיך בפירוש ארויסגעזאגט קעגן דעם קאנסום פון מאטע און אלע פרואוון צו אנטוויקלען קיין אייראפע דעם זשערבא־עקספארט, זיינען דורכגעפאלן. נאר אפשר ליגט עס אין דעם אייראפעאישן קלימאט אדער בכלל אין היסטארישער געוואוינהייט. אין ארגענטינע לעבן די ארימע שיכטן שוין ווייט דורות נאר פון מאטע; וואס וואלטן זיי טאקע געטון, אן דעם באַ־ ליבטן פאלקס־געטראנק, צו וועלכן מען ברויכט נישט קיין ברויט, קיין פלייש, קיין צוקער, קיין זאלץ, אפילו נישט קיין פייער.

מיליאנען טרינקען מאטע מיט קאלטע וואסער, באזונדערס אין פאַ־ ראגוואי. מאטע האט אויסגעארבעט אין ארגענטינער פאלק די גרויסע מעלה פון „מסתפק במועט". מיט מאטע איז שטארק געמילדערט אין די לענדער די סאציאלע פראבלעם. נעמט־צו ביים קריאזשע זיין מאטע אדער ביים באליוויאנער זיין „קאקא", וועלן מארגן אויסברעכן אפשר גאנצע רעוואלוציעס, ווייל ברויט, פלייש און אנדערע שפייזן זיינען טייער. מיט א זעקעלע מאטע לעבט־אפ א גאנצע משפחה א וואך צייט, אבי עס איז דא דערצו וואסער...

מאטע אנטוויקלט דעם געפיל פון חברלעכער סאלידאריטעט. הויבט אן אין א געזעלשאפט פון מאטע־טרינקער צו קורסירן דאס לעפעלע — די באמביזשע, פון מויל צו מויל, פארשווינדן אלע קלאסן־דיפערענצן און כאציאלע מחלוקות. איר ווערט א חבר, א פריינט, א מיטגליד פון דער „לאזשע", וואס איר ציל איז צו זופן מאטע און וועלכע ווישט־אפ אלע חלוקי־דעות. איר מעגט האבן דעם גרעסטן שונא, ביים מאטע־טרינקען מוזט איר נעמען פון זיין מויל די „באמביזשע" (איר טארט זי חס וחלילה נישט אפווישן, אויב איר ווילט נישט כאפן א מעסער אין זייט אדער זיך דערווערבן דם־שונאים) און זופן דעם געטראנק, איבערגעבנדיק דאס לע־ פעלע ווייטער נאך דער רייע.

איך רעכן, אז דער דאזיקער אנטי־היגיענישער, אבער חברלעכער מנהג, שטאמט פון די אינדיאנער, וועלכע פלעגן אויף זייערע אסיפות

ניט טרינקען קיין מאַטע, נאָר רויכערן איין „טרובקע" (פּיפּקע) טאַבאַק, וואָס פלעגט אריבערגיין פון מויל צו מויל.

קיין געזונט קאן פון אזא סיסטעם מסתמא נישט צוקומען, אָבער קאָמעראַדשאַפט קאן אזא מעטאָד פון טרינקען יאָ שאַפן, וויניקסטנס בשעת דער מאַטע־שטונדע, ווייל נאָכן טרינקען, בלייבט באַלעבאָס — באַלעבאָס, און דער פּעאָן — זיין דינער...

און נאָך אַ מעלה האָט דאָס זופּן די מאַטע — עס אַנטוויקלט געדולד. איך האָב אמאָל באָאָבאַכטעט אַ ליידנשאַפטלעכן מאַטע־זויפער. במשך פון אַ גוטער שעה איז הינטער אים געשטאַנען אַ שיקסע און כסדר דערלאַנגט טעפּעלעך מאַטע. מילא, די שיקסע, האָט איינגעוואָרצלטע נאַציאָנאַלע קריאָזשע געדולד, אָבער מיין בעל־דבר, אַן אויפגעקומענער גביר פון די אַמאָליקע קאָלאָניסטן־יידן, האָט נישט אויפגעהערט צו זופּן זיין מאַטע מיט פילאָזאָפישער רו, אַזוי ווי קיין אַנדערע עסקים און ענינים וואָלטן נישט געווען אויף דער וועלט, ווי נאָר טרינקען מאַטע.

איך רעקאָמענדיר מאַטע, אַלס אַ גוטן מיטל פאַר נערוועזע מענטשן און אין די משוגעים־הייזער...

די הויפּט־פּראָדוצענטן פון דער זשערבאַ־מאַטע זיינען אין מיסיאָנעס די דייטשע קאָלאָניסטן, וועלכע שפּילן אינעם עקאָנאָמישן לעבן פון דער טעריטאָריע אַ געוואַלטיקע ראָלע. מיסיאָנעס איז אמאָל געווען אַ גרויסער קאַטוילישער צענטער און באַקומען איר נאָמען פון די יעזואיטן־מאָנאַכן, וועלכע האָבן דאָ געגרינדעט זייערע „מיסיאָנעס" צו פאַרשפּרייטן דאָס אמתע ליכט פון קריסטנטום צווישן די אינדיאַנער פון יענע מקומות.

היינט איז מיסיאָנעס ניכער אַן עוואַנגעלישע מדינה, צוליב די צאָל־רייכע דייטשן. עס וואוינען דאָ אויך אַ געוויסע צאָל פּאָליאַקן־קאָלאָניסטן. חוץ זשערבאַ, פאַרמאָגט מיסיאָנעס אַ גרויסן שטח טאַבאַק־פּלאַנטאַציעס, רייז־פעלדער און די רייכסטע פרוכט־קולטורן פון אַרגענטינע. די „פּאָ־מעלאָ" (גרייפּ־פרוכט), די מאַראַנצן, די מאַנדאַרינען פון מיסיאָנעס האָבן אַ שם אין דער וועלט.

עס איז אַ רייכע טעריטאָריע מיט אַ גרויסער צוקונפט, ווען ס'וועלן אויסגעבויט ווערן מער וועגן און מען וועט קאָנען טיפער אַריינדרינגען אין דעם אינערן פון דעם לאַנד, וואו עס וואַקסן אין אור־ווילדקייט מי־ליאָנען בוימער אין די געדיכטע דזשאָנגלען. די גינסטיקע לאַגע צווישן צוויי שכנותדיקע מלוכות און דער גרויסער טייך פּאַראַנאַ, וועלכער שניידט דורך די טעריטאָריע און פאַרבינדט זי מיט קאָריענטעס, עפנט גרויסע פּערספּעקטיוון פאַר דעם טייל פון אַרגענטינע.

יידן לעבן דארט אפשר א 80 - 70 משפחות, מייסטנס אין פאסאדאס. עקאנאמיש נישט שלעכט, נאר ווייט, אפגעריסן פון די יידישע צענטרען און אביסל ווייטלעך פון דער יידישער קולטור. קיין גרויסע עקאנאמישע ראלע שפילן זיי נישט אין לאנד. דעם ספעציפישן דייטשן דרוק פילן זיי נישט אין מיסיאנעס, וועלכע ליגט אונטער דער ממשלה פון דער נאציאנאלער רעגירונג. מיט די דייטשע האבן די יידן קיין שום מגע-ומשא נישט.

די נאָקטורן אין פאָרמאָסאַ

צווישן דעם שוואַרצוואַסערדיקן ברייטן טייך פּאַראַנאַ פון איין זייט און אַ גרויסן מדבר־שטח פון דער אַנדער זייט, ליגט אַ קליין שטעטל — פּאָרמאָסאַ. פון דעם אַדמיניסטראַטיוון שטאַנדפּונקט איז דאָס שטעטל אַ „קאַפּיטאַל", דאָס הייסט די הויפּטשטאָט פון דער נאַציאָנאַלער טעריטאָריע פּאָרמאָסאַ, מיט דער זיץ פון אַ גובערנאַטאָר און אַנדערע גרויסשטעטישע אַטריבוטן — אינטענדענטן, קלענערע און גרעסערע ריכטער וכדומה ביוראָקראַטישע כלי־קודש. נאָר די דאָזיקע „קאַפּיטאַל" בלייבט פאָרט ביי דעם גאַנצן אירן יחוס אַ קליין פּראָווינץ־שטעטל מיט אַ קימאַ־לן פון 20 טויזנט איינוואוינער. און די „הויפּטשטאָט" איז דוכט מיר טאַקע די איינציקע שטאָט אין דער טעריטאָריע. פאָרט איר אַרוים פון דער שטאָט מיט דער באַן, וואָס גייט אַגב נאָר צוויי מאָל אַ וואָך אין דער ריכטונג קיין עמבאַרקאַסיאָן און סאַלטאַ, זעט איר דורך דעם וואַגאָן־פענצטער ענדלאָזע סטעפּן, אָן אַ ברעג אין דער לענג און אָן אַ סוף אין דער ברייט. אַמאָל לעבן די קליינע באַן־סטאַנציעס, זעט מען פון דער ווייטן גרויסע סטאַדעס קי, מיט אַראָפּגעלאָזענע, מידע קעפּ, וואָס מוטשען זיך נעבעך אונטער דער מוראַדיק הייסער זון אָן וואַסער און אָפט אויך אָן גראָז, וואָס איז אויפגעפרעסן געוואָרן פון הייסעריקן און אַנדערע שעדלעכע שרצים. אַמאָל זעט איר אויך קליינע ישובים אַרום די גרויסע פּריצישע „עסטאַנסיעס" און אָפט אַ קאַוואַלקאַדע רייטער: דאָס זיינען די „פּעאָנען" פון די אַרומיקע גיטער, וואָס זיצן אין זייערע מאָלערישע גאַוטשאָ־קליידער אויף די פערד. נאָר דאָס איז אַ זעלטן בילד; מייסטנס פאָרט דער צוג דורך אַ מדבר שעהן־לאַנג און מען זעט אפילו ניט קיין סימן פון לעבן. די פּראָווינץ איז גרעסער ווי גאַנץ בעלגיע מיט האָלאַנד צוזאַמען, נאָר כמעט אָן איינוואוינער. חוץ דעם איז פּאָרמאָסער טעריטאָריע דער צענטער פון דער הייִשעריק־באַוועגונג, פון מאַלאַריע־חולאַת, פון וואַסערלאָזיקייט וכדומה פּורענית, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אַרגענטינער רעפּובליק.

אָט אין דער מישטיינס געזאָגט „הויפּטשטאָט" פּאָרמאָסאַ, האָט מיך

פארוואָרפן מיין גורל. געקומען בין איך אַהין איבער דעם פּאַראַנאַ דורך די פּאַראַגווייער פאָרטן. געקומען ביז איך גאַנצפרי, כמעט פאַרטאָג, ווען די לופט איז נאָך געווען פריש, די זון האָט נאָך נישט געברענט מיט דעם גאַנצן כוח פון איר טראָפּישקייט און פון דעם טייך האָט געצויגן אַ מחיה־דיקער ווינטל און אַ לייכטער טוי האָט באַדעקט די גרינע גרעזער און פּאַל־מעס אין די גערטנער. דורכגעגאַנגען בשלום מיט די געשמוגלטע פּאַראַ־גווייער פּאַפּיראָסן און צוויי פלאַשן פון דעם שטאַרקן אויסגעצייכנטן פּאַ־ראַגווייער קאָניאַק דורך דער „אַדואַנאַ", וואָס האָט צוגעדריקט אַן אויג. אויף מיין קאָנטראַבאַנדע, בין איך אַרויס אויף דער גאַס אין אַ געהויי־בענער שטימונג. עפּעס האָב איך מיך דעם מאָרגן נאָך דער שווערער רייזע איבער טשאַקאָ געפילט מאָדנע פריש און יונג — די זון אויבן אויף דעם וואונדערבאַרן בלויען הימל האָט נישט געבראָטן און געבאַקן, נאָר פריילעך געלאַכט, פייגעלעך האָבן אין די גערטנער געזונגען און געטשיוועט, דאָס שטעטל איז נאָך געשלאָפן און אַ געלאַסענע רואיקייט און אַ ווייכקייט איז געלעגן אויף דער גאַנצער נאַטור. איך בין נעגאַנגען הינטער דעם געפּעק־טרעגער, וואָס האָט מיך געפירט צום האָטעל, און האָב מיט פולער ברוסט איינגעזאַפּט אין מיר די פרישקייט פון דעם שיינעם מאָרגן. דער פּאָרמאָ־טער קבלת־פּנים מצד דער נאַטור איז באמת געווען אַ שיינער און איך האָב זיך געפרייט וואָס איך בין אַריינגעפאַלן אין אַזאַ גן־עדן...

מיין שטימונג איז אָבער באַלד זייער שנעל פאַרשטערט געוואָרן. עס זיינען אַריבער אפשר דרייסיק מינוט נאָך מיין אָנקומען אינעם האָטעל, פּלוצים הער איך אויף דעם הויף אַ הירזשען פון אַ פערד און אויף דער שוועל פון מיין צימער איז אויסגעוואַקסן אַ הויכע פיגור פון אַ פּאָליציי־אינספּעקטאָר אין אַ שוואַרצן טוכענעם אוניפאָרם־רעקל, וואָס האָט מאָדנע דיסהאַרמאָנירט מיט דעם וועטער, מיט דער טראָפּישער זון און דער חמימה, וועלכע מען האָט שוין אין דעם צימער גאַנץ שטאַרק אָנגעהויבן פילן.

דער ערשטער איינדרוק פון דעם דאָזיקן פּאָליציסט איז געווען מסתמא דער זעלבער, בשעת דוד המלך האָט דערזען פאַר זיך דעם ריז גלית. הענט און פיס גרויס ווי ביי עוג מלך הבשן, פּלייצעס און אַ נאַקן ווי ביי אַן אָקס, אַ קול ווי אַ טראָמפּייט, — מיט איין וואָרט, פאַר מיר איז געשטאַנען אַ באַשעפעניש, וואָס גאָט אַליין האָט אים באַ־שטימט צו ווערן אַ פּאָליציסט, אַז ער זאָל קענען מיט פאַרברעכער טאַקע גוט לערנען פּרשת בלק... אָן לאַנגע שהיות האָט ער דערקלערט, אַז דער „בעפע" וויל מיך זען און אַז ער, דער אינספּעקטאָר, וועט מיך צו דעם פּאָליציי־שעף באַגלייטן, איך זאָל זיך במחילה צואיילן. איך האָב געזען, אַז

מיט דעם נפש איז נישטאָ צו פירן קיינע מחלוקת. מיט כבוד גדול בין איך אוועק צו דער פּאָליציי־ביוראָ: איך אויף דעם טראָטואַר און לעבן מיר אויף דער גאַס האָט געריטן אויף אַ הויכן פערד מיין עוג מלך הבשן. מסנא האָב איך אים נישט געוועזן — ער האָט נעבעך געמוזט דורכגיין שבעה מדורי גהינום ביי דער שרעקלעכער היץ אין זיין דיקן אַנצוג; טייכן שווייס האָבן גערונען אויף זיין גראָבן מגשומדיקן פּנים; ער האָט דעם שווייס אַפילו נישט אָפּגעווישט, נאָר מיט אַ חיכמיקער מינע געפירט דעם „געפערלעכן פאַרברעכער" צו זיין שעף. ער האָט מיך געמוזט האַלטן פאַר אַ וואַזשנעם פויגל, ווייל אַביסל האָב איך געשפּירט פון זיין זייט אַ מין יראת הכבוד. מיר האָבןביידע געשוויגן — ער אוים דיסציפּלין, ווייל מען טאָר מיט אַ אַרעסטאַנט נישט רעדן, איך — ווייל וואָס זאָל איך רעדן מיט דעם עלע־פאַנט אין פּאָליציי־מונדיר?

דער פּאָליציי־שעף, אַ יונגער, שלאַנקער און עלעגאַנטער מענטש האָט מיך צוגענומען בסבר פּנים יפות. ער האָט מיך גערופן, ווייל ער וויל וויסן, וואָס איז דער צוועק פון מיין „וויזיט" (אַזוי האָט ער זיך אויסגעדריקט) קיין פּאַרמאָסאַ. איך האָב אים דערויף געפרעגט (מיר יידן האָבן דאָך די טבע אויף פראַגן צו ענטפערן מיט אַ פראַגע), צי איז אין זיין געבענטשטער שטאָט חלילה אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע אָדער אַ מגפה, אַז „פרעמדע" קאָרן אַן אַ באַזונדערע דערלויבעניש נישט קומען; איך בין שוין ברוך השם אין אַרגענטינע אַ שיינע פּאָר חדשים און האָב נאָך נישט געהערט, אַז מען זאָל אַ טוריסט אַ שעה נאָך זיין קומען אין אַ שטאָט רופן צו דער פּאָליציי און דערצו נאָך צו דעם שעף גופא. עס איז אַפילו פאַר מיר טאַקע אַ גרוי־סער כבוד, אַז ער אַליין איז זיך מטריח מיט מיין „דאָפּראָס", נאָר די גאַנצע מעשה קומט מיר עפּעס מאָדנע פאָר. ממה נפשך, בין איך פון פּאַ־ריז געקומען מאַכן אין אַרגענטינע אַ איבערקערעניש, וועל איך דאָך נישט פאָרן אויסגערעכנט אין אַ עק וועלט, הינטער די הרי חושך, קיין פּאַרמאָ־סאַ, וואו עס זיינען נישטאָ נישט קיין אַרבעטער, נישט קיין רעוואָלוציאָ־נערע פּויערים וכדומה געפערלעכע עלעמענטן, כדי דאָ אויפצוהויבן די רויטע פאָן פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. אין אַ שטעטל גרוים ווי אַ טל ומטר, וואו אַז איינער ניסט זאָגט אים די גאַנצע שטאָט „צו גע־זונט", אין אַביסל שווערלעך צו אָרגאַניזירן, דערצו אַ „גרינגאָ", אַן אויפ־שטאַנד. מיין דרשה איז דעם „כעפע" זייער געפעלן געוואָרן און טאַקע באַלד זיינען מיר געוואָרן גאָר גוטע פריינט. איך האָב אים דערציילט, וואָס איז אַזוינס „אָרט־אָזע", האָב אים געגעבן אַ שפּאַנישע בראָשור אַרויס־געגעבן צום אָרט־אָזע קאַמפּיין צום לייענען און זייער שנעל האָב איך אין

פּאַרמאַסאַ „דערוואַרבן" דעם ערשטן חסיד פון אונדזער אָרגאַניזאַציע. די אידיי וועגן פּראָדוקטיוויזירונג פון די יידישע מאַסן איז דעם פּאָלי־ציי־שעף זייער געפעלן געוואָרן. מיט די בעסטע וואונטשן פון דערפאָלג אין מיין אַקציע און די סטערעאָטיפּער אַרגענטינער פראַזע „אַ סוס אָרדע־נעס" (צו אייער דינסטן), האָב איך זיך אָפּגעזעגנט פון דעם פּאָליציי־שעף. אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס האָב איך דערזען לעבן דעם טויער מיין דיקן חברה־מאַן, דער אינספּעקטאָר, אָנגעשפּאַרט אָן דעם רוקן פון זיין פערד. ער איז געוועזן אַביסל אַנטוישט, אַז ער האָט מיך דערזען אַרויסגיין פראַנק און פריי; איך רעכן, אַז מיין פּרעסטיזש איז ביי אים שטאַרק גע־פאַלן...

דער יידישער ישוב אין פּאַרמאַסאַ ציילט לערך 40 אשכנזישע און אפשר 30 ספרדישע משפחות, וועלכע לעבן זייער אָפּגעזונדערט איינע פון די אַנדערע און האָבן אייגענע „אוניאָנס", קומען זעלטן צוזאַמען און האָבן נישט צווישן זיך קיין קולטורעלע אָדער רעליגיעזע מגע ומשא. די יידן לעבן אַלע אָן אויסנאַם פון מסחר און מאַכן אין אַלגעמיין אַ שיין לעבן. איך וויים נישט ווי גרויס איז דער האנדל — לעגאַלער און אומלעגאַלער — מיט דער שכנותדיקער פּאַראַגוויי, נאָר אין אַ גרעניץ־שטאָט איז אומע־גלום בעסער צו לעבן, ווי אין אַנדערע שטעט. די שטאָט פּאַרמאַסאַ איז איבערפולט מיט פּליטים פון פּאַראַגוויי. אַ גרויסער טייל פון דער פּאַ־ראַגווייער אינטעליגענץ און אַ סך אָפיצירן פון דער זיגרייכער אַרמיי, וואָס האָט צעבראָכן די ביינער פון די באָליוויאַנער אין טשאַקאָ, זיינען איצט פּאָליטישע „ביעזשענצעס" וואָס זיינען אַנטלאָפן פון דער דיקטאַטור קיין פּאַרמאַסאַ. נאָר דער טייך פּאַראַנאַ טיילט זיי אָפּ פון זייער היימאַט. אנשר שטייען זיי דאָ אויף דעם ברעג פונעם טייך, ווי אַמאָל די יידן על נהרות בבל, און קוקן אַהין צו זייער הייסן שיינעם לאַנד, וואו עס בושע־וועט איצט די ווילדסטע ווילקיר, ווי אַמאָל אין אַרגענטינע אין די צייטן פון ראָסאַס. אין פּאַראַגוויי, ווי אין אַמאָליקן פּוילן, הערשן די קאָראָנעלן, די פּאָלקאָווניקעס, וואָס קאָמאַנדעווען איבער זייערע אַכט הונדערט טויזנט „אונטערטאַנען" און פירן איין אַ נייע סאָציאַלע אָרדנונג. איך האָב געלייענט זייער „פּראָגראַם": אַזאַ געמיש פון עם־האַרצישן סאָציאַליזם מיט פאַשיזם און נאָך אַ פּאָר „איזמען" קען מען געפינען נאָר ביי היט־לערן. דערווייל ביז עס וועט קומען די גרויסע ישועה פאַר די פּאַראַגווייער פאָלקס־מאַסן, פּילט מען נעשמאַק אָן די טורמעס און די קאָנצענטראַציע־לאַגערן מיט די קעגנער פון די קאָראָנעלן, אָדער מען דעפּאָרטירט זיי פון לאַנד.

פֿאָרמאָסאַ איז די צענטראַלע פֿון די פּאַראַגוויייער עמיגראַנטן און מסתּמא אויך פֿון די דאָרטיקע שמוגלער. אַהער זיינען טאַקע געקומען אַ סך יידישע עמיגראַנטן, וועלכע די נייע דיקטאַטור האָט דעפּאָרטירט פֿון לאַנד. די גזירה איז געווען נאָר קעגן יידן און לערך 90 יידישע פֿאַמיליעס האָבן נעבעך געמוזט ווידער נעמען דעם וואַנדערשטעקן און גיין. די פֿאָרמאָסער יידן האָבן טאַקע געהאַט אויף זיך דאָס „פּעקל״ אויפֿצונעמען און פֿאַרזאָרגן די אָרימע נע ונדניקעס מיט געלט אויף ווייטער פֿאָרן, ווייל פֿאָרמאָסאַ איז צו קליין, אַז די נייע אימיגראַנטן אָן געלט זאָלן זיך קענען דאָרט איינריכטן. די פּאַראַגווייער ביעזשענצעס זיינען זיך טאַקע אַלע צעפֿאָרן — אַ טייל קיין קאָרינטעס און טשאַקאָ, אַ טייל קיין בוענאָס־איירעס, מענדאָסאַ און קאָרדאָבאַ. וואָס פֿון זיי איז געוואָרן — ווייס איך נישט. איך האָף, אַז זיי האָבן דאָ אין דער גאַסטפֿריינטלעכער אַרגענטינע ענדלעך געפֿונען אַ מקום מנוחה, כאָטש דער גרעסטער טייל פֿון זיי האָבן דוכט מיר נישט געהאַט קיין פּאַפּירן.

איך האָב אין פֿאָרמאָסאַ פֿאַרבראַכט 3 טעג, כאָטש איך האָב דאָרט מיין אַרבעט פֿאַרענדיקט אין איין טאָג, ווייל ערשטנס האָב איך קיין צוג נישט געהאַט קיין סאַלטאַ און, צווייטנס, איז מיר די שטעטל מיט איר געציילטע פּאָר יידן שטאַרק געפֿעלן געוואָרן. די שטאָט אַליין איז אַ אמתע באַמבאַניערע, אומעטום גרין און פֿריש און עפּעס פֿריילעך, נאָך די פֿאַרטריקנטע, גרויע מדבריות פֿון טשאַקאָ. דער טייך פּאַראַנאַ גיט דער שטאָט אַ באַזונדער קאָלאָריט אָן די השפּעה פֿון די קילע, שוואַרצע כוואַליעס פֿון דעם גרויסן וואַסער־שטראָם פֿילט מען אין דער לופֿט און אין דער גאַנצער נאַטור. פֿון אַלץ קומט אויף אַזאַ זיסע רואיקייט, נישטאָ דער רויש פֿון די אויטאָס און דער טאַראַראַם פֿון דער גרויסער שטאָט; פֿונדעסטוועגן איז פֿאָרמאָסאַ דאָך נישט קיין דאָרף, נאָר אַ שיינע קליינע שטאָט. נאָר גוט האָב איך מיך געפֿילט אין אָוונט אויף דעם שפּאַציר ביים ברעג פֿון טייך.

דער פּאַראַנאַ איז שוואַרץ און פֿון אים בלאָזט אַ קילער ווינטל, וואָס גלעט דעם פּנים און קרייזלט די האָר. פֿון ווייטן זעט מען פֿייערלעך פֿון שיפֿן, אָבער די לייכט־טורעמס וואַקסן דאָרט מיט זייערע אייביקע אויגן. איך האָב אַזוי שפּאַצירט אין די שלאָפֿנדיקע גאַסן פֿון דעם מידן, אָפּגעאַרבעטן שטעטל, געקוקט אויף דעם באַשטערנטן הימל און פּלוצים אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט האָב איך דערהערט דורך די לאָדן פֿון אַ פֿענצטער

די וואונדערבארע טענער פון שאָפּענס „נאָקטורנאָ". געשפּילט האָט אויף אַ פּיאַנאָ אַ פרוי אָדער אַ יונג מיידל מיט אַ זעלטענער מייסטערשאַפט און מיט אַ ווייבקייט פון מיידלשע פינגער. איך בין געשטאַנען, ווי פאַרצויבערט. פרידריך שאָפּען אין פּאַרמאַסאַ! און ווי געשפּילט! עס האָט אַזוי שיין הארמאַנירט די ראָמאַנטישע זיסע נאַקטורן־מוזיק מיט די צווייבערהאַפטע טראָפּישע פּאַרמאַסער נעכט. ווער קען זיין די מיידל, וועלכע בענקט און טרויערט ביים פּיאַנאָ און גיסט אויס איר האַרץ אין די פאַרהלומטע טענער פון שאָפּענס נאָקטורן?

אויף מאָרגן האָב איך לייכט פעסטגעשטעלט ווער ס'איז די מוזיקערן. עס איז געווען די טאָכטער פון אַ יידישן אַלטן תושב. וואָס האָט שוין קאָנצערטירט אויך אין בוענאָס איירעס. איך בין מיט דער פאַמיליע באַקאַנט געוואָרן און איצט האָט דאָס מיידל געהאַט אויף זיך אַ נייעם פּעקל: זי האָט געמוזט דעם „חשובן" גאַס, דעם שליח, שפּילן נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל שאָפּענס נאָקטורנעס און אַנדערע ווערק.

צום באַדויערן נעמט צו אַליץ אַ סוף. באַלד איז געקומען דער טאָג, ווען איך האָב געמוזט אוועק פון דעם שיינעם ווייטן שטעטל פּאַרמאַסאַ און זיך אָפּגעזעגנען מיט די הארציקע דאַרטיקע יידן. ביינאַכט האָב מיך שוין אינעם צוג געביסן די מאָסקיטן און געדריקט די שווערע לופט פון דער טראָפּישער נאַכט אין מדבר פון דער פּאַרמאַסער פּראָווינץ. איך האָב נישט געקענט שלאָפן. די רעדער פון דעם וואַגאָן האָבן געסטוקעט זייער מאָנאָטאָנעם מארש. איך בין געלעגן אין וואַגאָן און געטרוימט און אין מיינע אויערן האָבן נאָך געקלונגען די זיסע טענער פון דעם גרויסן מייסטער שאָפּען, פון זיינע וואונדערבארע נאָקטורנעס, אויסגעפירט פון צאַרטע הענט פון אַ יידיש מיידל אין דער ווייטער פּאַרמאַסאַ...

אויף דער גרעניץ צווישן ארגענטינע און באָליוויע

— 1 —

באַגעגעניש מיט אינדיאַנער

פון סאַלטאַ ביז צו דער באָליוויאַנער גרעניץ, ציִען זיך קייטן פון בערג, וועלכע וואַקסן בהדרגהדיק אין זייער הויך. וואָס נעענטער צו דער באַרגיקער מדינה באָליוויע, ווערן די בערג אַלץ העכער און דערגרייכן געדיכט ביי דער גרעניץ, ביי דער באַרימטער סטאַנציע לאַ קיאַקאַ, די הויכקייט פון 3.500 מעטער איבערן ים־שפּיגל.

די לאַנדשאַפט איז איינע פון די שענסטע אין דער וועלט, ווייל אויב די קאָרדיליערן־בערג ביי דער טשילענער גרעניץ און אויף דעם גאַנצן ברעג פונעם פּאַסיפישן אָקעאַן, זיינען בלויז שטיינערנע מדבריות־גיגאַנטן, זיינען דאָ ביי דער אַרגענטיניש־באָליוויאַנער גרעניץ, די בערג באַדעקט מיט גרינע וועלדער און אונטן, ביי די פיס פון די גראַנדיעזע בערג־פּאַסן, ציִען זיך טויזנטער קילאָמעטער פריילעכע, גרינע פעלדער, פּאַשען זיך גרויסע מחנות בהמות, פערד, אייזלען, מולן; פליסן גרעסערע און קלענערע טייכן און באַלעבן די נאַטור און די פּראַכטפולע פּייזאַזשן אויף די הויכע, ווייטע האָריזאָנטן.

דאָ זעט מען צענדליקער קילאָמעטער צוקער־פּלאַנטאַציעס, מען האָט אין די גרעניץ־פּראָווינצן כוכוי און סאַלטאַ געפונען גרויסע אוצרות פון נאַפט און מען קאָן שוין זען אונטערוועגס די דיסטעלעריעס און די נאַפט־טאַנקען אויף דער גאַנצער ליניע.

וואָס נעענטער צו באָליוויע, ווערט די לאַנדשאַפט שענער אָבער ווילדער און אַלץ זעלטענער טרעפט מען מענטשלעכע ישובים. און וואָס העכער, אַלץ ווייניקער „ווייסע" תושבים. אויף דער הויך פון איבער 3000 מעטער האַלטן שוין ווייניק מענטשן אויס דעם קלימאַט, די לופט ווערט אַזוי שיטער, אַז ביי אַ נייעם מענטשן, אַ טוריסט, הויבט אָן צו גיין בלוט

פון נאָז, פון די אויערן און אַפילו פון די אויגן; און ביי פילע ווייזן זיך סימנים פון דער ספּעציפישער באַרג־קראַנקייט, פּונא, ווען עס פעלט אויס דער אָטעם און מען מוז שנעל אַנווענדן זויערשטאָף־מיטלען אָדער גאָר צוריקשיקן דעם חולה מיטן נעקסטן צוג אַראָפּ, אין די נידעריקערע מקומות.

אַרבעטן קאָנען אין דער הויך נאָר אינדיאַנער, אָדער שוין צונױ־וואוינטע היימישע באַרג־איינוואוינער, האַלב־אינדיאַנער האַלב־ווייסע, נאָר זיי קאָנען אויסהאַלטן די שיטערע לופט און דעם מערדערישן קלימאַט פון די כמעט סטראַטאָספערישע באַרג־הויכקייטן...

די גאַנצע ליניע פון סאַלטאַ־כוכוי־באָליוויאַנער גרעניץ, איז אַזוי צו זאָגן, די צענטראַלע פון אינדיאַנער שבטים פון יענע געגנטן. צו די היי־מישע אַרגענטינער אינדיאַנער קומען צו אין די צייטן פון צוקער־שניט איינגעוואַנדערטע אינדיאַנער פון באָליוויע, וועלכע אימיגרירן פון די בערג אַראָפּ מיט די ווייבער און קינדער און באַפעלקערן אַלע דערפער און וועל־דער אַרום די צוקער־פּלאַנטאַציעס. אין סעזאָן פון שניידן די צוקער־ראָרן זעט מען אויף די פעלדער אינדיאַנישע „אנשים, נשים וטף״, ווייל ביי דעם שניט אַרבעטן אויך קינדער. גאַנצע משפחות קומען אַראָפּ פון די באָליוויאַנער בערג, אַרבעטן אָפּ אייניקע חדשים און קריכן צוריק אַרויף אויף זייערע באַרג־שפּיצן אויף דער הויך, וואו אָדלערס בויען זייערע נעסטן איבער די וואָלקנס, דאָרט פילן זיך די דאָזיקע נאָך כמעט ווילדע אינ־דיאַנער גאָר גוט.

דאָס לעבן אונטן, אין די טאָלן, וואו עס איז „נאָר״ 1200 מעטער הויך, איז פאַר זיי אַן אָפּקומעניש און פאַר זייער פיל פון זיי איז שוין דער געדאַנק פון וואַשן זיך אַ שרעקלעכע פּערספּעקטיוו. צו זייער טיפסטן באַדויערן פאַרלאַנגען די אויפזעער פון די צוקער־פּלאַנטאַציעס פון די אינדיאַנישע אַרבעטער, אַז זיי זאָלן זיך כאָטש איין מאָל אין וואָך אָפּ־וואַשן די פּנימער. די פאָדערונג באַטראַכטן די אינדיאַנער אַלס אַ טיראַניע און ווילדן, אומדערטרעגלעכן קאַפּריז פון די ווייסע דעספּאָטן. שענקען זיי אַ שטיקל זייף, הייסט אָנטון זיי די גרעסטע עוולה און באַליידיקונג...

ווען מען לייענט די באַרימטע ראָמאַנען וועגן די אַלטע אינדיאַנער שבטים פון פעניקמאָר קופּער, מיין ריד און אַנדערע ראָמאַנטיקער פון דער געשיכטע פון די ערשטע צוזאַמענקומען פון די ווייסע מיט די רויט־הויטיקע, ווילט זיך נאָרנישט גלויבן, אַז די דאָזיקע אומגלויבלעך שמוציקע אייביק שיכורע און פיזיש־ און מאָראַליש־דעגענערירטע מענטשן שטאַמען פון אַ גרויסער ראַסע מיט אַן אַלטער קולטור.

איך בין געווען אין לימא, די הויפּטשטאָט פון דער רעפּובליק פּערו, און האָב אין דעם דאָרטיקן מוזיי געזען אוצרות פון דער אַלטער ציוויליזאַציע פון דער תקופה, ווען די שפּאַניער מיט דעם באַרימטן גענעראַל פּיסאַראָ, האָבן דעראָבערט די מעכטיקע מלוכה פון די אינדיאַנער „אינקאַס". די אינדיאַנער פון יענער עפּאָכע זיינען געווען מענטשן מיט אַן איינגאַרטיקער הויכער קולטור, מיט פיינעם עסטעטישן געשמאַק, מיט טיפן געפיל פאַר שיינקייט. זייער מלוכה־אָרגאַניזאַציע איז געווען אַ מוסטער פון פערפעקטער געזעלשאַפטלעכקייט. עס איז געווען אַ שטאַלצע ראַסע מיט הויכע טראַדיציעס פון ערע, ליבע צו זייער פאָטערלאַנד און העראָאיזם.

דאָס זעלבע בילד געפינט מען ביי די „אַצטעקן" פון מעקסיקע און ביי די פאַרשידענע שבטים פון נאָרד אַמעריקע.

די אייראָפּעאישע „ציוויליזאַציע" האָט געמאַכט אַ תל־עולם נישט נאָר פון דער פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט פון די אינדיאַנער, נאָר אויך פאַרניכטעט זייערע גוטע ראַסן־אייגנשאַפטן. פון די אייראָפּעאישע דעראָבערער האָבן זיי געירשנט סיפילים, שיכרות גאָר אין הויכער מאָס, ווילדע זנות, בעטלעריי, געברויך פון קאָקאַ און אַנדערע געפערלעכע דראָגן. די דאָזיקע „מעלות" האָבן ביסלעכווייז אויסגעראָטן די מיליאָנען אינדיאַנער, וועלכע האָבן אַמאָל געלעבט אין דרום־אַמעריקע, און איצט איז געבליבן גאָר אַן אומבאַדייטנדיקע צאָל פון עכטן, לעגיטימע אינדיאַנער.

דער גרעסטער טייל איז אויסגעשטאָרבן, די איבעריקע האָבן זיך צעגויפגעמישט מיט די „דעראָבערער" און געבילדעט דעם איינגאַרטיקן טיפּ מענטשן, וועלכע מען געפינט אין באָליוויע און אויף דער גרעניץ פון אַרגענטינער צפון־פּראָווינצן — ווייסע מיט זייער פיל טראָפּנס אינדיאַנער בלוט...

די קריאָזשעס פון די געגנטן האַלטן בנוגע די אינדיאַנער זייער שטאַרק פון ראַסיזם. זיי לייקענען שטיין אוןביין וועלכע עס איז קרובהשאַפט מיט די באמת עקלהאַפטע און שמוציקע אינדיאַנער און עס איז נישטאָ קיין גרעסערע באַליידיקונג פאַר אַ כוכעניער אָדער סאַלטער אָרימסטן תושב ווען מען זאָל אים דערמאָנען זיין פאַמיליאַרע נאָענטקייט מיט די „אינדיאָס"; אַ מעסער אין זייט איז דאָס מינדעסטע וואָס מען קאָן פאַר אַזאַ באַליידיקונג דערוואַרטן, כאָטש די רויט־געלע הויט און דער ספּעציפישער בוי פון דעם פּנים זיינען בולטע סימנים פון אַ ראַסן־מישונג אין דער פאַרגאַנגנהייט.

באמת האָבן די שפּאַנישע אוואַנטוריסטן, די דעראָבערער פון זיר־

אמעריקע, נישט מיטגעבראכט קיין פרויען און האבן במילא באין ברירה געמוזט נעמען פאר פרויען און געליבטע די אינדיאנער מיידלעך. מסתמא זיינען זיי געווען אין יענע יארן שענער, ציכטיקער און אינטערעסאנטער, ווי די ווייבלעכע געשטאלטן, וועלכע בעטלען איצט אויף די סטאנציעס און זיינען גרייט פאר א פאר סענט צו אלע דינסטן, שמוציקערע, קראנקערע, דעגענערירטערע מענטשלעכע באשעפענישן איז שווער צו געפינען. וואס איז דער וואונדער, אז מען לייקנט וועלכע עס איז פארבינדונג מיט די דאזיקע פריערדיקע „באלעבאטים״ פון זיד־אמעריקע?

— 2 —

דרום־אמעריקאנער קאקאאיניסטן

„וואס ווילט איר טרינקען, טיי פון טיי אדער טיי פון קאקא?״ — אט די פראגע האט מיר געשטעלט אין קאפע די באדינערן, א בלאסע אבער שווארצהנעוודיקע מיידל מיט וואונדערבארע שווארצע אויגן און א שלאנקער, כמעט קינדישער פיגור.

איך קוק זי אן פארוואונדערט: וואס איז דאס פאר א קאקא, וועלכע פארבייט דעם לעגיטימען כינעזישן טיי? איך לאז מיר ברענגען אייניקע בלעטער פון דעם פלאנץ, פון וועלכער, ווי איך ווייס, ווערט פראדוצירט דער געפערלעכער קאקאין. עס שטעלט זיך ארויס, אז די דאזיקע גרינלעך־גרויע בלעטער זיינען אין סאלטא און דער גאנצער פראווינץ, ווי אויך אין כוכוי, אן אמתער פאלקסטימלעכער געברויכס־ארטיקל. קינד און קייט קייען די קאקא־בלעטער דעם גאנצן טאג און זויגן אין זיך אריין דעם גיפטיקן זאפט, וועלכער איז פאר זיי וויכטיקער פון עסן און טרינקען.

דער היימישער ארבעטער קאן גאנצע טעג הונגערן (און תעניתים פראווועט דא דער גרעסטער טייל פון פאלק), אבער נעמט ביי אים צו זיין קאקא, איז ער דער אומגליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט און איז נישט אומשטאנד צו ארבעטן. זיי גייען טאקע ארום, באזונדערס אין קאמפ, שטענדיק מעלה־גרהדיק מיט בלויע ליפן און שטינקנדיקע מיילער, ווייל פון די קאקא־בלעטער, ביי גרויסן געברויך, גייט א נישט־אנגענעמער ריח...

עס איז קלאר, אז דער געברויך פון די קאקא־בלעטער, אין וועלכע עס שטעקט א געוויסע דאזע פון דעם געפערלעכן קאקאין־גיפט, איז איינע פון די סיבות, וואס רופן ארויס די דעגענעראציע פון דער יוגנט. ווי קליין עס זאל נישט זיין דער פראצענט־חלק פון דער דראגע אין די בלעטער, מוז

מען אָבער נעמען אין אַכט, אַז די קאָנסומענטן פון דער קאָקאַ קייען די בלעטער כמעט אָן אויפהער. און חוץ דעם געוואוינט מען צו אויך קליינע קינדער צו דעם דאָזיקן גיפט.

ווי אמתע קאָקאַיניסטן, וואָס קאָנען זיך נישט אָפּגעוואוינען בשום אופן פון זייער געפערלעכער קרענק און ענדיקן סוף כל סוף אין משוגעים־הויז אָדער אין אַ נערוון־אַנשטאַלט. אַזוי איז דער געברויך פון קאָקאַ אין די פּראָווינצן סאַלטאַ און כוכוי געוואָרן אַ פאָלקס־פּלאַגע, וועלכע פירט צו די געפערלעכסטע קאָנסעקווענצן.

אויסגעלערנט האָבן זיך די היימישע קריאָזשעס צו קייען קאָקאַ ביי די אינדיאַנער, ביי וועלכע קאָקאַ איז אַ פאָלקס־אַרטיקל, וויכטיקער ווי ברויט אָדער בראָנפן. און „ווי די מתים עסן, אַזאַ פּנים האָבן זיי". דער־פאַר האָבן טאַקע די אינדיאַנער און זייערע טרייע תלמידים, די סאַלטע־ניער און כוכויער קאָקאַ־קייער געלע, ווי וואַקס, אויסגעדאַרטע, קליינע פּנימלעך, מאָגערע לייבער, דאַרע, שוואַכע הענט און פיס און פאַרדאָר־בענע ציינער און טויגן אַלס סאָלדאַטן אויף כפרות...

היגע תושבים זאָגן מיר, אַז קאָקאַ האָט גרויסע מעלות באַזונדערס פאַרן מאָגן און די נערוון, אַלס באַרואיקונגס־מיטל און איז פאַר די איינ־וואוינער פון די בערג אַ וויכטיקער עלעמענט, וואָס פאַרלייכטערט זיי דאָס אָטעמען אין דער שיטערער באַרג־לופט.

דאָקטוירים זאָגן, אַז דאָס זיינען נאָר „פוילע תירוצים". עס איז פּשוט אַ מין שיכרות, געירשנט פון די דעגענערירטע אינדיאַנער שבטים, וועלכע לעבן נאָך אין רעלאַטיוו גרויסע גרופּן אין די היגע בערג. סאַלטאַ און כוכוי זיינען באַרג־לענדער. די שטאָט סאַלטאַ, די הויפּט־רעזידענץ פון דער פּראָווינץ, ליגט 1200 מעטער הויך איבער דער ים־שפּיגל, די שטאָט כוכוי ליגט נאָך העכער, אָבער ביידע פּראָווינצן פאַרמאָגן מקומות, וועלכע ליגן איבער 3500 מעטער הויך, ווי למשל דער באַרג „פּונאַ דע כוכוי" אָדער די באַרימטע „לאַ קיאַקאַ", וואָס ליגט שוין ביי דער באָליוויאַנער גרעניץ.

— 3 —

פּעאָדאַליזם און קאַפּיטאַליזם אין אַרגענטינער פּראָווינצן

סאַלטאַ געהערט צו די קלענערע, לויט זייער שטח, אַרגענטינער פּראָ־ווינצן. ביי קנאַפּע 130 טויזנט קוואַדראַט קילאָמעטער שטח פאַרמאָגט די

פראווינץ סאלטא ביי די 200 טויזנט איינוואוינער, פון וועלכע בערך זיבעציק טויזנט לעבן אין דער הויפטשטאט.

כוכוי איז באדייטנדיק קלענער: זי האט א שטח פון ארום פופציק טויזנט קוואדראט קילאמעטער, כמעט איינגאנצן בערג, ביי די הונדערט טויזנט נפשות באפעלקערונג.ביידע פראווינצן, נישט קוקנדיק אויף זייער קליינעם שטח, זיינען זייער רייך מיט נאטור־אוצרות און וואלטן ביי אנ־דערע פאליטישע און סאציאלע באדינגונגען, געווען א שפע פאר זייערע תושבים. אבער ביי דער פעאדאלער ווירטשאפט און שוידערלעכע היגיע־נ־ישע, עקאנאמישע און קולטורעלע באדינגונגען, געהערן די פראווינצן צו די אפגעשטאנענסטע טיילן פון דער ארגענטינער מלוכה־קאנפעדעראציע.

סאלטא איז סוב־טראפיש. זומער פאלן דארט שטארקע רעגנס און די בלאטעס צוזאמען מיט די היצן, בילדן א גינסטיקן באדן פאר דער אנטוויק־לונג פון דער מאלאריע, וועלכע איז אין די דערפער שטארק פארשפרייט. אין סאלטא — דער שטאט גופא — איז די חולאת כמעט פארשוואונדן, דורך די בעסערע היגיענישע באדינגונגען און שארפע סאניטארע מיטלען, וועל־כע די רעגירונג האט אנגענומען אינעם קאמף קעגן דער קרענק.

די פראווינץ האט אן אויסגעצייכנטן, פרוכטבארן באדן און פאר־מאגט פיל וואסער, אזוי אז ביי נארמאלע באדינגונגען וואלט זי געקאנט ווערן א לאנד „זבת, חלב ודבש". סאלטא פארמאגט אייגענעם שוין בא־רימט געווארענעם קאווע, זי האט זייער גוטן וויין, עס וואקסט די צוקער־רער און דער סאלטעניער צוקער האט שוין פארנומען א וויכטיקן פלאץ אין דער צוקער־אינדוסטריע. די פלאנטאציעס וואלטן זיך זייער שטארק אנטוויקלט און וואלטן אויך געגעבן פרנסה־מעגלעכקייטן פאר א גרויסער צאל ארבעטער, ווען נישט די פאליטיק פון די צוקער־מאגנאטן פון טוקו־מאנער פראווינץ, וועלכע באשרענקען קינסטלעך די צוקער־פראדוקציע.

איינע פון די וויכטיקסטע אינדוסטריעס אין סאלטא, איז די פרא־דוקציע פון נאפט, וועלכע אנטוויקלט זיך פון יאר צו יאר אלץ גרעסער און עפנט גלענצנדיקע פערספעקטיוון פאר דער עקאנאמישער צוקונפט פון דער פראווינץ. בכלל ליגן אין די בערג גאנצע אוצרות פון פארשידענע קאסטבארע מינעראלן נאר אלץ, ווי אין די דאזיקע מקומות, ווערט פא־ראליזירט דורך דעם מאנגל פון איניציאטיוו און קאפיטאלן און אנדערע פאליטשע און אדמיניסטראטיווע פאקטארן.

די אמתע באלעבאטים פון דער פראווינץ זיינען אזוי רייך, אז זיי האבן גאר קיין גרויסן אינטערעס נישט צו אינטענסיווירן די עקאנאמישע

אַנטוויקלונג פון זייער לאַנד. דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליזם און דער וואוקס פונעם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט זיינען דאָך אין תוך שונאים פון פעאָדאַלער ווירטשאַפט. אַ פאַבריק־אַרבעטער וועט קיינמאָל נישט איינגיין אויף די שווידערלעכע לעבנס־באַדינגונגען, אין וועלכע עס לעבט דער דאָרפישער פּעאָן און פּויער. די אַרגענטינער אַריסטאָקראַטן זיינען קעגנער פון וועלכער עס איז סאָציאַלער געזעצגעבונג און זיינען צופרידן מיט דעם איצטיקן מצב.

נישט קוקנדיק אויף די גרויסע נאַטור־רייכטימער טראָגט נאָך דאָס לעבן אין די פּראָווינצן אַ האַלב־קאָלאָניאַלן כאַראַקטער. מען לעבט רואיק, מען איילט זיך נישט, מען פּראַוועט די טראַדיציאָנעלע „סיעסטאַ" גאַנצע שעהן. זומער איז צו־היים, ווינטער איז ווידער צו־קאַלט עפּעס צו אונטער־נעמען. מען טומלט נישט דאָ צווישן די הויכן בערג, וועלכע רינגלען אַרום די הויפּטשטאָט, מען האָט צייט און פאַר די נערוון נעמט מען אַ פּאָרציע קאָקאַ־טיי און מען לעבט זיך ווייטער די פּאָר יאָר. סיי ווי איז דער דורכשניטס־עלטער פאַר סאַלטאַ 32 יאָר און פאַר כוכוי נאָר 29. איז וואָס דאָ דער רעש און דער טומל, אַז דאָס לעבן איז אַזוי קורץ?...

דער לעבנסוועג פון ארגענטינער יידישן פעדלער

(אַ בלעטל געשיכטע פון דעם נישט וויטן עבר)

— 1 —

מיטן פעקל אויף די אַרגענטינער שליאַכן

ווער איז זי, די אונטער דעם שווערן פעקל צונויפגעקאָרטשעטע און צוזאַמענגעבויגענע פיגור, וואָס שלעפּט זיך אין שטויב און רעגן אויף די ענדלאָזע סטעפּעס און וועגן פון די אַרגענטינער פּראָווינצן? מען זעט די דאָזיקע געשטאַלטן אומעטום: אין די מאָנאָטאָנע און פון די בייזע ווינטן פאַרשטויבטע פּאַמפּאַ־געגנטן, אויף די ברייטע שליאַכן פון די רייכע פּראָווינצן בוענאָס איירעס און סאַנטאַ פע, אין די בערגיקע דערפער און שטעטלעך פון קאָרדאָבאַ, אין דער ווייטער, כמעט מדבריותדיקער טעריטאָריע פון טשאַקאָ, אין די ווייניקע און פרייליכע מקומות פון דער קוראַזשאַנער מדינה, אין די אומעטיקע און פאַרנאַכלעסיקטע שטעטלעך פון טשובוט און אַפילו אין די קאַלטע מדבריות פון פּאַטאַגאָניע. אומעטום גייען זיי אַרום אויף די וועגן און די געסלעך פון דערפער, שטעט, עסטאַנסיעס און סתם פאַרוואָרפענע מקומות מיט דעם שווערן פּעקל אויף די נאָך יונגע, אָבער שוין אַביסל צונויפגעבויגענע פּלייצעס. דאָס איז דער יידישער „קלאַפּער", וועלכער זוכט אַביסל פרנסה פאַר זיך און זיין ווייב און קינדער, דער אַרגענטינער טיפּ פונעם יידישן נע־ונדניק, וואָס בלאָנדזשעט אַרום אויף די אַרגענטינער שליאַכן און מאַכט אויף זיין שטייגער אַמעריקע...

דאָס לאַנד איז מוראדיק גרויס און רייך, אָבער איר באַפעלקערונג איז נאָך זייער שיטער און זייער קליין זיינען די הצטרכותן פון פאָלק. דער רוב מנין און בנין פון דעם אַרגענטינער פאָלק לעבט נאָך אין זייער פּרימיטיווע לעבנס־באַדינגונגען. דאָס לאַנד איז נאָך ווייניק אינדוסטריאַליזירט. דאָס רייכטום באַשטייט אין קאָלאָסאַלע שטחים ערד, אומצעליקע

סטאַדעס בהמות, שעפסן און פערד, אין אוצרות פון תבואה, אָבער דאָס אַלץ געהערט נישט דעם פאָלק, נאָר אַ קליינער צאָל רייכע פאַמיליעס — דער אַריסטאָקראַטיע פון דער גרויסער רעפובליק.

עס איז נאָך בראשית פון דער שפּעטערדיקער גרויסער אנטוויקלונג פון האנדל און אינדוסטריע, עס איז כמעט פּרעהיסטאָריע פון דער איצ־טיקער מאָדערנער, רייכער און מעכטיקער אַרגענטינע. אַ קליינע צאָל שטאָטישע אַרבעטער, גענוג פאַר דער דעמאָלט נאָך זייער שוואַכער אינ־דוסטריע און האנדל, און אַ באַגרעניצטע צאָל רעגירונגס און מוניציפּאַל־באַאַמטע און אָנגעשטעלטע, צוזאַמען נאָר אַ קליינער, אומבאַדייטנדיקער פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. דער רוב אַרגענטינער לעבן פון און אַרום אַגריקולטור און דער עלעמענט פּעאָנען, פעלד־אַרבעטער, פּאַס־טוכער, פערד־טרייבער, „גאַוטשאָס", זיי בילדן די געוואַלטיקע מערהייט פון דער אַרגענטינער באַפעלקערונג.

וואָס דאַרף דער אָרימער פּעאָן אויף דער עקסיסטענץ, וואָס גיט אים זיין ברויט, זיין שטיק פלייש, זיין אָרימען געלעגער און ווינטער און זומער — דעם ברייטן, ענדלאָזן בלויען הימל איבערן קאָפּ און אַביסל היי אָדער שטרוי אונטערן קאָפּ? זיין „מאַטע" גיט אים אויך זיין באַלעבאָס, איז וואָס דאַרף ער, דער אָפּגעשטאַנענער, פּרימיטיווער אין זיין לעבנס־שטיי־גער באַוואוינער פון די שמוציקע, פון ליים אָדער בלאָטע געבויטע ראַנ־טשעס? און דער שטאָטישער מענטש מיט זיין קליינעם געהאַלט, וואָס סטאַיעט קוים אויף די נויטווענדיקסטע באַדערפעניש, וואָס קען ער קויפן אין די קראָמען, ער, דער שטענדיק פאַרשולדיקטער, איינגעטונקענער אין חובות קליינער אַרבעטער און אָנגעשטעלטער? מ'איז פון קינדוויייז אָן געוואוינט צו אַ זייער פּשוטן לעבן. מען באַנוגנט זיך מיט די פּרימיטיוו־סטע מעבל און הויז־געשיר, מיט די איינפאַכסטע קליידער פאַר זיך, פרוי און קינדער און מען באַשרענקט זיך אין אַלע הצטרכותן אויף דאָס מי־נימאַלע.

אָט דעם לעבנס־שטאַנדאַרט האָבן די ערשטע יידישע הענדלער גע־פונען אין אַרגענטינע מיט עטלעכע צענדליק יאָרן צוריק, ווען נאָך דער ערשטער ריין קאָלאָניסטישער אימיגראַציע האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אויף די גאַסן פון אַרגענטינער שטעט און דערפער אויך אַנדערע, ריין שטאָטישע איינוואוינער, וועלכע האָבן זיך תיכף גענומען צום האנדל. קיין געלט האָבן זיי נישט געהאַט, געקומען פון די אַלטע היימען אָן אַ סענט ביי דער נשמה, קיין קראָמען האָט מען נישט געקאָנט עפענען אָן געלט און אָן קרעדיטן. וואָס איז אַנדערש געבליבן די נייע „אַמעריקאַנער

גליקן־זוכער", ווי צו נעמען זיך צום פעקל, ווערן א פעדלער און א לאז טון זיך וואס ווייטער אין די פראווינצן דארט, וואו עס איז נאך פאראן ווייניק „קאמפעטענץ" און וואו מען קאן נאך רעלאטיוו לייכט פארדינען א שטיקל ברויט...

אט אזוי האבן זיך אנגעהויבן באווייזן אויף די וועגן און שליאכן פון דער גרויסער ארגענטינער מדינה די געשטאלטן פון די קלאפערס, וועלכע האבן פון דארף צו דארף און פון ישוב צו ישוב געוואנדערט מיטן שווערן פעקל סחורה פון כל המינים שהוא אנטוויקלט א ברייטן ביז איצט כמעט אומבאקאנטן קרעדיט־סיסטעם, וואס האט געלייגט א פונדאמענט צו דעם מאדערנעם ארגענטינער גרויסשטאטישן האנדל און פון דער מיט אים פארבונדענער אינדוסטריע.

— 2 —

יידישע ווארנהייזער אויף די פלייצעס

וואס האט געטראגן דער ערשטער קלאפער אין זיין פעקל? פרימיטיוו איז געווען דאס לעבן פון דעם ארגענטינער, קליין זיינען געווען זיינע באדערפענישן און אויך זיין קויף־קראפט. צו די דאזיקע באדינגונגען און צו דעם דאזיקן קליינעם „מארק" האט זיך געמוזט צופאסן אין יענע יארן דער יידישער קליינער סוחר און קלאפער. פונדעסטוועגן האט ער געטראגן אויף זיינע פלייצעס אין פעקל א גאנצן אוצר פון פארשיידענע ביליקע סחורות פאר דעם באשיידענעם באדארף פון דעם דאמאלסדיקן קונה. כל המיני שטאפן, גאלאנטעריע־ארטיקלען, פארפיום און קאסמעטיק, פאר דעם שענערן און שוואכערן געשלעכט, קעמלעך אויך פאר די שיינע און יונגע מיידלעך — די „כלות" פון די פעאנען און וואזילע יונגען, די גאוטשאס. טיכלעך פאר ווייבערשע קעפ, גארטלען פאר מענער, וואלוועלע זאקן און גאר ביליקע וועש, שפיגעלעך פאר די קאקעטע „טשיקאס" און אן „עכט ענגליש" קארטל־שטאף פאר די בעסערע, רייכערע קונים. אט דאס איז געווען אין די ערשטע יארן פון יידישן האנדל דער ארסענאל, דער אוצר, וואס דער קלאפער האט געטראגן אויף די פלייצעס. דער ארגענטינער עולם, באזונדערס די פרויען, איז נאך געווען דעמאלט זייער פרום און אפגעהיט אלע רעליגיעזע מנהגים. דעריבער האט מען ביים יידישן קלאפער געקענט געפינען, חוץ זיינע געוויינלעכע סחורות, אויך בילדער פון הייליקע, א

בילד פון דער הייליקער בתולה און דעם הייליקן קינד, א קייטעלע מיט א זילבערנעם צלם אָדער א מעטאַלענעם יעזוס און כדומה אַרטיקלען פאַר דעם רעליגיעזן, קאַטוילישן באַדאַרף.

דער אָרימער פּעאָן און זיין פאַמיליע, דער קליינער אָנגעשטעלטער אָדער באַאַמטער האָט ביי דעם יידישן קליינעם הענדלער געקאָנט דעקן איינגאַנצן זיין באַשיידענעם באַדאַרף אין היימישע אַרטיקלען: דער יידי־שער פּעדלער איז געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט ביי דעם אַרגענטינער תושב. דער „רוסאָ" אָדער „טורקאָ" (דער ספרדישער קלאַפּער) איז געווען העפלעך, געדולדיק, געוואַרט חדשים־לאַנג אויף אָפּצאָלן, געבראַכט די סחורה אהיים און פאַרשפּאָרט אַרבעט און מי דער באַלעבאָסטע. עס איז געווען א אידילישע פריינטשאַפט צווישן דעם קלאַפּער און זיינע קונדן...

דאָס לעבן אין אַרגענטינע איז געגאַנגען זיין היסטאָרישן וועג. דאָס לאַנד איז ביסלעכווייז אריינגעצויגן געוואָרן אין דעם אַלגעמיינעם שטראָם פון קאַפּיטאַליסטיש־אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג. עס האָבן זיך באַוויזן גרויסע פאַבריקן, מען האָט אויסגעבויט באַנען, וועגן, שיפן אויף די טייכן האָבן פאַרבונדע די ווייטסטע מקומות פון דעם ריזן־לאַנד מיט דער הויפּט שטאָט, די באַפעלקערונג איז געוואַקסן און דער ניוואָ פון לעבן האָט זיך פון יאָר צו יאָר געהויבן און מיט אים די הצטרכותן פון דעם קאָנסומענט. אין דעם דאָזיק פּראָצעס האָבן די יידישע קלאַפּערס געשפּילט א געוואַל־טיקע ראָלע. דאָס זיינען זיי געווען, וועלכע האָבן צוגעוואוינט דעם אָרימען און מיטעלערן קלאַס צו א העכערן לעבנס-שטאַנדאַרט. דער מיניאַטורער אָבער ברייטער קרעדיט, וואָס די פּעדלערס האָבן געגעבן זייערע קונים, האָט פיל מענטשן צוגעוואוינט איינצוקויפן זאַכן, וועלכע זיינען פאַר זיי פריער געווען א לוקסוס־אַרטיקל. דער אַרגענטינער אָרימער מענטש האָט זיך אויסגעלערנט שלאָפן אויף א בעט און נישט אויף פּרימיטיווע שטרוי אָדער האָלץ־געלעגערס; ער האָט אָנגעהויבן איינקויפן אביסל מעבל, וועש, שטוביקע זאַכן, געשיר, קליידער און אָפט גראַמאָפאָנען, שפּעטער ראַדיאָ־אַפּאַראַטן און אַנדערע זאַכן, וועלכע האָבן פאַר אים פריער נישט עק־זיסטירט אָדער אויסגעדוכט ווי לוקסוס־אַרטיקלען פאַר נגידים.

דער היסטאָריקער פון דער אַרגענטינער קולטור און באַזונדער פון דעם נאַציאָנאַלן לעבנס-שטייגער אין זיין בהדרגהדיקער עוואָלוציע וועט אָפּ־שאַצן די גרויסע סאָציאַלע און קולטורעלע ראָלע פון דעם יידישע „קוענ־טעניק" אין דעם פּראָצעס פון הויבן דעם לעבנס-שטאַנדאַרט פון די זיד־אַמעריקאַנער פעלקער.

דער טעמפּ פון דער אינדוסטריאַליזאַציע פון דער אַרגענטינער מדינה האָט געמוזט ווירקן אויף דעם גאַנג פון דעם יידישן פּעדלער־האַנדל. מעבל האָט מען שוין נישט געקענט טראָגן אין פּעקל אויף די פּלייצעס, גראַמאָ־פאָנען וכדומה שווערע אַרטיקלען, פאַרשיידענע שטאָפן, זיידנס, געשיר פאַרן הויז און וועש פאַר דער באַלעבאַטישקייט. — דאָס אַלץ האָט פאַר־שווערט דעם וואַנדער־האַנדל און געצוואונגען אַריבערצוגיין צו נייע פאַר־מען פון מסחר. דאָס לעבן האָט אָנגעהויבן אַרויסשטויסן דעם טיפּ פון דעם פּעדלער מיטן פּעקל אויף די פּלייצעס און געשאַפן דעם נייעם טיפּ פון דעם מער סטאַבילן „קוענטעניק", וואָס וואַנדערט שוין ווייניק אַרום איבער וועלדער און פעלדער פונעם לאַנד, האָט שוין זיין „קליענטעלע" אין דער שטאָט גופא אָדער אין נאָענטע, אַרומיקע ערטער. דאָס פּעקל איז נאָך געבליבן אָבער נאָר פאַר די „גרינע", ניי־אָנגעקומענע אימיג־ראַנטן, וועלכע האָבן נאָך געמוזט דורכמאַכן דעם אַלף־בית פון אַרגענטי־נער יידישן האַנדל, דורכגיין דעם שווערן חדר און אָפט צאָלן רבי־געלט ביז מען דערגרייכט די מדרגה פון אַ קוענטעניק.

פון דעם אַלטן טיפּ פּעדלער ביז דעם מאָדערנעם קוענטעניק איז אַ קאָלאָסאַלער מהלך און נישט נאָר אַ כראָנאָלאָגישער, נייערט אויך אַ סאָציאַלער. אָט אַזוי האָט זיך געשאַפן אַ געוויסע סאָציאַלע דיפערענצי־רונג אין דעם קלאַס קוענטעניקעס: דער פּעדלער, דער „קלאַפּער" שטייט נאָך עד היום אויף דער נידעריקסטער שטופע אויפן סאָציאַלן לייטער, איז די גוטשטייענדיקע „קוענטעניקעס" האָבן שוין היינט דערגרייכט צו פאַר־נעמען אַ מערקבאַרע פּאָזיציע אין דער יידישער געזעלשאַפט, אויך די קוענטעניקעס האָט איר רומרייכע געשיכטע פון שווערן קאַמף און גרויסע נצחונות...

— 3 —

דער וועג באַרג־אַרויף

מיטן וואוקס פון די עקאָנאָמישע כוחות פון לאַנד, האָט זיך שטאַרק פאַרענדערט די סיסטעם פון דעם יידישן פּעדלער־מסחר. דער פריערדי־קער קלאַפּער, וואָס פלעגט שטענדיק אַרומפאָרן און אפשר נאָר אויף שבת אָדער יום־טוב געקומען אהיים צו זיין ווייב און קינדער, האָט זיך סטאַ־ביליזירט און געוואָרן אַ תושב אין זיין שטאָט אָדער דאָרף. ער האָט זיך שוין דערוואָרבן אַ פעסטע און סטאַבילע קליענטעלע, פאַר וועלכער ער

איז געוואָרן דער צושטעלער פון אַלע נויטיקע זאַכן אין דער היימישער ווירטשאַפט פון זיין קונה.

דער באַדאַרף פון דעם קונה איז אין לויף פון דער צייט אויך גע־וואַלטיק געוואַקסן. דער פריערדיקער פּרימיטיווער קונה האָט זיך צוגע־וואוינט צו פיל זאַכן, וועגן וועלכע ער האָט אין אַמאָליקע צייטן אפילו נישט געחלומט און איצט זיינען זיי געוואָרן אַ לעבנס-באַדערפעניש. דער שטאַנדאַרט פון אַרגענטינער גרויסשטאָטישן און אַפילו פּראָווינציעלן לעבן האָט זיך געוואַלטיק געהויבן און מיט אים אויך דער קונדן־קרייז פון דעם קוענטעניק און זיינע אומזאַצן, פון אַ קליינעם איינקויפער פון אייניקע פּרימיטיווע סחורות פאַר זיין אָרימען פעקל איז דער מאָדערנער שטאָטי־שער קוענטעניק געוואָרן אַ גרויסער איינקויפער פון פאַרשיידנסטע סחורות פון די קלענסטע גאַלאַנטערי־אַרטיקלען פאַר דעם דאָרפישן קליענט ביז די טייערסטע מעבל, פעליץ־זאַכן, קליידער, וועש און אַנדערע הויז־אַרטיקלען פון הויכן ווערט.

דער קוענטעניק איז געוואָרן דער בעסטער און סטאַבילסטער אָפּנע־מער פון אַלע פּראָדוקטן פון דער גרויסער פאַרברויך־אינדוסטריע און אַן אָנגעזעענער קונה ביי די בענק, צוליב זיינע גרויסע אומזאַצן. דער קוענ־טעניק איז מיט דער צייט געוואָרן אַ געוואַלטיקער פאַקטאָר פון עקאָנאָ־מישן לעבן און אַ פינאַנציעלער און סאָציאַלער יש אין דער געזעלשאַפט.

אייניקע גרויסע בר מזל'ס זיינען אין לויף פון די יאָרן אויפגעשטיגן אויף די העכסטע שטופן פון דער עקאָנאָמישער או סאָציאַלער לייטער און זיינען אַליין געוואָרן גרויס־אינדוסטריאַלן און צושטעלער פאַר זייערע פריערדיקע חברים פון פעדלער־פאַך. אַ גאַנצע רייע פון דער איצטיקער „הויכער אַריסטאָקראַטיע" פון דער יידישער געזעלשאַפט אין אַרגענטינע האָבן אָנגעהויבן זייער קאַריערע אַלס געוויינלעכע קלאַפּערס און האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט אַדאַנק זייער אויסערגעוויינלעכער ענערגיע און אָפט אַדאַנק פּלוצלינגע קאָניונקטורן, וועלכע זיי האָבן פאַרשטאַנען געשיקט אויסצונוצן.

אָבער דאָס זיינען נאָר יחידי-סגולה, וועמען דאָס מזל האָט צוגע־שפּילט און אַרויפגעפירט אויף די שפּיצן פון כבוד און רייכטום. דער רוב מנין ובנין פון די קוענטעניקעס האָבן מער אָדער ווייניקער געמאַכט אַ לעבן, אָבער געמוזט דורכמאַכן שבעה מדורי גיהנום ביז זיי האָבן דער־גרייכט אַ געוויסן וואוילשטאַנד און אַ סטאַבילע פּרנסה. זיי האָבן שווער און ביטער געמוזט אַרבעטן און טראָגן אויף זיך די גאַנצע ריזיקע פון זייער פּרנסה, אָפּגעבנדיק אָפט דעם גרעסטן טייל פון זייערע פאַרדינסטן

די סוחרים און קרעמער, די גראָסיסטן אָדער ווי מען רופט זיי אין ארגענ־טינע, די „מאַזשאַריסטן".

די געשיכטע פון דעם יידישן קועניטעניק־האנדל איז ענג פארבונדן מיט דעם קאַמף פון זיין עמאַנציפּאַציע פון דעם מאַזשאַריסט, פאַבריקאַנט און דעם באַנקיר. עס איז אַ פרייהייטס־קאַמף פון אַ גאַנצן קלאַס יידישע מענטשן פאַר זייערע פרנסות און פאַרדינסטן קעגן דעם כוח פון דעם קאַ־פּיטאַל אין דעם האנדל און אינדוסטריע, כמעט אַ סאָציאַלע באַוועגונג מיט אַן אייגנאַרטיקער געשיכטע...

אין וואָס באַשטייט די סיסטעם פון דעם קועניטע-מסחר? דער סוחר פאַרקויפט זיין סחורה דעם קאָנסומענט אויף אויסצאָלן, נישט אויף מזומן, נאָר אויף „חשבון", וואָס הייסט אין שפּאַניש „קועניטאַ" און איז פאַר־יידישט געוואָרן „קועניטע". זעלטן ווען דער קונה שרייבט אונטער וועלכן ס'איז דאָקומענט; דאָס טרעפט נאָר ביי גאָר גרויסע קניות און אין אַ גרויסן מאַסשטאַב פון די געליפערטע סחורות. די סיסטעם באַזירט זיך מער אויף צוטרוי מצד דעם פאַרקויפער צום קונה. די גרעסטע טייל פון די קונים זיינען באַאַמטע, אָנגעשטעלטע אין געשעפטן, ארבעטער מיט אַ מער אָדער ווייניקער סטאַבילן לוין וכדומה עלעמענטן, וואָס קאָנען זיך נישט דערלויבן איינצוקויפן די נויטיקע זאַכן במזומנים און מוזן קויפן אויף אָפּצאָלן.

די גאַנצע קועניטע איז אויפגעבויט אויף דעם קרעדיט און קודם כל אויף דעם כמעט אידילישן צוטרוי צום קונה. אַ קועניטעניק מוז ריזיקירן, דאָס ליגט אין עצם מעטאָד פון זיין מסחר און ער מוז שטענדיק רעכענען מיט די באַרימטע „טשוועקעס", וואָס זיינען אַן אָפּטע דערשיינונג אין זיין לעבן. אַלץ הענגט ביי דעם קועניטעניק אָפּ פון אַ צופאַל: די קלענסטע געשעעניש אינם לעבן פון זיין קונה, אַ קרענק אין דער פאַמיליע, פאַר־לוסט פון זיין שטעלע, אַ מחלוקת אין זיין משפחה־לעבן, אַנדערע עפּיזאָדן, וואָס שטערן דעם קליענט צו זיין פּונקטלעך אין זיינע צאָלונגען — דאָס אַלץ רופט זיך אָפּ אויף דעם גאַנג פון דעם קועניטעניקס מסחר און זיינע אייגענע התחייבותן לגבי די סוחרים און די בענק, מיט וועלכע ער אַר־בעט. דער סוחר ריזיקירט זייער ווייניק. עס מוז שוין טרעפן גאָר אַ גרויסע עקאָנאָמישע קאַטאַסטראָפע, אַז אומגלויבלעך שווערער דורכפאַל, אַ געוואַלטיק גרויסער „טשוואַק", אַז דער קועניטעניק זאָל אויפהערן צאָלן דעם מאַזשאַריסט, אָדער דער באַנק, ווייל אַזאַ האַנדלונג באַדייט אַ קאָמ־פּלעטע רואינע פון זיין עקזיסטענץ. בשעת דער קועניטעניק האָט זיין ביסל סחורה און געלט צעזייט און צעשפּרייט איבער די שבעה ימים פון זיין

קליענטעלע אין רעלאַטיוו קליינע סומען; בשעת ער טראָגט אויף זיינע פּלייצעס דעם עול פון איינמאָנען די חובות ביי זיינע צאָלרייכע קלענערע און גרעסער קליענטן און די גאַנצע ריזיקע, מוז ער נאָך אָוועקגעבן אַ גרויסן טייל פון זיינע פאַרדינסטן דעם מאַזשאָריסט, דעם פאַבריקאַנט און דער קרעדיט־באַנק.

דער דאָזיקער צושטאַנד האָט נישט געקענט לאַנג אָנהאַלטן. דער דרוק מצד די מאַזשאָריסטן איז געווען צו שטאַרק און די אָפּהענגיקייט פון דעם גאַנצן קוענטע־מסחר פון די סוחרים און די פאַבריקאַנטן האָט אין אַ געוויסער מאָל פּאַראַליזירט די אַנטוויקלונג פון דעם ספּעציפיש יידישן האַנדל. וואָס קלענער און שוואַכער עקאָנאָמיש עס איז געווען דער קוענטעניק, אַלץ גרעסער איז געווען זיין אָפּהענגיקייט פון דעם מאַזשאָריסט, וועלכער האָט אים דיקטירט די מקחים און די באַדינגונגען.

אָן קרעדיט קען קיין קוענטעניק נישט עקזיסטירן, ווייל ער אַליין פאַרקויפט זיין סחורה אויף לאַנגע קרעדיט־טערמינען, וואָס ציען זיך אָפט אויף יאָרן בשעת ער אַליין איז געצוואונגען אָפּצוצאָלן די געקויפטע סחורות אין רעלאַטיוו קורצע טערמינען. עס האָט געמוזט געפונען ווערן אַן אויסגאַנג צו דער שווערער לאַגע.

מען האָט אָנגעהויבן אַלץ מער אין די קרייזן פון די קוענטעניקעס צו ריידן וועגן אַ „יד אחת" קעגן דער עקספּלואַטאַציע פון די מאַזשאָריסטן. די אידייע פון אַ קאָאָפּעראַטיווע איז געוואָרן אַלץ רייפער אין די מוחות פון די מענטשן, וועלכע האָבן געפילט אַז זיי זיינען אַ געזעלשאַפטלעכער און אַן עקאָנאָמישער כוח, וועלכער דרעמלט נאָך אונטער דער ערד, אָבער וועלכער נויטיקט זיך נאָר אין אַ געזונטער איניציאַטיוו, כדי אַרויסצוקומען אויף דער ליכטיקער זון. מען האָט אָנגעהויבן זייער באַשיידן צו טראַכטן מכוח „אחדות" צווישן די קוענטעניקעס. דאָס איז געווען דער ערשטער, נאָך דערווייל קינדישער שריט צו אַ קאָאָפּעראַטיווע.

— 4 —

פונעם פּעדלער צום קאָאָפּעראַטאָר

נישט לייכט איז געווען דער וועג פון דער האַנדלס־קאָאָפּעראַציע אין דער סביבה פון אַזוינע אויסגעשפּראָכענע אינדיווידואַליסטן, ווי עס זיינען די „קלאַפּערס" און די קוענטעניקעס. ביי זיי איז קעגן דער קאָאָפּעראַציע געשטאַנען אַ שטאַרקער כוח פון די מאַזשאָריסטן און פאַבריקאַנטן, וועלכע

האבן מיט א בייז אויג געקוקט אויף די פּראָיעקטן פון די יונגע זייערע קליענטן, וואָס חלומען פון עקאָנאָמישער עמאַנציפּאַציע און זעלבסטשטענ־דיקייט.

פיל האָט געשטערט די ערשטע צייט אויך דער קאָנסערוואַטיזם און די רוטינע פון דעם רוב קוענטעניקעס, וועלכע האָבן נאָך נישט אָפּגע־שאַצט די באַדייטונג פון אַזאַ אָרגאַניזאַציע פאַר זייערע אייגענע אינטע־רעסן. דעריבער איז די ערשטע קאָאָפּעראַטיווע אין יענעם פּעריאָד געווען א נעבעכדיקע קרעמל מיט א סך הכל פון מנינים מיטגלידער, מיט א גאָר קליינעם אויסוואַל פון סחורות, וועלכע האָט בשום אופן נישט געקאָנט קאָנקורירן מיט וועלכן ס'איז מאַזשאָריסט, אפילו פון א צווייט־ראַנגיקער קאַטעגאָריע.

קיינעם אין יענע יאָרן וואָלט נישט געקענט קומען אין קאָפּ א פאַנטאַסטישער געדאַנק, אַז די דאָזיקע קרעמל וועט אין לויף פון קנאַפּע דרייסיק יאָר אויסוואַקסן צו א גראַנדיעזער אינסטיטוציע מיט מיליאָנען־אומזאַצן חודשלעך. וואָלט מען איינעם פון די גרינדער פון דער קאָאָפּע־ראַטיווע אין יאָר 1916 געוויזן א בילד פון די היינטיקע קאָאָפּעראַטיוועס אין בוענאָס איירעס אין די אָוונט־שעהן בשעת דעם גרעסטן פּאַרקער, וואָלט ער געטראַכט אַז ער חלומט אָדער ער איז משוגע געוואָרן: די דיסטאַנץ צווישן דעם קרעמל פון 1916 ביז דער פּילשטאָקיקער געביידע מיט אירע אוצרות סחורות און פאַנטאַסטישע אומזאַצן איז ווירקלעך צו גרויס, אַז די גאַנצע מעשה קלינגט ווי א געשיכטע פון א קינדער־ביכל...

פאַנטאַסטיש־זיגזאַגיק גייען די וועגן פונעם יידישן מענטשן אין די נייע היימען. דאָס בילד פון דעם איינזאַמען פּעדלער אויף די שליאַכן פון די אַרגענטינער סטעפּעס איז שוין כמעט אינגאַנצן פאַרשוואונדן און איז געוואָרן פאַר הײַנטיקן דור אַרגענטינער יידן א לעגענדע, א שטיק רע־מיניסצענץ, א דערינערונג פון דעם וויטן עבר.

צוויי דורות זיינען געגוג געווען כדי כמעט אינגאַנצן אָפּצומעקן דעם טיפּ יידישן מענטשן, וואָס האָט געלייגט דעם גרונטשטיין צו דעם היינ־טיקן גרויסן בנין וואָס הייסט אַרגענטינער יידישער ישוב...

א וועלט דרייט זיך ארום א טעפעלע קאווע

(געדאַנקען ביי אַ קאַפע־טישל)

— 1 —

אַביסל קאַווע־געשיכטע

דוכט זיך, וואָס פאַראַ ראָלע קאָן שפּילן אין לעבן פון אַ פאָלק אַ טעפּעלע קאַווע? דער נאַיווער לייענער וועט מסתמא טראַכטן, אַז דאָס האַנדלט זיך וועגן אַ קאַווע, ביי וועלכער גרויסע מלוכה־מענער זעצן זיך מיישב זיין איבער דעם גורל פון פעלקער און קאָנטינענטן. ניין, ליבער פריינט, נישט וועגן דיפּלאָמאַטישע קאַוועס וויל איך היינט דערציילן, נאָר וועגן אַ גאַנץ געוויינלעכער טעפּעלע קאַווע, וואָס איר טרינקט טאָג־איין טאָג־אויס אין אייער קאַפע, נישט אָפּגעבנדיק זיך גאָר קיין רעכענונג, וואָס פאַראַ באַדייטונג עס האָט פאַר גאָר אַ גרויס לאַנד מיט כמעט 46 מיליאָן איינוואוינער אָט דאָס טעפּעלע קאַווע. טרינקט איר און נאָך מיליאָנען אייער גלייכן טעגלעך מיט איין גלעזעלע קאַווע מער אָדער ווייניקער, קאָן דאָרט אין יענער מדינה אויסברעכן אַ רעוואָלוציע אָדער פאַרקערט, דאָס פאָלק אין דער דאָזיקער מלוכה וועט גיין אין גאָלד און וועט זיך אויסלעבן זיינע יאָרן אין עושר און אין כבוד.

אָט אַזאַ כוח האָט אַמאָל דאָס ביסל קאַווע, וואָס איר זופּט בחפזון אָדער טרינקט פּאַמעלעך אין אייער שטוב אָדער אין אייער קאַפע. איר האָט גרעסערע דאגות, אָבער דאָרט אונטער דעם בלויען הימל און הייסער זון פון דער בראַזיליאַנער רעפּובליק הענגט דאָס לעבן פונעם גאַנצן פאָלק אָפּ אָט פון דער קאַווע, זי איז די סיבה פון אָרעמקייט און וואוילשטאַנד, פון מנוחה און שטורעמס, פון איבערקערענישן און בלוטיקע רעוואָלוציעס אין דער מלוכה...

בראַזיל איז דער גרעסטער קאַווע־פּראָדוצענט אין דער וועלט. עס איז היסטאָריש פעסטגעשטעלט, אַז דער קאַווע איז קיין בראַזיל און בכלל

קיין אמעריקע „פארשלעפט" און פארפלאנצט געווארן פון יעזואיטישע גלחים, וועלכע זיינען געקומען ענדע פופצנטן יארהונדערט פון פארטוגאל קיין בראזיל אלס מיסיאנערן צו פארשפרייטן צווישן די ווילדע אינדיאנישע געצנדינער די תורה פון ישוע הנוצרי. דער קאפע-בוים וואקסט מקדם קדמונים אין די אפריקאנישע וועלדער און איז אין מצרים און אין די אראבישע מלוכות געווען שוין זייער לאנג באקאנט, נאר קיין דרום־אמעריקע האבן אים צוזאמען מיטן קריסטנטום געבראכט די פארטוגעזישע „דעראבערער", וועלכע האבן אויסגעפונען, אז ער בליט און וואקסט אין די טראפישע געגנטן אויסגעצייכנט און אויף אזא אופן איז אין לויף פון דער צייט בראזיל געווארן די גרעסטע קאווע־פאבריק אין דער גאנצער וועלט.

מיט דעם דאזיקן ברוינעם פראדוקט איז פארבונדע געווען ביז דער סאמע לעצטער צייט די גאנצע עקאנאמיק פונעם לאנד, זיין גאנצע געשיכטע טראגט אויף זיך דעם חותם פון די קאמפן, וואס האבן זיך אפגעשפילט ארום די קאווע־קריזיסן, אפילו זיין עטנישער צוזאמענשטעל איז א פועל יוצא פון דער היסטארישער אנטוויקלונג פון די קאווע־פלאנטאציעס. בראזיל איז באקאנט אלס דאס קלאסישע נעגער־מדינה פונעם גאנצן זיד־אמעריקאנישן קאנטינענט: ווייסע בילדן דארט נאר ארום 40 פראצענט פון דער באפעלקערונג. די איבעריקע זיינען אדער ריינע שווארצע (ארום 15 פראצענט) אדער מישלינגע, אין וועמענס אדערן עס פליסן פארשיידענע פראצענטן פון נעגער-בלוט.

אט די נעגערס זיינען אימפארטירט געווארן מיט געוואלט פון אפריקע קיין בראזיל אלס שקלאפן צו ארבעטן אויף די טראפישע קאווע־פלאנטאציעס אין אזעלכע מקומות, וואו א ווייסער בן־אדם וואלט די היץ און בכלל די געפערלעכע פייכטע לופט מיט אירע קראנקהייטן קיינמאל נישט אויסגעהאלטן. די אפריקאנער, שוין אין זייער אלטער היים געוואוינט צום הייסן קלימאט און צו עבודת פרך, האבן זיך אזוי שנעל אקלימאטיזירט און פארמערט אין בראזיל, אז זיי זיינען געווארן באלד א מערהייט אין לאנד. נאר דער אומשטאנד, וואס די ווייסע ראסע האט געהאט די פאליטישע און עקאנאמישע מאכט און אכזריותדיק דערשטיקט יעדן אויפשטאנד פון די שווארצע שקלאפן, האט נישט צוגעלאזן, אז פון בראזיל זאל ווערן א צווייטע נעגער־רעפובליק, ווי למשל ליבעריע אין אפריקע.

היינט פארמאגן נאר די פאראייניקטע שטאטן פון נארד אמעריקע און בראזיל א גרויסע צאל נעגערס און מישלינגע, אויך די נארד אמעריקא-

נער נעגערס זיינען אן „אימפּאָרט־פּראָדוקט" פון אפריקע. דער אונטער־שייד איז נאָר דער, וואָס אין נאָרד אמעריקע האָט מען, כדי צו באַ־פרייען די נעגערס פון שקלאַפעריי, געמוזט פירן א בלוטיקע מלחמה צווישן די צפונדיקע און דרומדיקע שטאַטן, וואָס האָט געדויערט כמעט פיר יאָר, פון 1861 ביז 1865, בשעת די בראַזיליאַנער נעגערס זיינען „באַפרייט" געוואָרן אזוי צו זאָגן אָרגאַניש אין לויף פון דער צייט. נאָר אָן דער קאַווע וואָלט אפשר די גאַנצע געשיכטע פון בראַזיל געהאַט אן אנדער פּאַרלויף, און אן אנדער פּרצוף וואָלט געהאַט סיי איר באַ־פעלקערונג און איר עקאָנאָמישע אנטוויקלונג. דער קאַווע איז א ברכה און גלייכצייטיק א קללה פון לאַנד...

— 2 —

קאַווע־סטאַטיסטיק

עס איז אינטערעסאַנט, אַז אפריקע, דער מוטער-קאָנטינענט פון קאַווע, דאָרט, וואו דער פּראָדוקט וואַקסט שוין מסתמא פון מיליאָנען יאָרן, שפּילט ביי דער קאַווע־פּראָדוקציע איצט א מינימאַלע ראָלע. דער איינציקער אפריקאַנישער אָרט, וועגן וועלכן מען קאָן ריידן ווי פון א פּראָדוצענט פון קאַווע, איז אביסיניע, נאָר דער עקספּאָרט פונעם אבי־סינישן קאַווע איז אזוי אומבאַדייטנדיק, אַז אפילו איטאַליע, נאָך דער דעראָבערונג פון עטיאָפּיע, איז געוועזן געצוואונגען צו דעקן איר קאַווע־קאָנסום 95 פּראָצענט אין זיד־אמעריקע — בראַזיל און אנדערע רעפּוב־ליקן. חוץ בראַזיל ווערט קאַווע פּראָדוצירט אין דער צענטראַל-אמעריקאַ־נישער רעפּובליק גוואַטעמאַלאַ, וואו די פּראָדוקציע איז קליין (לערך 50 טויזנט טאָן א יאָר), אָבער דער קאַווע ווערט פאַרעכנט פאַרן בעסטן אין דער וועלט.

א גאָר גרויסן פּלאַץ פאַרנעמט אין דער קאַווע־וועלט־פּראָדוקציע די זיד־אמעריקאַנישע רעפּובליק קאָלאָמביע, מיט א יערלעכן עקספּאָרט פון איבער צוויי הונדערט טויזנט טאָן, אויך פון אויסגעצייכנטער קוואַלי־טעט. נאָר אַלע פּראָדוצענטן אין דער גאָרער וועלט צוזאַמען ליפערן נאָר איין פערטל פונעם וועלט־קאָנסום. די איבעריקע דריי פערטל פּראָדוצירט און עקספּאָרטירט בראַזיל. אזוי איז דער שטח וואָס די קאַווע-פּלאַנטאַ־ציעס פאַרנעמען אין דער וועלט, ארום איין מיליאָן און זיבנהונדערט פופציק טויזנט העקטאַר, פון זיי פאַרנעמען די בראַזיליאַנער פּלאַנטאַ־

ציעס העכער א מיליאן פינפהונדערט טויזנט העקטאר. די אנדערע זיד־אמעריקאנער רעפובליקן, נאר א פערטל מיליאן העקטאר.

אין די קריזיס־צייטן עקספארטירט בראזיל כמעט אנדערהאלבן מי־ליאן טאן קאווע יערלעך אין דורכשניט. פון דעם גאנצן שטח ערד, וואס איז אין בראזיל פארנומען פון דער לאנדווירטשאפט, פארנעמט דער קאווע 25 פראצענט. מען קאן זיך שוין אויפן גרונט פון די ציפערן אפגעבן א חשבון, וואס עס באדייט דער קאווע־עקספארט פאר דעם דאזיקן לאנד, וועמענס עקאנאמיק איז געווען אויפגעבויט אויף דעם קאווע-פראדוקט: קאווע איז געווען די באזע פון בראזילאנער רייכטום, פון דער פאטענץ און חשיבות פון דער דאזיקער ריזן־גרויסער מדינה.

דער וואס איז קיינמאל נישט געווען אין בראזיל, דעם דוכט זיך, אז דארט טרינקט מען טאג און נאכט נאר קאווע און אז ער איז דארט פשוט אומזיסט. אוודאי טרינקט דער עולם היפשלעך קאווע אין בראזיל און די פאלקס־קאוויארניעס זיינען איבערפולט. א טעפעלע קאווע קאסט הונדערט רייס אין די ארימע קאווע־הייזער און צוויי הונדערט אינעם צענטער, דאס זיינען 2 ביז 4 ארגענטינער סענט א טעפעלע. טאקע ביליק אין פארגלייך מיט אנדערע מקחים! נעמט אבער די סטאטיסטיק, וואס פארשטייט נישט קיין חכמות און פלפולים און איר וועט געפינען א מערקווירדיקע, אומגלויבלעכע דערשיינונג: דער בראזיליאנער טרינקט גאר ווייניק קאווע, אין פארגלייך מיט אים איז דער נארד אמעריקאנער אן אמתער קאווע־שיכור. עס קומט אויס, ווי ביי דעם שפריכווערטלעכן שוסטער, וואס גייט תמיד באָרוועס. אין בראזיל קאן זיך דאס פאלק ווייניקער לייסטן צו טרינקען קאווע, ווי למשל דאס פאלק אין ענגלאנד אדער נארד אמעריקע.

לויט דער אפיציעלער סטאטיסטיק האט דער קאנסום פון קאווע אין בראזיל גופא אין יאר 1938 דערגרייכט לערך 25 מיליאן קילא, וואס ביי א באפעלקערונג פון 45 מיליאן מענטשן מאכט עס אויס 555 גראם א יאר אויף יעדן קאפ פון דער באפעלקערונג. אין דערזעלבער צייט האבן די פאראייניקטע שטאטן פון נארד־אמעריקע פארברויכט ארום דרייצן מי־ליאן זעק (אכט מיליאן פון בראזיל און 5 מיליאן פון אנדערע לענדער), אדער לערך 800 מיליאן קילא קאווע, וואס ביי א באפעלקערונג פון 135 מיליאן מענטשן מאכט עס אויס ארום זעקס קילאגראם אויף יעדן נארד אמעריקאנישן קאפ.

אן אומגלויבלעכער פאקט, אז בשעת דער בראזיליאנער פארברויכט ארום 600 גראם א יאר קאווע, קאנסומירט דער נארד אמעריקאנער פונקט

צען מאָל אזוי פיל פון דעם זעלבן נאַציאָנאַלן בראַזיליאַנער פּראָדוקט. דער דאָזיקער פּאַראַדאָקס דערקלערט זיך נאָר דורך דעם נידעריקן אַר־בעטס־לוין פונעם בראַזיליאַנער אַרבעטער. בשעת דער נאָרד אַמעריקאַנער אַרבעטער דאַרף כדי צו קויפן אַ קילאָ באַזילאַנער קאַווע אַרבעטן איין שעה, מוז דער בראַזיליאַנער פאַרברויכן פאַר דעם זעלבן קילאָ פיר שעה אַרבעט. מיט דעם דערקלערט זיך אָט דער פּאַראַדאָקס מיטן קאַווע־קאָנסום...

— 3 —

מען שליידערט דעם קאַווע אין ים אַריין

וואָלט אַלץ געווען גוט און שיין, ווען די וועלט וואָלט געטרונקען פיל קאַווע, די פּערספּעקטיוון פאַר דער קאַווע־פּראָדוקציע און דעם עקס־פּאָרט זיינען געווען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה גלענצנדיקע: דער וועלט־קאָנסום איז אין די נאָך־מלחמה־יאָרן געשטיגן פון יאָר צו יאָר. אזוי האָט די וועלט אינעם פּעריאָד למשל 1909־1913 פאַרברויכט דורכ־שניטלעך יערלעך אַרום 13 מיליאָן דאָפּלצענטנער קאַווע. שוין מיט 18 יאָר שפּעטער איז דער קאָנסום אויסגעוואַקסן ביז 22 מיליאָן דאָפּלצענ־טער קאַווע. די מקחים אויף קאַווע זיינען פּראָגרעסיוו געשטיגן און בראַזיל איז ממש נתעשר געוואָרן.

דער גרויסער וועלט־קריזיס ענדע 1929 האָט אויך דעם דאָזיקן מאַרק פאַרכאַפּט און געמאַכט דאָרטן אַן אמתן חורבן. בראַזיל, וועלכע האָט אין די פּראָספּעריטי־יאָרן שטאַרק פאַרגרעסערט די פּראָדוקציע פון קאַווע, איז פּלוצלונג געבליבן שטעקן מיט קאָלאָסאַלע זאַפּאַסן קאַווע אין אירע פּאָרטן, וועלכע מען האָט נישט געהאַט וואו אהינצוטון, כאָטש נעם און וואַרף זיי אַריין אין וואַסער. און עס איז טאַקע נישט געווען קיין אַנדער עצה ווי בפועל ממש צו נעמען דעם קאָסטבאַרן, מחיהדיקן ברוינעם פּראָדוקט און אַריינשליידערן אים אין מיליאָנען קילאָ אין אַטלאַנטיק אַריין.

די בראַזיליאַנער רעגירונג איז געווען געצוואונגען איינצופירן אַ שטרענגן קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע. מען האָט מיליאָנען קאַפע־ביימער אָן רחמנות אויסגעהאַקט און געצאָלט פאַר דער פאַרניכטונג פון די פּלאַנטאַציעס די אייגנטימער גרויסע פּרעמיעס, גרויסע מענגעס קאַווע־בעבלעך האָט מען אין די פאַבריקן און די לאָקאָמאָטיוון פון אייזנבאַן אַלס הייץ־מאַטעריאַל פאַרברויכט. נאָך גרעסערע טראַנספּאָרטן האָט מען

ארויסגעפירט אויף שיפן אין מיטן ים און אריינגעווארפן אין וואסער.
עס איז געווען אן אמתע בהלה אויף דעם בראזיליאנער מארק פון קאווע. די מקחים זיינען אזוי טיף געזונקען, אז עס האט געדראט נישט קיין קריזיס, נאר א פולשטענדיקער צוזאמענברוך פון דער וויכטיקסטער נאציאנאלער פראדוקציע און ממילא פון דער גאנצער בראזיליאנער ווירטשאפט. א באזונדער קאווע־דעפארטאמענט פון דער מלוכה איז געגרינדעט געווארן מיטן הויפט־ציל צו קאנטראלירן די פראדוקציע, אז זי זאל חס וחלילה נישט איבערשטייגן די באשטימטע גרעניץ, רעגולירן די מקחים אויף די וועלט־מערק און דורך געשיקטע עקאנאמיש־פאליטישע מאסמיטלען אויפצוהאלטן דעם דאזיקן וויכטיקסטע צווייג פון דער נאציאנאלער עקאנאמיק פון בראזיל.

די געשיכטע מיטן קאווע, וואס מען האט אריינגעווארפן אין ים אריין, כדי צו אנהאלטן די מקחים, דערמאנט אן דער „וויין־כונטא" אין ארגענטינע, וועלכע האט אויסגעגאסן מיליאנען ליטער גוטן וויין אין די טייכן און רינשטאקן, אויך מיטן ציל צו אנהאלטן די מקחים אויף וויין אין לאנד.

עס איז קלאר, אז נאר אינעם סיסטעם פון דער קאפיטאליסטישער ווירטשאפט זיינען מעגלעך אזעלכע משוגענע זאכן, ווי די פארניכטונג מיט ביוון פון מיליאנען טייערע און נוצלעכע פראדוקטן, ווי דער קאווע אין בראזיל, וויין אין ארגענטינע א. א. וו. בשעת א האלבע וועלט גייט אויס פון הונגער און נויטיקט זיך אין די דאזיקע פראדוקטן, קען אבער פאר זיי נישט באצאלן.

נאר דערווייל, אין יענער עפאכע, האבן די מאסמיטלען פון דער בראזיליאנער רעגירונג דאך אפגעשוואכט דעם קריזיס און געראטעוועט וויניקסטנס א טייל פון די פלאנטאציע־באזיצער פון באנקראט און געגעבן א מעגלעכקייט צו האלטן די מקחים אויף א רעלאטיווער הויך. דער וועלט־קריזיס האט אבער שטארק אפגעשוואכט דעם קאווע־קאנסום אומעטום, באזונדערס אין נארד אמעריקע, דער גרעסטער קאווע־טרינקערין אין דער וועלט.

אויך דייטשלאנד, וואס איז תמיד געווען א שטארקע פארברויכערין פון קאווע, וואו דער „קאפע" איז נאך ביר אזוי צו זאגן דער נאציאנאלער געטראנק פונעם פאלק, האט די לעצטע יארן פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה, צוליב מאנגל אין דעוויזן, אנגעהויבן פאבריצירן „קאפע־ערזאצן" און האט געקויפט גאר וויניק בראזיליאנער קאווע.

דאָס זעלבע איז מיט איטאַליע, וואָס האָט נעבעך געחלומט וועגן קאַווע־אוטאַרקיע מיט אייגענעם עטיאָפּישן קאַווע, האָט געמוזט קויפן קאַווע אין בראַזיל פאַר מזומן געלט. אויך דאָרט איז דער אימפּאָרט פון בראַזיליאַנער קאַווע שטאַרק געפאַלן. און אויך אין אַנדערע לענדער האָט מען זיך נישט געקענט לייסטן צוליב דעם עקאָנאָמישן קריזיס צו אימ־פּאָרטירן פיל קאַווע און בראַזיל האָט זיך דעריבער געראַנגלט שווער און ביטער אויף די וועלט־מערק מיט איר הויפּט־פּראָדוקט קאַווע, מען זוכט מיט אַלע מיטלען צו פאַרגרעסערן דעם וועלט־קאָנסום, כדי פּטור צו ווערן פון איר סחורה, וואָס איז אַ ברכה און אָפט אַ קללה פאַרן לאַנד...

זיץ איך אַזוי אין קאַפע ביי מיין טישל און זופּ מיר מיין טעפּעלע קאַווע און טראַכט: „רבונו של עולם! ווען מען זאָל דאָס איינפאַלן אין קאָפּ, אַז אָט דאָס טעפּעלע קאַווע קאָן האָבן אַ היסטאָרישן איינפלוס אויף אַ גורל פון אַ גרויסן פאָלק? אַ מאָדנע וועלט האָסטו באַשאַפן, ליבער גאָט!...”

א באַדרייזע קיין טשילע

ווער, ווי איך, וואָס האָט שוין נישט איינמאָל פּרובירט דעם טעם פון אַ לופט־רייזע און איז געפלויגן אין אַוויאָנען איבער בערג, טאָלן, שטעט און וועלדער, פאַרלירט דעם חשק צו שלעפּן זיך מיט דער באַן טעג און נעכט, ווען מען קאָן די זעלביקע רייזע מאַכן אין שעהן מיטן אַוויאָן. פאַרט מען איצט מיט דעם באַן, קומט מען זיך שוין פאָר עפּעס אַלטמאָדיש, אַזוי ווי מען וואָלט עמיצן פאַרגעשלאָגן צו מאַכן היינט צו טאָג אַ נסיעה פון וואַרשע קיין פּאַריז אין אַ פּאָסט־קאַרעטע פון די שוין לאַנג פאַרשוואונדענע צייטן...

עס זיינען פאַראַן אָפּטימיסטן, וועלכע האַלטן, אַז נאָך דער איצטי־קער מלחמה, ווען די צענדליקער טויזנטער קריגס־אַוויאָנען, באָמבאַרדירער, יעגער־עראָפּלאַנען און ווי זיי אַלע הייסן דאָרט, זיינען געבליבן ממש אָן אַ שטיקל ארבעט, ווייל עס איז דאָך נישטאָ וועמען צו אַטאַקירן און צו באָמבאַרדירן, וועלן די באַנען בלייבן פּוסט און ליידיק, ווייל דער עולם, מיטן אויסנאַם פון זקנים און האַרץ־קראַנקע מענטשן, וועלן פאָרן נאָר אין אַוויאָנען און בחצי חנם. אפשר איז דאָס אַ שטיקל גוזמא, אָבער אַז די אייזנבאַנען וועלן גאָר אינגיכן ווערן אַ מין מוזיי־אינסטיטוציע, דאָס איז אַ שוין באַשטימטע זאַך...

אָבער די מעשה מיט די טויזנטער אַוויאָנען און ביליקע לופט־נסיעות זיינען דערווייל נאָר אַ שיינער חלום. די ווירקלעכקייט זעט היינט צו טאָג גאָר אַנדערש אויס, דערווייל איז אַ לופט־רייזע נאָך אַ גאָר טייערער ביסן, וואָס נישט יעדער פּראָסטער בשר ודם קאָן זיך דאָס פאַרגינען.

אוודאי איז פיל בעסער און אינטערעסאַנטער דורכצומאַכן דעם קפיצת הדרך, וואָס די אַוויאָנען ברענגען מיט זיך פאַר דער מענטשהייט, און פאַרשפּאָרן זיך מאַטערן גאַנצע מעת־לעתן אין די אָנגעשטאָפּטע באַן־וואַגאָנען, און אויך די צייט, וואָס איז, לויט דעם שפּריכוואָרט פון דעם אַמעריקאַנער, אַזוי טייער ווי געלט.

נאָר די צרה איז, וואָס נישט אַלעמאָל האָט מען דאָס געלט פאַר אַ לופט־רייזע און וואָס נאָך וויכטיקער איז אין אונדזערע צייטן, נישט

אַלעמאָל קריגט מען אַ פּלאַץ אין די אַוויאָנען. עס איז טאַקע אויס מלחמה, אָבער מיליטאַרן אָדער אַנדערע מלוכה־לייט אָדער סתם וויכטיקע פּער־זאָנען מיט גרויסע זכות אבות זיינען בילכער, ווי געוויינלעכע פּאַסאַזשירן, ווען עס ווילט זיך פאָרן אין אַן אַוויאָן.

דער אַלטער פּרינציפּ פון „כל הקודם זכה” איז איצט אָפּגעשאַפט: עס העלפט גאָרנישט, צי מען איז אין דער ליסטע פון די פּאַסאַזשירן אין דעם אַוויאָן פריער פאַרשריבן, אָדער שפּעטער. קומט אינמיטן דערינען אַ „פּריווילעגירטער” פּאַסאַזשיר, בעט מען דעם פּשוטן גאַסט במחילה וואַרטן. עס העלפן גאָרנישט קיין שום טענות, אויף וועלכע מען באַקומט נאָר איין ענטפער — מלחמה — און מיט דעם ווערטעלע זיינען שוין פאַרענטפערט אַלע קשיות, תרעומות און טענות...

אַזוי ווי איך געהער נישט צו די פּריווילעגירטע פּאַסאַזשירן, האָב איך געהאַט ווייניק שאַנסן צו באַקומען אינגיכן אַ פּלאַץ אין אַוויאָן און בין געווען געצוואונגען צו נעמען דעם באַן קיין טשילע. דאָס איז אויך היינט נישט קיין ביליקער ענין און חוץ דעם גייט די באַן פון בוענאָס איירעס קיין טשילע נאָר איינמאָל אַ וואָך. אַזוי, אַז אַפילו אַזאַ געוויינ־לעכע נסיעה מיט דער „אַלטמאָדישער” באַן, איז נישט אַזוי איינפאַך. נאָר אַ בילעט קריגט מען אָן גרויסע זכות אבות און אַז מען האָט אַ באַן־בילעט אין קעשענע, פאָרט מען שוין, ווייל דאָ אויף די אייזנבאַנען איז נישטאָ נאָך קיין פּריווילעגירטע פּאַסאַזשירן, וואָס זאָלן וועלן אייך אַרויס־וואַרפן פון אייער קופּע. האָט איר אַ בילעט, פאָרט איר שוין, ווי עס איז, צי באַקוועם, צי שלעכט — דאָס איז שוין אַן אַנדער ענין, אָבער איר פאָרט.

די רייזע היינט צו טאָג פון בוענאָס איירעס קיין סאַנטיאַגאָ דע טשילע איז אַ זייער קאָמפּליצירטער ענין. קודם כל מוז מען דורכמאַכן אַ וועג פון עטלעכע און צוואַנציק שעה ביז מענדאָסאַ, נאָכהער פאָרט מען מיט אַן אויטאָ ביז אַ פּונקט אין די קאָרדיליערן־בערג, וואָס הייסט „פּונ־טאַ דע וואַקאַס”; דאָרט נעמט מען ווידער אַ קליינבאַן ביז אַ טשילעני־שער סטאַנציע מיטן נאָמען „לאָס אַנדעס”. אויף דער סטאַנציע מוז מען אַריבערגיין אין אַ נייעם צוג, וואָס ברענגט אייך מיט מזל קיין סאַנטיאַגאָ.

וואָלט דאָס אַלץ געווען ווי עס איז צו דערטראָגן, ווען די באַנען און די טוריסטן־אַגענטורן, וואָס באַזאָרגן די אויטאָס, וואָלטן אויפגעהערט צו באַטראַכטן די אָרימע פּאַסאַזשירן ווי שעפּסן, וואָס מען פירט זיי צו דער שחיטה, נאָר באַהאַנדלט ווי עס געהער צו זיין, ווי קליענטן. די צרה איז אָבער, וואָס סיי די באַן, סיי די אַגענטורן, זיינען מאָנאָפּאָליסטן אויף דעם שטח ערד פון בוענאָס איירעס ביז דער טשילענישער גרעניץ. קיין

אנדערער וועג איז נישטאָ. די באַן גייט נאָר איינמאָל אין וואָך, וואָס זאָל אַלזאָ דער אומגליקלעכער פּאַסאַזשיר, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די דאָזיקע מאָדערנע „בעלי־עגלות״ טון, ווען ער ווערט גאַנצע צוויי מעת־לעת אויסגעריסן און קומט אָפּ נאָך ביים לעבן אַ שטיק חיבוט־הקבר? ער מוז נעבעך שווייגן און אַראָפּשלינגען אַלע נגישות און רדיפות מצד די געפּעק־טרעגער, באַן־אַגענטן, שאָפערן וכדומה חברה, וועלכע לעבן אויף דעם חשבון פון דעם מאַרטירער, וואָס הייסט פּאַסאַזשיר...

ביז מענדאָסאַ פירט די אַזוי גערופענע „פּאַסיפיק־ליניע, וואָס טראָגט איר נאָמען נישט ווייל זי איז אַזאַ רודף־שלומניצע, נאָר ווייל פריער איז זי געווען אַ המשך פון דער אייזנבאַן־ליניע פון דעם פּאַסיפישן אָקעאַן ביז צום סאַמע ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ. אָבער די קאָרדיליערן־בערג זיינען מיט די מענטשלעכע אויפטועכצן נישט געווען מסכים. יאָר־איין, יאָר־אויס, האָבן די שטורעמס אין די אַנדן־בערג צווישן אַרגענטינע און טשילע צע־שטערט דאָס שטיקל וועג, וואָס פלעגט פירן פון מענדאָסאַ ביז צו דער טשילענישער טעריטאָריע און עד היום קאָן מען נאָך זען די סימנים פון דעם חורבן, וואָס דער שטורעם האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק אָנגעמאַכט אויף דער „טראַנסאַנדינער״ באַן. זינט דעמאָלט מוז מען פון מענדאָסאַ ביז „פּונטאַ דע וואַקאַס״ פאָרן מיטן אויטאָ ביז וואַנען דער פּראָיעקט פון אַ נייער באַן־ליניע, וואָס מען בויט איצט אין די בערג, וועט פאַרווירק־לעכט ווערן. אין מענדאָסאַ וואַרטן שוין די אויטאָס אויף די פּאַסאַזשירן מיט זייער באַגאַזש, וועלכער ווערט פאַרלאָדן אויף ספּעציעלע קאַמיאָנען, ווייל די אויטאָס זיינען גאָר קליינע און נעמען קוים אַריין פיר פּאַסאַ־זשירן און אַז גאָט וויל און די „פאַרשוינען״ פון דעם אויטאָ־וואָגן זיינען אַביסל דיקלעך, מוז איינער כמעט זיצן אויף די קני פון דעם צווייטן...

די אויטאָס ברענגען די פּאַסאַזשירן ביז דער באַן סטאַנציע, וואָס טראָגט דעם אינטערעסאַנטן נאָמען „פּונטאַ דע וואַקאַס״, וואָס אויף אונ־זער מאַמע־לשון הייסט דאָס „דער פּונקט פון די קי״. אויף דעם פּונקט פון די אַנדן בערג קאָן מען טאַקע זאָגן „כשמו כן הוא״, ווייל די סטאַנציע איז באַשטימט געוואָרן אויף צו פאַרלאָדן בהמות, אָבער בשום אופן נישט קיין מענטשן... די סטאַנציע ליגט אין אַ ריכטיקן מדבר, אָן אַ מינדסטן סימן פון וועלכער עס איז גרעזעלע, נאָר הוילע שטיינער און פינצטערע סקאַלעס אַרום אַ גרויסן, אַרומגעצוימטן פּלאַץ, וואו עס ליגט די סטאַנ־ציע־געביידע. דאָרט טראַנספּאָרטירט מען די פּאַסאַזשירן און די בהמות, ווייל אויף דער ליניע שטייען אָנגעלאָדענע וואַגאָנעס מיט אָקסן, קי, פערד און חזירים, וואָס פילן־אָן די אַטמאָספער מיט זייער ספּעציפישן ריח

ניחות און פארפעסטן די בארג־לופט. ארום דעם בנין פון דער סטאנציע שטייען צוויי בענק מיט פלעצער פאר א סך־הכל אכט מענטשן, דער אנ־דערער עולם, לערך הונדערט פערזאן, מוז שטייען און ווארטן אויף דער באן, וואס קומט אן פרינציפיעל מיט א פארשפעטיקונג פון עטלעכע שעה. עס בלאזט א שטארקער בארג־ווינט און טראגט מיט זיך גאנצע וואלקנס שטויב און אויך די שיינע ריחות פון דעם סקאט אין די וואגאנעס.

עס איז רעלאטיוו הויך דא אויף דעם פונקט. איבער 1800 מעטער איבער דעם ים־שפיגל. עטלעכע פאסאזשירן לויפן ארום מיט פארבלו־טיקטע נעזער; ביי אנדערע רינט דאס בלוט פון די אויערן: דאס זיינען פאסאזשירן, וואס פארטראגן נישט די הויכקייט פון די בערג און מסתמא אויך נישט דעם אראמאט פון די בהמות...

נאר ווי אלץ אין לעבן, האט דאס ווארטן אויף דער באן אויך א סוף. מיט א מוראדיקער פייפעריי פארט דער צוג מיט מזל אריין אין דער סטאנציע און דא הויבט זיך אן א נייער שדים־טאנץ. דער צוג האט נישט קיין וואגאן פאר באגאזש, מוז מען אלע טשעמאדאנעס, קאפערס וכדומה זאכן שלעפן אין די וואגאנעס, וואס זיינען קליין, שמאל און ענג, ווי א קבר. טרעגערס זעט מען ווייניק, דער גרעסטער טייל פון זיי פארנומען מיט די רייכערע פאסאזשירן, דער אנדערער עולם מוז במחילה, וגם אני בתוכם, שלעפן אויף אייגענע פלייצעס זייערע זאכן און זיי אריינווארפן דורכן פענצטער אין וואגאן און שפעטער זיי ארויסזוכן פון דער כאאטי־שער מאסע זעק, טשעמאדאנעס, וואליזעס, וואס בילדן זיך אויף דער פאדלאגע פון די וואגאנעס. אין דעם תהו ובהו, אין דעם טומל, געשריי, געפילדער פון די ווייבער און קינדער, מעלדן זיך פלוצלונג די באאמטע פון דער אדואנא, וועמען עס פארגלוסט זיך צו מאכן די רעוויזיע פון דעם געפעק דווקא אין וואגאן. עס טוט זיך חושך, מען מוז ארויסשלעפן יעדער איינער פון דעם בארג זאכן זיינע טשעמאדאנעס און זיי עפענען.

די באאמטע, זייער העפלעך, אבער ענערגיש, זיינען בודק חמץ באַ־זונדער ביי די עלעגאנטע דאמען, וואס פירן גאנצע פעק פעלץ־זאכן אויף זיך און אין די וואליזעס. וועגן די דאזיקע פעלץ־זאכן הויבט זיך אן א געפילדער און א יאמער מצד די דאמען, וואס שווערן בכל השבועות שבעולם, אז די זאכן זיינען אלט, ווי מתושלח, אז דאס זיינען ירושה־זאכן פון דור־דורות און אז דעריבער קאן מען זיי נישט באטראכטן ווי קאנטראבאנדע נייע פעלץ-זאכן. די דיסקוסיעס ציען זיך אזוי לאנג, אז די באאמטע ווערט פשוט מיאוס דער גאנצער ענין און זיי לאזן אונדז צורו. מיר קומען אפ מיט שרעק, ווייל יעדער פון אונדז האט קאנטרא־

באנדע פאפידאסן, פלעשער קאניאק, וויסקי, פעקלעך טיי, טאבאק, וכדומה זאכן, וואס זיינען אין טשילע א יקר המציאות און וואס ווערן נאכאנאנד געשמוגלט אלס מתנות פאר קרובים און גוטע פריינט.

די באן גייט איבער דער טשילענישער גרעניץ ביז צו דער סטאנציע „לאס אנדעס" און שניידט־דורך די אנדן־בערג אויף א קאלאסאלער הויך פון איבער 3000 מעטער. די בערג שטייען אזוי געדיכט נעבן דער באן ליניע, אז זיי פארשטעלן די זון און עס הערשט אין וואגאן אזא פינצ־טערניש, אז אין מיטן העלן טאג ווערן אנגעצונדן די לאמפן. חוץ דעם פארט מען כסדר דורך מוראדיק־לאנגע טונעלן, כמעט אזוי גרויס און לאנג ווי דער באריםטער טונעל אין דער שווייץ — סאן גאטארד. חוץ טונעלן האט מען צוליב די ווינטן אויסגעבויט אזוי גערופענע „רעפוכיאס", וואס הייסט פשוט הילצערנע מקום-מקלט־דורכגענג פארן צוג, דורך וועלכע די וואגאנעס מיטן לאקאמאטיוו ציען זיך, ווי דורך א קארידאר. אויך די דאזיקע „קארידארן" זיינען לאנג, ווי דער יידישער גלות און פינצטער און פארשטעלן די ליכטיקע זון, וואס בלאנקט און לייכט אין די בערג מיט א גאר באזונדערער שארפקייט. דער אייביקער שניי ליגט אזוי נאענט נעבן דער באן־ליניע, אז מען קאן אים נעמען אין דער האנט, און די זון שפיגלט זיך אפ מיט אזא גלאנץ דורך דעם וויסן פרוכת פון שניי, אז עס טוט וויי די אויגן. נאר דאס דויערט נישט לאנג: יעדע פאר מינוט טוליכט אויף א פרישער טונעל, א נייער „רעפוכיא" און ווידער ווערן מיר ארומגעוויקלט מיט א נעפל פון א חושך מצרים, די עלעקטרישע לעמפלעך אין די וואגאנען בליצן גרוי און אומעטיק אויף, און עס דוכט זיך, אז עס איז שוין טיפע נאכט. עס איז אבער ערשט דריי אזייגער ביטאג, און אויבן, אויף די שפיצן פון די קארדיליערן, ברענט די זון און שפיגלט זיך אין דער אייביקער ווייסקייט...

די פאסאזשירן, וואס האבן ערשט נישט לאנג דורכגעמאכט די שרעק פון דער צאל־רעוויזיע, האבן פלוצלונג א נייע פעקל אויף זיך: עס קומט אריין א גאנצע פראצעסיע פון טשילענישע באאמטע פון דער פאליציי צו רעווידירן די פעסער. אמאל, אין די גוטע, שיינע יארן פאר דער ערש־טער מלחמה, אדער פאר היטלערס תקופה, איז דאס אריינקומען פון דער גרעניץ־פאליציי געווען אזא נאטירלעכע זאך, ווי דאס דערשיינען פון דעם באן־קאנדוקטאר. קיינער האט אפילו נישט געטראכט וועגן דער פעסער־רעוויזיע. היינט אבער, איז דער ענין אפט פארבונדן מיט דער סכנה, אז מען וועט אייך פשוט במחילה בעטן ארויסגיין פון וואגאן און פארן צוריק אהיים פון וואנען איר זייט געקומען... בפרט מיר, יידן, וואס ווערן, ווי

באַקאַנט, באַזונדער באַטראַכט אַלס זייער „אַנגעלייגטע געסט" אין אונדזע־רע דעמאָקראַטישע מדינות, געסט, וועלכע מען האָט ליב פונדערווייטנס...

ביז מען דערלעבט שוין, אַז די רעוויזיע איז געענדיקט און דער מלאך הדומה האָט שוין אויסגעפרעגט זיין „מה שמך" און איז אַוועק צו אַנדערע מאַרטירער, דוכט זיך אויס יעדע מינוט ווי אַ שעה. אָבער די פּאָליציי פון דער טשילענישער גרעניץ איז זייער העפלעך און אַרבעט אין וואַגאָן מיט עלעגאַנטער לאַנגזאַמקייט, אָבער מיט ענערגיע. נאָך אַ שעה רעווי־זיע איז דער גאַנצער צוג פּאַסאַזשירן אויסגעפרעגט און זייערע פּעסער אָפּגעשטעמפּלט, קיינעם האָט מען נישט צוריקגעשיקט און אַלע האָבן זיך באַרואיקט, נישט וויסנדיק, אַז באַלד, אין „לאָס אַנדעס" וואַרט אויף אונדז אַ נייע אָנשיקעניש, וואָס הייסט אַ פרישע רעוויזיע פון זאַכן, דאָס מאָל מצד דער טשילענער אַדואַנאַ.

די „קאָנטראַבאַנדיסטן" הויבן שוין אָן עטלעכע סטאַנציעס פאַר „לאָס אַנדעס" ווידער צו פּאַקן, איבערצופּאַקן און צו פאַרשטעקן זייער קאָנט־ראַבאַנד. מען דערציילט אין וואַגאָן אַז די טשילענישע צאָל־באַאַמטע זיינען זייער שטרענג, באַזונדער צו די פיינע און עלעגאַנטע דאַמען מיט זייערע פוטער־זאַכן, און עס ווערט אַ פרישע מהומה און בהלה ביי דעם שיינעם מין, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט כל המיני שמוגליאַרסקע מציאות פון אַר־גענטינע. דער צוג פליט דורך די בערג, עס איז שוין דרויסן אויך פינצ־טער געוואָרן און אַפילו דער שניי אויף די גאָענטע שפּיצן פון די בערג איז פאַרטונקלט געוואָרן אין דער שוואַרצקייט פון דער ווינטער־נאַכט. ענדלעך, מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון קנאַפּע צוויי שעה, זיינען מיר אָנ־געקומען קיין לאָס אַנדעס, וואו מיר מוזן נעמען נאָך דער צאָל־רעוויזיע אַ נייעם צוג, שוין דירעקט קיין סאַנטיאַגאָ.

די רעוויזיע איז געווען טאַקע גאָר שטרענג, אָבער אויך דאָס מאָל האָבן די פרויען מיט זייערע יללות, טענות און וועשרייען אַזוי פאַרמאַ־טערט די אָרימע באַאַמטע, אַז אונדז מענער, מיט אונדזער אומשולדיקן באַגאַזש, האָט מען פון יוצא וועגן שנעל אָפּגעפּטרט און מיט גרויסע צרות צוליבן מאַנגל אין טרעגערס, מיט דער הילף פון מינדעריעריקע שקצימלעך, וואָס זיינען פון ערגיץ־וואו צונויפגעלאָפן צו דער סטאַנציע, זיינען מיר אַריין אין וואַגאָן און אָפּגעאָטעמט מיט פולער ברוסט.

פּטור געוואָרן פון רעוויזיעס, פון אויספרעגעניש, שרעק און מורא, דורכגעמאַכט דעם פולן חיבוט הקבר און די שבעה מדורי גיהנום, זיך גע־בראָטן אין דער באַרג־זון, געפרוירן אויף דער הויך פון די באַרג־שפּיצן מיט זייערע שנייען דורך טונעלן, געהוטשקעט זיך אין די ענגע, קליינע

אויטאָס, געשטיקט זיך אין די וואַגאָנעס, אַריינגעזאַפּט אין זיך כל המינים ריחות און אַראָמאַטן, זיינען מיר איצט, אין דער פינצטערניש פון דער ווינטער־נאַכט, געפלויגן אין אונדזער שנעלצוג צו דער הויפּטשטאָט פון דער שיינער רעפּובליק טשילע — סאַנטיאַגאָ.

דאָרט, אין האָטעל, וועלן מיר זיך אויסרוען אונדזערע פאַרמאַטערטע ביינער, באַרואיקן אונדזערע צערודערטע נערוון און שנעל פאַרגעסן די אַלע מאַטערנישן פון דעם וועג צווישן בוענאָס איירעס און סאַנטיאַגאָ דע טשילע...

א רייזע אויף דעם לא פלאטא טייך

— 1 —

אויף דער שיף אונטערוועגס קיין מאָנטעווידעאָ

דער טאָג פון מיין אַוועקפאָר פון בוענאָס איירעס קיין מאָנטעווידעאָ איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך שווערער און הייסער. איבער דער שטאָט איז געלעגן אַ געדיכטע פייכטקייט, גרויע כמאַרעס האָבן באַדעקט דעם גאַנצן הימל און די היץ איז געווען אַ פאַרעדיק-נאַסע, אַזוי ווי אין אַ שוויץ־באָד. עס איז נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען און אַלע האָבן געוואַרט אויף דעם דערלייזנדיקן רעגן, וועלכער זאָל אַביסל אָפּפרישן די מיט שווערן נעפּל אָנגעזאַפּטע אַטמאָספערע.

דער רעגן האָט אויסגעבראָכן שפּעט אין אָוונט פאַרן סאַמע אַוועק־גיין פון דער שיף. דער הימל איז געבליבן פאַרוואָלקנט און די לבנה און שטערן האָבן זיך באַהאַלטן הינטער די געדיכטע גרוי־שוואַרצע כמאַרעס, פון וועלכע עס האָט פּלוצלינג אַ גאָס־געטון אַ מבול פון גרויסע, שטאַרקע טראָפּנס, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו באָמבאַרדירן די ערד, די דעכער פון די הייזער, דעם דעק פון דער שיף. זייער שנעל איז דער פּאָרט פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן שטח יבשה באַדעקט מיט אַ געדיכטער שיכט פון וואַסער, אין וועלכער עס זיינען געשטאַנען אין נאַסער אומעט אויטאָמאָבילן, קאַמיאָנען, פאַרעגנטע באַגלייטער פון פּאַסאַזשירן, ציי־טונגס־פאַרקויפער, טרעגער, מאַטראָסן און בכלל דער עולם, וועלכן מען זעט אין יעדן האַפן ביים אָפּפאָר פון אַ שיף.

איך בין אַוועק אויף דער הינטערשטער זייט פון דער שיף דאָרט, וואו אין דער פינצטער זעט מען נאָר די שוואַכע סילועטן פון די פאַר־אַנקערטע גרעסער און קלענער שיפן און וואו נאַסע, פונעם נעפּל און נאַכט־לעכער פייכטקייט דורכגעווייקטע מאַטראָסן פּאַרקען זיך אויף זייערע קליינע לאַסט־שיפלעך אָדער בוקסיר־לאָדקעס און שעלטן זיך מיט ביטערע עכט־מאַטראָסישע קללות. אַזאַ קליינע בוקסיר־שיפל איז שוין געשטאַנען צו־

געטשעפּעט מיט אייזערנע קייטן צו אונדזער גרויסן, העל באַלויכטן פּאַ־סאַזשיר־דאַמפּער און געוואַרט אויף דעם מאָמענט, ווען עס וועט געגעבן ווערן דער פייף־סיגנאַל צום אָפּפאָרן. אַט די קליינע טל־ומטר שיפל אין שותפות מיט אַ צווייטער בוקסיר־לאָדקע האָבן געהאַט די אויפגאַבע ארויס־צופירן אונדזער גיגאַנט פון דעם פּאָרט אויף די פרייע, ברייטערע וואַסערן פון דעם לאַ פּלאַטאַ טייך, וואו די גרויסע שיף קען זיך שוין אַליין אַן עצה געבן און פאָרזעצן אַן בוקסיר־הילף איר רייזע צום אַנדערן ברעג אויף דער אורוגוואַיער זייט...

איך בין געשטאַנען אויפן דעק פון דער שיף, איבער וועלכן שווערע רעגן־טראָפּנס האָבן באַראַבאַנעט אַ מאָנאָטאָנעם, לאַנגווייליקן מאַרש, און צוגעקוקט זיך צו דער אַרבעט אויף די אַרומיקע לאָדקעס, לאַסט־באַרקאַסן, נאַפּט־ציסטערנעס און סתם פישער־שיפלעך, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט אונדזער שיף אויף אַ גרויסן שטח ווייט אין פּאָרט אַריין.

עס איז געווען שטאַק פינצטער, צוליב די שוואַרצע וואָלקנס אויפן גאַנצן האָריזאָנט. אויף דעם גרעסטן טייל פון די קלענערע שיפלעך האָבן געברענט קליינע קעראָסין־לאָמפּן אָדער לינטערנעס, וועלכע האָבן קוים באַלויכטן דעם אַרום. אין שאָטן האָט מען געזען פאַרענגטע געשטאַלטן אין נאַסע גומי־מאַנטלען, וועלכע האָבן זיך אין שמוץ און פייכטקייט באַוועגט צווישן די שטריק, קעסטלעך, קייטן, שטיקער קוילן און אייזן און געאַרבעט אַן אמתע עבודת פרך. דער גאַנצער צויבער פון דער ים־ראָמאַנטיק איז דאָ אין רויך, שמוץ און נאַסקייט פון די חושכדיקע לאָד־קעס און לאַסט־שיפלעך פאַרשוואונדן.

דאָס באַרימטע „פרייע״ מאַטראָסן־לעבן, די הוליאַנקעס אין די פּאָרטן, וואו לויטן באַקאַנטן פאָלקס־שפּריכוואָרט האָט יעדער מאַטראָס זיין געליבטע, די גאַנצע בראַוואָור פון די ים־פאָרער, די פאַלשע פּאָעזיע פון די ראָמאַנען, וואו עס ווערט אַזוי ראָמאַנטיש באַשריבן דאָס שיינע, באַהעמיע־לעבן פון דער מאַרינע־משפּחה, — דאָס אַלץ האָט אין מיינע אויגן באַקומען גאָר אַן אַנדער אויסזען.

געוויינלעכע קאַטאָרזשניקעס אין מאַטראָסן־געוואַנד, אָרימע פּראָלע־טאַריער מיט אַ הונגער־לוין האָבן שווער און ביטער געאַרבעט אין דער האַלב־פינצטערניש אונטער אַ שלאַקס־רעגן, געשלעפּט צענטנער־שווערע נאַסע זעק און קאַסטנס, געשטרויכלט מיט זייער לאַסט איבער די שטריק און אייזערנע קייטן, געקלעטערט אין האַלדז־ברעכערישע הויכן אויף די מאַסטן פון זייערע שיפן און דורכגעווייקטע פון רעגן אויבן און וואַסער אונטן זיך איבערגעוואָרפן איינער דעם אַנדערן מיט ביטערע, מיאוסע

זידלערייען און קללות, וואָס זיינען אומעטום דער עפּאָס פון די מאַטראָסן און די פּאָרט־שענקען.

אַמאָל, אין מיין יוגנט, האָב איך זיך צו זעט אָנגעלייענט מיט די וואַנטורע־ראָמאַנען איבער דאָס „אינטערעסאַנטע" מאַטראָסן־לעבן אין די ווייטע ימים און אָפט געחלומט וועגן אַ קאַריערע פון אַזאַ „ים־וואָלף", וועלכער פירט אַ פרייען לעבן אונטער די בלויע, ברייטע הימלען. ארום — ענדלאָזע שטחים וואַסער, גרויע כוואַליעס שפּילן און טאַנצן פריילעך ארום דער שיף. איבערן קאָפּ דער בלויער האָריזאָנט, וואו הימל און וואַסער גיסן זיך צונויף אין איין בלויער וואַנט, און מאַטראָסן מיט לאַנגע פּיפּקעס אין מויל קוקן אַרויס אויף דעם נאָענטן פּאָרט, וואו יונגע, פרישע „כלות" וואַרטן שוין אויף זיי — די זאָרגלאָזע, פריילעכע און פאַרשווענדערישע יונגען.

עס האָט מיך געלאָקט די דאָזיקע ראָמאַנטיק און נישט איינמאָל האָב איך אין מיין דמיון זיך געזען אין אַ מאַטראָסען־קורטקע אין אַ שטאָלצער פּאָזע אָפּלאַכנדיק פון די שטורעמס און די מוראדיקע כוואַליעס פון אָקעאַן... נאַרישע, קינדישע חלומות! היינט ביינאַכט, שטייענדיק אויפן דעק אין בוענס איירעסער פּאָרט, האָב איך די דורכגענעצטע, פאַרשמוצטע און פאַרהאָרעוועטע מאַטראָסן גאָרנישט מקנא געווען. איך האָב גע־וואוסט, אַז זייערע פינצטערע קללות שטאַמען נישט פון וואַוילע־יונגערי־שער פריילעכקייט, נאָר פון דער ביטערקייט און פאַרגרעבטקייט פון זייער אַרבעט, פון דער קאַטאָרזשנער פּראַצע אויף די נאַסע דעקן צווישן פאַר־פוילטע שטריק, פאַרזשאַווערטן אייזן און שאַרפן געזאַלצענעם ריח פון ים־וואַסער, פון דער האָפענונגסלאָזיקייט פון זייער גאַנצער בלומרשט „ראָמאַנטישער" קאַריערע...

אונדזער שיף האָט זיך דערווייל גאַנץ לאַנגזאַם געשלעפּט דורך די שמאָלע וואַסער־גאַסן ארויס צו דער רחבותדיקער ברייטקייט פון דעם לאַ פּלאַטאַ טייך, וואָס האָט דעם מזל אויסצוזען ווי אַן אמתער ים: אַזוי טיף זיינען וואַסערן, אַזוי ווייט און ענדלאָז זיינע האָריזאָנטן און אַזוי גרויס די גיגאַנטישע טראַנסאָקעאַן־שיפן, וועלכע מען טרעפט אין זיינע פּאָרטען.

במעט פופצן־צוואַנציק מינוט מוז אונדזער גרויסן שיף אָנהאַלטן דעם ענגען שידוך מיט דיביידע קליינע בוקסיר־שיפלעך פּאַרנט און הינטן, וועלכע שלעפּן זי מיט אייזערנע קייטן געבונדן ארויס פונעם פּאָרט. עס זעט אויס חוזקדיק, ווען די ביידע קליינע „רעמאָלקאַדאָרן", וואָס קוים זיי אָטעמען מיט זייערע שוואַכע מאָטאָרן, מוזן מיט זייערע כוחות ארויס־

שלעפן די גרויסע שיף און ארויספירן זי אויף דעםברייטן וואסער־שליאך, וואס גיסט זיך שפעטער צונויף מיטן אטלאנטיק.

אבער דא טוט עם פלוצלינג א שטארקער רוק, א שטוים, א שארפער פייף שניידט דורך די לופט, מען הערט דעם רויש פון די קייטן, מאטראסן לויפן, ווי משוגעים אין איפעט מיט ווילדע קולות אויף אלע דריי צו־נויפגעבונדענע שיפן און מיטאמאל — לייזן זיך די קייטן, די קליינע בוקסיר־בארקאסן פארן שוין אליין צוריק צום פארט און אונדזער שיף, ווי א באפרייטער ריז, טראגט זיך שוין מיט שנעלע שריט און פריילעך פייפנדיק אין דער שווארצער נאכט איבער די טונקעלע וואסערן קיין מאנ־טעווידעא.

דער רעגן האט אויפגעהערט, כאטש שווערע, שווארצע וואלקנס ליגן נאך אלץ גאר נידעריק איבער אונדזערע קעפ. איך שטיי אויפן דעק און קוק אויף די ווייטע שורות פון ליכטער, וואס ציען זיך אויף די ברעגן פון ביידע זייטן, אויף דער רויט־ווייסן פייערל פון די לייכט־טורעמס (פאראס), וועלכע ווינקען פון ווייטן און קאקעטירן מיט זייערע ליכטיקע אויגן מיט אלע פארבייפארנדיקע שיפן.

אונדזער שיף, וועלכע מאכט כסדרדיקע רייזעם הין און צוריק צווישן ארגענטינע און אורוגוואי, איז העל באלויכטן און איר ווייסער סילועט מארקירט זיך שארף אויף דער שווארצקייט פון דעם וואסער. זי האט נישט וואס מורא צו האבן, אונדזער שיף, פאר ים־פיראטן, פאר באמ־בעס, סובמארינען, קארסארן, מינען־פעלדער וכדומה שיינע סורפריזן, וועלכע מען טרעפט איצט אויף די וואסערן פון די אקעאנען. צו אונדז דערגרייכן נאר די דונערן און בליצן פון די ים־שלאכטן, אונדזערע ברעגן און פליאזשן זיינען נאך דערווייל שפיל־פלעצער פאר אומשולדיקע קינ־דער, וועלכע דארפן נאך נישט מורא האבן צעריסן צו ווערן פון א גרא־נאט, ווי אמאל די ארימע קינדער פון דער ווייטער ענגלאנד... איבער אונדזערע קעפ טראגן זיך נאך נישט די מלאכי־חבלה פון דעם אפאקא־ליפטישן רייטער, וועלכער מאכט חרוב די וועלט. הויך איבער אונדזערע שיפס־קוימענס פליען נישט קיין טויט־ברענגענדיקע אוויאנען, נאר פון הינטער די שווארצע כמארעס גנבענען זיך ארוים קליינע לעמפלעך־שטערן, אנזאגער פון אנדערע, מסתמא בעסער און שענער וועלטן. אונדזער שיף מאכט רואיק איר וועג צו דער „אריענטאלישער רעפובליק אורוגוואי"...

— 2 —

די מעשה מיט אורוגוואַיער צדיקים

נישט אַלעמאָל איז אורוגוואַי געווען אַ זעלבסטשטענדיקע, פרייע מלוכה. אויף דעם דאָזיקן שיינעם שטיקל ערד, וואָס האָט אַ שטח פון ארום 190 טויזנט קוואַדראַט קילאָמעטער, זיינען תמיד געווען פיל בעלנים פון די שכנים וואָס רינגלען ארום די קליינע רעפובליק. אורוגוואַי ליגט צווישן צוויי מעכטיקע מלוכות — אַרגענטינע און בראַזיל — און ביידע „גוטע פריינט" האָבן לערך מיט 100־120 יאָר צוריק געהאַט גאָר אַ גרויסן חשק צו „אינקאָרפּאָרירן" די קליינע, אָבער פרייהייט־ליבנדיקע און מוטיקע אורוגוואַיער נאַציע צו זיך.

עס איז טאַקע געווען אַ צייט, ווען נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער אומאָפּהענגיקייט פון אורוגוואַי פון דער שפּאַנישער קרוין אין יאָר 1814, איז דאָס לאַנד אין יאָר 1821 אָקופּירט געוואָרן פון דער פּאָרטוגעזישער אַרמיי און אַנעקסירט געוואָרן פון בראַזיל.

פריער איז אורוגוואַי, אונטערן נאָמען „די אָריענטאַלישע באַנדאַ" געווען אַ מיטגליד פון דער אַרגענטינער מלוכה־אוניאָן. נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער אומאָפּהענגיקייט פון דער בראַזיליאַנער מלוכה פון דער פּאָרטולעזישער קרוין אין יאָר 1822, וועלכער אַקט איז באַקאַנט אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען „דער געשריי פון איפּיראַנגאַ", האָט זיך אין אורוגוואַי אָנגעהויבן אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג מיטן ציל צו באַפרייען די „אָריענטאַלער באַנדאַ" פון פרעמדן יאָך. די באַוועגונג איז אונטער־גענומען געוואָרן פון 33 אורוגוואַיער פּאַטריאָטן און איז געבליבן אין דער זיד־אַמעריקאַנער געשיכטע פאַרצייכנט אַלס „די עקספּעדיציע פון 33 אָריענטאַלן".

אויב מיר יידן האָבן אונדזערע לעגענדאַרע ל"ו — זעקס און דרייסיק — צדיקים, האָט דאָס אורוגוואַיער פאָלק זיינע לעגענדאַרע דריי און דרייסיק העלדן. עס איז באמת געווען אַ ריזיקאַלישע און העראָישע טאַט, ווען 33 יונגע פּאַטריאָטן אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל כואַן אַנטאָניאָ לאַוואַזשעכאַ האָבן זיך אַ לאָז־געטון פון בוענאָס איירעס אין קליינע שיפלעך אין דער נאַכט פון 10־טן אַפּריל 1825 קיין אורוגוואַי.

איצט, אויף דער דיסטאַנץ פון מער ווי 120 יאָר, קלינגט אַזאַ מיליטערישע עקספּעדיציע ממש, ווי אַ לעגענדע, ווען אַ פּאָר מנינים מענטשן הויבן אויף די פאָן פון אויפשטאַנד קעגן אַ מעכטיקער מלוכה, ווי בראַ־

זיל. אָבער דאָס קליינע הייפעלע העלדן האָבן פאַרשטאַנען צו קאָנצענט־רירן ארום זיך דאָס גאַנצע פאָלק און נאָך קנאַפּע דריי יאָר בלוטיקע קאַמפּן, ווען אין דעם ענין האָט זיך שוין אריינגעמישט ארגענטינע און אויך ענגלאַנד, נאָך דער בארימטער היסטאָרישער שלאַכט פון איטו־סאַינגאָ, דעם 20־טן פעברואר 1827, ווען די פאַראייניקטע ארגענטינער און אורוגוואיער אַרמייען האָבן צעקלאַפּט די שטאַרקע בראַזיליאַנער חיילות, האָט מען אין יוני 1828 געשלאָסן אַ שלום, אָנערקענענדיק די אומאָפּהענגיקייט פון דער „אָריענטאַלער אורוגוואיער רעפּובליק".ביידע מעכטיקע שכנים לאָזן פון דעמאָלט אָן צורו די קליינע, אָבער פרייע מלוכה, וועלכע האָט אין לויף פון דעם יאָרהונדערט זיך דערוואָרבן אַ חשובע אינטערנאַציאָנאַלע פּאָזיציע און שפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אינעם קאָנצערט פון די זיד־אַמעריקאַנער מלוכות.

מען קען נישט זאָגן, אַז זינט דעם שלום־טראַקטאַט פון 1828 האָט אורוגוואַי מער נישט געהאַט קיין שום קאָנפליקטן מיט די ארומיקע מלוכות. אין דער תקופה פון דער בלוטיקער טיראַניע פון דעם בארימטן ארגענטינער דיקטאַטאָר כואַן מאַנועל דע ראָסאַס, איז מאָנטעווידעאָ געווען דער קלאַסישער מקום־מקלט פאַר אַלע ארגענטינער פּאַטריאָטן פון דער אוניטאַריסטישער פּאַרטיי, וועלכע האָט געקעמפט קעגן דער דיקטאַ־טור פון ראָסאַסן און זיינע חברה־לייט — דער טרויעריק־בארימטער „מאַ־סאָרקאַ". דאָ, אין דער פרייער אָריענטאַלער רעפּובליק, האָט זיך אַ לענ־גערע צייט באַהאַלטן גענעראַל לאַוואַזשע, דער מאַרטירער פאַר ארגענ־טינער פרייהייט; דאָ האָט מען געשמידט די פּלענער קעגן דעם טיראַן; אַהער פלעגן די יונגע היצקעפּ פון דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי אין די פינצטערע נעכט אריבערשווימען אין פישער־לאָדקעס מיט סכנות נפשות פון בוענאָס איירעס קיין מאָנטעווידעאָ און צוריקפאָרן מיט פעק פּראָק־לאַמאַציעס און געווער. דאָ אין אורוגוואַי איז געווען דער ווערקשטאַט, וואו עס האָט זיך געשמידט די שפּעטערדיקע זיגרייכע רעוואָלוציע קעגן ראָסאַסן.

דער טיראַן האָט געוואָלט מאַכן אַ סוף צו דעם דאָזיקן אינדזל פון פרייהייט און געחלומט מיט געוואַלט אריינצונעמען די קליינע רעפּוב־ליק אין דער ארגענטינער „הייליקער פעדעראַציע". אין יאָר 1843 ווערט מאָנטעווידעאָ באַלאַגערט פון צוויי זייטן מצד די ארגענטינער חיילות — פון דער יבשה פונעם גענעראַל אָריבע און פון דער וואַסער־זייט פון דער עסקאַדרע פונעם בארימטן אַדמיראַל גיזשערמאָ בראַון. די אורוגוואיער פאַרטיידיקן זייער הויפּטשטאָט העלדיש און נישט קוקנדיק אויף אַלע

נצחונות פונעם אַרגענטינער גענעראַל אורקיסאַ קעגן דעם אורוגוואַיער גענעראַל ריוועראַ, קען מאָנטעווידעאָ נישט גענומען ווערן.

שפּעטער, ווען דערזעלבער גענעראַל אורקיסאַ האָט אָרגאַניזירט די באַרימטע „גרויסע אַרמיי", איז אויך אורוגוואַי אַריינגעטראָטן אין קאַמף מיט אורקיסאָן צוזאַמען קעגן דעם דיקטאַטאָר ראָסאַס און נאָך דער היס־טאָרישער שלאַכט ביי קאַסעראָס, אין וועלכער ראָסאַס האָט געכאַפּט די דעפיניטיווע מפּלה און געמוזט אַנטלויפן קיין ענגלאַנד, איז אויך פאַר דער אורוגוואַיער רעפּובליק ענדלעך געקומען די צייט, ווען מער ווערט שוין נישט געמאַכט וועלכע עס איז אַטענטאַטן קעגן איר אומאָפּהענגי־קייט און נאַציאָנאַלער פרייהייט.

די „אָריענטאַלישע באַנדאַ" פון הונדערט יאָר צוריק איז געוואָרן אַ גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד פון דער פּאַנאַמעריקאַנער מלוכה־משפּחה און אַ פעסטונג פון דעמאָקראַטיע. די אָריענטאַלער אורוגוואַיער רעפּוב־ליק האָט אַדאַנק איר סטראַטעגישער לאַגע אויפן אַטלאַנטישן אָקעאַן אַ גרויסע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע צוקונפט. אָבער דעם ערשטן שטיין פון דעם דאָזיקן וואונדערבאַרן מלוכה־בנין האָבן געלייגט די לעגענדאַרע אורוגוואַיער העלדן, די „33 אָריענטאַלן", וועלכע האָבן אין די פינצ־טערע נעכט פון בוענאָס איירעס געזען פון וויטן די ליכטער פון דער פרייהייט אויף דעם אַנדערן ברעג פון דעם לאַ פּלאַטאַ טייך...

ביסלעכווייז פאַרשווינדן אויף די אַרומיקע ברעגן די פייערלעך, אויך די שטערן האָבן זיך ווידער באַהאַלטן הינטער די שוואַרצע וואָלקנס אויפן הימל און ווידער האָט אָנגעהויבן דער נודנער, שווערער רעגן צו קאַפּען אויפן דעק. אַלע שלאָפן שוין, דער טייך איז שוואַרץ, ווי היטלערס נשמה. אַרום איז מאָדנע שטיל, נאָר די שטאָלענע לונגען פון אונדזער שיף אָטעמען שווער און מאָנאָטאָן און פון צייט צו צייט הערט מען די הייזעריקע שטימע פונעם דיזשורנעם אָפיציר אויפן אויבערשטן בריקל פון דעם שיפס־קאָמאַנדיר. עס איז צייט צו גיין שלאָפן.

די שיף טראָגט זיך פלאַנמעסיק און עלאַסטיש אויף די רואיקע כוואַ־ליעס פון דעם „זילבערנעם טייך", צו די ברעגן פון דער פּרעכטיקער אורוגוואַיער רעפּובליק.

מאָרגן פרי קומען מיר קיין מאָנטעווידעאָ.

אינהאַלט

ערשטע טייל

יידן אין די פאַרוואָרפענע ווינקעלאַך פון דער וועלט.

זייט

1. דער גורל פון ישובים און שיקזאַל פון יחידים — — — 9
2. דער שנאַפּס שמוגלער פון פּאַנאַמאַ — — — — — — — 12
3. דער כלי־זמר פון בוענאַווענטוראַ — — — — — — — 18
4. יצחק לייבוש פּרצס חסידים אויף אַ נאַצישער פאַרם 25
5. אַ היינט־צייטיקער שיר השירים — — — — — — 31
6. אַ יידישע טראַגעדיע אין פּערואַנער מדבר — — 40
7. אַ פאַרוואָגלטע נשמה — — — — — — — — — 50
8. דער האַמלעט פון משאַקאַ — — — — — — — — 56
9. טאַטעס און קינדער אין אַ יידישער קאָלאָניע — — 62
10. אויפן וואַסער, אונטערוועגס קיין מיסיאָנעס — — 68
11. די דראַמע פונעם יידישן מיידל — — — — — — — 75

צווייטער טייל

בילדער און איינדרוקן פון אַרגענטינער פּראָווינצן

זייט

די אומבאַקאַנטע סאָלדאַטן — — — — — — — — — — — — — 85

די סימפּאַניע פון דער ארגענטינער פּראָווינץ — — — — — — — 89

יידישע פּרנסות אין די ווייטע ארגענטינער פּראָווינצן — 94

די קאָלאָניע מאָזעסוויל — ירושלים ד'ארגענטינע — — — 100

אַ יידישע קאָלאָניע וואָס „איז אוועק מיטן ווינט" — — 105

חלומות און ווירקלעכקייט — — — — — — — — — — 112

טראָפּישע ראָמאַנטיק פון דער נאָענט — — — — — — — 118

אַ נאַכט אין די בערג פון מזרח ארגענטינע — — — — — — 126

אין די בערגיקע מדבריות פון לאַ ריאָכאַ — — — — — — — 134

אויף דעם טייך פּאַראַנאַ — — — — — — — — — — — 141

טשאַקאָ — דער ארגענטינער קלאָנדאַיק — — — — — — — 148

אין אַן ארגענטינער יידישן קוראָרט — — — — — — — — 158

יידן ארום דעם גרינעם רולעטע־טיש — — — — — — — — 163

אין דעם וויינגאָרטן פון ארגענטינע — — — — — — — — 182

צווישן פּאַראַגוואַי און בראַזיל — — — — — — — — — 195

די נאָקטורן אין פּאָרמאָסאַ — — — — — — — — — — 203

אויף דער גרעניץ צווישן ארגענטינע און באָליוויע — — — 209

דער לעבנסוועג פון דעם ארגענטינער יידישן פּעדלער — 216

זייט

א וועלט דרייט זיך ארום א טעפעלע קאווע — — — — — — 225

א באן רייזע פון בוענאס איירעס קיין טשילע — — — — — — 232

א רייזע אויף דעם לא־פלאטא טייך — — — — — — — — 239

מיין ליבן פריינט באָרים דאַנעמאַן
פון סאַן פּאַולאָ (בראַזיל) און מיינע
טשילענער פריינט פאַר זייער הילף
ביים אַרויסגעבן דעם בוך, מיין האַר-
ציקסטן דאַנק.

דער מחבר.

דאָס בוך איז געענדיקט געוואָרן פון
דרוק דעם טאָג י"ד אייר תש"ו אין
דרוקעריי קויפמאַן, כונין 344 —
בוענאָס איירעס, אַרגענטינע.

Este libro se terminó de imprimir el día 14 de Mayo de 1946 en los Talleres Gráficos Julio Kaufman, Junín 344, Buenos Aires, República Argentina.